STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03280

IN ROYTN SHTROM

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

283/6

געזאַמלטע ווערק
דריטער באַנד

לעאָן קאבּרין

אין רויטן שטראם

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער קולטור פאראיין סאסקאטון

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ
וואַרשע 1931

AL CLUB
F SASKATOON

Printed in Poland

LEON KOBRYN

IN ROJTEN SZTROM

Wydaw. CH. Brzoza

Warszawa, Gęsia 25.

Druk. „P O L“ Przejazd 11. Telef. 317-31

JEWISH CULTURAL ... OF SASKATOON
אידישער קולטור פאראיין סאסקאטון

דאָס ערשטע קאַפּיטל

די פּערעלשטיינס און די אייזענבערגס

צווי וויאָרסט הינטער דער יידישער פאַבריק-שטאָט ג., אין ווייס-רוסלאַנד, האָט זיך געפונען די גרייסטע טוך-פאַבריק פון דוד פּערעלשטיין און פון זיין שותּף אברהם אייזענבערג.

די ביידע רייכע שותּפים האָבן געוווינט אין צוויי באַזונדערע היי-זער איינער לעבן אַנדערן.

די הייזער זענען געווען גרויסע, איינשטאָקיקע, מיט בלוי-געפאַרב-טע, דעמבאָווע ווילן אויף די גרויסע גאַניקעס, מיט ווייס-געפאַרבטע לאָדנס און מיט גרינע דעכער.

די געגנט דאָרט איז געווען אַ מאָלערישע, פול מיט פאַרבן, בפרט זומער-צייט.

פאַרביי די הייזער איז געלאָפן אַ ברייטער, זאַמדיקער שליאַך, אַ גלייכער און אַ ווייסער, צו די נישט-ווייטע דערפער, און פון דאָרט — צו די קליינע און גרעסערע יידישע שטעטלעך.

און וואַלד און פעלד האָבן באַגלייט דעמדאָזיקן שליאַך פון ביידע זייטן דעם גאַנצן וועג.

די פענצטער פון אָט די הייזער האָבן אַרויסגעקוקט איבער אָט דעם שליאַך אויף אַ פעלד מיט קאָרן-זאַנגען, וואָס זיי האָבן מיט גאָלד גע-כוואַליעט בשעת אַ ווינטעלע האָט מיט זיי געשטיפט.

און פון הינטערן פעלד האָט אַרויסגעקוקט אַ וואַלד מיט אַ מעכ-טיקן טונקעלן שמייכל — אַ וואַלד, וואָס מיט אַ האַלב וויאָרסט ווייטער האָט ער זיך אַרויסגערוקט אַ טונקל-פאַרסודעטער צום סאַמע שליאַך.

די גרויסע טוך-פאַבריק איז געשטאַנען הינטער די הייזער, אויף אַ גרויסן הויף מיט ברייטע, אָפענע טויערן און מיט אַ הויכן, הילצער-נעם פּאַרקאַן, מיט קליינע פאַר די קאַסטנס מיט פאַרטיקע סחורה און מיט

אָן אָפענעם פּלאַץ אונטער אַ דאַך, וווּ אויף פורן זענען געלעגן זעק איבער זעק, מיט רוי-מאַטעריאַל פאַר דער אַרבעט, און ווו מענטשן אין שירצן האָבן געפּראַצעוועט אַרום די פורן און געקלאַפּט איבער גרויסע קאַסטנס.

תמיד האָט דאָרט געליאַרעמט און געפּילדערט — אין די זומער-חדשים נאָך מער — פון די וועב-שטולן אין דער פאַבריק און פון די פורן מיט סחורות, וואָס זענען אַריין און אַרויסגעפאָרן פונם הויף דורך די ברייטע טויערן, און פון די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אויפן הויף.

אַ פּאָר הונדערט נפשות, יידישע און בישט-יידישע, וועבער און וועבערקעס, שפּוליאַרקעס און קנופּערקערס, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס האָבן אָפּגערייניקט די שטיקער פאַרטיקע סחורות פון קניפּלעך — האָבן געאַרבעט אין אָט דער פאַבריק.

אין די זומערדיקע חדשים האָט אויפן הויף געשמעקט מיט ריחות פון רויער וואָל און פון כעמישע שטאָפן, און ווען אַ ווינט האָט געבלאָזן פון הינטער דער פאַבריק — מיט וואַסער. וואָרים נישט ווייט פון דער רויט-געפּאַרבטער שטאַל, ווו פּערעלשטיינס פּאָר בולאַנע ריסאַקעס זענען געשטאַנען, הינטער דער פאַבריק-געביידע, איז געלעגן אַן אָזערע, מיט אַ געדיכטן וואַלד אַרומגערינגלט, אַזוי ווי אַ גרויסער שפּיגל אין אַ טונקל-גרינער ראַם.

מיטאָג-צייט, אין אַ הייסן טאָג, זענען אַ סך פון די אַרבעטער און אַרבעטערינס געקומען צו אָט דער אָזערע און האָבן זיך צעזעצט דאָרט אויפן גראָז און געגעסן זייער מיטאָג.

דעמאָלט איז אויפן הויף שטיל געוועזן. דעמאָלט האָט מען אויך געקאָנט זען אַרויסקומען פון דער פאַבריק דעם שטענדיק צעטראָגענעם און פאַרהאָוועטן דוד פּערעלשטיין, מיט די רויטע. פולע באַקן, מיט זיין קליינער, פעטער האַנט פאַרטראַכט אויף זיין קליין, שוואַרץ בערדל ווי פון זיידנס, אין זיין לייכטן. העלן, ליוסטרינענעם גאַרניטור, מיט דעם באַלדענעם קייטל אויף זיין אויסגעפּוטשעטן, היפּשן בייכל.

און גייענדיק צום הויז-צו האָט ער כסדר זיך אומגעקוקט צוהינטער, אַלץ מיט דער האַנט אויף דעם בערדל, מיט צעטראָגענע אויגן, אַזוי ווי אים וואָלט זיך נאָכאַנאַנד אויסגעדאַכט, אַז עמעצער רופט אים.

אין אַמאָל האָט ער זיך אינמיטן דערינען אָפּגעשטעלט, ווי דער-

פּאַנט זיך פּלוצלינג אָן עפּעס, און ראַפּטום זיך געלאָזט גיין צוריק מיט א רופן:

— גרישאַ! גרישאַ!

איז גרישאַ אייזענבערג, דער זון פון זיין שותּף אברהם אייזענבערג, דאַן פון פאַבריק אַרויסגעקומען — א יונגערמאַן מיט אַ קאָפּ העכער פונם מיטלגעוויקסיקן דוד פּערעלשטיין, אַ שלאַנקער, אַ טונקעלער און אַ שוואַרצאויגיקער, אין אַ קורץ רעקל מיט פאַלדן פון הינטן און אין שטיוול מיט לאַנגע כאָליעוועס — און דוד פּערעלשטיין האָט אים דעמאָלט עפּעס געזאָגט מיט אַ פאַרהאַוועטער מינע, און גרישאַ האָט געווייגלעך צוגעשאָקלט דעם קאָפּ, און מיט אַ פינגער, ווי זיין טבע איז געווען, געדרייט בשעת דעם זייגע דינע, שוואַרצינקע וואָנסעלעך.

דוד פּערעלשטיין האָט שטאַרק געהאַלטן פון גרישאַן: אַ גוטער און ענערגישער געשעפטסמאַן איז ער געווען. אַלצדינג, וואָס עס האָט אַ שייכות געהאַט מיט דער פאַבריק, האָט ער אויף זיין לאַדאָן געהאַט, געהאַט אויפן אויג יעדן אַרבעטער און אַרבעטערין אין דער פאַבריק און יעדן אָנגעשטעלטן אין דער קאַנטאָר.

מיט גרישאַס מיינונג האָט ער, דוד פּערעלשטיין, דערפאַר אַ סך זיך גערעכנט. אַ חוץ דעם, האָט ער געקוקט אויף אים ווי אויף זיין צוקונפטיקן איידעם.

ווייל ער האָט געוווסט, אַז גרישאַ גייט אויס נאָך זיין טאָכטער ליובאַן, און פאַראַיאָרן, ווען זי איז געקומען פון שווייצאַריע, וווּ זי האָט באַזוכט מעדיצינישע קורסן, האָט גרישאַ זיך איר איינמאָל „אָביאַסנאַיעט" אויך, דאָס הייסט, אין ליבע זיך איר דערקלערט.

ער האָט אויך געוווסט, וואָס ליובאַ האָט דעמאָלט גרישאַן געענטפערט: ביז זי וועט נישט אויסשטודירן, וויל זי אפילו נישט טראַכטן פון אַ שידוך טון.

ווען דעם האָט ער זיך באַלד דערוווּסט פון אברהם אייזענבערגן אַליין, וועלכער האָט געהלשט צו האָבן ליובאַן פאַר אַ שנור (גרישאַ איז בּאַ אים געווען דער יינגסטער זון: די איבעריקע קינדער זענען בּאַ אים געווען אויסגעגעבן).

און קיין בעסערן שידוך פאַר ליובאַן האָט דוד פּערעלשטיין זיך נאָרנישט געקאָנט ווינטשן ווי גרישאַן: דער יינגסטער זון בּאַ זיין טאַטן, וועט פאַרבלייבן מיט אים אינם געשעפט, און נאָך הונדערט און צוואַנציק

יאָר איז דאָך ליובאַ בײַ אים אַן איינציק קינד, וועט דאָס געשעפט זיך אָפּשטעלן אין אייגענע הענט.

און בכלל איז קיין מער פּאַסנדיק פּאָר ווי גרישאַ און ליובאַ גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. ער איז אַ נעבילדעטער יונגערמאַן, האָט געענדיקט די רעאַל־שול און דערצו אַ יונגערמאַן, אַ פּאַרשוין. און פון ליובאַן איז דאָך אוודאי אָפּגערעדט. אַ קליינינקייט ליובאַ! שיין און קלוג, קיין גלייכן צו איר איז גאָרנישאָ. האָט געענדיקט גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. האָט אַלע ביכער פון דער גאַנצער וועלט איבערגעלייענט. געשטודירט אַ פּאָר יאָר אויף דאָקטאָר אין בערן, וואָלט איבער אַ יאָר שוין געווען אַ „פאַלנע דאָקטאָרקע", ווען איר וואָלט נישט איינגעפאַלן אַ משוגעת אָפּצולייגן דאָס שטודירן אויף אַ יאָר צייט און פאַרבלייבן אינדערהיים.

און באמת דאַרף זי דאָס דאָקטאָרסטווע אויף כפּרות. וואָס איז, איר טאַטע איז עפּעס, חלילה, אַן אָרימאַן? צי אַז זי וועט חתונה האָבן מיט גרישאַן, וועט ער זי לאָזן אַרומפאָרן צו חולאים? אַ שיין עסק פאַר ליובאַן! לכתחילה געווען אַ נאַרישקייט צו שיקן זי קיין שווייצאַריע שטודירן. נאַר גאָרנישט: דו ווילסט שווייצאַריע מיט אַ דאָקטאָרסקען דיפּלאָם? נאַדיר שווייצאַריע מיט אַ דאָקטאָרסקען דיפּלאָם!

אָט אזוי האָט אַמאָל געטראַכט און גערעדט דוד פּערעלשטיין, ווען זיין מוח איז אויף אַ ווײַלע פריי געווען בײַ אים פונם געשעפט, און ער האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס גרישאַן איז אַזוי שווער געווען דורכצוקומען מיט ליובאַן. נו, די חתונה קאָן זיין שפּעטער, אָבער תנאים קאָן מען דאָך דערווייל שרייבן!

— דו ווייסט נישט, מסתמא, ווי אַזוי מיט איר צו רעדן, גרישאַ. מיט מיין ליובאַן דאַרף מען וויסן ווי צו רעדן, אָהאָ! — האָט ער אין אַן אָפענער מינוט איינמאָל זיך אָנגערופן צו גרישאַן, און דערביי טאַקע אים געגעבן אַ לעקציע, ווי אַזוי צו רעדן מיט ליובאַן.

— אַזוי און אַזוי, הייסט עס, ליובאַ. איך גיי אויס נאָך איערע טריט. אַלע באַרישניעס זענען נישט ווערט דאָס מיסט פון אונטער אייער נאָגל... איר... איר... נו, אָט אַזוי ווי אַ ריכטיקער קאַוואַליער רעדט צו אַזאַ באַרישניע, ווי מיין ליובאַ איז! — האָט דוד פּערעלשטיין זיך איבערגעשלאָגן.

גרישאַ האָט געלאַכט.

— איך רעד נאָך שענער צו איר, אָבער עס העלפט נישט, גאָסט־פּאָדין פּערעלשטיין.

— וואָס זאָגט זי פּאָרט ?

— דערווייל טראַכט זי נישט דערפון. זי וויל אפריער ענדיקן איר שטודיום אין שווייצאַריע. יעדעס מאָל הער איך פון איר אָט דעם ענטפער.

האָט דוד פּערעלשטיין און אויך זיין ווייב רבקה דאָ; געפּרווט רעדן מיט ליובאַן וועגן אָט דעם ענין, און שטענדיק האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון געבן זיי אַ באַשטימטן ענטפער.

אַמאָל האָט זי געענטפערט :

— יאָ, גרישאַ איז זייער אַ גוטער שידוך פאַר אַ מיידל, וואָס שטייט אין שידוכים, אָבער איך האַלט נישט דערווייל דערביי. ווען איך וועל דערביי האַלטן, וועלן מיר דעמאָלט רעדן.

און אַן אַנדערט מאָל :

— איך פאָר דעם ווינטער צוריק אויף די קורסן און ווען איך וועל קומען צוריק, וועלן מיר דעמאָלט זעען.

און עס האָבן נישט געהאָלפן די אַלע טענות פון טאַטע־מאַמע, אַז זי זאָל דערווייל שרייבן תנאים מיט גרישאַן. זי האָט זיך געהאַלטן בא אירס, אַז ביז זי וועט נישט ענדיקן די קורסן, קאָן קיין רייד נישט זיין דערפון. דערביי אָבער האָט זי זיי קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז גרישאַ געפעלט איר נישט.

איז דערפאַר דוד פּערעלשטיין זיכער געווען, אַז נאָך אַ חודש און נאָך אַ חודש, די תנאים מיט גרישאַן וועלן סוף־כל־סוף געשריבן ווערן. און פּיאָטר אַלעקסייעוויטש כורגינען, וואָס איז, אַזוי ווי די אַנדערע פון דער שטאָטישער „נאַטשאַלסטוואָ“, אָפט געקומען צו פּערעלשטיינען אַהיים אויף פיש, צי אויף אַ „קערטל“ מיט פּערעלשטיינען און גרישאַן (דער אַלטער אייזענבערג, וואָס האָט געליטן פון רעוומאַטיזם, האָט דאָס רוב געווינט אין אויסלאַנד, אין די בערג), צי גאָר נאָך אַ הלוואה — האָט ער, דוד פּערעלשטיין, שטענדיק געזאָגט, אַז גרישאַ איז שוין זיין ליובאַס חתן.

— אָט־אָט נאָך דער מלחמה, ווען אונזערע, מיט גאָטס הילף, וועלן גוט אָנלערנען די יאַפּאָנטשיקעס, — האָט ער גערעדט צו זיין גאַסט פון „נאַטשאַלסטוואָ“, — וועלן מיר שפּילן זייער חתונה.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער

מלחמה, און דוד פערעלשטיין, רעדנדיק וועגן דעם, אַז גרישאַ איז ליובאַס חתן, האָט שוין פאַר איינוועגס געוואָלט אַרויסווייזן זיין פּאַטריאָטיזם פאַר „גאָטשאַלסטוואָ“ מיט אָט דער באַמערקונג וועגן דער מלדמה. זאָל „גאָ־טשאַלסטוואָ“, הייסט עס, מיינען, אַז צוליב זיין פּאַטריאָטיזם לייגט ער צו די התונה פון זיין טאָכטער מיט גרישאַן.

קורץ — דוד פערעלשטיין איז זיכער געווען אין אָט דעם שידוך. זיין ווייב רבקה, פאַרקערט, איז גאָרנישט זיכער געווען אין דער.

זי, רבקה, וואָס האָט מיט איר האַרץ און מיט אַלע אירע מחשבות געהאָנגען אויף איר בת־יחידה, איז בכלל די לעצטע צייט געווען אומרויק וועגן ליובאַן.

עפּעס זענען איר נישט געפעלן געווען די מענטשן, וואָס זענען אַמאָל אַריינגעקומען צו ליובאַן, מיט וועלכע זי איז דערנאָך געזעסן פאַרשפאַרט אין איר חדר, צי מיט וועלכע זי האָט זיך אַמאָל געשפּילט אויף דער אָזערע.

עס איז איר אויך נישט געפעלן געווען, הלמאי ליובאַ האָט גע־שטרט אַזוי פיל געזוכט אויף די לעקציעס, וואָס זי האָט געגעבן אַרבעטער און אַרבעטערינס.

ווער קאָן איבערהויפּט וויסן וואָס זי טוט און וווּ זי ווערט אַמאָל פאַרלוירן אויף אַ גאַנצן טאָג, צי ביז האַלבער נאַכט, און מיט וועמען זי טרעפט זיך דאָרט, — האָט די מאַמע מיט שרעק געטראַכט — היינטיקע צייטן !...

די צייט איז געווען אַן אומרויקע — אינם יאָר 1904 — ווען איבער גאַנץ רוסלאַנד, וועלכעס איז צערודערט געוואָרן פון איר מלחמה מיט יאַפּאַן און פון אירע מפלות, האָבן זיך געוועקט די „פרילינג־ווינטן“; ווען דער קאַמף צווישן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און דעם רוסישן דעספּאָטיזם איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ ביטערער און פאַרעקשנטער.

און עס האָט נאָך מער די הויט געציטערט אויף רבקהן, ווען זי האָט געהערט וועגן די אָפטע אַרעסטן אין דער שטאָט פון יידישע יונגע־לייט און מיידלעך, סיי פון דעם אָרימען אַרבעטער־שטאַנד און סיי פון דעם באַלעבאַטישן, און אפילו פון גבירישע קינדער אויך.

זי וואָלט אַ סך רויקער געווען, ווען איר טאָכטער ליובאַ וואָלט איצט געווען אין שווייצאַריע, הגם קיין באַשטימטן חשד האָט זי אויף איר נישט געהאַט. נאָר עפּעס האָט זי געפילט: עפּעס איז זי אומרויק געווען וועגן איר ליובאַן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

ליובאַ

יענעם טאָג איז דוד פּערעלשטיין געקומען אַהיים צו מיטאָג נאָך מער צעטראָגן ווי געוויינלעך. האָט זיך געזעצט מיט רבקהן צום געגרייטן טיש אינעם גרויסן עסצימער און. פאַר צעטראָגנקייט האָט ער אפילו נישט באַמערקט, אַז ליובאַ האָט געפעלט צום טיש.

אין די גרויסע, אָפענע פענצטער האָט אַרייַנגעקוקט אַ סיוון-זון, און אַ פויגל-טרילערייַ האָט זיך פונדרויסן געטראָגן.

פּאַראַשאַ, דאָס דינסטמיידל, אַ יונגע, געזונטע שיקסע מיט אַ שווערן, בלאָנדן צאָפּ כמעט ביז דער טאַליע, מיט אַ פאַרריסן, פרייַלעך נעזל, מיט פולע, זאַפטיקע ליפּן און מיט בלויע, זשוואַווע אויגן, אין שיך אויף נאַקעטע פיס, אַן זאָקן, און אין אַ לייוונט, געקעסטלטן קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אַ ווייס, לייוונטן-העמד מיט ברייטע אַרבל, פאַרצויגן פון פאָרנט באַם הויכן בוזים מיט אַ ווייס שנירל — האָט דערלאַנגט און צוגענומען פונם טיש.

רבקה, מיט אַ שנירל פּערל אַרום האַלז און מיט אויערינגען אין די אויערן, אַ דיקלעכע, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אָפן און האַרציק, — אַ פרוי, העכער עטוואָס פון איר מאַן אַרום פערציק יאָר אַלט, מיט אַ ווייס און אויסגעכאַליעט פּנים און מיט אַזעלכע ווייסע און אויסגעכאַליעטע הענט, וועלכע האָט געשמט אין שטאָט אַלס אַ גרויסע פאַרשוין און אַלס די בעסטע צווישן די גבירישע ווייבער, ווען מען האָט געדאַרפט אַ נדבה געבן — האָט עסנדיק געקוקט, ווי איר מאַן איז געווען צעטראָגן און געהאַט דערפון צער.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— דער באָרשט שמעקט הייַנט גאַנץ גוט.

— האָ? — האָט זיך פּערעלשטיין אַ כאַפּ געטון. — דו האָסט עפּעס?

— איך זאָג: דער באָרשט שמעקט גוט.

— וואָסער באָרשט? — האָט ער זי אָנגעקוקט צעטראָגן.

— דו עסט דאָך! דו האָסט דאָך אַ גאַנצן טעלער אויפגעגעסן! ווי שמעקט עס דיר?

— וואָס?

— באָרשט! באָרשט! דו האָסט דאָך ערשט געגעסן! — האָט זי אים געענטפערט שוין אַ ביסל אומגעדולדיק.

פּערעלשטיין האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטון אויף דעם טעלער אונטער זיין נאָז און אַרויסגעמורמלט:

— איך האָב געגעסן באָרשט? אוי, טאַקע באָרשט! איך האָב גאָרנישט געוווּסט.

און ער האָט צוגעלייגט צעטראָגן:

— גאַנץ געשמאַק!

זיין ווייב האָט זיך אָנגערופן מיט פאַרדראָס:

— אַז דו ווייסט נישט וואָס דו עסט. כאַפּסט, כאַפּסט, כאַפּסט. וואָס איילסטו זיך? דערפאַר איז בא דיר דער מאָגן...

פּערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— נו, נו, וואָס נאָך, וואָס נאָך, רבקה? קיין צייט נישטאָ? איך דאַרף גיין אין פאַבריק, זאָל מען דערלאַנגען!

פּאַראַשאַ האָט אַריינגעבראַכט פון דער קיך פלייש אויף אַ טעלער, אָועקגעשטעלט אויפן טיש און איז אַוועק.

— דוד, עס אַמאָל ווי אַ מענטש — האָט רבקה זיך ווידער אָנגערופן. — האָב הנאה. די פאַבריק וועט נישט אַנטלויפן! מענטש איינער, דיינע אַרבעטער האָבן דאָך מער הנאה פונם לעבן ווי דו!

פּערעלשטיין האָט צוגערוקט צו זיך דעם טעלער מיט פלייש, וואָס זיין ווייב האָט אים דערלאַנגט, און אַ בורטשע געטון:

— אוודאי האָבן זיי מער הנאה פונם לעבן ווי איך! וואָס פעלט זיי און וואָס דאַרפן זיי? פאַרדינען בא מיר זיבן רובל אַ וואָך, לעבן ווי זיך ווי קייסרים. דער קאָפּ דרייט זיי עפּעס ווי מיר, וואָס?

רבקה האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— וואָס עסטו?

— האָ?

— דו עסט דאָך ברויט אָנשטאָט פלייש.

— אָי, טאַקע! — האָט ער אַרויסגעמורמלט, אַוועקגערוקט פון זיך דאָס ברויט און גענומען עסן דאָס פלייש.

— געוואַלט, דוד, וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? — האָט רבקה דערביי גיך געזאָגט.

— דער מוח שפּאַלט זיך מיר. עס צעטראָגט מיך! — האָט ער געענטפערט.

— וואָס איז שוין ווידער?

— די אַרבעטער, זיי ווילן מיך משוגע מאַכן! דו ווייסט וואָס זיי ווילן ווידער? צוויי שעה ווייניקער אַרבעטן און אַ פּערטעלע אַ הוכפה אויפן טאָג, דו פאַרשטייסט? ווען מען זאָל זיי נאָכגעבן, איז עס דאָך אַ חילוק אין אַ פּאָר הונדערט רובל אַ וואָך. מיר וועלן דאָך בדלות ווערן. גוואַלט, ווער בונטעוועט זיי! — איז ער פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען פונם טיש און האָט גענומען לויפן איבערן צימער הין און צוריק. — ווער בונטעוועט זיי? זיי זענען דאָך געוואָרן אַזעלכע חוצפּהניקעס. זיי ווילן אָבער באַ מיר קריגן! — האָט ער אויפגערעגט אַ סטראַשע געטון, אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ רגע, אַרויסגעלייגט פאַרכראַכט זיין ווייסע, פעטע האַנט אויף דעם שוואַרצן בערדל אונטער זיין מויל, און זיך ראַפּטום ווידער אַ כאַפּ געטון און איז ווידער אַוועק שפּריייזן איבערן צימער. — אָי, ווען איך ווייס ווער עס בונטעוועט זיי!

רבקה האָט געפּרוווט אים באַרויקן:

— וואָס וועט דיר העלפן דיין קאָכן זיך? גיי, עס אָפּ!

— אַך! לאָז מיך צופרידן מיט דיין עסן! שטאָפּט מיך! וואָס שטאָפּסטו מיך ווי אַן אינדיק? לאָז! עס קריכט מיר נישט אין האַלז!

אַ יונגערמאַן, מיט אַ יונג, רויט בערדל און ווייסע אויגן און מיט אַ בלייך, געשטופּלט פּנים, האָט עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אַריינגערוקט אין דער טיר פונם עסצימער זיין רויט-האָריקן קאָפּ — געוואַרט, קענטיק געוועז, אַז דוד פּערעלשטיין זאָל אים באַמערקן — ביז ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ הוסט געטון, און דאַן ערשט האָבן אים באַמערקט אי פּערעלשטיין, אי זיין ווייב.

— הא, דו, אַבראַשאַ? וואָס ווילסטו? — האָט דאַן פּערעלשטיין אַ טריט געטון צו דער טיר, פון צהינטער וועלכער דער רויטער און

געשטופּלטער יונגערמאַן אין אַ לייוונטענעם רעקל, האָט זיך איצט אַרויסגערוקט מיט פאַרסודעטע ווייסע אויגן.

— איך האָב דערשמעקט, גאַספּאַדין פּערעלשטיין, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

— וואָס האָסטו דערשמעקט?

— ווער עס בונטעוועט די אַרבעטער.

פּערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון מיט אַן אימפּעט:

— יאָ? מאָלאָדיעץ! ווער?

— ראַטנער דער לערער. ער איז דאָס, גאַספּאַדין פּערעלשטיין.

— ראַטנער דער לערער? ווי קומט ער צו מיינע אַרבעטער?

— ער האָט אַ פּאָר מאָל צונויפגערופן ככאָדקעס פון אייערע אַרבעטער אין וואַלד און האָט זיי אויפגעבונטעוועט. אַ צאַצאַליסט, גאַספּאַדין פּערעלשטיין.

— פונוואַנען ווייסטו עס?

— איך האָב אויסגעפרעגט טערענטין, האָט ער מיר אַלצדינג דערציילט.

פּערעלשטיין האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין בערדל און אַ רגע פאַרטראַכט געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— שיק מיר אַריין אַהער טערענטין.

אַבראַשאַ האָט אַ ציטער געטון און אים אָנגעקוקט צעשראָקן.

— נו, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? שיק אים אַריין!

אַבראַשאַ האָט דאַן אַרויסגעמורמלט:

— גאַספּאַדין פּערעלשטיין, איך האָב מורא...

— וואָס האָסטו מורא?

— די אַרבעטער...

— וואָס די אַרבעטער?...

— איך האָב... איך האָב... טוט עס נישט, גאַספּאַדין פּערעלשטיין, איך בעט אייך, וואָרים אַז די אַרבעטער זאָלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב עס אייך דערציילט, איז נאָך מיר!... און איך האָב אַ ווייב מיט אַ פּיצעלע קינד, גאַספּאַדין פּערעלשטיין!

האָט דוד פּערעלשטיין זיך צעשריגן אויף אים:

— און איך האָב נישט קיין ווייב, האַ? און איך האָב נישט קיין טאָכטער, האַ?

— אייך וועלן זיי נישט טשעפּען, אָבער מיך?... גאַספּאַדין

פערלשטיין, איך האָב זיי געזאָגט. אַז איך בין אויך פון זייערע אָן דערפאַר האָט מיר טערענטי דערציילט.

ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו דוד פערלשטיין, און זיינע ווייסע אויגן האָבן זיך כיטרע צעשמייכלט, און ער האָט גערעדט ווייטער נאָך שטילער:

— גאָספּאָדין פערלשטיין, עס איז דאָך בעסער פאַר אייך, אַז זיי וועלן נישט וויסן, ווער עס האָט אייך דערציילט. דעמאָלט וועלן זיי זיך פאַר מיר נישט היטן. נישט אַזוי, גאָספּאָדין פערלשטיין?

פערלשטיין האָט אַ טראַכט געטון און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— געזעכט, אַבראַשאַ, געזעכט. מאָלאָדיעץ!

איז צוגעלאָפן צום טיש און האָט אָנגעגאָסן פון אַ גראַפין מיט פשקה אַ פולן זילבערנעם בעכער און צוגעטראָגן צו אַבראַשאַן.

— נאַ, מאַך „לחיים", און דו קריגסט בײַ מיר אַ הוספה אויף אַ פערטעלע, ווייל דו ביסט אַ געטרייער מענטש.

אַבראַשאַ האָט אויסגעטרונקען און זיך אָפּגעווישט די ליפּן מיט דער הוילער האַנט.

פערלשטיין האָט צוריק אַוועקגעשטעלט דעם בעכער אויפן טיש און איז דערנאָך ווידער צוגעלאָפן צו אַבראַשאַן מיט אַ פאַרהאַוועטער מינע:

— דו זאָלסט אָבער קוקן מיט ביידע אויגן. גיב אַכטונג, הער זיך צו, שמעק, שמעק, און תיכף מיר דערצייל, צי גרישאַן!... אַזוינע רוצחים! גיב זיי! דערלאַנג זיי! בײַ מיר איינגעלייגט! שמעק, שמעק, אַבראַשאַ! קוק! זע!...

פונדרויסן האָט זיך דערהערט אַ טומל.

פערלשטיין איז צוגעלאָפן צו אַ פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום הויף.

— וואָס איז דאָרט פאַר אַ ליאַרם? אַבראַשאַ, גיי, טו אַ קוק פאַרוואָס לויפן דאָרט די אַרבעטער.

אַבראַשאַ איז אַרויס. דער טומל האָט זיך נאָך געהערט.

— איך האָב מורא, רבקה, — האָט פערלשטיין דערנאָך זיך אָנגערופן שטייענדיק בײַם פענצטער, — אַז איך וועל נאָך האָבן אַ סך צרות פון מיינע אַרבעטער. זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן די מורא פאַר מיר און פאַר גרישאַן. גרישאַן וואָלטן זיי צעריסן ווי אַ הערינג, אַזוי פיינט האָבן זיי אים!

— וואָס האָבן זיי צו גרישאַן?

— ער גיט שטרענג אַכטונג אויף זיי, דערפאַר. יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט! — האָט ער פּלוצלינג זיך אַ קער געטון צו זיין ווייב. — גרישאַ האָט געקויפט אַ שיינע מתנה פאַר ליובאַן. מעט איר געבן צו איר געבורטס-טאָג. אַ בראַסלעט מיט בריליאַנטן.

רבקה האָט אַ זיפץ געטון:

— וואָס העלפט עס, אַז זי טראַכט נישט אפילו דערפון...

— פון וואָס טראַכט זי נישט?

— כ'מיין פון דעם שידוך מיט גרישאַן.

ער האָט אַ שמייכל געטון:

— גיי שוין, גיי! וואָס דיר פאַלט איין! זי ווייסט שוין גאָר גוט, אַז גרישאַ איז דער בעכטער שידוך פאַר איר. זיין טאַטע-מאַמע וועלן קומען פון די בעדער, וועלן מיר שרייבן די תנאים.

— מיר וועלן שרייבן? יאָ, עס ווענדט זיך, אויב זי וועט וועלן, — האָט רבקה געזאָגט, און זי האָט ווידער אַ זיפץ געטון.

— וואָס זיפצסטו? — האָט ער אַ פרעג געטון. — מיר וועלן שרייבן תנאים און מיר וועלן האָבן נחת פון איר. זיפץ נישט, דו נאַר!

— דוד, נישט דערפאַר זיפץ איך, ווייל מען שרייבט נישט די תנאים, נאָר מחמת עפּעס אַנדערש.

— מחמת וואָס?

— מחמת מיר קענען נישט אונזער ליובאַן, דוד! מיר קענען זי נישט, דוד!

— משוגע אויף טויט! מיר קענען נישט אונזער ליובאַן! הער נאָר וואָס דו רעדסט?

— איך ווייס וואָס איך רעד, דוד. אונזער ליובאַ איז צו-גוט! דאָס וואָס מיר געפעלט נישט.

פּערעלשטיין האָט אַ שמייכל געטון:

— זי איז צו-גוט? אוודאי איז זי אַ גוטינקע. זי איז מיין נאַטור. אַז איך וואָלט נישט געווען צו-גוט צו די אַרבעטער, וואָלטן זיי מיר איצט נישט געקראָכן אַזוי אויפן קאָפּ. צו-גוט בין איך, צו-גוט. אַך, רוצחים! — האָט ער זיך מיטאַמאָל ווידער צעקאָכט. — ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט, מיט גרויסע פרייד וואָלט איך זיי די הויט געשונדן!...

— אונזער ליובאַ איז צו-גוט — האָט רבקה זיך ווידער אָנגערופן, שטאַרק באַטאָנענדיק די ווערטער. — דו הערסט, דוד, זי איז צו-גוט.

און דו האָסט עס איר געדאַרפט זאָגן. ואַלסטו געזען, ווי זי רעדט מיט זעליגל כינעס, צי מיט בערציק דעם גאַרבער! אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען איר גלייכן. און אַנומלט איז בערציק דער גאַרבער צו איר געקו־מען אויף באַזוך אויך.

— אַהער אין הויז?

— יאָ, דוד.

— און דו האָסט אים נישט אַרויסגעטריבן?

— ווי אַזוי טרייבט מען עס אַ מענטש פון אַ הויז?

— דו האָסט אים געדאַרפט אָננעמען פאַרן קאָפּ און... און גיי צום שוואַרץ יאָר! — האָט פּערעלשטיין זיך צעהיצט. — נו, און ליובאַ? וואָס האָט זי געטון, אַז ער איז געקומען?

— זי האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט אים אין איר חדר. דערנאָך האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט אים אַן אוראָק געגעבן.

פּערעלשטיין האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען:

— ס'מיידל איז משוגע!

— איך זאָג דאָך דיר: זי איז צו־גוט. וואָלט די גאַנצע וועלט געהאָלפן. זי וואָלט איר לעבן אָפּגעגעבן פאַר אָרימעלייט.

— טאָ זאָל זי געבן צדקה און נישט האָבן צו טון מיט שמאַראָ־וואָטעס אַרבעטער! — האָט ער זיך צעשריגן. — און וואָס פאַר אַן עסקים האָט זי מיטן לערער? זי איז דאָך טויזנט מאָל געבילדעטער פון אים.

— נו, דו ביסט דאָך אַ טאַטע, טאָ פאַרוואָס פרעגסטו נישט בײַ איר?

— ווער האָט עס צייט אויף דעם? אַז דער קאָפּ איז בײַ מיר פאַרדרייט... די רוצחים, מיינע אַרבעטער, לאָזן מיך דאָך נישט דיכעניען.

ער האָט זיך געגומען רייבן דעם שטערן און גערעדט ווייטער:

— דער מוח גייט בײַ מיר כאַדראַם... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן?

— דו האָסט גערעדט וועגן אונזער ליובאַן.

— יאָ, מען דאַרף זען, אַז מען זאָל שרייבן די תנאים, און אַ סוף!

— דו האָסט דאָך אָבער ערשט גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש...

— וועגן וואָס? — האָט ער געפרעגט שוין צעטראָגן.

— וועגן ליובאַן, וואָס זי פירט זיך אַרום נישט מיט איר גלייכן.

— יאָ, יאָ! — האָט פּערעלשטיין זיך אַ כאַפּ געטון. — דו ביסט גערעכט. וואָס טוט זיך דאָס מיט איר? איז זי משוגע? און ווער איז דאָס פּראַנטל, וואָס קומט דאָ אַריין צו איר? און פאַרוואָס זאָלן מיר נישט וויסן ווּהין זי גייט? מיט וועמען זי גייט?

— נו, יאָ! נו, טאַטע, פאַרוואָס זאָלסטו דאָס טאָקע נישט וויסן? בפּרט היינטיקע צייטן...

און רבקה האָט זיך אַ כאַפּ געטון פּלוצים אַנטשלאָסן:

— מען מוז עפּעס טון, דוד! עס קאָן נאָך גאָר זיין, אַז זי מישט זיך, ווי אַנדערע... מיר וועלן זי דאָך נאָך, חלילה, פאַרלירן! אַ קאַטאַוועס, היינטיקע צייטן! וויפיל מיידלעך פון אונזער שטאַנד...

— הא? — האָט פּערעלשטיין אַרויסגעמורמלט און געקוקט אויף זיין ווייב צעטומלט. — ליובאַ וועט מיך משוגע מאַכן! ווו איז זי?

— זיצט דאָרט פאַרשפּאַרט באַ זיך אין חדר. שרייבט צי לייענט, ווער ווייסט? אַז זי זיצט שטענדיק באַ זיך פאַרשפּאַרט!

— איך וועל תיכּף מיט איר רעדן! — האָט דוד פּערעלשטיין זיך אַ לאָז געטון צו דער צוגעמאַכטער טיר פון זיין טאָכטערס צימער. — איך מוז וויסן, וואָס טוט זיך דאָס מיט איר

רבקה איז אים נאָכגעלאָפן:

— דודל, דודל, נאָר רעד אָן כּעס, נאָר מיט גוטן.

— איך וועל מיט איר רעדן, אַז ס'וועט איר פינצטער און ביטער ווערן! ליובאַ, — האָט ער גענומען קלאַפּן אין דער צוגעמאַכטער טיר. — ליובּ-אַ-אַ!...

די טיר האָט זיך אָן עפן געטון, און ליובאַ, אַ שלאַנקע, אַ ברוּנעטע, פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ לאַנגן, שוואַרצן צאָפּ און מיט גרויסע, שוואַרצע און שמייכלענדיקע אויגן, איז אַרויסגעקומען.

זי איז אָנגעטון געווען איינפאַך, אין אַ גרויען, פאַרוסינעבעם אַנצוג.

— וואָס איז פּאַפּאַ? דו ביסט גאָר בייז? — האָט זי געפרעגט מיט אַ הילכיק קול, געלאַסן און מיט אַ שמייכל.

פערעלשטיין האָט נישט אויסגעהאַלטן איר שמייכל און האָט אַליין זיך צעשמייכלט.

דערנאָך, קוקנדיק אויף איר מיט אויגן פול ליבע, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך האָב געוואָלט רעדן מיט דיר.. פאַרוואָס זעסטו אויס אַזוי טאַגער, ליובאַ?

— ער האָט זיך אַ קער געטון צו זיין ווייב:

— רבקה, האָט זי כאָטש אַפּעטיט? עסט זי כאָטש גענוג?

— ווי עסן! זי עסט ווי אַ פייגעלע — האָט רבקה געענטפערט ברוגז. — זי איז צופיל פאַרטון...

ליובאַ האָט אַ פרעג געטון:

— פּאַפּאַ, האָסט מיך צוליב דעם גערופן?

פערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— יאָ, דו האָסט מיך דערמאַנט. טאָכטער, איך וויל מיט דיר אַ שמועס טון. קום, זעץ זיך.

ליובאַ האָט מיט אַ שמייכל זיך געזעצט.

איר טאַטע האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן בערדל און איז דורכגעגאַנגען דאָס צימער הין און צוריק.

— וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? — האָט ער זיך דאַן אָפּגעשטעלט. — יאָ, פאַרוואָס ביסטו נישט געווען באַם טיש צו וואַרעמס? — האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון.

— איך בין שפּעט אויפגעשטאַנען היינט, האָב איך שפּעט געגעסן אָנבייסן. — האָט זי געענטפערט.

רבקה האָט זיך אַריינגעמישט:

— דוד, דו האָסט דאָך מיט איר וועגן עפּעס אַנדערש געוואָלט רעדן.

— האַ? יאָ, יאָ. אַז דער מוח איז באַמיר צעדרייט אויף צוואַנציק שטיקער, פאַרגעס איך וואָס איך וויל זאָגן. יאָ, ליובאַ, איך וויל דיר זאָגן: דו דאַרפסט חתונה האָבן.

ליובאַ האָט זיך צעלאַכט:

— נישט מער? וועגן אַזאַ קלייניקייט איז נישט כדאי געווען צו רופן מיך מיט אַזאַ געשריי. נאָך דיין געשריי און דיין קלאַפּן אין טיר, האָב איך געמיינט, אַז גאָט ווייסט וואָס עס האָט געטראָפן! — האָט זי געלאַכט.

איר מאַמע האָט איר איבערגעשלאָגן:

— ליובאַ, דיין פּאַפּאַ האָט געוואָלט באַ דיר פרעגן וואָס פאַר אַ מחותנתטע ביסטו מיט מענטשן, וואָס זענען נישט דיין גלייכן?

— יאָ, יאָ, מיט דידאָזיקע שמאַראָוואָזעס, האָלעדריגעס? — האָט פּערעלשטיין אויך אונטערגעכאַפּט.

— און וואָס פאַרא געשעפטן האָסטו מיטן לערער? — האָט די מאַמע ווייטער געפרעגט.

— יאָ, יאָ, מיט דעם לערערל? — האָט דוד פּערעלשטיין אונטערגעהאַלטן זיין ווייב.

— און וואָהין גייסטו אַרום גאַנצע נעכט?

— און ווער איז עס דער פראַנט, וואָס ער קומט דאָ צו דיר, אַט מיט די פענסנע?

ליובאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטון פון איר אָרט, פאַרשטעלט זיך מיטביידע הענט די אויערן און געדרייט איר שמייכלענדיק פּנים דאָ צו איר טאַטן און דאָ צו איר מאַמען.

— קאַראַול! איר שיסט פון ביידע זייטן מיט אַזעלכע געפּערלעכע באָמבעס!... פּאַפּאַ, מאַמאַ! — האָט זי הילכיק געלאַכט. — גלייבט מיר, אַז זיי זענען אַלע ווילע, גוטע, אָנשטענדיקע מענטשן. מיט אַן אומאָנשטענדיקן מענטש וועט אייער טאָכטער קיינמאָל נישט האָבן צו טון. מאַמאַ, איך האָב עס דאָך דיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט.

— און בערטשיק דער גאַרבער איז אויך אַן אָנשטענדיקער מענטש? — האָט רבקה זיך אָנגערופן.

— זייער און זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש — האָט ליובאַ געענטפערט און אַריבערגענומען איר שוואַרצן צאָפּ אויף פאָרנט און אָנגעהויבן אים איבערצופלעכטן מיט אירע ווייסע, דינע פינגער.

— דו הערסט? — אָט-אָט-דער האָלאָדריגע? — האָט דוד פּערעלשטיין אַ געשריי געטון.

— יאָ, אָט דער האָלאָדריגע — האָט ליובאַ געענטפערט געלאַסן און מיט אַ שמייכל.

פּערעלשטיין איז געוואָרן מיטאַמאָל אויפגערעגט:

— און דאָך וויל איך, אַז דו זאָלסט מיט אים נישט האָבן קיין מגע-ומשא, און אין הויז אַהער זאָל ער אויך נישט סמייען צו גיין! דו הערסט, ליובאַ? דו דאַרפסט אַרומגיין מיט גרישאַן און מיט אַנדערע באַרישניעס פון דיין גלייכן...

— איז גרישאַ אויך אַ באַרישניאַ, פּאַפּאַ? — האָט ליובאַ אַ לאַך געטאָן.

— לאַך נישט פון דיין פּאַפּאַן, דו! — האָט דוד פּערעלשטיין זיך אַ בייזער געטאָן. — זע נאַר, רבקה, אַ הולך פון אונזער בת־יחידקע! פאַראַכטאָגן דינסטיק, בעת דער פּאָליצמייסטער איז געקומען צו מיר נאָך אַ הלוואה, איז זי אויך אַזוי אַרומגעגאַנגען.

— און דערפאַר האָט דער פּאָליצמייסטער בײַ דיר מסתמא די הלוואה נישט גענומען, פּאַפּאַ? — האָט ליובאַ געפרעגט, און אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן געלאַכט

— חכמה זיך נישט! — האָט איר טאַטע זיך ווידער אַ בייזער געטאָן אויף איר. — ליובאַ, דו וועסט באַלד ווערן אַ כלה, וויל איך, אַז דיין חתן זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען. דו זאָלסט זאָגן יענע שמאַרע־וואַזעס, אַז זיי זאָלן אַהער מער נישט גיין, אַנישט וועל איך זיי אַרויסטרייבן פון שטוב.

אַ רגע האָט ליובאַ אים אָנגעקוקט צעמישט. באַלד אָבער האָט זי זיך צעשמייכלט, איז צוגעגאַנגען נענטער צו איר פּאַפּאַן און האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

— גאָספּאָדין פּערעלשטיין — האָט זי זיך אָנגערופן און געקוקט אויף אים מיט אַ שמייכל גלייך אין די אויגן אַריין. — איך וועל אייך נישט לאָזן, אַז איר זאָלט רעדן לשון־הרע אויף מיין פּאַפּאַן. מיין פּאַפּאַ איז אַן אָנשטענדיקער מענטש און ער וועט נישט אַרויסטרייבן קיין מענטשן פון הויז בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט קיין פאַבריקאַנטן און נישט קיין נאַטשאַלסטוואָ... איך קען מיין פּאַפּאַ צו גוט...

דוד פּערעלשטיין האָט געוואָלט אויסהאַלטן זיין שטרענגקייט און דאָך נישט געקאָנט.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך צעשמייכלט מיט הנאה.

— נו, רבקה, האַ? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו זיין ווייב. — אָט גיי טענה מיט איר! אָט זי האָט אַ הערצעלע! כיין האַרץ האָט זי.

ער האָט זיך איינגעבויגן צו רבקהן און איר איינגערוימט אַ סוד.

— לאָמיר איר נישט שטערן. זי האָט דערפון הנאה, זאָל זי. זי וועט חתונה האָבן, וועט זי שוין אַליין...

— דוד, דו גיסט איר צופיל נאָך. זע ווי זי זעט אויס. פאַרוואָס לויפט זי אַרום גאַנצע נעכט? — האָט רבקה אים אויף דעם גע־ענטפערט.

האָט דוד פּערעלשטיין זיך דאַן ווידער אַ קער געטון צו ליובאַן:

— די מאַמע איז גערעכט. וווּ גייסטו אַרום גאַנצע נעכט?

— איך גיב אוראַקן אָרימע אַרבעטער.

— דיין געזונט איז מיר טייערער ווי דיינע אוראַקן, — האָט די מאַמע זיך אָנגערופן.

— און די אַרבעטער האָבן עס באַ דיר נישט פאַרדינט, אַז די זאָלסט אויף זיי פּטרן דיין געזונט, — האָט זיך דוד פּערעלשטיין אַ כאַפּ געטון, און מיט אַמאָל זיך ווידער צעהיצט: — זיי ווילן אומגליקלעך מאַכן דיין פּאַפּאַ! זיי ווילן אונז אַלעמען אומגליקלעך מאַכן!

ליובאַ האָט דאַן אַרויסגערעדט געלאַסן:

— זיי ווילן קיינעם נישט אומגליקלעך מאַכן. נאָר זיך אַ ביסעלע מער גליקלעך מאַכן.

— וואָס הייסט? זיי פאַרדינען באַ מיר צו אַכט קערבלעך אַ וואָך. איז דאָס פאַר זיי ווייניק?

— מסתמא ווייניק, — האָט ליובאַ געזאָגט אַזוי ווי אונטער דער נאָז.

— ווייניק? וואָס דאַרף אַן אַרבעטער?

— לעבן מסתמא דאַרף ער, — האָט ליובאַ ווידער געזאָגט און אַפּגעקערט דעם קאָפּ.

— נו, לעבט ער דאָך.

— יאָ, לעבן לעבט ער. אַ סימן: ער אַרבעט דאָך — האָט ליובאַ געענטפערט ווי צו זיך אַליין. און אַלץ געהאַלטן דאָס פּנים אָוועקגעדרייט פון איר טאַטע־מאַמע.

פּערעלשטיין האָט זיך נאָך מער צעהיצט:

— איך און גרישאַ אַרבעטן שווערער איידער זיי. ווען נישט מיר, האַלטן זיי געקראַפּירט פאַר הונגער. ווער גיט זיי אויף ברויט, האַ?

ליובאַ האָט איצט געשוויגן.

— פאַרוואָס שווייגסטו, ליובאַ? איך זע, אַז דו האַלטסט מיט זיי. ליובאַ האָט אַ קער געטון דאָס פּנים צו איר טאַטן און אַ צי געטון די אַקסלען.

— וואָס הייסט, איך האַלט מיט זיי? איך בין נישט קיין אַרבעטערין...

— די בעסטע זאַך וואָלט געווען, אַז זי זאָל צוריק אָוועקפאָרן קיין

שווייצאַריע — האָט מיטאַמאָל זיך אָנגערופן רבקה און אַ קוק געטון אויף ליובאַן מיט אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט אַ חשד.

— יאָ, מאַמאַ, קומענדיקן ווינטער פאָר איך — האָט ליובאַ צוגע־שאָקלט מיטן שוואַרצן קאָפּ.

— ווייס איך, זי דאַרף עס אויף כפרות! זאָל זי בעסער שרייבן די תנאים — האָט דוד פּערעלשטיין געזאָגט און זיך איבערגעשלאָגן, ווייל ער האָט דערזעען אַבראַשאַן אַריינקומען.

— גאַספּאַדין פּערעלשטיין — האָט אַבראַשאַ מיטן היטל אין דער האַנט זיך אָנגערופן, שטייענדיק לעבן דער טיר.

— וואָס ווילסטו אַבראַשאַ? — האָט דוד פּערעלשטיין אַ פרעג געטון.

— איר האָט מיך געשיקט זען, וואָס דאָס איז פאַר אַ טומל...

— נו?

— דראָזדאָווסקיס הויף ברענט, פון הינטער דער פאַבריק זעט מען די גאַנצע שרפה. די פּויערים האָבן זיך צעבונטעוועט און האָבן אונטערגעצונדן...

בײַ ליובאַן האָט זיך דאָס פּנים צעלויכטן און אין די אויגן צע־שטראַלט. און זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אַז מען זאָל דאָס אויף איר נישט באַמערקן.

פּערעלשטיין האָט אַרויסגעמורמלט:

— וואָס וועט פון דעם ווערן? אַלע טאָג נייע בונטן און נייע שרפות... נו, אַ צייט!

רבקה איז צוגעשטאַנען צו אים און האָט אים אַ צי געטון פאַר אַן אָרעם.

— דוד! — האָט זי אַרויסגערעדט צעטראָגן. — איך האָב מורא. צופיל רייס נישט איין מיט די אַרבעטער.

— נו, נו, אַ צייט דערלעבט... אַבראַשאַ, דו זאָלסט קוקן, דו הערסט?

— וואָס רעדט איר, גאַספּאַדין פּערעלשטיין — האָט אַבראַשאַ געענטפערט מיט אַ הכנעהדיקן שמייכל. — ווי אַ גוטער הונט, מיט לייב און לעבן!

— איך ווייס — האָט דוד פּערעלשטיין געזאָגט. — דערפאַר האָב איך דיר מוסיף געווען אַ פּערטעלע אויפן טאָג. קוק! און טאָמער וואָס, לאָז וויסן...

— געוויס, גאָספּאָדין פּערעלשטיין. פאַר אײך װעל איך זיך די בײדע אויגן לאָזן אַרויסרײַסן. דערצײלט נאָר נישט די אַרבעטער, אַנישט... אַ רחמנות אויף מײַן װײַב און פּיצעלע קינד...

ליובאַ האָט אַ קוק געטאָן מיט פאַראַכטונג אויף אַבראַשאַן. גלײַך אָבער האָט זי אַװעקגעדרײט דעם קאָפּ פון אים.

אין אַ װײַלע אַרום איז דוד פּערעלשטײן אַװעק מיט אַבראַשאַן אין פאַבריק און ליובאַ איז פאַרבליבן מיט איר מאַמען אַלײן אין עס-צימער.

דעמאָלט האָט זיך רבקה צו איר אָנגערופן:

— ליובאַ, קינד מײַנס! דאָס האַרץ ציטערט מיר פאַר דיר...

ליובאַ האָט אַ שמײכל געטאָן און געזאָגט:

— מאַמאַטשקאַ, גלײב מיר, אַז אומזיסט... איך בין געזונט.

— איך האָב מורא, צי מישסטו זיך אויך נישט, חלילה... זאָל מיט דיר עפּעס טרעפן, װעל איך און דײַן פאָטער דאָס נישט איבערלעבן...

ליובאַ האָט זי אָנגעקוקט אַ װײַלע מיט רחמנות.

פּלוצלינג האָט זי זיך אַ װאָרף געטאָן צו איר און איר אַ קוש געטאָן.

— מאַמע, איך װײס, אַז איר האָט מיך ליב — האָט זי געזאָגט מיט װאַרעמער האַרציקײט אין קול. — הלװאי װאָלט איר מיך װײניקער ליב געהאַט. אָבער איך האָב אײַך אויך ליב, זײער ליב! און זײַ רויק, דאַרפסט נישט מורא האָבן...

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די מאַמען בײַ דער טאַליע און זי צוגע-שלעפּט צו אַ שטול, האָט זיך געזעצט און מיט געװאַלט געצװוּנגען זי צו זעצן זיך בײַ איר אויף די קני.

רבקה האָט זיך געריסן פון איר שויס.

— משוגענע דו! איך בין דאָך פינף מאָל אַזוי שװער װי דו. לאָז אָפּ!

— זיך, זיך! — האָט ליובאַ זי אײַנגעהאַלטן בײַ זיך אויפן שויס און גענומען זי גלעטן איבער די װײַסע געכאַליעטע באַקן. — דו ביסט אַ קינד, אַזוי אומשולדיק און ליב, און איך האָב דיך זײער און זײער ליב, מײַן מאַמאַטשקאַ!

— ליובאַ, װער איז דאָס דער יונגערמאַן, װאָס קומט צו דיר אַמאָל אַרײַן, אין די פענסטע?

— איך האָב דאָך דיר שוין אַמאָל געזאָגט, מאַמע, אַז ער איז אַ

דאָקטאָר, מיינס א באַקאַנטער פון שווייצאַריע און וווינט דאָ אויף דער דאַטשע.

— ער פּראַקטיצירט דאָרנישט ?

— ער זוכט א פּאַסנד הויז פאַר א קאַבינעט בא אונז אין שטאָט.

— היינט פאַרוואָס איז ער עפּעס אַזאַ מאָדנער ? רעדט נישט אויס קיינמאָל קיין וואָרט, האַלט זיך פונוווייטנס, און אַלע מאָל דאַכט זיך מיר רק, אַז ער וויל זיך באַהאַלטן פון מיר.

— אַזאַ נאַטור האָט ער, מאַמאַטשקאַ. א מענטש פאַר זיך, א שוויי-גער. אָבער ער איז א גרויסער מענטש.

— א גרויסער ? וואָס הייסט ?

— זייער א גרויסער ! יאָ, מאַמאַטשקאַ, א וווּנדערבאַרער מענטש ! — האָט ליובאַ מיטאַמאָל אַרויסגערעדט מיט באַגייסטערונג, און איר פּנים מיט די שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעלויכטן.

— מילא ! — האָט רבקה געזאָגט און „א צי געטון מיט די רונדע אַקסלען, — מסתּמא קענסטו אים. איך דאַרף פאָרן אין שטאָט. אפשר וועסטו אויך פאָרן מיט מיר ?

— ניין, מאַמע, איך האָב איצט קיין צייט נישט. עמעצער דאַרף קומען צו מיר.

— ווער ?

— הענריעטאַ. קענן איר קאָנסטו דאָך שוין באַרנישט זאָגן. זי איז דאָך אויך א מיידל פון מיין שטאַנד, אויך א פאַבריקאַנטס א טאָכטער.

— אָט, אַז דו וואָלסט זיך געחברט נאָר מיט אַזוינע ווי הענריעטאַ, וואָלט איך שוין געווען רויק. איך וועל איצט פאָרן.

זי איז אַרונטער פון ליובאַס שויס, אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט.

— דער איז דאָ — האָט זי געזאָגט מיט אַן אומצופרידענער מינע.

— ווער ? — האָט ליובאַ געפרעגט און איז אויפגעשפרונגען פון איר אָרט.

— דער לערער, איך בעט דיך, טאָכטער, ער געפעלט מיר נישט. מאַך א סוף מיט אים. זאָל ער נישט גיין אַהער.

— מאַמאַטשקאַ, מאַמאַטשקאַ, מאַמאַטשקאַ, זיי נישט קיין שלעכ-

טע! — איז ליובאַ צוגעלאָפן צו איר און האָט איר אַ קוש געטון. — מען דאַרף נישט זיין גראָב צו אָנשטענדיקע מענטשן!

אין עסצימער איז דערווייל אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדל, וואָס איז אָנגעטון געווען ווי אַ רוסישער אינטעליגענט אין אַן אויפגעבייטע העמד מיט אַן אויסגעבייטן קראַגן, פאַרשפיליעט אויף אַ זייט מיט קנעפּלעך אונטער אַ טונקעלן רעקל.

— זדראַווסטוויטיע! — האָט ער געזאָגט מיט אַ הילכנדיקער טענאָר־שטימע.

— האַ, שוואַרץ? זדראַווסטוויטיע! — איז ליובאַ געגאַנגען אים אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

רבקה האָט אַ זיפץ געטון און פאַרלאָזט דאָס עסצימער.

ליובאַ איז אַריין מיטן יונגנמאַן צו זיך אין צימער און האָט צוגעמאַכט די טיר.

דאָס צימער איז געווען אַ גרויס, מיט צוויי פענצטער צום פראָנט, און אַ חוץ אַ בעט, אַ שאַפע מיט ביכער און אַ שרייבטיש, זענען דאָרט געשטאַנען אַ פּאָר שטולן און אַ ווייכע קרעסלאַ.

דער יונגערמאַן האָט זיך געזעצט אויף דער קרעסלאַ, און ליובאַ — אויף אַ שטול אַנטקעגן אים.

— באָריס האָט מיך צו אייך געשיקט — האָט שוואַרץ שטיל אַרויסגערעדט און האָט פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— באָריס? איך וואַרט אויף אים.

— ער האָט נישט געקאָנט קומען צו אייך. ער האָט אַ וויכטיקע אַרבעט. ער וויל, אַז איר זאָלט אים טרעפן אין אַ שעה אַרום אין וואַלד באַ דער אָזערע, ווו איר טרעפט זיך שטענדיק. האָט איר שוין געהערט, אַז מאָטל איז אַרעסטירט?

— יאָ, וואָס איז דאָס? מען איז, דאַכט זיך, אַזוי פאָרזיכטיק געווען! אויסער מיר און אייך און באָריסן האָט קיינער נישט געוווּסט זיין אַדרעס. אַזוי גייען פאַרלוירן אונזערע בעסטע מענטשן...

שוואַרץ האָט זיך אָנגערופן:

— איר ווייסט, ווי באָריס זאָגט: פון אונזער בלוט וועט אַרויסשפּראָצן דאָס נייע, פרייע, רויטע לעבן...

ליובאַ האָט אַרויסגעפּליסטערט מיט ווייטיק:

— פונדעסטוועגן, יעדעס מאָל ווען איינער פון אונזערע פאַלט אַריין, פיל איך ווי צו רייסן אויף זיך די האָר פאַר פאַרצווייפלונג. דער־

מאַכט זיך גאָר, וויפיל פון אונזערע זענען אין די לעצטע עטלעכע חדשים פאַרלוירן געגאַנגען? סערגעיען האָט מען אַרעסטירט און געהאָנגען אין וואַרשע; מאַשאַ איז אין פעסטונג; גריגאָרין האָט מען געשאָסן; הירש-קען געהאָנגען, און איצט מאָטלען... ווייִ איז מיר...

— איך פאַרשטיי אויך נישט פאַרוואָס אונזערע האָבן אָנגעהויבן אַזוי אָפט אַרייַנצופאַלן? אפשר, ליובאַ, זענט איר נישט פאָרזיכטיק גע-נוג מיט די אַדרעסן?

ליובאַ האָט אים אָנגעקוקט צעטומלט.

— חבר שוואַרץ! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט. — וואָס פאַלט אייַך איין? ווי שעמט איר זיך נישט מיר דאָס צו זאָגן? די אַדרעסן ווייס איך און נאָר איך. אפילו באָריס ווייסט אויך נישט אַלע אַדרעסן. די אַדרעסן פון אונזערע וויכטיקסטע טוער און פון די סקלאַדעס מיט ליטעראַטור און געווער, האָב איך מורא אפילו צו פאַרטרויען זיך אַליין.

שוואַרץ האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפן? מיר אַלע געהערן נישט צו אונז. אפשר פאַל איך אויך הייַנט אַריין און מיר זעען זיך צום לעצטן מאָל, חברטע...

— הייַנט?

— יאָ. איך גיי הייַנט אויף אַ וויכטיקער אַרבעט...

— ווייט?

— נישט ווייט. אין אַ דאָרף. די פויערים זענען שוין רעוואָלו-ציאָניזירט. מען דאַרף געבן דעם ערשטן שטויס. געהערט, אַז דראַזדאָוו-סקיס הויף האָבן די פויערים אונטערגעצונדן?

— יאָ, די שרפה זעט מען פונדאַנען. איר גייט אַליין?

— מיט נאָך אַ חבר, אַ קריסט. יאָ, באָריס האָט מיר געזאָגט, אַז דעם פאַספּאָרט פאַר בראָכקען האָט ער שוין. ער וועט אים שפּעטער מיטברענגען.

ליובאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז אַן אויפגערעגטע דורכגעגאַנגען דאָס צימער.

— שוואַרץ! — האָט זי אַרויסגערעדט פאַרשטיקט און אַ פּיר גע-טון מיט ביידע הענט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געקליבן זיי צו בעטען ברעכן, נאָר האָט זיך אינמיטן דעריינען געכאַפּט, אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר איר, און זי האָט עס נישט געטון: — שוואַרץ! ווי לאַנג נאָך? אַזוי פיל בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן! ווען וועט שוין — ווען?...

— עס וועט שוין קומען, ליובאַ, אפשר נאָך אונז, אָבער עס וועט קומען...

— און באָריס !... צו אים וועט מען זיך מסתמא אויך דערקלויבן, — האָט ליובאַ פאַרטראַכט אַרויסגעפּליסטערט און אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער.

— באָריסעס לעבן איז אַ גרויסער שאָד. מיר האָבן נישט אַ סך אַזוינע ווי ער. אים מוז מען אויסהיטן. נו, חברטע, איך גיי ! — האָט ער זיך אויפגעהויבן.

ליובאַ האָט זיך אַ צאַפּל געטון :

— איר גייט שוין ?

און זי איז בלייך געוואָרן.

שוואַרץ האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט :

— ווי איר זעט אויס ! אפשר וועל איך נאָך אַרויס מיט גאַנצע ביינער... אַלנפאַלס, פאַרגעסט נישט אייערס אַ חבר.

ליובאַ האָט אַ כאַפּ געטון זיין האַנט, האָט זי שטאַרק געשאָקלט, און מיטאַמאָל איז ער צוגעפאַלן צו איר און איר אַ קוש געטון.

שוואַרץ איז אַרויסגעגאַנגען.

ליובאַ האָט אים באַגלייט מיט די אויגן, ביז ער איז נישט אַרויס פון שטוב. דאַן האָט זי ווידער צוגעמאַכט די טיר פון איר צימער, איז צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט.

און מיטאַמאָל האָט זי אַרויסגעמורמלט מיט פייער :

— גאָט, פאַרוואָס קאָן איך נישט בעטן פאַר אים ? ווען איך וואָלט כאָטש גלייבן אין אַ גאָט !...

דאָס דריטע קאַפּיטל

בערציק און באָריס

שפּעטער, ווען ליובאַ איז צוגעגאַנגען צו דער אָזערע הינטער דער פֿאַבריק, איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע און האָט געקוקט אויף די שוואַרצע קנוילן רויך, וואָס האָבן הויך און געדיכט געשלאָגן צום האָריזאָנט, אויף דער לינקער זײַט פֿון דער אָזערע, קעגן דעם בלויען הימל.

יעדע ווײַלע האָט אַ מוראַדיק־גרויסע, פֿײַערדיקע צונג זיך באַוויזן צווישן די שוואַרצע קנוילן, מיט אַן אימפּעט זיך באַהאַלטן און ווידער זיך אַרויסגערוקט מיט נאָך אַ גרעסערן אימפּעט, אָדער מיטאַמאָל האָבן זיך גאָר דאָרט גענומען שיטן פֿונקען דורך די שוואַרצע קנוילן, אַזוי ווי פֿײַערדיקע שנייעלעך...

דאָס האָט אַזוי געברענט דראָזדאָווסקיס הויף, וואָס האָט זיך געפֿונען עטלעכע ווייאָרסט פֿון פּערעלשטיינס פֿאַבריק.

דער אַלטער גוטסבאַזיצער דראָזדאָווסקי האָט שטענדיק געהאַט צו טון מיט די פּויערים פֿון די שכנישע דערפֿער צוליב פּאַשע און צוליב וואַלד, און די פּויערים האָבן שוין לאַנג אויף אים געטראָגן אַ האַרץ.

בײַ ליובאַן האָבן זיך די אויגן צעפֿינקלט בשעת זי האָט איצט געקוקט אויף די־דאָזיקע קנוילן רויך.

„די אַרבעט פֿון באָריסן”, האָט זי אַ טראַכט געטון.

דערנאָך האָט זי זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ שיפֿל און זיך אַוועקגעשיפֿט איבער דער ברייטער אָזערע.

די מיטנטאָגיקע זון האָט שטאַרק געברענט אויפֿן וואַסער. דער אַרומיקער וואַלד, וואָס האָט איצט געאָטעמט מיט טונקעלער שטילקייט, האָט געלאָקט צו זיך אין די קילע שאָטנס.

ליובאַ איז צוגעפֿאָרן צום אַנדערן ברעג, איז פֿלינק אַרויסגעשפּר

גען פון דעם שיפל אריפּן וואַרעם־ברעגיקן זאַמד און האָט אַרויפגעשלעפּט דאָס שיפל אַ ביסל אויף דער טריקעניש.

דערנאָך איז זי אַריין טיפער אין וואַלד, צוגעגאַנגען צו אַ גרויסן שטיין הינטער צווי מעכטיקע דעמבעס מיט ברייטע צווייגן — צום פּלאַץ ווו זי האָט זיך שטענדיק געטראָפן מיט וועמען זי האָט געדאַרפט, — און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָרט וואַרטן אויף באַריסן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי דערהערט פון אַהינטער איר אַ גע־רויש, אַזוי ווי עמעצער וואָלט געטרעטן איבער טרוקענע, פאַרוועלקטע בלעטער, און זי האָט זיך אומגעקוקט.

זי האָט דערזעען בערציק דעם גאַרבער.

אַ בחור פון עטלעכע און צוואַנציק, יאַדריק געבויט, מיט ברייטע אַקסלען, מיט אַ ברייט, רויט און גוטמוטיק פּנים, און אַ קורצע, שמייכ־לענדיקע נאָז, און מיט שמאָלע אויגן ווי בײַ אַ יאַפּאַנעזער, און פון מיטעלן וווקס, האָט ער זיך געגנבעט צווישן די ביימער, ווערנדיק זיך מיט ביידע הענט קעגן די געדיכטע צווייגן.

ליובאַ האָט געקוקט אויף אים פאַרוווּנדערט.

— בערציק, ווי קומט איר אַהער עפּעס? — האָט זי זיך אָנ־גערופן.

— צוערשט, חברטע, שטעקט אַריין די לאַפּע! — האָט ער געזאָגט מיט אַ באַסאָווע קול און מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל דריקנדיק איר די האַנט. — ווי איך קום אַהער? פאַרשטייט זיך, אַז אויף מײַנע אייגענע פּאָר ריסאַקעס. און צוליב וואָס איך קום? אַז איך בין געקומען, מסתּמא דאַרף איך.

— פונוואַנען האָט איר געוווּסט, אַז איך בין איצט דאָ?

— געטראָפן חבר שוואַרצן, האָט ער מיר געזאָגט. און איך האָב געמוזט גיין צו אײַך. מען האָט מיך געשיקט.

— רעדט נישט אַזוי הויך. בערציק — האָט ליובאַ אים איבערגע־שלאָגן און זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

בערציק האָט זיך אויך אומגעקוקט. דערנאָך האָט ער געזאָגט שוין שטילער:

— קיינער איז דאָך דאָ נישטאָ, חברטע, און די פייגעלעך זענען נישט קיין פּראָוואָקאַטאָרס.

ער האָט זיך ווידער אומגעקוקט און דערנאָך אַרויסגעשלעפּט אַ לאַנג מעסער פון אַ כאַליעווע.

— איר זעט, חברטע?

— וואָס איז דאָס, בערציק?

— אַ מעכער, מיט וועלכן איך כקראָבע אַרונטער די פעל פון נבלות בײַ מיר אין דער גאַרבאַרניע.

— פאַרוואָס טראָגט איר עס עפּעס אין כאַליעווע?

— אַ פעל זוך איך אַרונטערצוסקראָבען; אַ פעל פון אַ געפערלעכער חיה...

— וועמען? וואָס? באַהאַלט דאָס מעסער!

בערציק האָט פאַררוקט דאָס מעסער אין כאַליעווע און גערעדט ווייטער:

— וועגן דעם בין איך צו אײַך געקומען. מיר האָבן דאָ אַ גאַסט, אַ דעלעגאַט פונם אויסלענדישן קאָמיטעט. הײַנט באַנאַכט האָבן מיר אַ „סכאָדקע" דאָ אין וואַלד. ער האָט עס מיך געשיקט צו אײַך. איר מוזט קומען הײַנט אויף דער „סכאָדקע". און חבר באַריס אויך. איר ווייסט, וואָס ער זאָגט? מיכאל דער פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט פריער באַלאַנגט צו די פּועלי-ציון און וואָס האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן זײַנע חברים און חברטעס אין קאָוונע און אין אַנדערע שטעט, אַט דער הינט-אַ אַרבעט ערגעץ אין אונזער ראַיאָן...

ליובאַ האָט מיט שרעק אַרויסגעמורמלט:

— מיכאל דער פּראָוואָקאַטאָר אין אונזער ראַיאָן? וואָס רעדט איר, בערציק? איך האָב געהערט וועגן אים...

אָט-אָ דערפאַר איז דאָך דער דעלעגאַט אַהערגעקומען. ער קען אים, זאָגט ער. האָט אַמאָל אויך געהערט צו די פּועלי-ציון און געאַרבעט מיט אים אין קאָוונע...

— גאָט מײַנער! — האָט ליובאַ אַרויסגעמורמלט צעטראָגן. — צי זענען דאָס אים נישט צו פאַרדאַנקען אַלע אונזערע לעצטע דורכפאַלן?! אָבער ווער איז ער? ווי אַזוי קומט ער צו וויסן וועגן אונזער אַרבעט, וועגן די אַדרעסן, וועלכע נאָר איך אַליין ווייס? ווי זעט ער אויס?

בערציק האָט אויפגערעגט אַ שמייכל געטון און זיך אָנגערופן:

— טאָמער איז ער ערגעץ דאָ, וועל איך אים אפילו פון אונטער דר'ערד אויסגראָבן, זײַן פאָטאָגראַפיע האָב איך בײַ זיך...

בערציק האָט זיך אומגעקוקט, איז אַפּגעטרעטן הינטער אַ בוים און האָט אַרויסגעשלעפּט פון הינטער זײַנע הויזן אַ צײַטונג און צוריק-געקערט זיך צו ליובאַן.

— אָט דאָ איז דער לעצטער נומער „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ" מיטן בילד פון אָט דעם הונט. דער דעלעגאַט האָט מיך געהייסן עס אייך ווייזן.

ליובאַ האָט גענומען די צייטונג און זיך אַריינגעקוקט אינם בילד.

— אומבאַקאַנט! — האָט זי געזאָגט. — אַזאַ אינטעליגענט פּנים און אַזוי נידעריק!

— קוקט זיך איין גוט אין אים. טאָמער טרעפט איר אים אַמאָל. איר זעט? אַ קורץ, שוואַרץ בערדל, איז הויך. און אויפן האַלז, זאָגט דער דעלעגאַט, האָט ער אַ טיפן שניט.

— אויפן האַלז אַ טיפן שניט? — האָט ליובאַ צעטראָגן איבער־געפרעגט.

— טאָמער איז ער טאַקע דאָ — זאָגט דער דעלעגאַט — וועט ער זוכן אייער באַקאַנטשאַפט מסתמא. ווייל דער הונט קאָן דערשמעקן, אַז בײַ אייך אין די הענט איז די גאַנצע קאָנספּיראַטיווע אַרבעט פון אונזער ראַיאָן.

ליובאַ האָט אַרויסגעמורמלט פאַרטראַכט:

— וווּ האָב איך געזעען אָט די אויגן, אָט דעם בליק.

און נישט זי און נישט בערציק האָבן געהערט ווי אַ נייער פאַרשוין איז צו זיי פלוצלינג צוגעגאַנגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דאָס איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער מאַן אין אַ פּאַלערינע און מיט פּענסנע אויף די אויגן און מיט אַ שטאָק אין דער האַנט.

דאָס פּנים איז בײַ אים בײַ געווען ריין ראַזירט ווי בײַ אַן אַקטיאָר, און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ברייט, ווייס היטל, און אויפן האַלז — אַ הויכן, שפּייענדיקן, ענגלישן קראַגן.

— זדראַוסטוויטיע! וואָס איז דאָס פאַר אַ צייטונג? — האָט ער זיך אָנגערופן, צוגייענדיק צו ליובאַן און אַרויסגענומען די צייטונג פון אירע הענט.

— באָריס! — איז ליובאַ אויפגעשפּרונגען מיט פרייד.

ער האָט דערווייל אַ קוק געטון אויפן בילד אין דער צייטונג און מיטאַמאָל זי פאַררוקט צו זיך אונטערן בוזעם. און געזאָגט:

— איך וועל זי אייך שפּעטער אָפּגעבן. אַ ביסעלע פאַרזיכטיקער מיט אָט דער צייטונג!...

און ער האָט גערעדט ווייטער:

— איר זענט נישט גענוג פּאַרזיכטיק. בפּרט היינט דאַרף מען זיין פּאַרזיכטיק. צוליב דער שׂרפה אין דראָזדאָווסקיס הויף איז די גאַנצע זשאַנדאַרמעריע אויף די פיס. אָט בין איך אומבאַמערקט צוגעגאַנגען. עס האָט דאָך אָבער געקאָנט זיין אַן אַנדערער. אגב, האָב איך אויפן וועג באַמערקט יאָסל פּאָדוואָראַטניקן, ער דרייט זיך דאָ ערגעץ אַרום. פּאָרזיכטיק, פּאַרזיכטיק, חברים! וואָס מאַכט אונזער בראָווער חבר בערציק? — האָט ער ווידער זיך אַ קער געטון צו אים.

— אָט, אַז עס איז פאַראַן אַרבעט, טוט מען, חבר באָריס! — האָט בערציק געענטפערט מיט דרך-ארץ.

— אַזוי דאַרף זיין. רעוואָלוציאָנערן מוזן שטענדיק אַרבעטן! — האָט באָריס געזאָגט מיט וואַרעמקייט אין קול און אַ קלאַפּ געטון בערציקן איבערן ברייטן אַקסל. — אַזעלכע אַנטשלאָסענע האָב איך ליב, חבר!

ליובאַ האָט געקוקט אויף אים מיט וואַרעמע אויגן, באַגייסטערט.

— איך טו, וואָס איך קאָן, חבר באָריס, — האָט בערציק זיך אָנגערופן פשוט און גוטמוטיק און מיט דרך-ארץ געשמייכלט.

— חבר באָריס! — האָט ליובאַ מיטאַמאָל געפרעגט. — האָט איר געזען דאָס בילד אין אָט דעם נומער?

— יאָ, געזען. נישט קיין אָנגענעם שטיקל נייעס.

האָט אַרויסגעשלעפּט די צייטונג פון אונטערן בוזים און אין איר אַריינגעקוקט.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַ קער געטון צו ליובאַן:

— האָט איר אפשר אַמאָל געטראָפן אַ מענטש, וואָס זאָל זיין ענלעך צו אָט דעם בילד? —

— ניין, קיינמאָל נישט.

— זענט איר זיכער?

— איך בין זיכער אין דעם.

— און איר, בערציק?

— איך? — האָט זיך בערציק אַ כאַפּ געטון — ע, אַז איך וואָלט אים געטראָפן!...

— און איך האָב אים יאָ געטראָפן — האָט באָריס דערנאָך געזאָגט מיט אַ שמייכל. — נאַטירלעך נישט איצטער און נישט דאָ, נאָר מיט עטלעכע יאָר צוריק. איך האָב דאָך אַמאָל געאַרבעט מיט אים בײַ די פּועלי-ציון. עך, מיכאַיל, מיכאַיל! ווער האָט זיך געקאָנט דעמאָלט

אויף דעם ריכטן?... אָבער מילא, פאַרפאַלן! מיר דאַרפן זיין איצט פאַרזיכטיק.

— דער דעלעגאַט זאָגט, אז ער האָט מיט דעם פּראָוואָקאַטאָר אמאָל אויף געאַרבעט בא די פּועלי-ציון — האָט בערציק זיך אָנגערופן.

— דער דעלעגאַט? וואָס פאר א דעלעגאַט? — האָט באָריס א פרעג געטון.

— א דעלעגאַט איז געקומען פון אויסלענדישן קאָמיטעט — האָט בערציק געענטפערט. — און ער האָט עס מיך געשיקט מיט דער צייטונג צו דער חברטע ליובאַ.

— א דעלעגאַט פון... וויכטיקע נייעס — האָט באָריס געזאָגט און פאַררייכערט א פּאַפּיראָס. — ווען איז ער געקומען, חבר בערציק?

— היינט אינדערפרי. באַנאַכט האָבן מיר א „סכאָדקע". ער וועט פאַרברענגען דאָ א פּאָר טעג.

— אַזוי? ווי הייסט ער?

בערציק האָט א צי געטון די אַקסלען און א שאָקל געטון דעם קאָפּ.

— איך ווייס נישט.

— און וואוהין פאָרט ער פונדאַנען?

— איך ווייס נישט.

— און ווי זעט ער אויס?

— אָט, מיר וועלן דאָך אים היינט טרעפן אויף דער „סכאָדקע"— האָט ליובאַ אים איבערגעשלאָגן.

— איך פרעג זיך נאָך אַזוי אויף אים — האָט באָריס זיך אָנגערופן — ווייל אפשר איז ער מיינס אַן אַלטער חבר. רעדט ער הייזעריקלעך, חבר בערציק?

— יאָ! איר קענט אים? — האָט בערציק זיך א כאַפּ געטון.

— ער האָט א רויטע באָרד? — האָט באָריס ווידער געפרעגט אָנשטאָט צו ענטפערן בערציקן.

— ניין, חבר באָריס, ער האָט א שוואַרצע באָרד.

— איז דאָס נישט ער — האָט באָריס באַמערקט.

— חבר באָריס — האָט ליובאַ זיך אָנגערופן, — דענקט איר נישט, אז אונזערע לעצטע דורכפאַלן האָבן א שייכות מיט דעם דאָזיקן פּראָוואָקאַטאָר?

— ווער ווייסט ? אַלנפאַלס מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק, איבערהויפּט איר.

— איך בין, דאַכט זיך, גענוג פאָרזיכטיק, גענוג קאָנספּיראַטיוו — האָט ליובאַ געזאָגט.

— אפשר זענט איר נישט גענוג פאָרזיכטיק מיט די אַדרעסן און אַזוי ווייטער ? ווו געפינט זיך דאָס בא אייך ?

— אין זייער אַ זיכערן פּלאַץ.

— צום ביישפּיל ?

ליובאַ האָט אַ לאַך געטון און געענטפערט :

— קאָנספּיראַציע, חבר באָריס !

— איר זענט גערעכט. איר טאָרט קיינעם נישט פאַרטרויען. נאָר מיר ווייזט זיך אויס, אַז בא מיר וואָלט עס געווען זיכערער.

— זיכערער ווי בא מיין פּאַפּאַ אין הויז קאָן נישט זיין. אַזאַ כשר הויז ! — האָט ליובאַ ווידער אַ לאַך געטון.

פּלוצלינג האָט בערציק זיך אָנגערופן :

— איך גיי ! מיר וועלן זיך היינט טרעפן אויף דער „סכאָדקע". פאַרגעסט נישט צו קומען אין צייט !

— בערציק ! — האָט ליובאַ דאַן געזאָגט. — זייט פאָרזיכטיק מיטן מעסער, עס קאָן אייך נאָך פאַרוווּנדן.

— וואָס פאַר אַ מעסער ? — האָט באָריס געפרעגט.

בערציק האָט געענטפערט :

— פאַר דעם כלב, דעם פּראָוואָקאַטאָר !

און אַרויסגעשלעפּט פון כאָליעווע דאָס מעסער, וואָס האָט מיט זיין שאַרפקייט אַ בליאַסק געטון.

— גענוג שאַרף פאַר דעם כלב !

— יאָ, גענוג שאַרף — האָט באָריס אים נאָכגעזאָגט און געקוקט אויף בערציקן מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל. ביז ער האָט ווידער פאַררוקט דאָס מעסער אין כאָליעווע.

דערנאָך איז ער פּלוצלינג צוגעגאַנגען צו אים און אים גענומען אָן אַ זייט.

— מיין פריינט, — האָט באָריס געזאָגט. — מיר געפעלט נישט וואָס מען האָט אייך איבערגעגעבן צו זוכן מיכאַילן.

— הלוואי דערטאַפּ איך אים נאָר !

— דידאָזיקע אַרבעט נעם איך אויף זיך, חבר בערציק. פאַר אייך

האָב איך דערווייל אַן אַנדערע אַרבעט. און זי מוז געטון ווערן נאָך היינט!

— וואָס פאַר אַן אַרבעט?

— אַ קעסטל מיט געווער אָפּפירן אין דאָרף נאָוואָסעלסקי. די חברים שוואַרץ מיט נאָך איינעם גייען היינט אַהין. מוז מען צופירן אַהין געווער.

— היינט? — האָט בערציק אַרויסגערעדט צעמישט.

— יאָ, אין אַ שעה אַרום מוזט איר זיין בײַ מיר אויף דער קוואַרטיר, — האָט באָריס גערעדט ווייטער און אים אַ קלאַפּ געטון איבערן אַקסל. — מיין פריינט, נישט יעדן רעוואָלוציאָנער קאָן מען אָנפאַרטרויען אַזאַ אַרבעט...

— אָבער איך וויל היינט זיין אויף דער „סכאָדקע“, — האָט בערציק ווידער זיך אָנגערופן צעמישט.

באָריס איז געוואָרן אויפגערעגט.

— זענט איר אַ רעוואָלוציאָנער, בערציק? — האָט ער געזאָגט און דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים אָנגעצונדן. — איר מוזט! איר מוזט אָוועקפירן!

בערציק האָט זיך אַ קראַץ געטון דעם קאָפּ און דערנאָך אַרויסגערעדט:

— גוט, אין אַ שעה אַרום וועל איך בײַ אײַך זיין. סיידן איך וועל פאַרנומען זיין מיטן דעלעגאַט, וועל איך שיקן צו אײַך אַן אַנדערן חבר.

— ניין, בעסער איר אַליין! — האָט באָריס זיך אַ כאַפּ געטון.

— אַ חבר, אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן. נאָר מסתמא וועל איך אַליין זיין בײַ אײַך.

— יאָ, יאָ, איר אַליין, געדענקט! אַליין, אין אַ שעה אַרום. און זייט פאָרזיכטיק דערווייל מיטן מעסער, חבר בערציק! יאָסל פּאָדוואָראָטניק דרייט זיך דאָ אַרום...

בערציק איז אַוועק און באָריס האָט זיך צוריקגעקערט צו ליובאַן, וועלכע איז איצט געזעסן אויפן שטיין.

— אַ בראַווער יונגערמאַן, אָט דער בערציק — האָט ער געזאָגט.

— זיי זענען אַלע בראַוו — האָט ליובאַ זיך אָנגערופן. — וועט איר היינט אויך גיין צו דער „סכאָדקע“?

— ניין, איך האָב נאָך היינט אַ סך אַרבעט. די דערפער אַרום

דראזדאָווסקיס הויף האָבן רעוואָלטירט. דער הויף האָט אָפּגעבּרענט.. מאָרגן וועלן אַנדערע דערפֿער זיך לאָזן הערן. איך האָב געווּג אַרבּעט. הײַנט דאַרף איך זיך נאָך זעען מיט עמעצן...

ליובאַ האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— וויפֿיל איר אַרבּעט!

— נישט גענוג! ווייניק! ווייניק!

— באָריס, וויפֿיל איר האָט שוין אויפֿגעטון! גאַנצע דערפֿער האָט איר רעוואָלוציאָניזירט! אין קאַלטע, גלײַכגילטיקע הערצער האָט איר דאָס פֿײַער פֿון רעוואָלוציע אָנגעצונדן!

און פֿליסטערנדיק אַזוי, האָבן אירע אויגן געקוקט באַגײַסטערט אויף אים.

— דאָס איז ווייניק, ליובאַ! איך וואָלט געוואָלט, אַז דער גאַנצער רוסישער דעספּאָטיזם זאָל אײַן האַלדז האָבן, כּדי איך זאָל אים מיט איין שטריק קאָנען דערשטיקן! איך וואָלט געוואָלט, אַז איין מעכטיק, בּושע-וועדיק פֿײַער זאָל זיך דורכטראָגן פֿון איין עק רוסלאַנד ביזן אַנדערן און זאָל פֿאַרברענען אַלצדינג, אַלצדינג וואָס שטייט אין וועג פֿון רוס-לאַנדס פֿרײַהייט, רוסלאַנדס גליק! איך וואָלט אַליין געוואָלט פֿאַרברענט ווערן אין יענעם פֿײַער, און מעג איך דאַן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַש, אָבער איבּער מײַן אַש וועט דעמאָלט לײַכטן די שײַנע, רויטע זון פֿון פֿרײַהייט און גליק!...

— ניין, ניין, חבר באָריס! — האָט ליובאַ אַ באַגײַסטערטע גע-פֿליסטערט. — איר וועט נאָך אַליין דערלעבן יענע פֿרײַהייט און גליק. אַזוינע ווי איר זענט מוז מען האָבן נאָך דער רעוואָלוציע אויך.

באָריס האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון.

— איך האָב גאָר פֿאַרגעסן!

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן בּוזים אַ גרויסן קאָנווערט און איר דערלאַנגט.

— דאָס איז דער פּאַספּאָרט פֿאַר דעם רבס טאָכטער. ווען פֿאָרט זי? קומענדיקן דינסטיק?

— יאָ, קומענדיקן דינסטיק — האָט ליובאַ געענטפֿערט און אַרונ-טערגערוקט דעם קאָנווערט דורכן קראַגן אויף איר בּוזים.

— איינדערפֿרי? — האָט באָריס ווײַטער געפֿרעגט.

— יאָ.

און פלוצלינג איז ליובאַ אויפגערעגט געוואָרן און האָט זיך אויפגעהויבן.

— חבר באָריס! — האָט זי ווייטער גערעדט מיט ווייטיק. — מיין געוויסן מאַטערט מיך. יעדערער טוט מער פון מיר. אַט פּאַרט בראַכקע אין פּעטערבורג אויף אַזאַ געפערלעכער אַרבעט. זי שטעלט איין איר לעבן אין סכנות. און איך? וואָס טו איך? איך וואָלט אויך געוואָלט אויפטון עפּעס גרויסעס...

— איר זענט אויך נישט אין קיין קליינע סכנות, ליובאַ. ווען מען זאָל געפינען בא אייך דאָס, וואָס איר האַלט בא זיך, ווערט מען אייך אויך נישט שאַנעווען...

— מיין אַרבעט באַפרידיקט מיך אָבער נישט. שטענדיק מוז איך לאַווירן צווישן מיינע עלטערן און מיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. איך מוז פאַרשווייגן, וואָס איך וואָלט נישט וועלן. אויסער דעם, דער שטענדיקער פאַרדאַכט פון מיין מאַמען, איר ציטערן איבער מיר. און אַמאָל האָב איך שטאַרק רחמנות איבער איר אויך. זי איז דאָך נישט שולדיק, וואָס זי איז אַ קינד פון דער אַלטער וועלט!...

— פאַר אַ רעוואָלוציאָנער עקזיסטירט נישט קיין אַלטע וועלט. אויף די חורבות פון דעם אַלטן בויט ער דאָס נייע! — האָט באָריס זיך אָנגערופן.

— ווען איך וואָלט זיך געקאָנט אַרויסרייסן פון דאַנען! — האָט ליובאַ ווידער אָנגעהויבן מיט אַ צעפלאַקערט פנים. — אויפהערן צו שפּילן די טאָפּלטע ראָלע, שטעלן זיך אין אָפענעם קאַמף קעגן דעם פיינט, אויפטון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל צופרידנשטעלן מיין קליינטשיקן „איך" אויך. באָריס, איך בין דאָך נישט בעסער פון הונדערטער אַנדערע פרויען, וואָס שטייען טאָג-איין און טאָג-אויס אין אָפענעם קאַמף און קוקן דעם טויט דרייסט אין די אויגן אַריין. גלייבט מיר, אַז איך וואָלט עס אויך געקאָנט. איך ווער דערשטיקט פון מיין טאָפּלטער ראָלע. איך ווער דערשטיקט!

באָריס איז געזעסן מיטן קאָפּ אַרונטערגעלאָזט און האָט געצופּט מיט די פינגער דאָס גראָז און עס געוואָרפן אַרום זיך.

דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטאַרק אָנגעקוקט ליובאַן דורך זיינע פּענסנע. פּלוצלינג האָט ער אַ שמייכל געטון און זיך אָנגערופן מיט גאָל אינעם קול:

— די טאָפּלטע ראָלע... יאָ, אַ טויזנטפאַכיקע קללה איז זי.. בא

אנדערע איז די שיער נישט קיין קראַנקייט, די געפערלעכסטע קראַנקייט. צום ביישפיל, באַ אַזאַ הונט ווי מיכאַיל...

ליובאַ האָט אַ קוק געטון אויף אים.

— וואָס מיינט איר? — האָט זי אַ פרעג געטון.

ער האָט נישט געענטפערט, אַנגעצונדן ווידער אַ פּאַפּיראָס און נערוועז געצויגן רייכערן.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן.

— איר ווייסט, ליובאַ? — האָט ער דאָן ווידער געזאָגט און געקוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין. — איך בין דווקא צופרידן מיט אייער ראָלע. איר בלייבט באַשיצט פון אייער פאָטערס הויז...

— פאַרוואָס? בראָכקע, דעם רבס טאָכטער, שטעלט איין איר לעבן, און איך מוז זיין באַשיצט?

באָריס האָט אויפגערעגט אַרויסגעמורמלט:

— פאַרוואָס? ווייל אייער לעבן איז מיר טייער. ווייל... ווייל...

ליובאַ האָט אַ קוק געטון אויף אים און איז צעמישט געוואָרן.

— וואָס מיינט איר? — האָט זי אַרויסגעמורמלט.

— ווייל איך ליב אייך, ליובאַ — האָט ער געענטפערט. — שוין לאַנג דאָס געוואָלט אייך זאָגן. און אפשר וואָלט איך דאָס אייך היינט אויך נאָך נישט געזאָגט, נאָר די נייעס, אַז מיכאַיל איז דאָ ערגעץ און איך קאָן נישט וויסן, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט מיר זאָגן, אפשר פאַל איך אויך אַריין, טרייבט מיך, אַז איך זאָל דאָס אייך איצט זאָגן. יאָ, ליובאַ, איך ליב אייך!

ער האָט זי אַ כאַפּ געטון פאַר ביידע הענט.

זי האָט געקוקט אים אין די אויגן אַריין אַ צעמישטע און צע־רויטלטע און געציטערט.

און ער האָט גערעדט ווייטער:

— איך בין שטאַרק, זייער שטאַרק, אָבער די ליבע צו אייך מאַכט מיך שוואַך. איר הערט, ליובאַ?

— פאַרוואָס רעדט איר אַזוי? — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט, ציטערנדיק.

— וואָס מיינט איר?

— מען דאַרף נישט... רעדט נישט אַזוי.

— פאַרוואָס?... איך וויל אַ ביסעלע פערזענלעך גליק אויך, ליובאַ,

אַ ביסעלע פּערזענלעך גליק — האָט ער געפּליסטערט מיט אַ ברענענ־דיקן אָטעם און זײַנע אויגן האָבן זיך געצונדן.

— באָריס! — האָט ליובאַ אַרויסגעשטאַמלט, אַ ריס געטון זיך פון זײַנע הענט און מיטאַמאָל זיך אַ וואָרף געטון צו אים אויף דער ברוסט.

— דו ליבסט מיך אויך. אָיאָ? ענטפער! — האָט ער הייס גע־פּליסטערט.

— איך פאַרגעטער איך!...

און פּלוצלינג האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זײַן ברוסט און אים אָנגעקוקט מיט ליכטיקע אויגן.

— איז דאָס אמת, באָריס? איז דאָס אמת?

— וואָס?

— אַז איר ליבט מיך?

באָריס האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

— יאָ. און זייער, זייער ערנסט!

האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן שטיין און זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך און אַרונטערגענומען די פענסנע פון זײַנע אויגן.

— און איצט וועלן מיר האָבן אונזער ביסעלע גליק אויך...

ער האָט אַרײַנגענומען אירע הענט אין זײַנע און געקוקט איר אין די אויגן אַרײַן, וואָס זיי האָבן נאָך אויסגעזען ווי פאַרלוירן.

— אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אומגעריכט, — האָט ליובאַ אַרויסגעמורמלט ווי צו זיך אַליין, און זי האָט נאָך אַלץ געקוקט און געשמייכלט אַזוי ווי פאַרלוירן. — דאָס איז מער ווי איך האָב חלום־עס־איז געחלומט... דאָס איז מער... איך ליב אייך שוין לאַנג, כמעט פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען איך האָב אייך געטראָפן. און ווי אומאָנגענעם דאָס איז מיר געווען!...

— אומאָנגענעם? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ. און אַמאָל האָב איך דערפון זייער געליטן, באָריס. ווייל מיר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז דאָס פאַרשוועכט מײַן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. רײַסט אַוועק מײַן האַרץ און מײַנע געדאַנקען פון — — —

ער האָט איר איבערגעשלאָגן מיט אַ הייס געלעכטער, אַרײַנגענומען איר קאָפּ צווישן זײַנע ביידע הענט, אויסגעדרייט איר פּנים צו זיך און איבערגעבויגן זיך איבער איר מיט אַ הייסן אָטעם און אָנגעצונדענע אויגן.

— מיר, רעוואָלוציאָנערן, גלייבן נישט אין אַסקעטיזם — האָט ער געזאָגט מיט אַ הייזעריקלעך קול, פול מיט ליידנשאַפט. — פאַרקערט, ווען עס קומט צו אַט דעם געפיל, אונטערדריקן מיר אים נישט. ווייל דאָס געזעטיקטע געפיל פאַרהונדערטפאַכט אונזער ענערגיע. פאַרשטייסט? מיר זעטיקן אים, מיר זעטיקן אים, מיר זעטיקן אים — האָט ער גערעדט אַלץ הייסער און צוגערוקט זיין פנים מיט דעם הייסן אָטעם און ברענענדיקע אויגן, אַלץ נענטער צו אירס, און מיטאַמאָל איז ער צוגעפאַלן מיט זיינע ליפן צו אירע.

און זי האָט געקוקט אויף אים מיט האַלב-געעפנטע אויגן, ווי דורך אַ שלייער, איינגאַנצן פאַרשיכורט, און אירע ליפן האָבן זיך פאַרחלשט אונטערגעוואָרפן אונטער זיינע...

און דערנאָך... זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון און אַרויסגעריסן זיך פון זיינע הענט און איז אויפגעשפּרונגען.

ער האָט זיך אויך אַ ריס געטון פון זיין אָרט.

— ליובאַ!

— באָריס, איך בעט אייך! — האָט זי אַרויסגעמורמלט מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם און איז אָפּגעטרעטן פון אים אַ ביסעלע ווייטער מיט אַ צעפלאַמט פנים און צעמישטע אויגן.

— ליובאַ, פאַרוואָס נישט? אַ ביסעלע פערזענלעך גליק, ליובאַ!...

— רעדט נישט! — האָט זי געמורמלט און געשטעלט זיך צו אים מיטן רוקן.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר.

— וואָס איז? וואָס איז? — האָט ער געזאָגט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל, און דאָס קול זיינס האָט נאָך געציטערט פאַר אויפרעגונג און זיינע אויגן האָבן זיך נאָך געצונדן. — ווען דו האָסט מיך ליב און איך דיך... אָדער אָן די פיר שטאַנגען און אָן אַ רינגל...

זי האָט זיך אומגעדרייט צו אים.

— באָריס!

— היינט פאַרוואָס דען?

— אויב איר האָט מיך באמת ליב, בעט איך אייך — האָט זי אים אָנגעקוקט ווידער פאַרלוירן.

— איך האָב דיך ליב, ליובאַ. און אויב דו האָסט מיך ליב, ווי דו זאָגסט...

— נישט אזוי פלוצלינג, באָריס...

זי האָט אים אָנגעקוקט אַ צערויטלטע מיט בעטנדיקע אויגן און אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ.

— ניין, ניין! — האָט זיך פלוצלינג באַ איר אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקט קול, און זי האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

ער האָט איר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אַקסל.

— ניין? קיינמאָל נישט? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— דערווייל נישט — האָט זי שטיל געענטפערט און זיך אַ כאַפּ געטון: — איכל איצט גיין!

— אַנטלויף נישט. נו, גוט, איך בין שוין רויק. קום, זעץ זיך לעבן מיר.

זי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ צו אים און אים אָנגעקוקט ווידער פאַרלוירן.

— איך גיב דיר מיין וואָרט, ליובאַ! — האָט ער דערנאָך געזאָגט.

און זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צום שטיין און זיך אָוועקגעזעצט אויף אים.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז איר קאָפּ געלעגן באַ אים אויפן אַקסל און ער האָט גערעדט:

— אַט אַזוי וואָלט איך געוואָלט זיצן לעבן דיר דאָס גאַנצע לעבן... אָבער די אַרבעט רופט, און אפשר דער טויט...

זי האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט.

— רעדט נישט אַזוי, איך בעט אייך.

ער האָט נערוועז אַ לאַך געטון און זיך אָנגערופן:

— באמת, ליובאַ, וואָס וועט זיין ווען מען זאָל מיך באַלד טויטן?

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון.

— הערט אויף, הערט אויף, באָריס!

האָט ער ווידער אַ לאַך געטון און געזאָגט:

— עגאָיסטקעלע... איך ווייס, אַז דו טראַכסט איצט מער פון מיר, ווי פון דער רעוואָלוציע...

— איר אַליין זענט די רעוואָלוציע — האָט זי ליידנשאַפטלעך אַרויסגעמורמלט. — איר אַליין שאַפט ניי לעבן, נייעם בליק. איר אַליין!

— "דו", "דו", "דו"! זאָג נישט "איר" — האָט באָריס איר איבערגעשלאָגן.

— דו, באָריס, דו! — האָט זי דערנאָך אַרויסגערעדט אַ גליק־לעכע. — דו ווייסט, וואָס איך וואָלט איצט געוואָלט זיין?

— מיין ווייב נישט! דאָס איז זיכער — האָט ער אַ שפּאַס געטון.

— ערנסט, באָריס. איך וואָלט וועלן איצט זיין עפּעס אַ שיינער, זינגענדיקער פויגל. דאַן וואָלט איך אַרויפגעפלויגן אויפן העכסטן, העכסטן בוים און וואָלט פון דאָרט אַרונטערגעזינגען צו עמעצן וועגן מיין ליבע, וועגן מיין גליק...

— צו עמעצן? און ווער איז דער עמעצער?

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין אַקסל און געענטפערט שטיפעריש און מיט לאַכנדיקע אויגן:

— נישט דו!

ער האָט אַריינגענומען אירעביידע הענט אין זיינע און ווידער צוגערוקט זיין פּנים נאָענט צו אירס.

— נישט איך?

זי האָט אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ.

— זיכער? — האָט ער ווייטער געפרעגט אין אַ שפּאַסיקן טאָן.

זי האָט שטיפעריש אים אַרויסגעשטעלט אַ שפּיץ צונג.

ער האָט זיך וואַרעם און האַרציק צעלאַכט.

— עך, דו! — — האָט ער זיך דערנאָך אָנגערופן. — און דו שעמסט זיך גאָרנישט פאַר דער רעוואָלוציע צו רעדן און צו חלומען במעט, כמעט...

— ווי אַ נאַריש, סענטימענטאַל מיידל? — האָט זי אים איבער־געשלאָגן.

— יאָ. פונוואַנען ווייסטו, אַז איך האָב עס געוואָלט זאָגן? — האָט ער געפרעגט נאָך אַלץ אין זיין שפּאַסיקן טאָן.

— ווייל איך אַליין פיל אויך, אַז איך בין איצט נאַריש און סענ־טימענטאַל.

— און דו שעמסט זיך, האַ?

— יאָ, באָריס, אַ ביסעלע...

— ביסט אַ נאַר — האָט ער געזאָגט.

— דו האָסט מיך נאַריש געמאַכט, באָריס.

— דו מיינסט קלוג, ליובאַ? דו מיינסט גליקלעך, ליובאַ?

און ער האָט זי מיט קראַפט ווידער צוגעצויגן צו זיך.

— יאָ, ליובאַ, דו וועסט זיין גליקלעך, דו מוזסט ! דו מוזסט ! — האָט ער ווייטער גערעדט מיט אַ פאַרשטיקטן, הייסן אָטעם, און ער איז ווידער צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע.

שפּעטער האָבן זיי זיך געזעגנט, און ער איז אַוועק מיטן וועג דורכן וואַלד, און זי — צו איר שיפל.

די צייטונג מיטן בילד פון מיכאַיל דעם פּראָוואָקאַטאָר האָט ער איר נישט צוריקגעגעבן, און זי האָט פאַרגעסן בײַ אים צו בעטן אָט די צייטונג.

דאָס פערטע קאַפּיטל

וואָס ליובאַ האָט געטראַכט וועגן אים

ווען ליובאַ איז צוגעגאַנגען צו דער אָזערע, האָט זי זיך גלייך נישט אַריינגעזעצט אין שיפל, נאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו יענער זייט, פונוואַנען זי איז ערשט געקומען, און געקוקט און געקוקט אַהין, אַזוי ווי מיט אירע בליקן, וואָס האָבן איצט פאַרסודעט געשמייכלט, וואָלט זי זיך געיאָגט נאָך באַריסן...

דערנאָך האָט זי זיך מיטאַמאָל צעלויכטן, אַזוי ווי זי וואָלט דערזעען דאָס נייע גליק, וואָס האָט זיך דאָרט אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אומגעריכטערהייט פאַר איר אַנטפּלעקט.

דער וואַלד איז איצט געווען אַ סך טונקעלער. און ער האָט געאָטעמט מיט קילער פייכטקייט און מיטן שימל פון זיינע דאָרטיקע זומפּן, און קלאַנגען פון זשאַבעס האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן; אָבער ליובאַן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ ווונדערלעכע ליכטיקייט שטראָמט פון דאָרט, און אַ גרויסע, גרויסע פרייד, באַגלייט פון ווונדערלעכע, פאַרסודעטע קלאַנגען.

אַלצדינג אַרום איר האָט זיך איצט איר אויסגעוויזן עפּעס אַזוי ניי, אַזוי שיין און אַזוי פיל מיט פרייד, ווי זי וואָלט פּלוצלינג פאַר זיך דערזעען אַ נייע, אַ פאַרכישופטע וועלט.

אין אָט דעם מאָמענט האָט זי אַלצדינג געזעען מיט די אויגן פון איר נייעם גליק.

„אַ ביסעלע פערזענלעך גליק, ליובאַ!" — האָט אָפּגעהילכט פאַר איר באַריסעס ליידנשאַפטלעך קול, און זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון.

— מיין ליבער! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

— מיין ליבער! — האָט זי אַרויסגערעדט העכער

— מיין ליבער! — האָט זי שיער נישט אויסגעשריגן הויך אויפן קול.

און מיטאמאָל האָט זי זיך ראַפּטום אַ כאַפּ געטון פון אָרט, אומ־געדרייט דאָס פּנים צו דער אָזערע. האַסטיק אַפּגעשטופּט דאָס שיפל פון ברעג, איז אַזוי האַסטיק אַריינגעשפּרונגען דערין, און באַלד האָט זי זיך מיט אימפּעט אָוועקגעשיפט איבערן שפּיגלדיקן וואַסער.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אָוועקגעלייגט די וויאַסלעס און געלאָזט דאָס שיפל זיך טראָגן אַליין.

און זי האָט נישט באַמערקט, אַז דאָס שיפל טראָגט זיך, פון אַ וואַרעם ווינטעלע געטריבן, נישט צו דעם אַנדערן ברעג, ווו זי, ליובאַ, האָט געדאַרפט, נאָר גלייך צום אַנדערן עק פון דער אָזערע, וועלכע האָט דאָרט, אונטער די טונקעלע שאָטנס פון וואַלד, אויסגעזעען, ווי צע־שמאָלצענער זילבער.

ליובאַ האָט איצט גאָרנישט באַמערקט, האָט געזעען פאַר זיך בלויז באָריסן.

אָט טרעפט זי אים צום ערשטן מאָל...

זי און נאָך עטלעכע חברטעס און חברים זענען זיך צונויפגעקו־מען אין וואַלד, כדי זיך צו טרעפן מיט אים... ער איז געקומען צו זיי פון צענטראַל־קאָמיטעט...

באַלד נאָך פסח איז דאָס געווען, באַלד נאָכן קישענעווער פּאָגראָם, וואָס נאָך אים זענען צענדליקער און צענדליקער יידישע יונגעלייט און מיידלעך גרייט געווען צו שטאַרבן אין אַ נקמה־קאַמף קעגן דער רוסי־שער פּאָגראָם־רעגירונג.

לכתחילה האָט ער נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק אויף איר, ווען דער יונגער, באַגייסטערטער מאָטל האָט אים געבראַכט צו זיי אין וואַלד: צו פּראַנטיש איז ער געקליידט געווען, און מיט זיין ריין־ראַ־זירט, לענגלעך פּנים און מיט זיינע פּענסנע, זיין פּעלערינע און מיט זיין שטאָק אין דער האַנט, האָט ער אויסגעזעען ווי אַן אַקטיאָר, וואָס איז געקומען גלייך פון דער בינע, וווּ ער האָט געשפּילט די ראָל פון עפּעס אַ פּאָעט און האָט פאַרגעסן, צי קיין צייט נישט געהאַט, אַרונטער־צונעמען זיין גרים...

נאָר אָט רעדט ער, און דער ערשטער איינדרוק איז אָפּגעווישט.

אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער כוח רעדט. דער רעוואָלוציאָנערער גלויבן אַליין. יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס וועגן דער רוסישער

פּאָגראָם־רעגירונג, איז געטונקט אין פייערדיקן האַס. יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס וועגן פרייהייט און באַפרייונג, צינדט דעם דראַנג און ווילן צו מקריב זיין זיך פאַר דער רעוואָלוציע.

ער דערמאַנט דעם קישענעווער פּאָגראָם. די קרושעוואַנעס און דעם שוואַרצן כּוח, וואָס הייסט פּלעווע, און רופט צום קאַמף...

ער רעדט וועגן דער מלחמה מיט יאַפּאַן און וועגן די מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע זענען זיי אַ נצחון...

דער איינדרוק איז אַ געוואַלטיקער. דער יונגער מאָטל, אַ צעפּלאַמ־טער, קוקט אויף אים מיט שטומער התלהבות. אַזוי אויך די איבעריקע, סיי די חברים און סיי די חברטעס.

און זי, ליובאַ, איז נישט ווייניקער באַגייסטערט, איידער די אַנדערע, און זי טראַכט:

„וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער רעדנער און וואָס פאַר אַ וווּנדערלע־כער מענטש!“

און דערנאָך, באַם צעשיידן זיך, ווען זי גייט אַוועק מיט איינער פון די חברטעס, מיט בראָכקע דעם רבס טאָכטער, אַ ציין־דאָקטאָרשע, וועלכע פּראַקטיצירט אין אַן אַנדערער שטאָט און קומט נאָר אויף באַזוך צו אירע עלטערן פון צייט-צו-צייט, דאָס הייסט ווען זי דאַרף זיך טרעפן מיט חברים דאָ אין שטאָט — רעדט זי מיט איר וועגן דעם נייעם חבר באַריסן, און בראָכקע מיט איר וועגן אים, ביידע מיט באַגייס־טערונג.

בראָכקע זאָגט:

— חוץ, וואָס ער איז אַ גוטער און טאַלאַנטפולער חבר, איז ער טאָקע אַ שיינער מאַן אויך און עס איז אָנגענעם אויף אים צו קוקן.

און זי ענטפערט איר:

— דו ווייסט? לכתחילה איז מיר געווען אַ ביסל פריקרע פאַרוואָס ער איז אַזוי אויסגעפּראַנטעוועט. איצט אָבער, אַז איך טראַכט פון אים, ווייזט זיך מיר אויס, אַז די רעוואָלוציע אַליין האָט זיך דאָס אַזוי אויס־געפּראַנטעוועט, כּדי מען זאָל זי נישט דערקענען...

ער דינגט אַ קליין שטיבל הינטער דער שטאָט בײַ אַ פּויער, און עס הייסט, אַז ער איז אַ דאָקטאָר, וואָס קלויבט זיך שפּעטער צו עפענען אַ קאַבינעט אין אָט דער שטאָט.

און באַלד ווערט ער דער פירער פון דער גאַנצער אָרטיקער עס־

ערער באַוועגונג. קיין זאַך ווערט נישט אונטערגענומען אָן זיין חיסן. וועגן יעדן ריר און טריט, וואָס די דאַרטיקע באַוועגונג מאַכט, ווייסט ער.

ער שאַפט פּלענער פאַר נייע אַרבעט און פירט זיי דורך. וועקט דעם רעוואָלוציאָנערן ווילן בײַ חברים און חברטעס און שיקט זיי אויף נייער אַרבעט, און פאַרזאָרגט זיי מיט פּאַספּאָרטן און צמאַל מיט געווער אויך.

פאַרשווינדט אַליין אַמאָל אויף טעג גאַנצע און טוט אַרבעט, און שטענדיק מיט דערפאָלג.

איבערהויפּט פאַרשווינדט ער צמאַל, נאָכדעם ווי עמעצער פון די חברים אָדער חברטעס זענען „אַריינגעפאַלן“, פאַרנדיק מיט אַ פּאַספּאָרט, וואָס ער, באָריס, אַליין, האָט פאַר יענעם, צי פאַר יענער, פאַרזאָרגט.

שטענדיק נאָך אַזאַ „דורכפאַל“, ווען ליובאַ טרעפט אים, איז ער מוראדיק פאַרצווייפלט, זעט אויס בלייך און דערשלאָגן; און שטום איז ער דאַן. קיין וואָרט קאָן מען פון אים נישט אַרויסקריגן. פאַרשלאָסן אַזוי ווי אין אַ חושך..

דערנאָך פאַרשווינדט ער מיטאַמאָל, ס׳רוב מיט נאָך עמעצן פון די חברים, און ער טוט אָן אַרבעט...

ליובאַ דערמאַנט זיך איצט, ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק, בעת אין אַ דאָרף, וווּ די פּויערים האָבן זיך געלאָדן מיט זייער שכן, אַ רייכן גוטבאַזיצער, צוליב וואַלד, האָט דער איספּראַווניק אַרעסטירט און דערנאָך געלאָזט דערהרגענען מאַטלען, וואָס באָריס האָט אים אהינגעשיקט צו טון אַרבעט — דערמאַנט זיך ליובאַ, ווי ער, באָריס, איז דעמאָלט שיער נישט משוגע געוואָרן. ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה ווי אַזוי יענע פּויערים אַליין, אויפגעהעצט פון דעם איספּראַווניק, האָבן צעהאַקט אויף שטיקער מאַטלען. וועלכער איז געקומען צו זיי מיט זיין דערליי- זונגס-וואָרט...

יענעם ווינטערדיקן אויפדערנאַכט וועט זי, ליובאַ, קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווען זי איז אַ פאַרצווייפלטע און אַ צעטומלטע געקומען צו באָריסן אין דעם שטיבל הינטער דער שטאָט.

ער איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב, מיט ביידע הענט פאַררוקט אין זיינע האָר, מיט אויגן ווי בײַ אַ משוגענעם און האָט עפּעס געמורמלט, געמורמלט, צי געקרעכצט, צי געשאָלטן עמעצן...

ליובאַן האָט זיך דאַן אויסגעוויזן, אַז ער האָט עמעצן מיט פאַר- צווייפלונג געשאָלטן. און זי האָט צו אים געוואָלט רעדן, האָט ער גע-

בומען שרייען ווי אַ משוגענער: „אַוועק! אַוועק!“ און דערנאָך זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין בעט און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן. און איז געלעגן אַזוי אַ לאַנגע־לאַנגע צייט. און אַז ער האָט זיך נאָכדעם אויפגעהויבן, איז זיין פּנים אינגאַנצן צעקרימט געווען פאַר יסורים, און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקט קול, קוקנדיק פאַרשטאַרט אויפן פענצטער:

— גייט, גייט, ליובאַ, גייט! איך פיל, אַז איך וואָלט איצט בעסער געוואָלט זעען שדים און רוחות, איידער ווען נישט איר פון אייך! איך בעט אייך, גייט!

און זי האָט געוואָלט צופאַלן צו אים, און איר פאַרצווייפלונג אין אירע יסורים איבער מאָטלס טראַגישן אומקום באַהעפטן מיט זיינע ליידן, מיט די ליידן פון אים, באַריסן, וועלכער — ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן — האָט באַזונדערס טיף געליטן, מחמת מאָטל האָט אים נאָך מער פאַרגעטערט איידער די אַנדערע. און זי האָט זיך דאַן צעוויינט מיט אַ פאַרשטיקט געוויין.

האָט ער זי אַ כאַפּ געטון פאַרן אָרעם, און מיט אַ צעקרומט פּנים האָט ער אַרויסגעמורמלט דורך פאַרשטשעמעטע ציין:

— איך האָב דאָך אייך עפּעס געבעטן... גייט! איך מוז איצט בלייבן אַליין, אַליין, אַליין... מיטן רוח בלייבן, מיטן טייוול! — האָט ער פּלוצלינג אַ רעווע געטון ווי אַ צערייצטע חיה.

און זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון פון זיין ווילדן געשריי און גלייך פאַרלאָזט זיין שטיבל.

און פאַרנדיק צוריק אין שטאָט אַריין אויף אַ שליטן, האָט זיך די גאַנצע צייט פאַר אירע אויגן געטראָגן ער, מיט זיין שטומער פאַרצווייפלונג, און וואָרעמקייט אָן אַ שיעור האָט זיך געוועקט אין איר צו אים, און איר אייגענע פאַרצווייפלונג איבער מאָטלען האָט זי אין זיינער אַריינגענאָסן, מיט איר האַרץ זיך געטוליעט צו זיינעם, אין איין צער זייער ביידנס צונויפגעשמאָלצן, אין איין האַרץ ביידנס צונויפגעהעפט, און געפילט האָט זי ווי נאָענט ער איז איר געווען, ווי טייער און ווי זי האָט אים פאַרגעטערט.

און אַ וואָך שפּעטער איז באָריס ווידער מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן, און נאָכדעם האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דעם איכפּראַווניק, וועלכער האָט אַרעסטירט מאָטלען, האָט מען געפונען אַ דערהרגעטן אויפן שליאַך, נישט ווייט פון זיין היים.

און ווען באָריס האָט זיך דערנאָך ווידער באַוויזן, האָט זי, ליובאַ, אַזויווי נאָך אַ פּאָר פון די חברים, געוווּסט ווער ס'האָט דעם איספּראַווניק דערהרגעט, אָבער זי האָט וועגן דעם מיט באָריסן נישט גערעדט, ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיין אַרבעט, און ער איז אין אירע אויגן נאָך מער אויסגעוואַקסן.

זי אַליין האָט ער כּסדר געוואָרנט, אַז זי זאָל זיין פּאָרזיכטיק מיט איר קאָנספּיראַטיווער אַרבעט און זאָל זיך באַנוגענען מיט אירע אויף די קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן, צי זיי געפינען זיך בײַ איר אויף אַ זיכערן פּלאַץ.

זי אָבער האָט קיינמאָל דאָס נישט געוואָלט אויסזאָגן. אפילו אים נישט. אָן דער דערלויבעניש פון דעם צענטראַל קאָמיטעט האָט זי אָט דעם רעוואָלוציאָנערן סוד קיינעם נישט געטאָרט אָנפאַרטרויען...

דאָן איז איר איינמאָל פּלוצלינג קלאָר געוואָרן, אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו אים, און שפּעטער — אַז זי איז פאַרליבט אין אים, און אַמאָל האָט דאָס זי געמוטשעט, מחמת איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דערמיט, וואָס זי טראַכט אַזוי פיל און אַזוי וועגן אים, פאַרשוואַכט זי איר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט.

*   *

*

מיטאַמאָל האָט זיך ליובאַ געכאַפּט, אַז דאָס שיפל טראָגט זיך גאָר אין אַן אַנדערער זייט, און זי האָט ווידער גענומען די וויאָסלעס אין די הענט און אויסגעקירעוועט דאָס שיפל און אַוועקגעשיפט זיך צו יענעם ברעג, וווּ די פאַבריק איז געשטאַנען.

דאָס שיפל האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, ווייל ליובאַ האָט זיך באַלד ווידער פאַרטראַכט.

זי האָט איצט געטראַכט וועגן דעם, וואָס באָריס האָט פון איר פאַרלאַנגט. געטראַכט וועגן דעם מיט אַן אויפגערעגט האַרץ און מיט אַ הייס אויפשוידערן.

„אָן די פיר שטאַנגען און אָן אַ רינגל" — האָט זי זיך דערמאַנט זיין שפּאַטישע באַמערקונג.

און זי האָט געטראַכט ווייטער:

געוויס מיינט ער, אַז זי איז אין אָט דעם פּרט אַזוי ווי די אַנדערע

לייטישע יידישע טעכטער. איז זי אזא? אין מעאַריע — נישט. פסיכיש — אפשר. אַנישט, טאָ פאַרוואָס איז זי אַזוי צעטומלט געוואָרן, בעת זי האָט דערהערט, וואָס ער האָט פון איר פאַרלאַנגט? זי ליבט דאָך אים אַזוי! זי איז דאָך אַזוי גליקלעך איצט פון זיין דערקלערונג...

און זי האָט זיך דערמאָנט ווי אַ פּאָר פון אירע חברטעס אין שווייצאַריע האָבן אין אַזעלכע פאַלן זיך גאַרנישט געוואָרט קעגן זייערע געפילן און זענען אַוועק לעבן מיט די מענער, ווען זיי האָבן זיך פאַרליבט, און איינע פון זיי, דווקא פון אַ כּרום, יידיש-חסידיש הויז, איז אפילו אַוועק לעבן מיט אַ גלחס אַ זון...

זי וואָלט עס נישט געקאָנט. מיט אַ גלחס אַ זון!... אַזוי, לכל הפּחות, האָט זי געפילט דעמאָלט אין שווייצאַריע. אוודאי נישט דערפאַר, מחמת זי איז רעליגיעז. רעליגיעז איז זי נישט. היינט פאַרוואָס דען נישט? דאָס קאָן זי זיך נישט דערקלערן.

אפשר איז דאָס די טראַדיציע, וואָס זי טראָגט אין איר בלוט.

בכלל, האָט זי יעדעס מאָל, ווען זי האָט געטראַכט וועגן פריילעבן מיט אַ מאַן, געפילט, אַז עס וואָלט איר נישט גרינג געווען זיך אויף דעם צו אַנטשליסן.

איז דאָס דערפאַר, ווייל זי איז מאָראַלישער איידער די אַנדערע? נאַרישקייטן! זי גלייבט אַזוי ווייניק אין דער באַלעבאַטישער מאָראַל ווי די אַנדערע. פאַרקערט. זי האַלט דווקא, אַז די אמתע ליבע איז העכער פון אַלע טוגנטן און אַז עס איז גאָר אוממאָראַליש, אַז זי, די ליבע, זאָל זיך רעכענען מיט דער אַזוי גערופענער מאָראַל. היינט פאַרוואָס וואָלט זי נישט געקאָנט אַזוי גרינג אויף דעם זיך אַנטשליסן ווי די אַנדערע פון איר רעוואָלוציאָנערן קרייז?

זי ווייסט נישט. אפשר קאָן מען דאָס דערקלערן מיט איר באַזונדערער נאַטור אָדער מיט איר דערציונג.

און אפשר גאָר ווייזט זיך איר דאָס נאָר אויס? ווייל באמת קען זי זיך גאַרנישט אין אָט דעם פּרט, מחמת ביז אַהער איז זי נאָך אין קיינעם ערנסט נישט פאַרליבט געווען.

אָט אַזוי האָט געטראַכט ליובאַ, ווען זי האָט זיך געשיפט צום ברעג.

און מיטאַמאָל, ווען דאָס שיפל איז צוגעפאָרן צום ברעג, האָט ליובאַ דערזעען גרישאַן.

ער איז געשטאַנען דאָרט אַ ביסל ווייטער מיט אַרטיעמען, זייער

קוטשער, און האָט זיך צוגעקוקט ווי אַ בולאַנער פערד האָט זיך געבאָדן אין דער אָזערע.

דאָס פערד האָט געהאַלטן אויסגעצויגן זיין לאַנגן, שלאַנקן און גלאַנציקן האַלז איבערן וואַסער און איז געשווומען מיט ברייט-פונאַנדער-געעפנטע, רויטע נאָזלעכער, מיט אויסגעגלאָצטע, נאַרישע אויגן און האָט געכראָפּעט.

גרישאַ האָט דערזעען ליובאַן און האָט פריילעך אַ געשריי געטון צו איר:

— אפשר ווילט איר זיך דורכפאָרן? איך פאָר אַ צוואַנציק וויאָרסט פונדאַנען.

זי האָט אים געענטפערט פריינדלעך, מיט אַ שמייכל:

— ניין, גרישאַ, אַן אַנדערש מאָל.

און בעת דעם אַ טראַכט געטון:

„ווען ער וואָלט עס געוווסט!...“

זי איז אַרויסגעשפרונגען פון שיפל און האָט עס געוואָלט אַרויסציִען אויפן ברעג, אָבער דאָ איז שוין גרישאַ לעבן איר געווען און ער האָט דאָס שיפל אַרויסגעשלעפּט.

זי האָט אים באַדאַנקט.

האָט ער אַ שמייכל געטון צו איר מיט זיינע שוואַרצע אויגן, אַ דריי געטון די שפּיצן פון זיינע דינינקע וואָנסעלעך און זיך אָנגערופן:

— קומט, ליובאַ, פאָרט מיט מיר.

— נישט היינט, גרישאַ, איך האָב קיין צייט נישט.

— נאָך אַלץ פאַרנומען?

— יאָ.

— מיט געבן „אוראָקן“?

זי האָט אַ לאַך געטון:

— יאָ, מיט געבן „אוראָקן“.

האָט ער זיך דאַן אָנגערופן מיט אַ שמייכל:

— איר ווייסט, ליובאַ, וואָס מיר פאַלט איין? איך זאָל אויך בא איך אָנהייבן צו נעמען „אוראָקן“. דעמאָלט אפשר...

— וואָס וואָלט דעמאָלט געווען?

— דעמאָלט וואָלט איך אפשר מער געלעגנהייטן געהאַט צו פאַר־ברענגען מיט אייך...

האָט זי ווידער אַ לאַך געטון און זיך אָנגערופן:

— נו, צוליב דעם איז נישט כדאי צו מאַטערן דעם מוח מיט „אוראַקן".

— מיין מוח איז שוין סיי־ווי־סיי פאַרמאַטערט — האָט ער געזאָגט האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט.

— נו. ז'אַרפט איר אים לאָזן זיך אויסרוען.

— איך וואָלט אים שוין געלאָזט אויסרוען זיך, אָבער איר לאָזט נישט...

זיי האָבן גערעדט רוסיש. צו זיי האָט זיך דערטראָגן דאָס געפּילדער פון דער פאַבריק, ווי דאָס גערויש פון אַ דערבייאיק שטאַרקן וואַסערפאַל; דאָס געפּילדער, וואָס צו אים זענען זיי אָבער שוין געווען צוגעוווינט.

ליובאַ האָט זיך דאַן אָנגערופן אין אַ שפּאַסיקן טאָן:

— איך זע שוין וווּהין איר צילט... אָן אַנדערשמאָל, גרישאַ. איך האָב איצט קיין צייט נישט.

— אפשר וועט איר מיך באַערן היינט בײַנאַכט מיט אַ שפּאַציר, ליובאַ?

— אויב איך וועל נאָר האָבן צייט.

— ווידער צייט! — האָט גרישאַ זיך אַ כאַפּ געטון מיט אַ שמייכל, אָבער שוין אַ ביסל נערוועז. — איך וועל אַמאָל אַ פּאַק טון אייער צייט באַם גאָרגל און זי דערשטיקן, צום טייוול!...

ליובאַ האָט געשוויגן, געקוקט אויף אים און געשמייכלט.

און אין אָט דער צייט זענען צוגעקומען צו זיי צוויי יידישע אַרבעטער, ביידע אָן רעקלעך, און מיט די אַרבל פון העמד פאַרקאַשערט איבער די אָרעמס.

איינער פון זיי, מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער באָרד, אַ קורצער און אַ ברייטער, מיט רויטלעכע, קאַליע־געוואָרענע אויגן, האָט אויסגעזען פאַרמרהשחורהט, און דער אַנדערער, מיט אַ בלאָנד בערדל, אַ הויכער און אַ מאָגערער, מיט לאַנגע הענט און פיס, האָט אויסגעזען לעבעדיק און באַוועגלעך און האָט געשמייכלט מיט זשוואַווע בלויע אויגן.

— מיר זוכן איך, פאַניע אייזענבערג — האָט זיך אָנגערופן דער פאַרמרהשחורהטער ייד.

— וואָס איז? — האָט גרישאַ זיך אַ קער געטון צו אים, און זיין פּנים האָט זיך פאַרחמאָלקנט.

ליובאַ האָט זיך צוגעהערט.

— וועגן אונזער ענין — האָט געענטפערט דער פאַרמרהשחורה־טער ייד.

— אין קאַנטאָר וועט איר מיט מיר רעדן, אין קאַנטאָר, ר׳ חיים — האָט גרישאַ זיך אָנגערופן אויפגערעגט. — אויף דערויף האָבן מיר אַ קאַנטאָר. איך האָב איצט קיין צייט נישט.

— פאַניע פערעלשטיין האָט אונז געשיקט צו אייך — האָט ווידער אָנגעהויבן דער פאַרמרהשחורהטער ייד, וואָס האָט געהייסן חיים.

— אין קאַנטאָר, האָב איך אייך געזאָגט!

— וואָס איז דער חילוק וווּ? האָט זיך אַריינגעמישט דער אַנדע־רער, דער בלאָנדער, מיט די זשוואַווע, בלויע אויגן.

— עס איז טאַקע קיין חילוק נישט — האָט גרישאַ געענטפערט און פאַררייכערט מיט אַ שפּאַטישן שמייכל אַ ציגאַר.

— נו, — האָט געפרעגט דער בלאָנדער?

— נו, נו! — האָט געענטפערט גרישאַ. און אויף זיינע ליפּן האָט געשפּילט דער שפּאַטישער שמייכל.

— אויב עס איז נישט קיין חילוק, קאָנט איר דאָך מיט אונז דאָ רעדן — האָט דער בלאָנדער ווידער אָנגעהויבן.

— איבערהויפּט וויל איך נישט רעדן מיט דיר, איצט — האָט זיך אָנגערופן גרישאַ. — דו ביסט אַ צו גרויסער עזות־פּנים געוואָרן!

— מיר שטייט אָן, אַז איר וועט מיט מיר נישט רעדן, פאַניע איי־זענבערג, — האָט דער בלאָנדער, וואָס האָט געהייסן איצע, געזאָגט מיט אַן איראָנישן שמייכל. — פאַ רעדט בלויז צו ר׳ חיימען.

— אין קאַנטאָר!

— וואָס ווילן זיי? — האָט ליובאַ פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

— זיי ווילן מאַכן אַ „סטאַטשקע". זאָלן זיי! — האָט געענטפערט גרישאַ.

— מיר ווילן נישט קיין „סטאַטשקע". חלילה וחס! — האָט חיים זיך אַ כאַפּ געטון. — נאָר אַ קליינע הוספה. פאַניע פערעלשטיין וואָלט שוין מסכים געווען, נאָר די מניעה, זאָגט ער, איז פאַניע אייזענבערג. ווען מיר, זאָגט ער, וו־לן פועלן בא פאַניע אייזענבערגן.

— פאַראַיאָרן האָבן מיר אייך געגעבן אַ הוספה. מיר קאָנען אייך נישט געבן יעדע ווייל קיין הוספות — האָט גרישאַ דאַן געזאָגט. ליובאַ האָט זיך אָנגערופן

— אָבער, גרישאַ, אויב דער פּאַפּאַ מיינט, אַז מען קאָן יאָ געבן, מסתּמא קאָן מען דאָך.

— אייער פּאַפּאַ האָט זיך דערשראָקן, אָבער איך שרעק זיך נישט, גייט, גייט אַרבעטן — האָט ער זיך אַ קער געטון צו די צוויי אַרבעטער. — איך האָב איצט קיין צייט נישט. קומט שפּעטער אין קאַנטאָר.

באַ איצטן האָבן זיך אַ צונד געטון די בלויע אויגן.

— זע נאָר ווי ער טרייבט אונז! אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען זיינע שקלאַפן! — האָט ער אַרויסגעמורמלט. — און מיר זאָגט ער, אַז איך בין אַן עזות-פּנים, און אַליין אָט דער פּאַניע, טרייבט ר׳ חיימען, אַן עלטערן ייד... נו, ווער איז אַן עזות-פּנים, האַ?

— איצע, אַן רוגזה! — האָט אים חיים גענומען בעטן. — קום, קום אַרבעטן. פּאַניע אייזענבערגן וועלן מיר זעען שפּעטער אין קאַנטאָר.

— אַן אים זאָלט איר קומען! — האָט זיך גרישאַ אַ כאַפּ געטון. — אַנישט וועט זיין אומזיסט אייער טרחה...

— אויב מען וועט מיך שיקן, וועל איך אוודאי גיין, צי איך וועל זיין באַ אייך אַן אַנגעלייגטער גאַסט צי נישט. — האָט איצע זיך אָנגערופן און געקוקט אים אין פּנים מיט אַ צולהכעיסדיקן שמייכל. — אַנדערע צייטן היינט, פּאַניע אייזענבערג! מיר וואָרנען אייך!...

באַ ליובאַן האָט דאָס האַרץ געקוואָלן פון נחת. זי אָבער האָט דווקא איצט, ווען איר האָט זיך אַזוי געוואָלט דריקן איצען די האַנט, אויסגעזען גלייכגילטיקער ווי ווען עס איז פריער.

ערשט דערנאָך, ווען די ביידע אַרבעטער זענען אַוועק, האָט זי זיך פריילעך צעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר? — האָט גרישאַ אַ פרעג געטון.

— איך האָב זיך עפּעס דערמאַנט, — האָט זי געענטפערט און האָט זיך דערנאָך מער צעלאַכט.

— וואָס האָט איר זיך דערמאַנט? וואָס לאַכט איר אַזוי?

— איך טאָר דאָס אייך נישט זאָגן. אַ ווייבערישער סוד — האָט זי געענטפערט און האָט זיך איבערגעשלאָגן: — זעט נאָר, זעט נאָר, ווי אייער בולאַנער האָט זיך צעשטיפט!

דאָס בולאַנע פערד, אויסגעבאָדן, אַ נאַס און אַ גלאַנציקס, האָט זיך איצט געקייקלט איבערן גראָז, איבערגעדרייט זיך אויפן רוקן און געדריגעוועט מיט אַלע פיר פיס. דערנאָך איז עס אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אַ צי געטון מיט זיין גאַנצן קערפּער און גענומען כראָפּען און פאָרס-

קען מיט זײַנע נאָזלעכער. און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטון מיט אַלע פיר פון אָרט און זיך אַוועקגעטראָגן מיטן וועג צו דער שטאָל, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ און שלאָגנדיק מיט די הינטערשטע פיס.

אַרטיעם דער קוטשער איז געלאָפן נאָך אים.

— אַרטיעם! — האָט גרישאַ אים נאָכגעשריגן. — שפּאַן איין! מיר פאָרן באַלד!

דאַן איז ער מיט ליובאַן אויך אַוועק מיט דעם זעלבן וועג.

— געדענקסט, ליובאַ, איך וועל הײַנט זײַן בײַ אײַך. און זאָל מיר נאָך די פאַרשאָלטענע צײַט פּרוּוון שטערן — האָט ער זי דערמאָנט.

זי האָט געשמייכלט און געשוויגן.

זיי זענען פאַרבײַגעגאַנגען די פאַבריק.

אַרבעטער האָבן געשלעפּט שווערע קאַסטנס אויף פורן. אַן עלטערער ייִד מיט אַ גרויער באָרד אין אַ ליוסטרינען שוואַרץ רעקל, איז געלאָפן פון איין פור צו דער אַנדערער, האָט געציילט די קאַסטנס און האָט פאַרשריבן אויף אַ בויגן פּאַפּיר.

אויפן אָפענעם פּלאַץ, איבער וועלכן עס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער דאַך, האָט מען געהאַמערט און געקלאַפּט איבער ברעטער, און מענטשן האָבן געשלעפּט פון די וועגענער זעק מיט רוי מאַטעריאַל אין פאַבריק אַרײַן.

גרישאַ איז אַרײַן אין דער פאַבריק און ליובאַ איז אַוועק אין הויז.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

דער פּאָליצמייסטער צו-גאַסט

אין יענעם אָוונט, ווען גרישאַ איז געקומען צו די פּערעלשטיינס אין שטוב צו רופן ליובאַן אויף אַ שפּאַציר, האָט דוד פּערעלשטיין אים געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן צו איר פריינדין העגריעטע ציימלין.

— העגריעטע איז קראַנק, איז ליובאַ געפאָרן זי בעוווּיר ווערן — האָט דוד פּערעלשטיין אים געזאָגט.

גרישאַ האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב נישט קיין מזל צו אייער ליובאַן. מיר האָבן אָפּגערעדט היינט צו שפּאַצירן.

דוד פּערעלשטיינס ווייב, רבקה, האָט אים געבעטן זיצן.

— אפשר וועט זי באַלד קומען — האָט זי געזאָגט.

גרישאַ האָט זיך געזעצט.

דוד פּערעלשטיין האָט אַוועקגעלייגט די קליינע, פעטע האַנט אויף זיין שוואַרץ בערדל אונטער דער ליפּ, ווי זיין שטייגער איז געווען בעת ער האָט זיך פאַרטראַכט, און אַ ווײַלע אָנגעקוקט גרישאַן. דערנאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל צעשמייכלט מיט זיינע פולע, רויטע באַקן און געזאָגט:

— אַ חידוש! אַ חידוש!...

— וואָס? — האָט געפרעגט גרישאַ.

— אָט דאָס, וואָס מיט ליובאַן ביזסטו גאָרנישט קיין בריה. דאַכט זיך אַזוי ביסטו גאָר אַ-אַי, און מיט ליובאַן... אַזאַ קאַליעקע!

ער האָט זיך צעלאַכט און גערעדט ווייטער:

— אויף באמנות, אַז איך אויף דיין אָרט וואָלט שוין ווו!... אַפּנים אַז דיר פעלט דאָס ריכטיקע לשון פאַר אַזאַ באַרישניע, ווי מיין ליובאַ איז!...

— אפשר — האָט גרישאַ אַ שמייכל געטון.

זיי זענען געזעסן בײַ אַ רונדן טיש, אונטער אַ גרויסן בליך־לאָמפּ מיט קרישטאָלענע אויערינגען, וואָס האָבן געפינקלט מיט אַלערליי פייערן.

אַ ווייך, אָנגענעם ליכט האָט זיך געגאָסן איבערן גרויסן עס־צימער.

דערנאָך האָט דוד פּערעלשטיין פאַרפירט אַ שמועס מיט גרישאַן וועגן די פאָדערונגען פון זייערע אַרבעטער און אים צוגערעדט, אַז מען זאָל זיי געבן די הוספה.

גרישאַ האָט זיך צעהיצט:

— ניין! דווקא איצט, ווען זיי זענען געוואָרן אַזוי חוצפּהדיק, ווען זיי בונטעווען זיך, טאָרן מיר נישט אַרויסווייזן קיין שוואַכקייט. בײַ מיר וואָלט איר גיכער געפּועלט, אַז מיר זאָלן צושליסן די פאַבריק. מען מוז זיי גוט אָנלערנען!

— רבקה האָט זיך אַריינגעמישט:

— היינטיקע צייטן, גרישאַ, איז בעסער, אַז מען קומט אויס מיט גוטן מיט אַרבעטער...

— נאַרישקייטן, מאַדאַם פּערעלשטיין! היינטיקע צייטן איז נאָך אויך פאַראַן פּאָליציי און אפילו קאָזאַקן מיט נאַהאַיקעס. ווען עס איז זייער נייטיק. איך האָב זיך געזען מיט יאַסל פּאָדוואָראַטניק... ער וועט שוין האַלטן אַן אויג אויף דעם לערערל ראַטנער, אויף אָט דעם „בונדיסטל"...

דוד פּערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— דאָס נישט, גרישאַ! — האָט ער אויסגעשריגן אויפגערעגט — דאָס נישט! מיטן מסור זאָלסטו נישט האָבן קיינע עסקים! אויב טאַקע דאָס לערערל בונטעוועט אונזערע אַרבעטער, דאַרף מען אים כאַפּן און גוט אָנפּאַטשן, צי גאָר זאָגן טערענטין, אַז ער זאָל אים צעבראַכן לונג און לעבער, אָבער נישט איבערגעבן אים צו אָט יענעם מסור אין די הענט. ניין, גרישאַ, מיר געפעלט עס נישט!

צום סוף האָט גרישאַ נאָכגעגעבן פּערעלשטיינען, בפּרט ווען רבקה איז אויך צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל דאָס מאָל נישט זיין פאַרעקשנט.

ער האָט געזאָגט:

— מילא, טוט ווי איר פאַרשטייט, גיט זיי די הוספה. איך זאָג

גאַר, ווען איך בין אַליין דער באַלעבאָס, וואָלט איך גיכער צוגעשלאָסן די פאַבריק איידער זיי נאָכצוגעבן.

רבקה האָט זיך דערפרייט.

— גאָט וועט אונז אויף דערויף אויך מסתמא צושיקן — האָט זי זיך אָנגערופן.

נאָכדעם האָבן זיי גערעדט וועגן געשעפט בכלל און גרישאַ האָט פאַרגעסן אָן ליובאַן.

זייער שמועס איז פלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן פונם הויז־גלעקל.

רבקה האָט זיך אויפגעהויבן צו זען ווער עס האָט געקלונגען. ערשט די דינסט, פאַראַשאַ, מיטן בלאָנדן צאָפ און פאַררויסן, פריילעך בעזל, איז אַריינגעלאָפן און האָט אַרויסגערעדט פאַרסאָפעט:

— דער באַרין, דער פּאָליצמייסטער איז געקומען!

דוד פערעלשטיין און גרישאַ האָבן זיך אויפגעהויבן און ביידע זענען אַרויסגעלאָפן מקבל פנים זיין די „נאַטשאַלסטוואָ".

און רבקה האָט געהייסן פאַראַשאַן „אָנשטעלן" דעם סאַמאָוואַר און אַז די דינסט איז אַרויסגעלאָפן אין קיך, איז זי, רבקה, אַריין אין זאַל אָנצוצינדן דאָרט די לאָמפן לכבוד דעם גאַסט.

באַלד איז אַריינגעקומען פּיאָטר אַלעקסייאיטש, באַגלייט פון פערעלשטיינען און גרישאַן.

און מערקווירדיק: זיי ביידע האָבן זיך געהאַלטן מיטן פּאָליצמייסטער דווקא מיט מער ווירדע, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן. פערעלשטיין האָט איצט אויסגעזען עפעס גלייכער און געוויקסיקער איידער אַלעמאָל און האָט העפלעך געשמייכלט. און גרישאַ האָט זיך געהאַלטן מיטן פּאָליצמייסטער אַזוי פריי, ווי ער וואָלט געווען זיינער אַן אַלטער פריינט.

דער פּאָליצמייסטער, אַ הויכער, ברייטער מאַן, מיט אַ ווייסן קאָפּ און שוואַרץ־געפאַרבטע וואָנסעס, מיט אַ רויט פנים, וואָס אויף אים איז דאָס פלייש אַראָפּגעהאָנגען, מיט קישקעלעך אונטער די גרויע, שמייכלענדיקע אויגן — האָט געהאַלטן די ברוסט הויך אַרויסגעשטעלט פון אונטער זיין בלויען רעקל מיט די גלאַנציקע קנעפּ, און געטרעטן מעשה מיליטערמאַן, מיט זיינע גלאַנציקע, געפאַלדעוועטע שטיוועלעך, וואָס זענען שטייף אַרויפגעצויגן געווען איבער ברייטע, בלויע פאַנטאַלאָנעס.

— קיין בעסערע שפּילער ווי איר, מיינע הערן, איז בא אונז אין

שטאָט נישטאָ — האָט פּיאָטר אַלעקסייאיטש גערעדט מיט אַ הייזעריקן קול — אָבער וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, האָט אָפּגעטאָן לעצטנס אַ טיי און האָט געשמייכלט. — און איך האָב זיך היינט פאַרבענקט נאָך אַ קערטל. איך האָף נאָר, אַז איך האָב נישט געשטערט...

— אָ, ניין, פּיאָטר אַלעקסייאיטש! פאַרקערט! — האָט זיך דוד פּערעלשטיין אַ כאַפּ געטון און אים אונטערגעטראָגן אַ שטול. — צו שפּילן מיט אייך, איז בײַ אונדז שטענדיק דאָס העכסטע פאַרגעניגן.

דער פּאָליצמייסטער האָט זיך געזעצט.

רבקה איז אַריינגעקומען פון זאַל מיט אַ ברוך-הבא שמייכל.

דער פּאָליצמייסטער האָט זיך אויפגעהויבן און איז געגאַנגען אַנטקעגן איר.

— גוטן אָוונט, גאָספּאָזשאַ פּערעלשטיין! — האָט ער העפלעך געזאָגט און געדריקט איר די האַנט.

— גוטן אָוונט! אַ טייערער גאַסט! — האָט זי געענטפערט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּראַשאַ אַריינגעטראָגן אַ גרויסן, בײַכיקן סאַמאָוואַר און אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, און אַלע האָבן געטרונקען טיי.

טרינקענדיק די טיי האָבן זיי זיך צערעדט וועגן די לעצטע נייעסן. האָבן געשמועסט וועגן דער מלחמה מיט טיפע זיפצן, און דערנאָך וועגן דראַזדאָווסקיס הויז, וואָס מען האָט אונטערגעצונדן, און דער פּאָליצמייסטער האָט זיך אָנגערופן:

— אַן אומרויקע צייט. די „קראַמאָלאַ״ אַרבעט איצט, ווען מיר זענען פאַרנומען מיט דער מלחמה, נאָך מיט מער חוצפה ווי ווען-עס-איז. שונאים פון דעם צאַר און פאָטערלאַנד, און מיר מוזן קעגן זיי שטאַרק קעמפן. איר, יידן, האָט באַדאַרפט מער אַכט געבן אויף אייער יוגנט. אַנישט, ווייסט דער טייוול צוואָס זי, אייער יוגנט, וועט אייך נאָך ברענגען! אוודאי, כּל-זמן איך בין פּאָליצמייסטער. וועט בײַ אונדז אין שטאָט קיין פּאָגראָם נישט זיין. דאָס וועל איך נישט דערלאָזן. בײַ מיר וואָלט אין קישיניעוו אויך קיין פּאָגראָם נישט געווען. פונדעסטוועגן וואָלט איך געראָטן אייערע יידן, אַז זיי זאָלן איינהאַלטן זייער יוגנט.

דוד פּערעלשטיין האָט באַמערקט:

— אָבער וואָס זענען מיר, יידן, שולדיק, ווען עס זענען אפילו פאַראַן צווישן אונדז עטלעכע עזות-פּנימער? אַז אין אַ טשערעדע שאָף גע-

פינט זיך אַ שוואַרץ שעפּעלע, איז דען דעריבער שולדיק די גאַנצע טשערעדע?

אמת, איז דאָס אמת, און דאָך וואָלט איך געראָטן אייערע יידן, אַז זיי זאָלן גוט אַכטונג געבן אויף זייערע שוואַרצע שעפּעלעך. נעמט אָן מיין עצה. גלייבט מיר, אַז איך בין אַ פריינט די יידן — האָט דער פּאָליצמייסטער געזאָגט — און איך ווייס, וואָס איך רעד.

דערנאָך זענען זיי אַריין אין זאַל און דאָרט איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט אַ טישל מיט קאָרטן און זיי האָבן זיך געזעצט שפּילן.

און ווען ליובאַ איז געקומען אהיים פון דער „סכאָדקע" אַרום האַלבער נאַכט, האָבן זיי נאָך געשפּילט אין זאַל.

פון פאַראַשאַן האָט ליובאַ זיך דערוווּסט, אַז דער פּאָליצמייסטער איז געקומען צו־גאַסט, האָט זי זיך אויף די שפּיץ־פינגער געוואָלט אַריינגנבענען אין איר צימער. דאָ אָבער האָט גרישאַ, אַזוי ווי ער וואָלט זי דערשמעקט, זיך אומגעקוקט אין דער אָפענער טיר פון זאַל און באַמערקט ליובאַן אין דעם עסצימער, ווי זי גנבעט זיך צו דער טיר פון איר צימער. האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעלאָפן צו איר.

דעמאָלט האָט זיך ליובאַ שוין אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. און גרישאַ איז צוגעגאַנגען צו איר.

— וואָס מאַכט העגריעטאַ? — האָט ער אַ פרעג געטון, — איך קומט איצט פון איר?

— יאָ. זי איז אַ ביסעלע צוגעקילט. נישט געפערלעך — האָט ליובאַ געענטפערט מיט אַ שמייכל און צוגעגעבן: — איך אַליין, דאַכט זיך, בין גאָר קראַנקער פון איר. דער קאָפּ טוט מיר אַזוי וויי!

— ווען מיר וואָלטן היינט געשפּאַצירט, וואָלט אייך אפשר איצט דער קאָפּ נישט וויי געטון — האָט גרישאַ זיך אָנגערופן מיט אַ פאָרוואורף אין טאָן.

ליובאַ האָט אַ לאַך געטון.

— דאַן וואָלט אפשר אייך דער קאָפּ וויי געטון, — האָט זי געזאָגט.

— גרישאַ, וווּהין ביסטו דאָרטן אַוועק? — האָט זיך דערהערט פּערעלשטיינס קול, און באַלד האָט ער זיך באַוויזן אין דער טיר און דערזען זיין טאָכטער.

— אַ, ליובאַ! קום נאָר אהער, טאָכטער! מיר האָבן דאָ אַ גאַסט!

איז דאָן ליובאַ מיט גרישאַן אַריין אין זאַל.

דער פּאָליצמייסטער, וועלכער איז איצטער געווען באַזונדערס גוט אויפגעלייגט, מחמת ער איז די נאַכט געווען זייער „מולדיק", האָט זיך אויפגעהויבן און אַ קוש געטון ליובאַס האַנט.

— ווען אייער גאַנצע יוגנט וואָלט געווען, ווי אייער שיינע טאָכטער, וואָלט איר, יידן, ניט געדאַרפט מורא האָבן פאַר פּאָגראָמען! — האָט דער פּאָליצמייסטער זיך אַ קער געטון צו פערעלשטיינען.

האָבן זיך באַ דוד פערעלשטיינען די אויגן צעלויכטן פאַר הרחבה און ער איז צוגעגאַנגען צום פּאָליצמייסטער און אים שטיל געזאָגט:

— זי איז גרישאַס בעסטע קאָרט, די ריכטיקע טויז!...

דער פּאָליצמייסטער האָט זיך צעלאַכט אויף זיין האַרציקן באַס און אַ ווינק געטון צו גרישאַן. און ווען יענער איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט דער פּאָליצמייסטער אים אַ פּאַטש געטון איבערן אַקסל און געזאָגט:

— מאָלאָדיעץ! איר האָט געשמאַק! אַ קראַסאַוויצע פון ערשטן סאָרט! בעסער פון פיר טויז!...

רבקה האָט זיך נאָכגעפרעגט באַ איר טאָכטער אויף העגריעטען.

ליובאַ האָט איר געענטפערט. דערנאָך האָט זי זיך אַנטשולדיקט פאַר דעם פּאָליצמייסטער פאַרוואָס זי מוז פאַרלאָזן זיין אָנגענעמע געזעלשאַפט: דער קאָפּ טוט איר וויי. האָט געזאָגט „גוט נאַכט" און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

* *

*

אין עטלעכע טעג אַרום איז געווען ליובאַס געבורטסטאָג — זי איז געוואָרן צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט.

אינדערפרי, ווען זי איז נאָך געלעגן אין בעט, האָט די דינסט פאַראַשאַ איר אַריינגעטראָגן אַ קאָרב מיט פרישע, רויטע בלומען, און צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ שאַכטל, אין וועלכן אַ בראַסלעט איז געלעגן, אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן, און אַ צעטעלע פון גרישאַן, אין וועלכן ער האָט איר געווונטשן אַ סך גליק.

— וואָס זאָל איך טון? וואָס טוט מען, אַז ער זאָל מיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ? — האָט זי אַ טראַכט געטון.

דערנאָך איז די מאַמע צו איר אַריינגעקומען און האָט זי האַרציק געקושט.

און צו מיטאָג האָט דער טאַטע איר דערלאַנגט צוויי און צוואַנציק קנאַקעדיקע צענערלעך און איר געזאָגט:

— נו, טאָכטער מיינע, קויף דיר אַליין וואָס דו ווילסט!

און שפּעטער, נאָכמיטאָג, איז זי געפאָרן צו באָריסן און האָט גע־טראָפן זיין שטיבל צוגעשלאָסן.

איז זי געוואָרן אומרויִק, ווייל זינט זיי האָבן זיך צום לעצטן מאָל געטראָפן אין וואַלד, זינט ער האָט זיך איר „דערקלערט", האָט זי אים נישט געזעען. זי איז שוין עטלעכע מאָל בא אים געווען אין שטיבל, און יעדעס מאָל געטראָפן עס צוגעשלאָסן.

זי איז געווען שטאַרק אומרויִק, ווייל אַ חוץ דער גרויסער בענ־קעניש אים צו זעען, האָט זי איצט געפּייניקט די מורא, טאָמער איז ער אויך ערגעץ „אַריינגעפאַלן", ווי די פריערדיקע חברים און חברטעס...

און זי האָט געפילט, אַז זי וואָלט עס נישט געקאָנט איבערלעבן.

דער דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט היינט פאַרלאָזן די שטאָט. האָט שטאַרק געוואָלט זיך טרעפן מיט באָריסן און איז צוליב דעם פאַרבליבן אַ פּאָר איבעריקע טעג אין שטאָט. איז זי דערנאָך אַוועק צו אים אויף דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, וווּ בערציק האָט אויך געוווינט.

בעקומען איז זי אַהין אַ צעטומלטע: נישטאָ באָריס! פאַרפאַלן געוואָרן! צי איז ער אויך נישט אַ קרבן פון מיכאַילן?

דער דעלעגאַט, אַ ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד, אָנגעטון ווי אַ יידישער סוחר, האָט זי פאַרטראַכט אויסגעהערט. דערנאָך האָט ער זי גענומען אויספרעגן צי ער פאַרט אַוועק אַזוי אָפט און מען ווייסט נישט ווען און וווהין.

האָט אים ליובאַ אַלצדינג דערציילט, וואָס זי האָט געוווּסט וועגן דעם.

דאַן האָט דער דעלעגאַט זיך אָנגערופן פאַרטראַכט (ער האָט גע־רעדט מיט אַ הייזעריק קול):

— אַריינגעפאַלן איז ער זיכער נישט, ווייל ביז אַהער וואָלטן מיר שוין דערפון געוווּסט. אַ שאָד וואָס איך האָב אים נישט געטראָפן.

בערציק, וועלכער איז דערביי געווען, האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון:

— אַי, איך פאַרשטיי שוין! ער האָט אַוועקגעפירט דאָס קעסטל

מיט געוועֶר. ער האָט געזאָלט מיט מיר שיקן. איך בין אָבער געהען פּאַרנומען מיט אַן אַנדערער אַרבעט און האָב צו אים געשיקט איינעם פון די חברים. האָט ער אים נישט געוואָלט אָנפּאַרטרויען. איצט איז עס קלאָר. ער האָט אַליין אַוועקגעפירט דאָס קעסטל מיט געוועֶר אַהין און דערפאַר איז ער נישט געקומען אויף צו דער „סכאָדקע" יענעם אויפדערנאַכט!

— דאָס קאָן זיין, — האָט ליובאַ אַרויסגעמורמלט צעטראָגן. — אַזוי טוט באָריס שטענדיק. אויף די געפערלעכסטע אונטערנעמונגען איז ער שטענדיק דער ערשטער. פאַרוואָס איז ער אָבער נאָך נישטאָ צוריק?

דער דעלעגאַט איז פאַרטראַכט זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער און האָט זיך געגלעט די באָרד. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר ליובאַן.

— עס האָט מיט אים גאָרנישט פּאַסירט. אַנישט וואָלטן מיר ביז איצט געוווּסט. גריסט אים אין מיין נאָמען און זאָגט אים, אַז איך באַדויער זייער, וואָס מיר האָבן זיך נישט געטראָפן. און איך דערמאָן אייך, חבר־טע ליובאַ, נאָכאַמאָל: זייט פאָרזיכטיק און האָט שטענדיק אין זינען, אַז מיכאַיל איז ערגעץ דאָ. ווו? אפשר אַרום אייער פאָטערס פאַבריק. אפשר אין אַ הויז וווהין איר קומט. פאָרזיכטיק, פאָרזיכטיק, פאָרזיכטיק, חברטע! — האָט ער געזעגנט. — יאָ! — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן — איר דאַרפט היינט אַרויסשיקן אַ ביסל ליטעראַטור. חבר בערציק האָט דעם אַדרעס.

ליובאַ האָט זיך אַ קער געטון צו בערציקן:

— זייט היינט באַ מיר, בערציק.

— ווען?

ליובאַ האָט געענטפערט:

— אַרום צוועלף באַנאַכט. קלאַפּט אָן באַ מיר אין פענצטער...

— גוט, חברטע.

זי האָט זיך געזעגנט מיטן דעלעגאַט און ער האָט זי נאָכאַמאָל דערמאָנט וועגן מיכאַילן, און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

גרישאַ און ליובאַ

יעדעס אָוונט האָט ליובאַ פאַרבראַכט מיט גרישאַן.

אַ זייגער אַכט איז ער אַריינגעקומען צו איר אין צימער.

זי האָט געלייענט אַ בוך, און ער האָט איר גראַטולירט צו איר געבורטסטאָג און איר דערקלערט, אַז ער איז געקומען אויפצומאָנען בײַ איר דעם חוב.

— וואָס פאַר אַ חוב? — האָט זי געפרעגט.

— דעם נעכטיקן שפּאַציר — האָט ער געענטפערט.

— איך האָב איך נישט צוגעזאָגט צו שפּאַצירן, ווי ווייט איך געדענק — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל. — איך האָב געזאָגט, אויב איך וועל האָבן צייט.

— נו, האָב איך זיך דאָס צוגעזאָגט...

— טאָ מאָנט דעם חוב בײַ זיך אַליין.

— טו איך דאָס טאַקע — האָט ער זיך צעלאַכט, איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט אַ קוק געטון, וואָס פאַר אַ בוך זי האָט געלייענט. — אָ, אַ נייער באַנד פון גאָרקין! עפּעס אינטערעסאַנט?

— זייער אינטערעסאַנט!

ער האָט זיך געזעצט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און האָט מער אַרויסגעדרייט דאָס פייער פון לאָמפּ, וואָס איז דאָרט אַרונטערגעהאָנגען אויף מעשענע קייטלעך איבערן טיש.

— מיר איז בעסער געפעלן גאָרקיס ערשטע דערציילונגען. די לעצטע זאַכן זיינע זענען שוין נישט אַזוי אינטערעסאַנט — האָט גרישאַ זיך ווידער אָנגערופן און פאַררייכערט אַ ציגאַר. — קיין טשעכאָוו וועט ער קיינמאָל נישט זיין...

— אַזוי ווי טשעכאָוו וועלט קיינמאָל נישט געקאָנט זיין קיין גאָרקי — האָט ליובאַ באַמערקט און זיך געזעצט צוריק אויף איר פריערדיקן פּלאַץ

מיטן בוך אויף דער שויס. — און אין דעם באַשטייט זייערע ביידנס הויפּט-מעלות, וואָס יעדער פון זיי איז אַ שאַרף-אויסגעפּרעגטע, גאַנץ באַזונדערע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט. אפשר גאָר צוויי ליטעראַרישע קאָנטראַסטן.

— זיי זענען זיכער קאָנטראַסטן. מיר אָבער געפעלט טשעכאָוו בעסער.

— און מיר געפעלן זיי ביידע בעסער — האָט ליובאַ אַ לאַך געטון, און מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון: — יאָ, גרישאַ, איך האָב גאַר פאַרגעסן צו באַדאַנקען אייך פאַר די בלומען און פאַר... זאָל איך אייך פאַר דעם בראַסלעט אויך באַדאַנקען? ניין, פאַר דעם בראַסלעט וועל איך אייך נישט באַדאַנקען. איר וואָלט מיר געטון אַ טובה, ווען איר וואָלט אים גענומען צוריק...

— פאַרוואָס?

— אַן איבעריקע זאַך. ערשטנס, טראָג איך נישט קיין צירונג, ווי איר ווייסט. און ווידער... איך וועל זיין מיט אייך אָפנהאַרציק: דאָס שמעקט עפּעס מיט כלה-מתנות...

ער האָט געצווונגען אַ שמייכל געטון און זיך שטיל אָנגערופן:

— שמעקט עס דען אַזוי שלעכט?

— עס שמעקט אַ ביסעלע אומאָנגענעם, — האָט זי געענטפערט. האָט ער דאַן אַ ווײַלע געשוויגן און געשמייכלט געצווונגען. דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט:

— איך האָב אייך דעם בראַסלעט געשיקט, ווייל מיר איז געווען אָנגענעם אייך דאָס צו שיקן: ווייל... איר פאַרשטייט... מיר איז דאָס געווען אָנגענעם. מיר אַליין — האָט ער שטאַרק און אַ ביסעלע אויפגערעגט באַטאָנט דאָס וואָרט „מיר". — איך האָב זיך גערעכנט, דער עיקר מיט מיינע פּערזענלעכע געפילן.

זי האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— הײַנט גיי טרעף ווו עס שלאָגט אַ ראָמאַנטיש האַרץ! — האָט זי דערנאָך געזאָגט.

— יאָ, ליובאַ, איך בין ווייט נישט אַזוי פּראַקטיש, ווי איר מיינט.

— איר זענט זייער נישט פּראַקטיש, גרישאַ, אויב איר האָט זיך באמת פאַרליבט אין מיר. ערנסט, איך האָב גערעכנט, אַז איר זענט אַ סך קליגער. אַזאַ יונגערמאַן, ווי איר, דאַרף האָבן אַ גאַנץ אַנדערע סאָרט פרוי, אַ גאַנץ אַנדערע.

— וואָס פאַר אַ פרוי האָב איך געדאַרפט האָבן? — האָט ער געפרעגט, שמייכלענדיק אויפגערעגט.

אַט אַזאַ-אַ! — האָט ליובאַ געמאַכט אַ גדלותדיקע מינע און אויפגעבלאָזן די באַקן.

גרישאַ האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס איז דאָס?

— אַט אַזוי דאַרף זיך האַלטן אייער צוקונפטיקע באַשערטע. שטאָלץ... נישט ריר מיך אָן... נישט זיין פאַני-בראַט מיט יעדן איינעם... מיט ברילִיאַנטן דאַרף זי זיין באַשאָטן, ווי אַ מוראַוויינִיק מיט מוראַשקעס... איך אָבער קאָן אייך נאָר פאַרשעמען...

— ווען איר געפעלט מיר אָבער אַזוי ווי איר זענט, ליובאַ?

— ניין, גרישאַ, זאָל איך גאָט אויסהיטן! אַ ביטער רחמנות וועט אויף אייך זיין...

— דאָך בין איך בארייט צו ריזיקירן, ליובאַ... ווען מען ליבט אַזוי ווי איך אייך, ליובאַ...

— ווערט מען נאַריש — האָט זי אים שטיפעריש איבערגעשלאָגן.— אפילו אַזאַ קלוגער און פראַקטישער יונגערמאַן ווי גרישאַ, ווערט דעמאָלט אַ נאַר און שטופט זיין נאָז אין פייער...

גרישאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל איר אין די לאַכעדיקע אויגן, און דערנאָך זיך ווידער אָנגערופן:

— ליובאַ, זאָגט מיר דעם אמת: איך פיל, אַז איר האָט ליב אַן אַנדערן. זייט אָפנהאַרציק מיט מיר...

איצט האָט זי מיטאַמאָל אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון אים.

נאָכדעם האָט זי געעפנט דאָס בוך, וואָס איז בײַ איר אויף דער שויס געלעגן, און עס גענומען בלעטערן.

זי דאָט געטראַכט: אפשר זאָל זי אים זאָגן, אַז זי ליבט אַן אַנדערן, און אויף אַזאַ אופן מאַכן אַ סוף צו זיין נאָכלויפן איר, אָבער זי האָט זיך מיישב געווען, אַז דערווייל דאַרף זי דאָס נישט טון, און צום סוף האָט זי געענטפערט:

— ניין, גרישאַ, איך בין אין קיינעם נישט פאַרליבט. דערווייל נישט.

— וואָס מיינט איר „דערווייל נישט"?

— איך מיין אַז דאָס, וואָס איר הערט. אפשר וועל איך זיך שפּע־טער אין עמעצן פאַרליבן.

— אין מיר זיכער נישט! — האָט ער מיטאַמאָל שפּאָטיש געזאָגט.

— איר מיינט אַזוי?

— יאָ, ליובאַ! אַמאָל וועט עס מיר קלאָר. וואָרים אויב ביז אַהער האָט איר זיך נישט פאַרליבט אין מיר...

— לאָגיש איז עס. איז דאָך די קשיא: היינט פאַרוואָס זוכט איר נישט אויף עפּעס אַן אַנדערע?...

— דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס אויף דער קשיא קאָן מען נישט געפינען קיין ענטפער. אָט די קשיא בלייבט אַ קשיא, ליובאַ, ביז איר אַליין וועט אויף איר געבן אַ קלאָרן און באַשטימטן ענטפער...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון פון דער שטול.

— זאָל אייך שוין גאָט אַליין אויף דעם געבן אַן ענטפער! — האָט ליובאַ געזאָגט שטיפעריש. — קומט, איר ווילט דאָך גיין שפּאַצירן!

זיי זענען אַרויס אין הויף.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. דער גאַנצער הויף מיט דער פאַבריק און מיט די אַנדערע געביידעס, האָבן זיך געבאָדן אין לבנה־שיין. פון הינטער דער פאַבריק האָט געהילכט דער מעטאַלענער קווא־קוואַ־געזאַנג פון זשאַבעס.

אַן עקיפּאַזש מיט צוויי בולאַנע פערד האָט זיך מיט אַ געפּילדער דורכגעטראָגן איבערן הויף און אַרויס דורך די טויערן.

אין דעם עקיפּאַזש זענען געזעסן דוד פּערעלשטיין און זיין ווייב רבקה.

— קומט צו דער אָזערע. אין אַזאַ נאַכט איז אָנגענעם זיך צו שיפן — האָט ליובאַ פאָרגעלייגט.

און זיי זענען אַוועק מיטן וועג צו דער אָזערע.

אויפן וועג צו דער אָזערע איז געשטאַנען אַן אַ זייט אַן אַלטע חורבה, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שטאַל פאַר אַ קי, און איצט, זינט מען האָט אַ נייע שטאַל אויסגעבויט, האָט מען דאָרט געהאַלטן דעם אָפּ־פאַל פון דער פאַבריק־אַרבעט.

פאַרבייגייענדיק אָט די חורבה, האָט גרישאַ דערהערט פון דאָרט עפּעס אַ פאַרדעכטיקן גערויש.

ער האָט זיך אומגעקוקט, געזוכט מיט די אויגן טערענטין, דעם שומר פונם הויף, און האָט אים נישט געזען. איז ער אַליין אַוועק צו דער חורבה, צו זען וואָס פאַר אַ גערויש איז עס געווען.

ליובאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויף אים.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון דער חורבה און האָט אַריינגעקוקט.

אויף די זעק מיט אָפּפאַל איז טערענטי געלעגן, און לעבן אים די יונגע, געזונטע פּאַראַשאַ...

גרישאַן האָט אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין פּנים.

צו פּאַראַשאַן האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט, און זי האָט זיך אים נישט איינמאָל געשוווירן, אַז מיט קיין אַנדערן, ווי נאָר מיט אים, גרישאַן אַליין, האָט זי נישט קיין עסקים, און פּלוצלינג...

— עך, סקאַטינאַ! — האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן.

און אַז דאָס פּאָרל האָט דאָרט דערהערט זיין קול, האָט זיך עס מיט אַן אימפּעט אַ ריס געטאָן איינער פונעם אַנדערן, און פּאַראַשאַ האָט שטיל און פאַרשטיקט זיך צעלאַכט, און טערענטי האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין קאַלאַקאַטקע, וואָס איז דאָרט אויף אַ זאַק געלעגן, און איז אַ צעטומלטער אַרויסגעלאָפן פון דאָרט, מיט די פלאַקסענע האָר צעשויבערט, מיטן ראָבן, געשטופלטן פּנים. רויט, אַזויווי אויסגעפּאַרעט, פינטלענדיק מיט זיינע צעטומלטע אויגן, און גענומען מיט אַלע כּוחות קלאַפּן ביט דער קאַלאַקאַטקע.

— חזירים! — האָט אים גרישאַ אַריינגעשריגן אין פּנים.

— אמת, חזירים, ווי איר זאָגט! — האָט טערענטי צוגעבאָמקעט מיטן קאָפּ, פינטלענדיק מיט זיינע ווייסע אויגן, און געפּילדערט נאָך שטאַרקער מיט זיין קאַלאַקאַטקע.

גרישאַ האָט זיך צוריקגעקערט דערנאָך צו ליובאַן און זיך באַמיט נישט אַרויסצוווייזן פאַר איר זיין אויפרעגונג.

— וואָס איז דאָרט געווען? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— גאָרנישט. טערענטי איז דאָרט איינגעשלאָפן.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער אַזערע און האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפל.

דאָס מעטאַלענע געזאַנג פון די זשאַבעס האָט דאָ געהילכט שטאַרקער. גרישאַ האָט גענומען די וויאָסלעס און זיי האָבן זיך אַוועקגעשיפט.

אינמיטן אַזעלע האָט זיך געבאָדן די לבנה, און דאָס שיפל האָט זיך געטראָגן צו איר.

דער וואַלד איז געווען ווי מיט זילבער־שטויב באַשיט, און ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרפישופטער.

און פּלוצלינג האָט זיך דאָרט צעגאָסן אַ ליידנשאַפטלעך געזאַנג פון אַ נאַכטיגאַל.

גרישאַ האָט איצט געשוויגן. ער האָט נישט געקאָנט איבערוועלטיקן אין זיך די איפּרעגונג, וואָס איז אין אים אויפגעוועקט געווען. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך דאָס בילד, וואָס ער האָט נישט לאַנג צוריק געזען אין דער חורבה, און עס האָט אים געצויגן צו פאַראַשאַן.

ליובאַ האָט באַמערקט, אַז ער איז עפּעס איצט „נישט מיט אַלעמען" און זי האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— וואָס איז, גרישאַ? פאַרוואָס זענט איר איצט אַזוי צעדרודלט? ווייל טערענטי איז אַנטשלאָפן געוואָרן? נישט געפערלעך! מסתמא איז ער מיד געווען.

— איך וועל אים אָפּשאַפן. ווער קאָן וויסן? אפשר שלאָפט ער גאָר גאַנצע נעכט! — האָט גרישאַ אַרויסגעמורמלט.

— אי, גרישאַ, זייט נישט אַזאַ שלעכטער. איך הער זיין קאַלאַקאָטקע אַ גאַנצע נאַכט.

— איך קאָן שוין נישט רוען — האָט ער דערנאָך געזאָגט. — מיין גאַנצע שטימונג האָט ער צעשטערט.

— זאָל איך זינגען אַ פריילעך ליד, גרישאַ? — האָט ליובאַ שטיפעריש אַ פרעג געטון.

— ניין, איך דענק, אַז איך זאָל זיך צוריקקערן.

— גוט! — האָט ליובאַ זיך אַ כאַפּ געטון. — פאָרט איר צוריק און גייט אַרונטער און איך וועל נאָך דאָ פאַרבלייבן.

— אַליין?

— און אַז אַליין? איך האָב נישט מורא.

— פונג־ייגעטהעגן. וואָרים איך בין סיי־ווי־סיי אין אַ שלעכטער שטימונג — האָט ער געזאָגט און אויסגעקידרעוועט דאָס שיפל.

צושיפּנדיק זיך צום ברעג, האָט גרישאַ זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— איך גיב נאָך נישט אויף מיין האָפנונג. און טאָמער נישט, איז נו, וועט זיין, ווי איר זאָגט, אַן אַנדערע סאָרט פרוי... איך האָף אָבער, אַז איר וועט זיין די פרוי. איר, איר. גוט נאַכט!

ער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון שיפֿל אויפֿן ברעג און איז אַוועק מיט האַסטיקע טריט.

באַלד האָט ער דערהערט פֿון דער אַזערע ליובאַס קול, וואָס האָט געזונגען אַ רוסיש ליד.

— עך, סקאַטינאַ! — האָט ער אַרויסגעמורמלט און פֿאַר זיינע אויגן האָט זיך געטראָגן פּאַראַשאַ.

טערענטי האָט דערגעך געקלאַפּט מיט זיין קאַלאַקאָטקע.

גרישאַ איז געגאַנגען גלייך צו די פֿערעלשטיינס אין הויז. און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער דאָרט פֿאַרשוווּנדן הינטער דער טיר.

און נאָך אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויס פֿון יענער טיר. און באַלד נאָך אים — פּאַראַשאַ. און זי האָט געלאַכט פֿאַרשטיקט מיטן פֿאַר־ריסענעם, פֿריילעכן בגזל קעגן דער לבנה, און האָט שטיל גערעדט:

— נו, וואָס איז? וואָס איז? ביסטו עפּעס אַ חתן מיינער, צי אַ מאַן? אָט, ער רעדט, איז אין כּעס! מיט וועלכע אַזעלכע פּראַוועס, האָ? אַז איך וויל, האָב איך דיך ליב, און אַז איך וויל נישט, האָסטו קיין שום פּראַוועס נישט, פֿאַרשטייסט?...

— שווייג, שעלמאַ! שווייג, סקאַטינאַ! — האָט גרישאַ זי אונטער־בראָכן מיט אַ פֿאַרשטיקט און אויפֿגערעגט קול.

זיי זענען אַוועק אין יענער זייט, ווו אייזענבערגס הויז איז געשטאַנען...

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

באַ באַריסן אין שטיבל

שפּעטער איז ליובאַ צוריקגעגאַנגען פון דער אַזערע איבערן הויף, און גייענדיק האָט זי זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. דערנאָך האָט זי זיך פאַרגנבעטערהייט אַריינגעכאַפּט אין איר הויז-טיר, דורכגעגאַנגען אויף די שפּיץ-פינגער דאָס פאַרהויז, איז אַריין אין קיך און פון דאָרט אין די אַנדערע צימערן, אַ רוף געטון פאַראַשאַן, און אַז קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, האָט זי נאָך אַמאָל דעם נאָמען פאַראַשאַ אויסגעשריגן העכער, איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע און האָט זיך צוגעהערט. נאָכדעם איז זי אַרויס צוריק אין דעם פינצטערן פאַרהויז און האָט פאַרריגלט פון אינעווייניק די טיר וואָס צום הויף.

נישט ווייט פון אָט דער טיר איז געשטאַנען אַ לייטער. איז ליובאַ אויף איר אַרויפגעקראָכן און איז באַלד פאַרשוווּנדן אין דער טונקעלער עפענונג פונם בוידעם.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי פון דאָרט אַרויסגעקומען אַ פאַרסאַפּעטע און האָט עפּעס געשלעפּט.

זי האָט עס אַריינגעטראָגן צו זיך אין צימער (דאָס איז געווען אַ שווערער פּאַק ליטעראַטור) און עס פאַררוקט אונטער איר בעט.

נאָכדעם איז זי ווידער אַרויסגעלאָפן אין פאַרהויז, האָט אָפּגעריגלט די טיר און איז צוריק אַריין צו זיך אין צימער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געלעגן אויף איר בעט און האָט געוואָלט לייענען גאָרקיס בוך און נישט געקאָנט.

זי האָט ווידער געטראַכט וועגן באַריסן און איז אומרויִק געווען וועגן אים.

אפשר האָט מיט אים פּאַסירט עפּעס פּאַסירט! און פאַרוואָס הערט מען גאָרנישט פון שוואַרצן? שוין עטלעכע טעג, אַז ער איז אַוועק.

אָבער וועגן שוואַרצן, הגם ער איז געווען אַ ליבער און נאָענטער חבר, האָט זי געטראַכט אגב אורחא, ווי פאַרבייגייענדיק. דער עיקר זענען איר האַרץ און מוח איצט פאַרנומען געווען מיט באָריסן. און געבענקט האָט זי נאָך אים, געבענקט אים צו זען. צו הערן זיין קול און האָט הייס אויפגעשוידערט, טראַכטנדיק פון ויינע קושן.

אין הויז איז געווען שטיל. פון הויף האָט זיך געהערט דאָס קלאַפן פון טערענטיס קאַלאַקאָטקע.

דערנאָך האָט ליובאַ געהערט ווי פאַראַשאַ איז אַריינגעקומען אין הויז. און נאָכדעם — ווי איר טאַטע-מאַמע זענען אַריינגעקומען.

זי האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ בײַ איר אין צימער, כדי איר טאַטע און מאַמע זאָלן מיינען, אַז זי שלאָפט, אויב זיי וועלן וועלן אַריינגיין צו איר.

און אַזוי איז טאַקע געווען — פערעלשטיין האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ צו איר אין צימער, האָט געהערט ווי ליובאַ האָט געכראָפּעט און ער האָט פּאַמעלעך צוגעמאַכט איר טיר.

— שלאָפט ווי אַ דערהרגעטע ! — האָט ליובאַ געהערט, ווי ער האָט דאָרט געזאָגט איר מאַמען.

אַזוי איז זי געלעגן ביז נאָך האַלבער נאַכט און האָט געוואַרט אויף בערציקן, וועלכער האָט געזאָלט קומען צו איר נאָך „ליטעראַטור“...

פּלוצלינג האָט זי דערהערט אַ קלאַפּן אין פענצטער, אַזויווי אַ האָגל וואָלט אַ פּאָר מאָל אין די שויבן אָנגעקלאַפּט.

זי האָט זיך אַרונטערגעכאַפּט פון בעט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

זי האָט דערזעען בערציקן. ער איז געווען שטאַרק בלייך — צי ווייל ער איז דאָרט געשטאַנען קעגן דער לבנה ?

זי האָט זיך צוריקגעקערט צו דעם בעט, אַרויסגעשלעפּט דעם פּאַק און אים צוגעטראָגן צום אָפענעם פענצטער און דערלאַנגט אין די אויסגעשטרעקטע הענט פון בערציקן.

פּלוצלינג האָט בערציק, האַלטנדיק דעם פּאַק, אַרויסגערעדט פאַרצווייפלט :

— חברטע, מען האָט אים אַרעסטירט !

— ליובאַ האָט זיך אַ טרייסל געטון.

— וועמען ?

— חבר שוואַרצן. אים מיט אַ חבר אַ קריסט. אַ חבר איז היינט

פאַרנאַכט געקומען פון דאָרט. מען האָט שוין אויף זיי געוואַרט דאָרט, דערציילט דער חבר. ווי נאָר זיי זענען אַהין אָנגעקומען, האָט מען זיי אַרעסטירט. איצט איז עס קלאָר ווי דער טאָג, אַז מען האָט זיי אַרויס־געגעבן. אוי, מיכאל דער פּראָוואָקאַטאָר איז דאָ! איז דאָ!...

ליובאַ איז געשטאַנען און האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויס־ברענגען.

— און באַריס? — האָט זי דערנאָך אַרויסגעמורמלט.

— חבר באַריס איז גאָר דאָרט נישט געווען — האָט בערציק גע־ענטפערט. — איך האָב זיך אויך נאָכגעפרעגט אויף אים בײַם חבר. ער איז דאָרט נישט געווען.

— גאָט מײַנער, גאָט מײַנער! — האָט ליובאַ געמורמלט און גע־בראָכן די הענט.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן:

— בערציק, איר זענט מיט אַ פור?

— יאָ. אַ חבר מיט אַ פערד און וואָגן וואַרט דאָרט...

— איך פאָר מיט אײַך.

— וווּהין?

— איר וועט מיך צופירן צו באַריסן. איך מוז זען, צי האָט ער זיך נישט צוריקגעקערט...

— איצט, נאָך האַלבער נאַכט?

— איך מוז זען! — האָט זי איבערגעזאָגט צעטראָגן און אַ כאַפּ געטאָן אַ טוך אויף אירע אַקסלען און איז אַרויסגעקראָכן דורכן פענצטער.

זי איז אַוועק נאָך בערציקן.

דאָרט ווײַטער, אויפן שליאַך, וואָס האָט זיך געזילבערט אונטער דער לבנה־שײַן, האָט געוואַרט אַ קריסטלעכער חבר מיט אַ פערד־און־וואָגן. האָט בערציק דערלאַנגט דעם פּאַק ליטעראַטור יענעם חבר און געהאָלפן ליובאַן זיך זעצן אויפן וואָגן און אַליין זיך אויף איר אַרויפ־געכאַפּט.

דער חבר האָט אַ טרײַב געטאָן דאָס פערדל.

— אומגליק נאָך אומגליק... ער איז דאָ ערגעץ, דער פּראָוואָקאַ־טאָר, ער איז דאָ ערגעץ... ווי איך וואָלט זײַן שאָטן געפילט... אָבער וווּ? גאָט מײַנער, וווּ?... פון וועמען רײַסט ער אַרויס די סודות פון אונ־זער אַרבעט?

בעריציק האָט אויך געמורמלט פאַרצווייפלט :

— יאָ, ער איז דאָ, אָבער ווי אַזוי געפינט מען אים, דעם אונט ? !...

ליובאַ האָט דערנאָך אַ בעט געטון דעם חבר, וואָס האָט אָנגעטריבן דאָס פערד, אַז ער זאָל זיך פאַרנעמען אויף דעם וועג, וואָס האָט געפירט, דורכשניידנדיק דעם שליאַך, צום שטיבל, וווּ באָריס האָט געוווינט.

דער חבר האָט זי געפאָלגט, און באַלד האָט ליובאַ דערזעען יענץ שטיבל מיטן שטרויענעם דאַך, ווייס און פאַרסודעט אונטער דער לבנה-שיין, און אַ פענצטער אין יענעם שטיבל איז באַלויכטן געווען.

— ער איז דאָ ! — האָט זיך באַ איר ארויסגעריסן, און פאַר אויפרעגונג האָט זי זיך צעוויינט.

דערנאָך האָט זי פלוצלינג געהייסן דעם חבר, אַז ער זאָל אָפּשטעלן דאָס פערד, איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, געזאָגט, אַז זיי זאָלן פאָרן צוריק, און איז אַליין אַוועקגעלאָפן מיטן שמאָלן וועג, וואָס האָט געפירט צו באָריסעס שטיבל.

אַ שטאַרקער ווינט איז פון ערגעץ אַנגעלאָפן און האָט געריסן דאָס טוך פון אירע אַקסלען און געשויבערט אירע האָר.

ליובאַ איז צוגעלאָפן צום שטיבל און האָט געמוזט צודריקן איר האַנט צום האַרץ, אַזוי האָט עס זיך געצאַפּלט פאַר אויפרעגונג.

דערנאָך האָט זי מיט אַ ציטערנדיקע האַנט אָנגעקלאַפּט אין טיר און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

האָט זי אָנגעקלאַפּט שטאַרקער, און ערשט דעמאָלט האָט זיך דער-הערט פון אינעווייניק דאָס באַקאַנטע קול :

— ווער איז דאָרט ?

— איך, באָריס, עפן ! — האָט זי געענטפערט און אַליין קוים דערקענט איר קול, אַזוי אויפגערעגט איז זי געווען.

באָריס האָט געעפנט די טיר און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים אויף דער ברוסט, און אַ פּאָר מינוט איז זי נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצוברענגען קיין איין וואָרט.

— וואָס איז געשעען ? — האָט ער געפרעגט פאַרווונדערט, און זי צוגעפירט צו אַ שטול. — ווי קומסטו עפּעס אַזוי שפּעט ?...

זי האָט אים גלייך נישט געענטפערט. זי האָט זיך געזעצט אויף דער שטול, געטוליעט זיך אין איר טוך און געקוקט אויף אים, און געקוקט...

ער איז געווען אַנגעטון אין אַ לאַנגן שלאַפראָק און דעם קאָלנער האָט ער אויפגעשטעלט הויך אויפן האַלז און זי באַטראַכט נאָך אַלץ מיט פאַרוואונדערטע אויגן.

צום סוף האָט זי אַרויסגערעדט:

— ווען ביסטו געקומען?

— היינט פאַרנאַכט. וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט?

— מען האָט אַרעסטירט שוואַרצן און נאָך אַ חבר — האָט זי אַרויסגערעדט און אַראָנטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

באָריס האָט אַ ציטער געטון און איז בלייך געוואָרן.

— שוואַרצן? — האָט ער אַרויסגעמורמלט. — ש-ש-וין!...

ער האָט זיך פּלוצלינג אומגעדרייט צו איר מיטן רוקן, אַריינגעלאָזט ביידע הענט אין זיינע האָר און ער איז אַזוי געבליבן שטיין.

— עס איז קלאָר, אַז מען האָט זיי אַרויסגעגעבן, אַ דריטער חבר, וואָס איז מיט זיי געווען, האָט זיך אַרויסגעדרייט פונם אַרעסט און ער דערציילט, אַז ווען זיי זענען געקומען אַריין, האָט מען שוין געוואַרט אויף זיי — האָט ליובאַ גערעדט ווייטער. — אוי, באָריס, איך בין געווען זיכער, אַז דו ביסט אויך אַוועק צוזאַמען און איך בין שיער נישט משוגע געוואָרן!...

— וואָס איך! פאַרוואָס רעדסטו פון מיר? — האָט ער צעבייזט אַ געשריי געטון און אַ קער געטון צו איר זיין צעקרומט פּנים. — רעד נישט פון מיר, רעד נישט! איך בין דאָך נישט אַרעסטירט און איך לעב דאָך, צום שוואַרץ יאָר!...

ער האָט זיך איינגעטשוליעט אינעם שלאַפראָק און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געבליבן דאָרט שטיין מיטן רוקן צו ליובאַן.

דאַן האָט ליובאַ זיך אָנגערופן אין אַ פאַרשולדיקטן טאָן:

— דו ביסט גערעכט, באָריס, וואָס פאַר אַן עגאָיסטקע איך בין!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז נאָך דאָרט געשטאַנען אַן איינגעהויקערטער מיטן רוקן צו איר.

אויף אַ טיש קעגן פענצטער איז געלעגן אַ פּאַק פּאַפּירן און אַ טינטער מיט אַ פעדער איז דערביי געשטאַנען. קענטיק געווען, אַז איידער ליובאַ איז געקומען האָט באָריס עפּעס געשריבן.

מיטאַמאָל האָט באָריס אַן עפן געטון דאָס פענצטער. אַ ווינט האָט זיך אַריינגעריסן און מיט אַ שאָרשקען זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם פּאַק פּאַפּירן און עס צעטראָגן איבערן ציגלנעם דיל.

ליובאַ איז אויפגעשפּרונגען און האָט געוואָלט צונויפנעמען די פּאַפּירן פונם דיל, אָבער באָריס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר אַ ווילדער, אַ שטויס געטאָן זי מיט אַ משוגעדיק געשריי: „לאָז! ריר נישט אָן!" געוואָרפן זיך אויפן דיל און מיט ביידע הענט צונויפגעשאַרט די פּאַפּירן אַרום זיך און צונויפגענומען זיי אין אַ הויפן. די אויגן זענען געווען בײַ אים גרויסע און צעשראָקענע און ער האָט אינגאַנצן געציטערט.

ליובאַ איז צעטומלט געוואָרן פון זײַן שטויס און געשריי, איז געשטאַנען מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און האָט געקוקט אויף אים ווי אַ סטאַטוע.

ער איז מיטן פּאַק פּאַפּירן אַרײַנגעלאָפן אין צווייטן צימער, וווּ זײַן בעט איז געשטאַנען.

דערנאָך, אַז ער האָט זיך ווידער צוריקגעקערט, האָט ער נאָך געציטערט.

ליובאַ איז געקומען צו זיך.

— באָריס, וואָס איז עס? ווי דו ציטערסט! — איז זי צוגעגאַנגען צו אים.

ער האָט זיך געזעצט און אָפּגעצויגן דעם אָטעם:

— פוי, ווי נערוועז איך בין!

ליובאַ האָט אים אָפּגעווישט מיט אַ טיכל דעם שווייס פון שטערן.

— זע, נאַר, אַ קאַלטער שווייס האָט דיר אַרויסגעשלאָגן. פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?

— איך האָב באַקומען זייער וויכטיקע בריוו און זיי זענען אויפן טיש געווען — האָט ער נאָך אַלץ אַ נערוועזער געמורמלט.

— נו, איז וואָס? קיין פרעמדער איז דאָך דאָ נישט געווען. דו האָסט דאָך מיך שיער נישט דערהרגעט מיט דײַן שטויס! — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— זײַ מיר מוחל, ליובאַ, איך ווייס נישט, וואָס איך טו! ליובאַ, ליובאַ — איז ער מיטאַמאָל צוגעפאַלן מיטן שטערן צו איר האַנט, רעדנדיק פאַרשטיקט און מיט דער טיפסטער פאַרצווייפלונג. — עס איז מיר זייער שווער, אַזוי שווער... אָט זענען שוואַרץ און אַנדריושאַ... מאָרגן, צי אין אַ וואָך אַרום, נאָך אַנדערע, ווער ווייסט וויפיל נאָך...

— וואָס קאָן מען זיך העלפן, באָריס... מיר מוזן אויסגעפינען ווער דער מיכאַיל איז... זיכער איז דאָס זײַן אויפטו...

— יאָ, יאָ, ליובאַ, זיין אויפטו, זיין אויפטו! — האָט באָריס פאַרשטיקט אויסגעשריגן — די אַרבעט פון אָפּ דעם הונט, אָט פון דעם טייוול!...

ער איז אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער.

און באַלד האָט ער זיך צוריקגעקערט פון דאָרט מיט אַ פלאַש שנאַפּס און מיט אַ גרויס גלאָז, האָט אָנגעגאָסן פול דאָס גלאָז און אויסגעטרונקען.

— טרינק נישט מער, באָריס, דו ביסט אויפגערעגט — האָט זי זיך אָנגערופן און גערוקט די פלאַש בײַ אים פון די הענט.

— לאָז, ליובאַ, לאָז! — האָט ער נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די פלאַש פון דער האַנט. — איך פיל איצט אַזוי... ווען דאָס וואָלט געווען סם, וואָלט איך דאָס געטרונקען...

— דו ביסט שטענדיק אַזוי פאַרצווייפלט, ווען עמעצער פון אונזערע פאַלט אַריין — האָט ליובאַ זיך אָנגערופן. — אָבער הײַנט מער ווי ווען-עס-איז.

— עס זענען דאָ צייטן — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין — ווען איך טרינק זיך אין אַזאַ קאַלטן חושך! אַזויווי די פינצטערניש פון קאַלטע אָסיען-נעכט וואָלט איך אין זיך אַריינגעזויגן און וואָלט מיט יעדן געפיל מיינעם אין דעם זיך געטרונקען... דאַן וואַיעט עס אין מיר און רייסט זיך אַ פאַרסמטער טייוול, צי אַ משוגענער הונט, צי אפשר גאָר אַ פאַרלוירענער מענטש... יאָ, יאָ, אַ פאַרלוירענער מענטש... איך וויל פון דעם אַנטלויפן און איך קאָן נישט. קאָן זיך פון דעם נישט באַפרייען שעהן-לאַנג, אַמאָל טעג און וואָכן-לאַנג...

— נו, באַרויק זיך, באָריס — האָט ליובאַ גערעדט און געגלעט אים איבער די האָר. — וויפיל דו ליידסט, דו הייליקער! — איז זי מיטאַמאָל צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו זיין קאָפּ.

ער איז אָפּגעטרעטן פון איר.

— יאָ, איך בין אַ הייליקער — האָט ער אַרויסגעמורמלט מיט שפּאָט. — און איך וועל זיך אַמאָל צאַפּלען אויפן קרייץ אויך ווי אַ הייליקער!...

און ער האָט ווידער אויסגעטרונקען און אוועקגעשטעלט דאָס גלאָז מיט דער פלאַש. כמעט אַן אויסגעליידיקטע, אויפן טיש.

— דו זאָגסט, אַז דאָס איז מיכאַילס אַרבעט? — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, גייענדיק איבער דער שטוב הין און צוריק. — אויף דער

חאַנט דאָרט, באַ מיר אין שלאָפצימער, האָב איך אַמאָל באַמערקט אַ גרויסן, שוואַרצן שפּין, וואָס האָט געוועבט אַ נעץ אַרום פליגן... די פליגן, אויסגעזייגטע, פאַרפייניקטע, האָבן זיך געצאַפּלט אין דעם שפּינוועבס, און דער שוואַרצער שפּין האָט געוועבט אַרום זיי מיט העסלעכן פאַרגעניגן... איך האָב געקוקט אויף אָט דער שפּין און געטראַכט וועגן מיכאַילן... ער איז אויך אַ שפּין! — האָט באָריס זיך אויפגערעגט אַלץ מער און מער און גערעדט מיט האַס און פאַרצווייפלונג: — אַ שוואַרצער שפּין, אַ העסלעכער, אַ געפערלעכער! און ער וועבט און וועבט זיין נעץ אַרום די פליגן. וועבט אַן אַן אויפהער. אַן אַן אָפּהאַלט און לעבנס גייען פאַרלוירן! אַך, וויפיל לעבנס!...

ער האָט זיך געזעצט באַם טיש און צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צו אים.

ליובאַ איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים געגלעט איבער די האָר.

— דערקלער מיר, באָריס, — האָט זי זיך אָנגערופן — וואָס פאַר אַ מענטש קאָן זיין אַזאַ מיכאַיל? איך האָב געהערט, אַז ער איז זייער אַן אינטעליגענטער מענטש און אַז ער איז אַמאָל געווען אַן איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער.

באָריס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געענטפערט:

— איך קען אים. אַן אומגליקלעכער מענטש...

— דו קענסט אים? יאָ, יאָ, דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט מיט אים געאַרבעט באַ די פּועלי-ציון.

— יאָ, יאָ. איך קען אים גוט, דעם טייוול... איך קאָן זיין לעבן, זיין כאַראַקטער, זיין ביאָגראַפיע, די גאַנצע געשיכטע פון זיין פינצטערן פאַרראַט. ניין, נישט פינצטערן. נאָר אומגליקלעכן פאַרראַט! — האָט באָריס זיך פאַרכאַפּט.

— און וואָס פאַר אַ מענטש איז ער, באָריס?

— אַן אומגליקלעכער, אַ קראַנקער. קראַנק אויף ערגייץ, — האָט געענטפערט באָריס. אַזוי ווי רעדנדיק צו זיך. — וואָלט מען אים נישט אַרעסטירט, וואָלט ער געבליבן ווייטער אַרבעטן אין דער באַוועגונג און דאָרט געשפּילט די הויפּט-ראָל, ווייל ער איז אויסערגעוויינלעך פעיק און געוואַגט. אָבער מען האָט אים אַרעסטירט און דאַן האָט ער זיך דערזעען פאַרלוירן ערגעץ אויף דער קאַטאָרגע, לעבעדיק באַגראָבן, און ער האָט נישט געוואָלט פאַרלוירן גיין... האָט ער דאַן זיינע חברים גע·

נומען פאַרראַטן און אויך די אַנדערע, וואָס האָבן געהערט צו זיינע נייע באַלעבאַטים... ווייל ער האָט לכתחילה געמיינט צו דינען דער רעוואָלוציע דערמיט וואָס ער וועט די נייע באַלעבאַטים פאַרראַטן. ער האָט באַ זיך געטראַכט: „איך וועל זיי צוּוואַרפן אַ קליין ביימעלע און באַ זיי וועל איך אויסהאַקן אַ דעמב!” אָט אַזוי האָט ער געשפּילט סיי מיט גאָט און סיי מיטן טייוול!...

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכער מענטש! — האָט ליובאַ אַרויסגעמורמלט.

— באַ יעדן פון אונז לעבט אין דער נשמה סיי גאָט און סיי דער טייוול — האָט באָריס ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין. — און האָט דאָרט די איבערהאַנט גאָט, ליגט דאָרט דער טייוול באַהאַלטן ווי די חיה אין אַ פינצטערער הייל... לאָזן מיר אָבער צו, אַז דער טייוול זאָל דאָרט די איבערהאַנט קריגן כאָטש אויף איין מאָמענט און כאָטש מיט דער כּוונה צו פאַרבלייבן נאָך טרייער צו גאָט איידער פריער, זענען מיר דעמאָלט פאַרלוירן. ווייל דער טייוול, אָט דער נשמה־יעגער, וועט מיט די ציין און נעגל זוכן דערנאָך אָנצוהאַלטן זיין שליטה איבער אונז. אָט דאָס איז געווען די טראַגעדיע פון מיכאַילן. ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין דעמדאָזיקן טאָפּלטן פאַרראַט אַלץ טיפער און טיפער. די נייע באַלעבאַטים האָבן באַ אים געפאָדערט נאָך און נאָך, און ער האָט זיי געמוזט צושטעלן נייע קרבנות, און נאָך יעדן קרבן, וואָס ער האָט זיי צוגעשטעלט, האָט ער זיך געטומלט און דערנאָך געזוכט צו נעמען נקמה אָן זיינע באַלעבאַטים. און אַזוי האָט ער געשפּילט און געשפּילט און אַליין נישט געפילט ווי אַזוי אָט דערדאָזיקער שפּיל איז באַ אים געוואָרן אַ מין קרענקלעכע ליידנשאַפט, צי גאָר אַ מין אַזאַרטנער ספּאָרט. ער האָט נישט געפילט ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שפּין, וואָס וועבט די נעץ אַרום פליגן מיט העסלעכן פאַרגעניגן. וואָרים מיכאַיל, יאָ, יאָ, ער וועבט זיין נעץ אָפּט מיט פאַרגעניגן, מיט ליידנשאַפט, מיט ליבע, מיט קאָפּ און האַרץ, אָט ווי אַ ליידנשאַפטלעכער שאַך־שפּילער, וואָס שפּילט מיט דער זעלבער ליידנשאַפט סיי מיט די שוואַרצע און סיי מיט די ווייסע. צי גאָר ווי דער אַלקאָהאָליקער, וואָס ציט אין זיך דעם פייערדיקן אַלקאָהאָל, וועלכער וועט אים סוף־כּל־סוף פאַרברענען... יאָ, מיכאַיל ווייסט, אַז סוף־כּל־סוף וועט ער באַקומען זיין לוין, צי פון די ווייסע, צי פון די שוואַרצע... אָבער ער קאָן זיך שוין נישט אָפּשטעלן... ער צאַפּלט זיך שוין אַליין אין זיין אייגענעם שפּינוועבס... עס זענען

אַבער שטראַן צייטן, ווען זיינע אַלע קרבנות לעבן אויף פאַר אים, און דערמאָלט...

באַריס האָט זיך אויפגעהויבן און גלייך זיך צוריק אַוועקגעזעצט, מורמלענדיק :

— דערמאָלט וואָלט ער דעם קאָפּ צעשמעטערט אָן דער וואַנט, אַז עס זאָל נישט פאַרבלייבן קיין שפּור פון זיין מאַרך און פון זיינע געהירן. די פינצטערע נשמה וואָלט ער בײַ זיך אַרויסגעפליקט ! יאָ, יאָ, דער שפּין אויף דער וואַנט מוז אויך האָבן אַמאָל געוויסנסביסן ווי מיכאַיל, דער גרויסער, שוואַרצער שפּין !...

ליובאַ, זאָגט אים אַ כאַפּ געטון פאַר אַן אָרעם און צעטומלט אויסגעשריגן :

— באַריס ! אום גאָטס ווילן ! וואָרים רעדסטו מיט אַזויפיל האַרץ וועגן אַט דעם טייוול !

באַריס האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרצווייפלונג אָן אַ שיעור. דערנאָך האָט ער שלעפּלינג אַ כאַפּ געטון אירע ביידע הענט און אַרויסגעמורמלט :

— ניין, ליובאַ, ניין ! דו טאָרסט נישט... דו טאָרסט נישט...

— וואָס טאָר איך נישט, באַריס ?

— דו טאָרסט נישט זיין איינע פון אָט די פליגן... דו ביסט צו טייער... איך וועל אויפרייסן די נעץ... איך וועל דערהרגענען דעם שפּין... ליובאַ, ליובאַ, איך בין אַזוי אומגליקלעך !...

— באַריס, דו האָסט נישט געדאַרפט טרינקען... איך וועל גיין אַהיים און דו גיי שלאָפן.

— האַ ? — האָט ער אַרויסגעמורמלט און אַרויסגעלאָזט אירע הענט פון זיינע. און מיטאַמאָל האָט ער זיך נערוועז צעלאַכט :

— ווי געפעלט דיר אַזאַ באָבעצע ? אַ צעקראַכענע לעמעשקע, נישט אמת ? דו ביסט גערעכט : איך האָב נישט געדאַרפט טרינקען.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, באַריס : עפּעס האָסטו אַזוי מאָדנע גערעדט וועגן מיכאַילן, אין אַזאַ טאָן און מיט אַזוי פיל האַרץ, אַז עפּעס... אַז עפּעס מיר קומט עס אויס מאָדנע...

ער האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין איר און אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן :

— מאָדנע ?... פאַרוואָס ?... וואָס אַזעלכעס האָב איך געזאָגט ?...

— קיין באַזונדערע זאַכן נישט, — האָט ליובאַ געענטפערט. —

אָבער דער אופן און דיין טאָן, און די אויפרעגונג, מיט וועלכער דו האָסט גערעדט וועגן אָט דעם טייוול...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און א טרעט געטון צום פענצטער.

— זעסט? אָט דאָס איז עס, וואָס איך האָב דיר פריער געזאָגט, — האָט ער אַרויסגערעדט. — דער משוגענער הונט האָט זיך אין מיר צע־וואָיעט, צי דער פאַרסמטער טייוול, און מחמת איך האָב געטרונקען, האָט ער זיך צעוואָיעט שטאַרקער ווי געווייגלעך. איך קאָן נישט בלייבן גליי־גילטיק, ווען אַזוי פיל לעבנס גייען אונטער! — האָט ער זיך איבערגע־שלאָגן. — און וועגן יענעם קאָן איך אויך נישט טראַכטן גלייכגילטיק...

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט פאַרדרייכערט א פּאַפּיראָס, איז געשטאַנען א ווײַלע מיטן רוקן צו ליובאַן, און מיטאַמאָל האָט ער גענומען אויפגערעגט פּייפן.

— נו, וואָס טראַכט איך? — האָט ער פּלוצלינג איבערגעשלאָגן זיין פייפן און זיך א קער געטון צו איר. — הייסט עס, ווען פאָרט דעם רבס טאָכטער?

— זי פאָרט איבערמאָרגן.

— זי זאָל נישט פאָרן איבערמאָרגן. אָפּלייגן. — האָט ער זיך אָנגערופן.

— וואָס הייסט אָפּלייגן, ווען אַלצדינג איז צוגעגרייט? — האָט ליובאַ געזאָגט.

— אָפּלייגן! — האָט ער געענטפערט נערוועז, — אַזוי מוז עס זיין. צו געפערלעך, אַז זי זאָל איצט פאָרן. דו זעסט דאָך ווי אונזערע פאַלן דורך. אפשר ווייסט יענער טייוול, אַז זי גרייט זיך צו פאָרן? אָפּלייגן. אומבאַדינגט אָפּלייגן!

— דו מיינסט אַזוי?

— וואָס הייסט צי איך מיין אַזוי? איך וועל זיך זעען מאָרגן מיט קאַליאַן און אים דערקלערן פאַרוואָס זי טאָרן איצט נישט פאָרן.

— קאַליאַ רייסט זיך צו פאָרן, און זי, בראַכקע, אויך. זיי זענען זיכער, אַז זיי וועלן האָבן דערפאָלג און אַז יענער וועט זיך פון זיי נישט אַרויסדרייען — האָט ליובאַ אַרויסגערעדט פאַרטראַכט. — אָבער ווער קאָן עס וויסן? אויב אונזערע אַלע לעצטע דורכפאַלן האָבן מיר צו פאַר־דאַנקען א פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער אַרבעט צווישן אונז, טאָ ווי קאָנען מיר דאַן זיין זיכער?...

— קאָנען מיר נישט זיין זיכער — האָט באָריס זיך אָנגערופן. —

איבערהויפּט נישט איצט. מיר מוזן זיין איצט זייער פאָרזיכטיק, זייער! דו ווייסט, ליובאַ, איך בין אַזוי אומרויק וועגן דיר! אפשר וואָלסטו פאָרט מיר איבערגעגעבן צו פירן דיין גאַנצע קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, די אַדרעסן און אַלצדינג?...

— ליובאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— שוין ווידער? דו ווייסט דאָך, אַז אָן דעם צענטראַלן קאָמיטעט... באָריס, ווי קאָן דיר גאָר איינפאַלן אַזאַ זאַך?...

באָריס האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— ווי איך זע, מוז איך דאָס דיר דערציילן. דאַן וועסטו אויך פאַרשטיין, פאַרוואָס בראָכקע און קאָליאַ טאָרן איצט נישט פאָרן. מיר דאַכט זיך, אַז מיר זענען אויף זיין שליאַד...

— אויף וועמעס?

— אויף מיכאַילס. און אויב דאָס איז ער, האָב איך מורא, אַז ער ווייסט וועגן דיין אַרבעט, און דערפאַר בין איך אַזוי אומרויק וועגן דיר, און דערפאַר וואָלט איך די אַרבעט געוואָלט אַוועקנעמען בײַ דיר. די עטלעכע טעג, וואָס איך בין אַוועק פון דער שטאָט, בין איך פאַרנומען געווען מיט זוכן זיין שליאַד. איצט, דענק איך, ווייסן מיר ווו אים צו זוכן.

ליובאַ האָט צעטומלט אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס רעדסטו? דו ביסט אויף זיין שליאַד?

— איך האָב היינט באַקומען אַ בריוו פון מאָהילעוו. אַ חבר שרייבט מיר, אַז ער, מיכאַיל, געפינט זיך ערגעץ אין זייער ראַיאָן, און מען דענקט, אַז ער איז געקומען אַהין פון אונזער שטאָט. אפשר איז ער אַוועק אַהין, ווייל ער האָט דערשמעקט, אַז מיר שיקן אַהין בראָכקען און קאָליאַן. נאַטירלעך, ער וואָלט געקאָנט זיי אַרויסגעבן אויף אַן אַנדערן אופן, נישט פאָרנדיק אַליין אַהין, אָבער ווער קאָן וויסן, וואָס אַזאַ איינער האָט אויפן זינען?...

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער און זיי ביידע האָבן זיך צעשראָקן אַ כאַפּ געטון.

באָריס איז צוגעלאָפן צום פענצטער און האָט דאָרט דערזעען בערציקן.

— צום טייוול, וואָס איז, בערציק? — האָט ער זיך אָנגערופן אַן אומצופרידענער.

— איך בין דאָ מיטן וואָגן. איך בין געקומען נעמען חברטע ליובאָן אהיים — האָט בערציק געענטפערט.

— א דאַנק. איך וועל זי באַגלייטן אהיים.

— גוט, חבר באָריס! איך האָב געמיינט, אַז אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, און מיר האָבן אַ פערד און וואָגן... כ'וויס?... אַ גוטע נאַכט!

— וואַרט, בערציק! — האָט זיך ליובאַ אַ כאַפּ געטון. — איך פאָר מיט אייך!

— פאַרבערענג דאָ נאָך אַ ווײַלע — האָט באָריס זי געבעטן. — איך וועל דיך דערנאָך אָפּפירן אהיים.

— ניין, באָריס, דו גיי איצט שלאָפן. גוטע נאַכט!

און זי האָט אַ וויקל געטון אַרום זיך איר טוך און איז אַרויסגעלאָפן

דאָס אכטע קאַפּיטל

די פרײלעכע בשורה

אויף מאָרגן נאָכמיטאָג איז ליובאַ געזעסן אויפן גאַניק, האָט האָט אַרויסגעקוקט צום שליאַך און צו די פעלדער, און האָט געלייענט אַ בוך.

פּלוצלינג איז צוגעפאָרן צום הויז באָריס אויף אַ דראָזשקע.

באָריס איז אַרונטערגעשפּרונגען פון דער דראָזשקע, האָט באַצאָלט דעם פורמאַן און געלאָזט זיך גיין צום גאַניק.

ליובאַ איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

— אַ פרײלעכע בשורה! — האָט ער זיך אָנגערופן און האָט אינ־גאַנצן געשטראַלט, — אַ גרוס פון שווארצן און אַנדרושאַן...

זי האָט אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן.

— וואָס מיינסטו?

— זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן.

ליובאַ האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר אַן אָרעם און אירע באַקן האָבן זיך צעפלאַמט.

— וואָס רעדסטו?

זיי זענען אַוועק איבערן שליאַך.

— זיי זענען דינט נעכטן בײַ חבר קאַליגינען אין הויף. ער וועט זיי אויסריכטן אין אַן אַנדערער שטאָט.

פאַר פרייד זענען בײַ ליובאַן די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן און זי האָט געפּליסטערט:

— גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ פרייד! וואָס פאַר אַ פרייד! ווי אַזוי איז עס זיי געלונגען?

— חברים האָבן זיי אָפּגעשלאָגן, ווען דער פּריסטאַוו מיטן אוריאַד־ניק האָבן זיי אָפּגעפירט אין שטאָט אַריין.

זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ וועג, וועלכער האָט זיך פֿון ביידע זייטן שליאַך געצויגן אין וואַלד אַריין.

האָבן זיי זיך פּאַרנומען אויף אָט דעם וועג לינקס און זענען אַריין אין וואַלד.

— ווען האָסטו זיך דערוווּסט וועגן דעם?

— איך האָב נישט לאַנג געטראָפֿן חבר קאַליגינען. דערנאָך האָב איך געכאַפּט אַ דראָזשקע און בין געפֿאָרן דיר אַנזאָגן.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטון צו אים און אים אַ קוש געטון.

— אַ דאַנק, באָריס! דו ווייסט גאָרנישט ווי גליקלעך איך בין איצט!

— איך אויך, ליובאַ!

זיי האָבן זיך געזעצט אויפֿן גראָז אין דעם טונקעלן שאָטן פֿון דעם אַלטן וואַלד.

אַרום זיי האָבן אַרומגעשוועבט, יאָגנדיק זיך איינע נאָך דער אַנדערער, מיאַטלעס פֿון פֿאַרלײַ קאָלירן, אַזוי ווי לעבעדיקע בלומען.

— אפשר דאַרף מען האָבן געלט פֿאַר זיי? — האָט ליובאַ זיך דערנאָך אָנגערופֿן.

— קאַליגין וועט שוין זיי באַזאָרגן. און ווי איך בין נעכטן פֿאַרצווייפֿלט געווען! — האָט באָריס צוגעלייגט מיט אַ שמייכל.

— אַלץ הייסט פֿאַרצווייפֿלט! און אַ גאַנצע פֿלאַש מיט שנאַפּס אויסגעטרונקען. דו ווייסט, באָריס? דו האָסט אויסגעזען און האָסט גערעדט, ווי דו וואָלסט זיך פֿון זינען געריררט...

— אפשר וועל איך זיך נאָך אַמאָל רירן פֿון זינען, — האָט באָריס אַרויסגעמורמלט און נערוועז געשמייכלט. — איך לעב איבער אַמאָל עפּעס אַזוינס, וואָס איך וואָלט עס אפילו אַ משוגענעם הונט נישט געווונטשן...

— דו ביסט צו נערוועז, באָריס.

— איך בין נישט גליקלעך, ליובאַ. און זייער צפֿט טראַכט איך: ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איך טו מיטאַמאָל אַ קאַפּעטשקע אַ שטאַרב...

— וואָס רעדסטו? שטעלט דיך נישט צופֿרידן דײַן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט? דאַכט זיך, וויפֿיל דו טוסט אויף...

באָריס האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער געענטפֿערט:

— איך וואָלט וועלן אַרבעטן פֿריי, פֿריי, פֿריי... דעמאָלט וואָלט

איך געקאָנט עפּיס אויפטון גאָר גרויסעס, פיל איך. אַזוי אָבער אַרבעטן, פאַרשטעקט אין די לעכער, מיט אַ מאַסקע שטענדיק אויפן פּנים... שווער!

— נו, קעמפן מיר דאָך דערפאַר. אַז מיר זאָלן קאָנען פריי אַרבעטן! און איך בין זיכער, באַריס, אַז מיר וועלן דאָס אויסקעמפן!

— יאָ, אויסקעמפן וועלן מיר עס. עס פרעגט זיך נאָר ווען, און צי מיר אַליין וועלן דאָס דערלעבן...

— וועלן די דורות נאָך אונז דאָס דערלעבן. עס וווּנדערט מיך, באַריס, אַז דו זאָלסט זיך גאָר שטעלן אַזעלכע פראַגן.

באַריס האָט ווידער אַ ווײַלע געשוויגן.

— יאָ, אמת — האָט ער דערנאָך געזאָגט. — מיר אַרבעטן אַלע פאַר די קומענדיקע דורות, אָבער איך אַליין וויל אויך אַ ביסעלע גליק שוין הײַנט. עס איז אַ גרויסע באַפרידיקונג צו אַרבעטן פאַר אַ פרייער צוקונפט, אמת! אָבער ווען דײַן הײַנט איז פאַרסמט פון דעם געדאַנק, אַז אפשר וועסטו נישט האָבן קיין מאָרגן, און פון נאָך אַזעלכע פאַסקודנע געדאַנקען?...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— רעד נישט אַזוי, באַריס! אָט איז אונזער הײַנט זייער אַ גליקלעכער...

— דו מיינסט, ווײַל די חברים שוואַרץ און אַנדרושאַ איז געלונגען צו אַנטלויפן?

— נו, אוודאי. ביסטו דען נישט גליקלעך מיט אָט דער בשורה?

— נו, יאָ. איך בין גליקלעך, אָבער אויף ווי לאַנג? מאָרגן קאָנען זיי ווידער, די זעלבע חברים, צי איך, צי גאָר דו, צי אַנדערע אַרײַנפאַלן!...

— איך טראַכט נישט דערפון — האָט ליובאַ געזאָגט. — בײַ מיר איז דאָס העכסטע גליק — צו באַצאָלן מיט מײַן הײַנט און מיט מײַן מאָרגן פאַר דעם גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס גליק פון אַלעמען איז מײַן אייגן גליק... און איך מוז דיר זאָגן, באַריס — האָט זי צוגעלייגט, קוקנדיק אויף אים מיט גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן — אַז דײַנע ווערטער זענען פאַר מיר אַן איבעררעשונג. מיר גלייבט זיך גאָרנישט, אַז איך הער אַזעלכע ווערטער פון דיר...

ער האָט נערוועז אַ שמייכל געטון און געשוויגן.

— איך האָב זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעטשוכעט פון מײַן

נעכטיקער שטימונג — האָט ער דערנאָך זיך אָנגערופן. — עס וואַיעט נאָך דאָרט בײַ מיר דער הונט. ער וועט אָבער אַנטשוויגן ווערן. בישט דאָס ערשטע מאָל!

ער האָט אַרײַנגענומען איר האַנט צווישן זײַנע בײדע און אַנגע-הויבן זי צו גלעטן.

און פּלוצלינג איז ער צוגעפאַלן צו איר האַנט און זי גענומען לײדנשאַפטלעך קושן.

— ליובאַ! — האָט ער אַרויסגעמורמלט פאַרשטיקט.

איר טונקל פּנים האָט זיך אַ ביסל צעררײסלט און אירע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אויף אים פאַרלוירן.

— ליובאַ! — האָט ער ווײַטער געמורמלט — ווען דו וואָלכט געוווסט, וויפיל איך טראַכט פון דיר, וויפיל איך בענק נאָך דיר, ווי אַ ך ליב דיך און וואָס דו ביסט פאַר מיר!...

זי האָט צעמישט אַרויסגעשטאַמלט:

— באָריס, קום, מיר וועלן גײן!

און זי האָט איבערגעוואָלט אַרויסגעריסן איר האַנט פון זײַנער און זיך אויפגעהויבן.

ער איז געבליבן זיצן אויפן גראָז און האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

אַזוי איז ער געזעסן אַ היפּשע ווײַלע, ביז זי איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אַ גלעט געטון איבער די האָר.

— קום, באָריס — האָט זי ווידער געזאָגט, געוואָלט צופאַלן מיט די ליפּן צו זײַן קאָפּ, און האָט זיך אַ צי געטון צוריק.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט זי מיט בעטנדיקע אויגן.

— ליובאַ, ווען?...

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים פאַרלוירן און תיכף אַרונטערגע-לאָזט די אויגן און זי האָט נישט געענטפערט.

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו איר.

— ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי דו פּײַניקסט מיך, ווי מײַן גאַנצע ענערגיע איז דורך דעם פּאַראַליזירט! — האָט ער ווידער אַרויסגע-מורמלט.

און זי האָט געשוויגן, אויסגעמידן זײַן בליק, און איר פּנים האָט זיך ווי מיט אַ מאַסקע פאַרצויגן.

— ליובאַ, ווען? — האָט זיך מיטאַמאָל בײַ אים אַרויסגעריסן שטאַרק און מיט אומגעדולד אין קול.
איצט האָט זי אַ קוק געטון אויף אים פאַרוווּנדערט און געעבעט-פערט אויך מיט אומגעדולד:
— איך ווייס נישט, באַריס!
— דו האָסט מיך נישט ליב, ליובאַ!
— איך האָב דיך זייער ליב, באַריס!
— ניין, ניין, דו האָסט מיך נישט ליב! — האָט ער ווידער גע-זאָגט שוין אין אַ טאָן פון אַ צעבאַלעוועט קינד.
האָט זי זיך דאָן צעלאַכט.
— ווי דו האָסט עס געזאָגט — האָט זי געלאַכט — אָט אַזוי ווי אַ קינד!...
— ווי אַן אידיאָט — האָט ער אונטערגעכאַפּט. — דו מאַכסט מיך פאַר אַן אידיאָט, ליובאַ!
זיי זענען אַוועק צוריק צום שליאַך-צו.
— באַריס — האָט זי זיך אָנגערופן נאָך אַ קורץ שווייגן — זי דענק נאָר נישט, אַז איך אַליין... איך בין אויך נישט קיין מלאך...
— נאָר וואָס דען? — האָט ער אַ פרעג געטון.
— איך ווייס נישט, באַריס, איך ווייס נישט, ווי דיר דאָס צו דער-קלערן — האָט זי בעענטפערט נערוועז.
— אפשר די הייליקע מאָראַל האַלט דיך בײַ דער פאָלע? — האָט ער זיך אָנגערופן איראָניש.
— אָך, לאָז צורו. דו פאַרשטייסט נישט קיין פרוי.
— אפשר אַזאַ מיידל ווי דו.
— נו, יאָ, זיכער, אַזאַ מיידל ווי איך — האָט זי אים בעענטפערט אין טאָן. — נו, גיי שאַף-איבער די נאַטור!
— הייסט עס — האָט ער אַ קוק געטון אויף איר — ליבע פלאַ-טאָנישע? — האָט ער אויסגעצויגן דאָס לעצטע וואָרט אין אַ שפּאָ-טישן טאָן.
— ווען אַזאַ ליבע וואָלט מעגלעך געווען, ווי שיין דאָס וואָלט געווען, באַריס! — האָט זי באַמערקט פאַרטראַכט.
— פאַרוואָס נישט? אַזאַ ליבע קאָן זיין מעגלעך צווישן אונז, געוויס!
זי האָט אַ קוק געטון אויף אים.

— יאָ ?

— זיכער — האָט ער געענטפערט. — נאָר דו דאַרפסט האָבן אַ פּאָר בראַדעווקעס, איינע אָט דאָ אויף דער שפּיץ נאָז, און די אַנדערע אָט דאָ אויף דיין גאַמבעטשקע, און אַ פּאָר וואָנסעס נאָך דערצו...

ליובאַ האָט זיך פריילעך צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו ? איך מיין גאַנץ ערנסט, ליובאַ. דאַן וואָלט אונז געקאָנט פאַרבינדן די פולקאָמענסטע, אידעאַלסטע פּלאַטאָנישע ליבע !...

— נו, געגוג וועגן דעם — האָט זי אים מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן מיט די שפּורן פון געלעכטער נאָך אויף איר פּנים און אין אירע אויגן. — באָריס, איך וואָלט וועלן זען שווארצן. ווי קאָן איך דאָס אויספירן ?

באָריס האָט נישט געענטפערט גלייך. דערנאָך האָט ער פאַרטראַכט זיך אָנגערופן :

— ווען דו ווילסט, קאָנען מיר היינט צופאָרן צום חבר קאַליגין..

— איך וואָלט זייער געוואָלט. אָבער ווי אַזוי גנבעט מען זיך אַוועק פון דער היים. אפשר וועט מיר אויסקומען דאָרט צו נעכטיקן ?...

— קאָנסטו נישט עפּעס געפינען אַן אויסרייד ?

— יאָ, — האָט זי זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון. — הענריעטע ! זי ראַטעוועט מיך שטענדיק. איך וועל זיי זאָגן, אַז איך וויל צופאָרן צו איר אויף דער דאַטשע. זינט נעכטן געפינט זי זיך טאַקע אין אַ דאָרף אויף אַ דאַטשע. יאָ, באָריס, איך פאָר מיט דיר צו קאַליגינען. ווען ?

— פון מיינעטוועגן אין אַ שעה אַרום — האָט באָריס געזאָגט.

— גוט, אין אַ שעה אַרום וועל איך באַ דיר זיין. דו גרייט אָן אַ פור.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום שליאַך.

באָריס האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— נו, — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל, — איז וואָס זאָגט די פּלאַטאָנישע ליבע : מעג איך אַ קוש טון ?

— יאָ ! — האָט ליובאַ אַ לאַך געטון, און איז צוגעפאַלן צו אים.

* *

*

פאַרנאַכט זענען זיי געקומען צו פאָרן צו קאַליגינען אין הויף אויף אַ פויעריש וועגל.

דער הויף האָט זיך געפונען אַ צען וויאָרסט פון דער שטאָט און איז אַרומגערינגלט געווען מיט דעם זעלבן וואַלד, וואָס האָט געטונקלט אַרום דער אָזערע הינטער פּערלשטיינס פאַבריק.

הינטער אַן אַלעע פון אַלטעביימער איז געשטאַנען אַ גרויס, אַלט הויז מיט ווייס־געפאַרבטע פענצטער און אַ בלויען דאַך און מיט אַ גרויסן גאַניק.

באַריס און ליובאַ זענען צוגעפאָרן צו אַט דעם הויז. באַלד איז אויפן גאַניק אַרויסגעקומען דער גוטסבאַזיצער אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש קאַליגין. אַ הויכער מאַן מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד און מיט שיינע, פאַרטראַכטע אויגן, אין אַ העל רעקל און אין שטיוול מיט לאַנגע כאַליעוועס.

קאַליגין איז נאָך געווען אַ בחור און האָט געוווינט אין הויז מיט זיין אַלטער מאַמען, אַן אַלמנה.

ער האָט פריינדלעך געדריקט די הענט ליובאַן און באַריסן און זיך אָנגערופן :

— זייער גוט, וואָס איר זענט געקומען ; די חברים וועלן זיך זייער פרייען, איבערהויפּט מיט אייך, באַריס דאַווידאָוויטש !

און באַלד האָט ער זיי אַריינגעפירט אין אַ הינטערשט גרויס צימער, ווו עס זענען געזעסן שוואַרץ און אַנדרושאַ, דער לעצטער נאָך גאָר אַ יונג בחורל מיט אַ מיידלש פּנים און מיט אַ קינדערישן שמייכל.

און באַריס און ליובאַ האָבן זיך האַרציק צעקושט מיט זיי, און בא זיי אַלעמען זענען געווען טרערן אויף די אויגן.

און דערנאָך האָבן זיך אַלע צעזעצט אַרום אַ טיש און שוואַרץ האָט דערציילט, ווי אַזוי קאַליגין, מיט דער באָרד אונטערגעקאַשערט אונטער אַ מאַסקע, און נאָך עטלעכע אַנדערע פאַרמאַסקירטע חברים זענען באַפאַלן דעם פּריסטאַוו און דעם אוריאַדניק, וועלכע האָבן געפירט אים, שוואַרצן, און אַנדרושאַן אין שטאָט אַריין, און האָבן זיי באַפרייט..

— אזוי װי פאַרמאַסקירטע גזלנים אין אַ װאַלד זענען זיי אַרױס־געשפרונגען, — האָט דערציילט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל שװאַרץ. — אזוי אומגעריכטערהייט, אַז איך אַליין האָב זיך לכתחילה דערשראָקן.

— װי ריטערס אין די אַלטע צייטן! — איז באַגייסטערט געװען באָריס און האָט געדריקט קאַליגינען די האַנט. — אַלעקסיי ניקאַלאַיעװיטש, איך האָב גאָר קיין װערטער נישט פאַר אייער בראַװקייט! — האָט באָריס אים װידער און װידער געדריקט די האַנט.

קאַליגין האָט נאָר אַ צי געטון די אַקסלען.

— נו, פון װאָס מאַכט איר דאָ אַזאַ פּאַראַד? — האָט ער זיך אָנגערופן ערנסט. — איר, באָריס דאַװידאָװיטש, אויף מיין אָרט װאָלט דאָס אייגענע געטון. נישטאָ פון װאָס צו רעדן!...

דערנאָך האָבן זיי אַלע געגעסן אָװנטברויט און דערביי גאַנץ היפּש אויסגעטרונקען. אפילו ליובאַ האָט געמוזט מיט זיי אויסטרונקען אַ גאַנץ גלעזל שנאַפּס, פון װאָס זי איז געװאָרן פריילעך און האָט נאָכאַנאַנד געלאַכט.

און באָריס איז אויך שיכּורלעך געװען און האָט זיך געקושט דאָ מיט שװאַרצן און דאָ מיט אַנדרושאַן און דאָ מיט קאַליגינען. און אַז ער האָט געװאָלט זיך אויך צעקושן מיט ליובאַן, איז זי אַנטלאָפן פון אים מיט אַ געלעכטער און אָנשטאָט מיט אים האָט זי זיך צעקושט מיט שװאַרצן און אַנדרושאַן.

— פאַררעטערין! — האָט באָריס צו איר פריילעך געשריגן!

נאָכדעם האָט קאַליגין אָנגעהויבן אַן ערנסטן שמועס, און זיי אַלע זענען ערנסט געװאָרן.

זיי האָבן געשמועסט װעגן דער מלחמה און װעגן דער באַװעגונג און װעגן נייע „אַרבעט”. און אויך װעגן די חברים שװאַרץ און אַנדרושאַ, װאָס מען האָט זיי געמוזט אויסריכטן אין אַן אַנדערער שטאָט און פאַרזאָרגן זיי מיט פּאַספּאָרטן...

ליובאַ האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל געלט און דערלאַנגט קאַליגינען.

— דאָס איז פאַר זיי — האָט זי געזאָגט.

קאַליגין האָט באַהאַלטן דאָס געלט.

אַ זייגער עלף באַנאַכט האָט קאַליגין מיטאַמאָל זיך אָנגערופן:

— באָריס דאַװידאָװיטש, איצט פאָרט אַהיים. נעמט די חברטע און פאָרט.

— מיר האָבן גערעכנט צו נעכטיקן בא איין, אלעקסעי ניקאָלא־יעוויטש — האָט באָריס באַמערקט.

— ניין, באָריס דאַווידאָוויטש בעסער, אַז נישט. מען איז נישט געוווינט צו זעען בא מיר אין הויז צופיל מענטשן, בפרט יידן...

— פאַרן מיר! — האָט באָריס געזאָגט. — וועט איר נישט פאַר־געסן, אלעקסעי ניקאָלאַיעוויטש, צו זיין מאָרגן אין דער ביבליאָטעק?

— געוויס וועל איך זיין.

* *

*

אין א ווײַלע אַרום זענען באָריס און ליובא געזעסן אויפן פויע־רישן וועגעלע און זיי זענען געפאָרן איבערן ברייטן שליאַך צוריק אין שטאָט.

די גאַנצע געגנט אַרום האָט זיך געטובלט אין לבנה־שיין און אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט געהילכט דאָס שטאָלערנע געזאַנג פון גרילן.

א קיל ווינטל האָט געבלאָזן. ליובא, איינגעהילט אין איר טוך, האָט זיך צוגעטוליעט צו באָריסן.

און ער האָט זי געדריקט צו זיך און געאָטעמט הייס אויף איר פּנים.

— איך בין אַזוי גליקלעך, באָריס, וואָס מיר האָבן זיי אַרויסגע־ריסן — האָט זי מיטאַמאָל אַרויסגעפּליסטערט.

— איך אויך, ליובא! און אייגנטלעך וואָס? גאָרנישט! — האָט ער זיך אָנגערופן. — מיר קריכן אין פייער און דערגאָך פרייען מיר זיך, ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט. מיר קריכן דאָך אויף צו פאַרברענט ווערן אין אָט דעם הייליקן פייער. אָט זיץ איך לעבן דיר און מיר איז אַזוי גוט. איך פריי זיך אַזוי מיטן לעבן, און מאָרגן, ווער ווייסט?...

— פאַרוואָס רעדסטו די לעצטע צייט שטענדיק וועגן דעם מאָרגן, באָריס? — האָט זי געפרעגט.

— ווייל וואָס מער איך האָב דיך ליב, אלץ מער טראַכט איך פון דעם מאָרגן, אלץ דורשטיקער בין איך נאָך דעם היינט! יאָ, היינט! — האָט ער אַרויסגערעדט הייס.

זי האָט געשוויגן און זיך צוגעדריקט צו אים פעסטער.

ער האָט אַ כאַפּ געטון איר קאָפּ צווישן זיינע הענט, אָפּגערוקט אים אַ ביסל אָן אַ זייט און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן.

— לאָז מיך קוקן אין דיינע אויגן. ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל זיי זען! נו, קוק נישט אַזוי דערשראָקן, קוק פרייער, דרייסטער. נו, ווי איז דאָס פּייערל אין זיי?...

און ער איז צוגעפאַלן צו אירע אויגן און זיי געקושט איינס נאָך דאָס אַנדערע.

דער אַלטער פויער, וואָס איז געזעסן פון פאָרנט אויפן וואָגן און האָט אָנגעטריבן די פערד, האָט זיך אומגעקוקט אויף זיי און אַ שמייכל געטון אין דער גרויער באָרד.

— אָט אַזוי-אָ, באַרין — האָט ער זיך אָנגערופן — כּל-זמן איר זענט יונג, בייסט. וואָרים אין מיינע יאָרן וועט איר נישט קאָנען מער בייסן. עך, אַמאָל האָב איך אויך געקאָנט בייסן, און נאָך ווי! כע! כע! כע! — האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ קינדעריש געלעכטערל.

— איוואַן, איר שטעלט זיך אָפּ לעבן מיין שטיבל — האָט באָריס געזאָגט.

ליובאַ האָט עס דערהערט, און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— ניין, באָריס, איך וויל פאָרן אַהיים.

— דו וועסט פאָרן שפּעטער. מיר וועלן טרינקען בא מיר אַ גלעזל טיי.

— ניין, ניין, באָריס.

— איך בעט דיך, ליובאַ — האָט ער געפּליסטערט, געצונדן זי מיט זיינע אויגן און געקושט איר די הענט.

איצט האָט זי ווידער געשוויגן און פּלוצלינג האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו אים אויפן האַלז.

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן באָריסעס שטיבל.

זיי זענען אַריין אינעווייניק.

— באָריס — האָט זי ווידער אַרויסגעפּליסטערט — לאָז מיך היינט גיין אַהיים!

— היינט ביסטו דאָ! — האָט ער געענטפערט, און זיינע אויגן האָבן זיך געצונדן.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טוך פון אירע אַקסלען און עס אַ

וואָרף געטון אויף אַ שטול, און זי האָט זיך אַריינגעדריקט אין באָריסן פעסטער מיט איר יונגן, צאַפּלדיקן גוף.

דאַן האָט ער זי אַ כאַפּ געטון אויף זיינע אָרעמס און זיך גע־זעצט אויף אַ שטול און זי אַרונטערגעלאָזט אויף זיין שויס.

— אָט אַזוי, קינד. — האָט ער גערעדט הייס און פאַרשטיקט. — קוש מיך. זאָלן מיר כאָטש פּיל־נישט־איז לעבן פּאַר אונזער פּערזענלעך גליק.

זי האָט געציטערט, געוואָלט פאַרשטעלן דאָס מויל מיט דער האַנט, אַז ער זאָל נישט רעדן.

ער האָט אַ כאַפּ געטון איר האַנט און זי געקושט און גערעדט ווייטער:

— ציטער נישט אַזוי, קינד! אפשר מאָרגן... יאָ, יאָ, אפשר מאָרגן... דערפאַר טרינקען דעם כוס פון גליק היינט... יאָ, היינט!... מיר זעגען נישט מער ווי פּיעשקעס אויף דעם שאַך־ברעט פון דער רעוואָ־לוציע. די מעכטיקע האַנט פון דער היסטאָריע באַוועגט די פּיעשקעס, זי אַהער, די אַהין און יעגע איינגאַנצן אַרונטער פון דעם שאַך־ברעט!... אפשר שוין מאָרגן בין איך אויך אַרונטערגעשאַרט פון דעם שאַך־ברעט איינגאַנצן! דערפאַר קוש מיך און זאָלן מיר גליקלעך זיין היינט!

— מיין מאַן! איז זי מיט פייער צוגעפאַלן צו זיינע ליפּן.

ער האָט זי ווידער אַ כאַפּ געטון אין זיינע אָרעמס און זי אַריינ־געטראָגן אין דעם צווייטן צימער, וווּ אַ קליין לעמפּל האָט דאָרט אויף אַ טיש געברענט.

און שפּעטער איז ער געשטאַנען אויף די קני פאַר דעם בעט אויף וועלכן זי איז געלעגן, און האָט אַרונטערגעקושט די טרערן פון אירע צעפינקלטע און מיט גליק שמייכלענדיקע אויגן, און זי האָט געהאַלטן זיין האַנט צווישן אירע ביידע און געקוקט אויף אים, געקוקט מיט ליבע אָן אַ שיעור, אַ צעשמייכלטע און אַ צעשטראַלטע ווי אַ בלום, וואָס וואָלט זיך קעגן דער זון געעפנט...

און זי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט און ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נאָר פון אירע אויגן האָט פון צייט־צו־צייט אַרויס־געקוועלט אַ וואַרעמע טרער, אין שמייכל געטונקט און מיט גליק אָנגעזאַפּט, וואָס ער, באָריס, האָט אַרונטערגעקושט.

פונדרויסן האָט זיך דערהערט מיטאַמאָל אַ קריי פון אַ האָן, און באַלד נאָך אַ קריי ערגעץ ווייטער.

ליובאַ האָט זיך אַ צאַפּל געטון, און דאַן האָט זי דערזעען איר נאַקעטקייט און איז פּלוצלינג צעטומלט געוואָרן און האַסטיק פאַרריכט אויף זיך דאָס קלייד.

זי איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט מיט אַזאַ מינע אויפן צע־רויטלטן פּנים, וואָס איז געווען אַ געמיש פון צעטומלטקייט און שעמעוו־דיקייט און אויך פון גליקזעליקייט.

זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון באָריסן.

ער האָט זיך אויך אויפגעהויבן, און אין זיינע אויגן האָט געלויכטן דאָס גליק און די פרייד פון מענערישן נצחון.

— עס איז פאַראַן גליק אויף דער וועלט, נישט אמת, ליובאַ? — האָט ער גערעדט מיט אַ וואַרעמער האַרציקייט און זי אָנגענומען בײַ אַן אָרעם.

זי האָט געשוויגן, געהאַלטן דאָס פּנים אָוועקגעדרייט פון אים און געשמייכלט פאַרשעמט.

ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער גאָמבע.

— פאַרוואָס שווייגסטו? ביסטו דען נישט גליקלעך?

— לאָזט, באָריס. איך וויל גיין אַהיים — האָט זי אַרויסגע־מורמלט. — לאָזט מיך!

— „לאָזט מיך?“ וואָס איז דאָס?

— איך שעם מיך איצט צו קוקן אייך אין די אויגן... און מיר ווייזט זיך אויס, אַז איר שעמט זיך מיט מיר אויך — האָט זי שטיל געענטפערט.

באָריס האָט זיך צעלאַכט.

— ליובאַ, אַזוי רעדסטו?

ליובאַ האָט מיטאַמאָל אַ קער געטון זיך צו אים און אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל.

— זאָגט מיר דעם אמת: בין איך נישט געפאַלן איצט אין אייערע אויגן? — האָט זי זיך אָנגערופן שטיל.

— יאָ, איצט, ווען דו רעדסט אַזוי... דאָס פּאַסט נישט פאַר ליובאַן — האָט באָריס געענטפערט.

— אָט אַזוי פיל איך איצט...

— האָבן מיר דען זיך נישט געריכט אויף דעם? און ביסטו דען נישט גליקלעך געווען? מיין ווייב! — האָט ער זי אַ ציִ געטון צו זיך און זי ליידנשאַפטלעך געקושט.

ליובאַ האָט זיך נישט געווערט און געקוקט אויף אים ווי אַ צעטומלטע ציג.

דערנאָך האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו אים אויפן האַלז, און אַ ווײַלע איז זי אין אָט דער פּאָזע ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

נאָכדעם האָט זי אים צוגעשלעפּט צום בעט און אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך.

— לאָז מיך דיך קושן! — איז זי צוגעפאַלן צו זײַנע ליפּן. — די ביסט גליקלעך מיט מיר, באָריס?

— זייער.

ליובאַ האָט אַ כאַפּ געטון זײַן האַנט און צוגעדריקט זי צו איר ברוסט.

— פיל, פיל דאָס פייער, וואָס דו האָסט דאָרט אָנגעצונדן, באָריס, איך בין שיכור!

זי האָט זיך אַ צי געטון צו אים.

— דײַן האַרץ, באָריס!... איך וויל ווידער פילן דאָס קלאַפּן פון דײַן האַרץ.

און זי האָט געפּליסטערט, ווײַטער דריקנדיק זיך צו אים:

— איך הער... איך הער... עס קלאַפּט, עס קלאַפּט, עס קלאַפּט!.. ווי באַ מיר אין האַרץ דאָס גרויסע גליק... באָריס! — האָט זיך אַרויס געריסן באַ איר אַ קרעכץ.

און שפּעטער האָט ער זי געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו זיך פריער געשעמט?

— איך ווייס נישט, באָריס. אפשר די געוווינהייט, די דערציִונג... און אפשר בלויז דער געדאַנק, אַז דו וועסט איצט אויף מיר אַנדערש קוקן... איך ווייס נישט.

— אַזאַ מיינונג האָסטו וועגן מיר?

— אויף מײַן וואָרט, באָריס, איך ווייס נישט וואָס דיר צו ענט-פערן. איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, און איך בעט דיך: רעד נישט מער פון דעם!

— מילא! — האָט באָריס זיך אָנגערופן. — אַבי איצט שעמסטו זיך נישט מער און מיר זענען גליקלעך.

ער האָט איר אַ גלעט געטון איבער די האָר און צוגעלייגט שטילער:

— אַך, ליובאַ, ווען מיר וואָלטן געקאָנט אַזוי גליקלעך זײַן עט-לעכע יאָר!...

אינדרויסן איז געוואָרן ליכטיקער. די הענער האָבן געקרייעט ה...

כער און אָפּטער, און הינטער דעם פענצטער האָט זיך געגאָסן א פויגל־געזאַנג.

שפּעטער, ווען באָריס האָט באַגלייט ליובאַן אַהיים, האָט דער פרימאָרגן רויט געצונדן דעם האָריזאָנט, און אַ פרישע ליכטיקייט האָט זיך געגאָסן איבער וואַלד און פעלד, און די לופט איז געווען פאַרהילכט פון אַ מונטערן און ענערגישן פויגל־געזאַנג. און ליובאַן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע ליכטיקייט און דאָס דאָזיקע געזאַנג שלאָגן זיך אַרויס פון איר אַליין, פון אַ הייסן קוואַל, וואָס האָט ערגעץ בײַ איר מיט אַן אימפּעט איצט געשלאָגן...

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

די קאָנספּיראַטיווע פֿאַרזאַמלונג אין דער ביבליאָטעק וועגן דעם פּראָוואָקאַטאָר

דידאַיקע ביבליאָטעק האָט זיך געפֿונען אויף דער הויפּט-גאַס אין דער שטאָט.

די באַלעבאָסטע פֿון אָט דער ביבליאָטעק איז געווען מאַריאַ וואַסיליעוונאַ גאָלובאָוואַ, אַ קליינע מאָגערע פֿרוי, אַ זקנה מיט אַן איינגעטריקנט, קליינטשיק פּנימל, ווייסע האָר און מיטברילן, אַמאָל אויף אירע קורצזיכטיקע אויגן און אַמאָל אויף איר קליינעם שטערן פֿון פֿאַרמעט-קאָליר.

פֿאַר דער וועלט איז איר ביבליאָטעק געווען אין אַלע פּרטים כּשר, און די שטאָטישע אינטעליגענץ, סײַ די ייִדישע און סײַ די נישט-ייִדישע, האָט דאָרט געקאָנט באַקומען אַלע רוסישע זשורנאַלן און ביכער, וואָס זענען דערלויבט געוואָרן פֿון דער צענזור.

בלויז יחידים האָבן געוווּסט, אַז בײַ איר אין דער ביבליאָטעק געפֿינען זיך אויך כּמעט אַלע פֿאַרבאָטענע זשורנאַלן און בראָשורן, וואָס זענען אַמאָל דערשינען סײַ אין רוסלאַנד און סײַ אין אויסלאַנד, און כּמעט שטענדיק איז דאָרט געזעסן עמעצער פֿון אָט די יחידים אין דעם צימער הינטער דער ביבליאָטעק און האָט געלייענט טשערנישעווסקיס „סאָווורעמעניק“, צי נעקראַסאָווס „אָטשעטשעסטווענייאַ זאַפּיסקי“, צי הערצענס „קאָלאָקאָל“, צי לאַוראָווס „זעמליאַ אי וואָליאַ“ און „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, צי דעם זשורנאַל „דיעלאָ“, צי גאָר טקאַטשאָווס „נאַבאַט“, צי נאָך אַזעלכע זשורנאַלן.

פֿאַר יעדן פֿון אָט דידאָזיקע זשורנאַלן האָט מען זי געקאָנט אַרעסטירן, און ווען מען זאָל זיי אַלע געפֿינען בײַ איר, וואָלט מען זי

זיכער פאַרשיקט קיין סיביר. די זקנה האָט עס גוט געוווסט און אַמאָל האָט זי גערעדט דערפון מיט אַ האַרציקן שמייכל:

— הלוואי טוען זיי דאָס. איך וואָלט נאָר זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיך פאַרשיקן אין יענער געגנט, וווּ דאָס קבר פון מיין סאַשאַן געפינט זיך. איידער איך שטאַרב, וואָלט איך וועלן אַ קוק טון אויף זיין קבר.

סאַשאַ איז געווען איר מאַן און אַ חבר פון דעם אַמאָליקן באַקאַנטן רוסישן רעוואָלוציאָנער טקאַטשאָוו, וועלכער האָט אין 1875 אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „נאַבאַט“ אין זשענעווע.

אין 1876 האָט מען סאַשאַן אַרעסטירט אין פּעטערבורג פאַר זיינע אַרטיקלען אין אָט דעם זשורנאַל און מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר.

מאַריאַ וואַסיליעווגאַ האָט דעמאָלט געוווינט אין מאָסקווע, האָט זי, תיכף ווי זי האָט דערהערט פון סאַשאַס אַרעסט, באַגראָבן די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געפונען בא איר אויף דער קוואַרטיר, און איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג צו זעען זיך מיט איר מאַן.

זי איז אַליין דערנאָך געשטאַנען עטלעכע יאָר אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, ווען מען האָט אים פאַרשיקט. ערשט שפּעטער, ווען איר סאַשאַ איז דאָרט, אין סיביר, געשטאָרבן, האָט מען זי באַפרייט פון דער פּאָליציייאישער אויפזיכט.

דאַן איז זי געקומען אין דער שטאָט נ., ווו אירס אַ פעטער, אַ פרידנס־ריכטער, האָט געוווינט, און זי האָט געעפנט איר ביבליאָטעק.

דאָס געדעכעניש וועגן איר מאַן איז איר געבליבן הייליק, און זיין רעוואָלוציאָנערער גלויבן איז געבליבן איר גלויבן נאָך זיין טויט, נאָך מער ווי בא זיין לעבן. זי איז נישט צוגעשטאַנען צו קיין פּאַרטיי, ווייל קיינע פון זיי איז נישט געווען גענוג רעוואָלוציאָנער פאַר איר.

מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט זי סימפּאַטיזירט מער ווי מיט די רעוואָלוציאָנערן פון די אַנדערע פּאַרטייען, מחמת זיי האָבן אין זייער קאַמף אָנגעווענדט טעראָריסטישע אַקטן.

ווי איר סאַשאַ און טקאַטשאָוו אַליין, האָט זי געהאַלטן, אַז דער ציל כשרט יעדעס מיטל.

דערפאַר אָבער האָט זי נישט געגלייבט אין דעם רעוואָלוציאָנערן

כוח פון דעם רוסישן פֿייער, אַזוי ווי די פֿריערדיקע נאַראָדאָוואָלצעס, צי די היינטיקע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן האָבן געגלייבט.

אַזוי ווי איר סאַשאַ און טקאַטשאָוו האָט זי געטענהט:

— די הונדערט-יעריקע פֿאַרשקלאַפֿונג און אָרימקייט האָבן דעם מענטש אין דעם רוסישן פּויער אַרונטערגעבראַכט צו דער מדרגה פֿון אַ שטומער, געדולדיקער און געהאָרכזאַמער בהמה. און פֿון מאַכן נישט קיין רעוואָלוציעס. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד קאָן נאָר מאַכן אונזער אינטעליגענטע יוגנט. דידאָזיקע רעכטלאָזע יוגנט, וואָס ווערט געטריבן פֿון דער סאָציאַלער נויט און פֿון דעם רוסישן ווילקיר אין די רעוואָלוציאָנערע רייען. זי דאַרף פֿאַרכאַפּן די מאַכט פֿון דער רעגירונג און דאַרף דערנאָך אויסנוצן איר אַפּאַראַט אויף צו דיקטירן געזעצן, וואָס זאָלן מאַכן אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם און צו דער עקספּלואַטאַציע פֿון אַרבעט; וואָס זאָלן אָפּשאַפֿן די אומגלייכקייט צווישן מענטשן און די צעטיילונג אויף קלאַסן אין דער געזעלשאַפֿט, און וואָס זאָלן איינפֿירן דעם קאָמוניזם אין רוסלאַנד.

אָט דעם שטאַנדפּונקט, וואָס איר מאַן און טקאַטשאָוו האָבן אים אויסגעדריקט אין דעם זשורנאַל „נאַבאַט", דאָס הייסט וועגן אַ דיקטאַטור פֿון אַ מינאָריטעט, וואָס זאָל דורך געזעצן אַ סוף מאַכן צום קאַפּיטאַליזם און צו דער גאַנצער היינטיקער אָרדנונג און איינפֿירן דעם קאָמוניזם, האָט מאַריאַ וואַסיליעוונאַ אויך אויסגעדריקט בעת זי האָט דיסקוסירט מיט עטלעכע באַקאַנטע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, די יחידים, וועלכע האָבן געקאָנט בײַ איר באַקומען צו לייענען די אַלטע, פֿאַרבאָטענע זשורנאַלן.

זי האָט געדענקט אויף אויסווייניק כמעט אַלע אַרטיקלען פֿון איר סאַשאַן. און אַמאָל, ווען עמעצער פֿון די יחידים איז געזעסן אין דעם צימער הינטער דער ביבליאָטעק און האָט געלייענט, איז זי, מאַריאַ וואַסיליעוונאַ, מיטאַמאָל אַרייַנגעקומען מיט אַ העפֿט פֿון „נאַבאַט" אין דער האַנט, האָט אויפֿגעמישט איר סאַשאַס אַן אַרטיקל אין יענעם זשורנאַל, אַ רוק-טועגדיק אַ פּריער די ברילן אַרויף אויף איר שטערן, און מיט כמעט קינדערשער התפּעלות זיך אָנגערופֿן:

— אָט לייענט דאָס אַרטיקל פֿון מיין סאַשאַן. די היינטיקע שרייבן נישט מיט אַזאַ פֿייער!...

אָט אין דעם צימער הינטער דער ביבליאָטעק, האָבן זיך אַמאָל

פארזאמלט יחידים סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן און האבן דיסקוטירט וויכטיקע פראגן.

יענעם אויפדערנאכט, אין דער אייגענער וואך ווען ליובא האט פארבראכט די נאכט בא באריסן אין שטיבל, איז ווידער אזא פארזאמלונג דארט פארגעקומען.

עס איז שוין געווען נאך צען. די ביבליאטעק איז צוגעמאכט געווען.

דורך א הינטער אריינגאנג האבן זיך אריינגעגנבעט איינציקווייז עטלעכע חברים און חברטעס, טוער און טועוקעס פון דער פארטיי סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן, אין דעם צימער הינטער דער ביבליאטעק, האבן באגריסט איינער דעם אנדערן און דערנאך זיך געזעצט ארום דעם רונדן טיש, ווו מאריא וואסיליעוונא האט אויסגעטיילט קארטן.

א היפש צימער געווען, מיט צוויי פענצטער, וואס זענען פארהאנגען געווען. א חוץ דעם רונדן טיש, וואס איבער אים איז געהאנגען א לאמפ מיט א ווייסן קאלפאק, זענען אינם צימער געשטאנען עטלעכע שטולן און א קאנאפע הארט בא דער וואנט.

ארום טיש זענען געזעסן צוויי יונגע פרויען און דריי מענער, א חוץ דער באלעבאסטע.

זיי אלע האבן כלומרשט געשפילט אין קארטן און דערווייל זיך דורכגעשמועסט.

זיי האבן גערעדט וועגן דעם לעצטן נומער פון „רעוואלוציאנאיא ראסיא" און וועגן דער ווארנונג קעגן דעם פראוואקאטאר מיכאילן, וואס איז דארט געדרוקט געווען.

נישט ליובא און נישט באריס זענען געווען צווישן זיי.

גערעדט האבן די מענער, און די פרויען האבן זיך נאר צוגעהערט.

איינע פון די פרויען איז געווען בראכקע, ר' אליהו דעם מתנגדישן רבס טאכטער, און די אנדערע העלענא, א גלחס א טאכטער און די שוועסטער פון דעם סטודענט קאליא. וועלכער האט געזאלט פארן מיט בראכקען קיין מאהיליעוו דורכצופירן א טעראריסטישן אקט אויף דעם דארטיקן גובערנאטאר, וועלכער האט ארויסגעגעבן א באפעל צו שמייסן ארבעטער-שטרייקער, און זיי זענען נישט געפארן דערפאר, ווייל באריס האט זיך מיטאמאל פארעקשנט, אז מען זאל דאס דערווייל אפלייגן.

בראכקע, א בלאנד, דיק מיידל, מיט א רונד, ווייס פנים, איז גע-

זעסן מיט אַ שטילן שמייכל אויף די פולע ליפּן און צניעותדיקן, כמעט שעמעוודיקן בליק אין אירע גרויסע, בלויע אויגן.

די בלאָנדע האָר האָט זי געטראָגן אַזוי ווי אַ פרום יידיש ווייבל איר פּאַרוק, און דאָס האָט איר צוגעגעבן כמעט אַ פרומען אויסדרוק.

קיינער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, אַז דאָסדאָזיקע מיידל, וואָס האָט אויסגעקוקט אַזוי שטיל און צניעותדיק, איז פעיק געווען אויף אָנטיילצונעמען אין אַ טעראָריסטישן אַקט.

און ביז דעם קישענעווער פּאָגראָם וואָלט זי אַליין אויף זיך נישט געגלייבט אַזאַ זאַך. זי האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו די פּועלי-ציון. אָבער אָט דער פּאָגראָם האָט אויף איר אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַז וואָכן-לאַנג איז זי דערנאָך אַרומגעגאַנגען ווי אַ סך אַנדערע יידישע קינדער אין יענער צייט, מיטן פייער פון נקמה אין איר האַרץ, און מיט דעמדאָזיקן נקמה-פייער איז זי דערנאָך צוגעשטאַנען צו די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן.

זי איז דאָס איצט געווען געקומען פון אָרשאַ, ווו זי, אַלס ציין-דאָקטאָר, האָט געהאַט איר קאַבינעט. איז געקומען כלומרשט צו-גאַסט צו אירע עלטערן, אָבער אינדערעמתן האָט זי באַריס אַרויסגערופן, ווייל ער האָט געפּלאַנעוועט דעמדאָזיקן טעראָריסטישן אַקט אויף דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר.

זי האָט באַריסן ממש פאַרגעטערט, נישט ווייניקער פון ליובאַן. אגב, האָבן אַלע חברים און חברטעס, מיט וועלכע ער איז אין באַרירונג געקומען, אַרויפגעקוקט אויף אים ווי אויף אַן אומגעווײנלעכן מענטש.

העלענאַ, דעם גלחס טאָכטער, איז אינגאַנצן געווען דער היפוך פון איר. הויך און מאָגער, מיט העלע האָר ווי פלאַקסענע, מיט גרויע, קעצישע אויגן, וואָס האָבן זיך כסדר געצונדן און געשמייכלט שעלמיש. האָט זי געליאַרעמט אפילו ווען זי האָט געשוויגן. אַזוי האָט זיך געדאַכט.

זי האָט געררייכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן, און זיצנדיק לעבן איר ברודער, קאָליאַ, וועלכער איז געווען שטאַרק ענלעך צו איר מיט זיין העלער, פלאַקסענער טשופּרינע און מיט זיין אומרויקייט, האָט זי געביטן מיט אים די קאָרטן, גענומען בײַ אים אַ קעניג און אים אונטערגערוקט אַ וואַלעט, און דערביי האָט זי שעלמיש געשמייכלט מיט אירע קעצישע, קאָכעדיקע אויגן.

זי איז נישט לאַנג געקומען פון זשענעווע, ווו זי האָט געשטודירט און ווו זי האָט געלעבט מיט אַ יידישן חבר, וועלכן זי האָט נישט

אַנדערש גערופֿן ווי „מאַישע", הגם אַלע אַנדערע האָבן אים גערופֿן „מאַיסעי" סאָלאָמאָנאָוויטש.

די אַנדערע צוויי חברים, אַ חוץ קאַליאַן, זענען געווען דער גוטבאַזיצער קאַליגין און דער סטודענט צייטלין, אַ טונקעלער ייִדישער יונגערמאַן, זייער אַ נערוועזער און אַ היציקער, אַ זון פֿון אַ רייכן ייִדישן פֿאַבריקאַנט.

ער, צייטלין, האָט אפֿילו נישט אַריינגעקוקט אין די קאָרטן, וואָס די אַלטע האָט אים כּסדר דערלאַנגט, אַזוי ווי די אַנדערע, און האָט אויסגעזעען צעהיצט און שנעל גערעדט צו קאַליגינען:

— אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש! אויב אונזערע זענען דורכגעפֿאַלן מחמת דער פּראָוואָקאַטאָר מיכאַיל האָט זיי אַרויסגעגעבן, באַווייזט דאָך עס, אַז דער פּראָוואָקאַטאָר געפֿינט זיך צווישן אונז, אַן אייגענער מענטש, אַזוי צו זאָגן.

— אוודאי, חבר! — האָט קאַליגין געענטפֿערט און געוואָרפֿן אַ קאָרט אויף די אַנדערע, כּלומרשט שפּילנדיק.

— פֿרעגט זיך: ווער איז ער?

— אָט דאָס איז דאָך די פֿראַגע, חבר.

— מאַריאַ וואַסיליעוונאַ! — האָט צייטלין זיך געווענדט צו דער אַלטער. — אפֿשר האָט איר באַמערקט בײַ אייך אין דער ביבליאָטעק אַזאַ איינעם? איר האָט געזען דאָס בילד אין דעם לעצטן נומער „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ"?

— געזען, געזען, טייערינקער, — האָט די אַלטע געענטפֿערט. — אָבער אַזאַ איינער זאָל קומען צו מיר אין ביבליאָטעק, געדענק איך נישט. און קאָכט זיך נישט אַזוי, טייערינקער, און רעדט נישט אַזוי הויך. און נעמט די קאָרטן און שפּילט ווי אַן אָנשטענדיקער און געטרייער אונטערטאַן פֿון אונזער פֿאָטערלאַנד.

העלענאַ האָט אַ כאַפּ געטון די קאָרטן, וואָס זענען געלעגן לעבן צייטליגען און צוגעטראָגן זיי צו זיינע ליפּן.

— נעמט זיי, חבר, אַריין אין מויל און דערנאָך רעדט, ווען אייער קול נישט אַרויסקומען אַזוי הילכיק, — האָט זי געזאָגט, און פֿון אירע קעציִשע אויגן האָט זיך געריסן אַ שטיפֿעריש געלעכטער.

צייטלין איז דאַן אַנטשוויגן געוואָרן און האָט גענומען וואַרפֿן די קאָרטן אַזוי ווי די אַנדערע.

— פאַרוואָס איז חבר באָריס נאָך נישטאָ? — האָט פּלוצלינג זיך אָנגערופן בראָכקע.

— עס וווּנדערט מיך אויך, — האָט געזאָגט קאַליגין, — באָריס דאַווידאָוויטש האָט שוין געדאַרפט זיין.

קאַליאַ האָט זיך אָנגערופן:

— ער האָט דאָך אונז צוזאַמענגערופן, וועט ער זיין.

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס צו באַריכטן זייער וויכטיקס, — האָט בראָכקע ווידער באַמערקט.

— ווען האָט איר אים געזען, חברטע? — האָט קאַליגין אַ פרעג געטון.

— היינט באַטאָג.

ערשט אַרום צוועלף איז באָריס אַריינגעקומען.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, חברים — האָט ער געזאָגט פאַר־האַוועט. — איך האָב נישט גערעכנט, אַז איר וועט דאַרפן אַזוי לאַנג וואַרטן אויף מיר. עפּעס האָט מיך פאַרהאַלטן. עפּעס וואָס ס'האָט געמוזט געטון ווערן.

און ער האָט זיך אַ קער געטון צו ציטלינען מיט אַ שמייכל:

— אַנו, חבר ציטלין, לאָזט מיך אָנטאַפּן אייער פּולס. ווי הויך איז איצט אייער טעמפּעראַטור?

ציטלין, וועלכער האָט פאַר אים געהאַט נישט ווייניקער דרך־ארץ ווי די אַנדערע, האָט בלויז אַ שמייכל געטון.

בראָכקע איז איצט לעבעדיקער געוואָרן. די בלויע אויגן האָבן זיך צעשמייכלט דרייסטער און וואַרעמער און האָבן איצט געקוקט אויף באָריסן מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי יעדער בליק אירער וואָלט געקניט פאַר אים.

די איבעריקע האָבן אַלע געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ. אפילו העלענאַ האָט אויך אויפגעהערט שעלמיש צו שמייכלען און איז געוואָרן ערנסט.

די אַלטע מאַריאַ וואַסיליעוונאַ האָט זיך אויפגעהויבן מיט די ווערטער:

— איצט, אַז באָריס דאַווידאָוויטש איז דאָ, זאָל ער פאַרנעמען מיין אָרט. איך וועל גיין זיך צושפּאַרן אַ ביסעלע. קיין צופיל סודות, טייערינקע, זאָלט איר נישט פאַרטרויען אפילו מיר. הייליקע סודות, טייערינקע, מען מוז זיי היטן!...

און זי איז אַוועק.

באַריס האָט זיך געזעצט אויף איר אָרט. דאַן האָט ער אַרויסגע־נומען אַ בריוו און דערלאַנגט קאַליגינען.

— אַלעקסעי ניקאַלאַיעוויטש! — האָט ער געזאָגט. — אָט דעם בריוו האָב איך באַקומען פון מאָהילעוו. אונזערס אַ חבר האָט אים גע־שריבן. לייענט אים הויך. זאָלן די אַנדערע הערן.

קאַליגין האָט אַרויסגענומען אַ בריוו פון אַ געשטעמפּלטן קאָנווערט און גענומען לייענען:

„טייערער חבר! — האָט ער געלייענט. — איך האָב זיך נאָרי־וואָס דערוווסט, אַז ער געפינט זיך בא אייך אין וואַלד, האָט איצט פאַר־בלאָנדזשעט צו אונז אין די וועלדער. יעגער אין אונזער געגנט דער־ציילן, אַז זיי האָבן באַמערקט זיינע שפּורן אינם וואַלד און זיי קלויבן זיך צו מאַכן אויף אים אַ געיעג"...

— אָט דאָס איז, וואָס איך האָב אייך געוואָלט באַריכטן — האָט זיך אָנגערופן באַריס, ווען קאַליגין האָט איבערגעלייענט דעם בריוו.

און ער האָט דערנאָך גענומען דעם בריוו און אים אָנגעצונדן מיט אַ שוועבעלע.

— דאָס איז געווען פשוט אַ גליקלעכער צופאַל, — האָט ער גע־רעדט ווייטער — וואָס מיר האָבן נישט געשיקט אַהין אונזערע חברים דורכצופירן דעם אַקט. מחמת עס קאָן זיין, אַז דער הונט, זייענדיק דאָ, האָט דערשמעקט וועגן דעם און איז געפאָרן אַהין צו וואָרענען די דאָר־טיקע זשאַנדאַרמעריע.

— דאָס וואָלט ער געקאָנט טון פונדאַנען אויך — האָט קאַליגין געזאָגט פאַרטראַכט.

— יאָ, אָבער ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ פּלענער ער האָט דערביי געהאַט!

— אָבער ווער איז ער? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט זיך דערוויסן וועגן אונזער אַרבעט? — האָט ציטלין אויסגעשריגן מיט היץ.

באַריס האָט אַ שמייכל געטון.

— אַז מען שרייט אַזוי ווי איר — האָט ער געענטפערט ציטלי־נען. — קאָן מען זיך שוין דערוויסן! רעדט אַ ביסעלע שטילער, חבר. און שרייט נישט און קאָכט זיך נישט.

— איר ווייסט, באַריס דאַווידאָוויטש — האָט קאַליגין זיך אַ קער געטון צו באַריסן. — מען האָט זיך געדאַרפט נאָכפרעגן בא די מענטשן פון די אַנדערע פאַרטייען, צי האָבן זיי אַזאַ איינעם נישט באַמערקט, און

אויף אזאַ אופן פּרובירן אויסגעפינען ווו ער האָט זיך אַרומגעדרייט און פון וועמען ער האָט דערשמעקט. דאָס איז זייער וויכטיק, באָריס דאווידאָוויטש.

— איך האָב שוין אַליין געטראַכט דערפון, אַלעקסעי ניקאָלאַיעוויטש — האָט באָריס געענטפערט. — איך וועל פּרוּוון זיך זעען מיט מיטגלידער פון דעם „בונד״ און פון די אַנדערע פּאַרטייען. יאָ, יאָ, אומבאַדינגט!

קאָליאַ האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— חברים, שיקט מיך אַהין ווו ער געפינט זיך. כ׳מיין, אַז אַזאַ חברהמאַן אָפּצוזוכן איז באַלד נאָך וויכטיקער ווי דעם גובערנאַטאָר.

— איך וועל פאָרן מיט דיר, קאָליאַ! — האָט אונטערגעכאַפּט קאַליגין.

— די חברים אין מאָהיליעוו וועלן עס שוין טון. אפשר וועל איך צופאָרן אַהין, — האָט געזאָגט באָריס. — אייך, חבר קאָליאַ, מוזן מיר אָפּשפּאָרן מיט דער חברטע בראָכקען פאַר דער מער וויכטיקער אַרבעט, וואָס איר וועט דורכפירן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום שפּעטער, ווען מיר וועלן הערן מער נייעס פון מאָהיליעוו. יענער אוממענטש, וואָס האָט געהייסן שמייסן די אַרבעטער, מוז באַצאָלן!...

אַרום איינס זענען זיי זיך צעגאַנגען איינציקווייז, איינער נאָכן אַנדערן. באָריס דער לעצטער.

דאָס צענטע קאַפּיטל

ווער מיכאַיל איז געווען

עטלעכע וויאָרסט פון דער שטאָט אויף דער אַנדערער זייט, איז געשטאַנען אינמיטן וואַלד אַ הויז מיט אַ גרויסן גאַניק.

אין אָט דעם הויז האָט אין די זומערדיקע חדשים געוווינט דער זשאַנדאַרמסקער פּולקאָווניק סאַוויצקי.

דערדאָזיקער סאַוויצקי איז אָנגעקומען אין שטאָט, ווען די „קראַמאָלאַ" האָט זיך דאָרט שוין צו שטאַרק געלאָזט פילן. מען האָט אים געשיקט אַהין־צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פונם פריערדיקן זשאַנדאַרמסקען, וועלכער האָט נישט גענוג ענערגיש באַקעמפט די „קראַמאָלאַ" אין דער שטאָט.

און סאַוויצקי, אַ זון פון פּוילישע שליאַכטשיצעס, האָט גענוג דערפאַרונג געהאַט מיט רעוואָלוציאָנערן. ער האָט זיי באַקעמפט אין אַנדערע שטעט, און גענוג אַרבעטער און אינטעליגענטן זענען דורך אים פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און אויף קאַטאָרגע.

אָנקומענדיק אין דער שטאָט, האָט ער תיכף געלאָזט רופן צו זיך אין קאַנצעלאַריע די פאָרשטייער „יידישער קהילה און פון דער יידישער אינטעליגענץ, און אויף זייער העפלעכן און פריינטלעכן אופן זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז אין די אינטערעסן פונם יידישן פאָלק צו באַשיצן די אָרדנונג, ווייל זאָל די אָרדנונג פאַלן, האָבן די יידן אַזוי פיל שונאים, אַז מען וועט זיי אַלעמען אויסקוילענען.

אינם קאַמף מיט די רעוואָלוציאָנערן האָט סאַוויצקי אָנגעווענדט עטלעכע מיטלען — איבערהויפּט אָבער די פויסט... דעם מאַסאָווע מענטש האָט ער געוויזן אַ ברוטאַלע פויסט נאַקעט, און דעם אינטעליגענט — די זעלבע פויסט, נאָר אין זיידנס איינגעהילט...

אָט דערדאָזיקער סאַוויצקי איז אויף מאָרגן נאָך דעם קאָנספּיראַ-

טיזן מיטינג פון די עטלעכע חברים און חברטעס מיט בזריסן בא דער אלכער אין ביבליאטעק, ארויסגעקומען אויף זיין גאניק און האט זיך ארומגעקוקט צווישן דיביימער ארום זיין הויז.

א זייגער דריי באטאג איז עס געווען.

סאוויצקי איז געשטאנען א ווײַלע אויפן גאניק, דערנאך האט ער ארויסגענומען א ציגאר, פארררייכערט און א פייף געטון.

פון אהינטער א בוש איז ארויסגעשפרונגען א לאנגער, מאגערער, ווייסער הונט, באשפרינקלט מיט שווארצע פלעקן, אויף הויכע, דינע פיס, מיט א הויך-פארריסענעם קאפ און אויפגעשטעלטע אויערן ווי בא א האז, איז צוגעפאלן צו סאוויצקין און האט צוגעדריקט דעם קאפ צו זיין קני.

סאוויצקי האט אים א פיר געטון מיט דער האנט איבערן רוקן און געזאגט:

— קום, צעזאר, מיר וועלן גיין אויפזוכן דעם חבר...

און ער איז אוועק מיטן הונט איבער א שמאלן שטעג, וואס האט געפירט טיפער אין וואלד אריין.

סאוויצקי האט איצט נישט געטראגן זיין אוניפארם. ער איז געווען אנגעטון אין א לייכט, העל אנצוג און אויפן קאפ האט ער געטראגן א ווייס היטל מיט א ווייסן דאשעק.

ער האט אויסגעזען א יאר פערציק אלט, הויך און שלאנק, מיט דינע, בלאנדע וואנסעס, פארדרייטע מיט די שפיצן ארויף, און מיט א בלויען, קאלטן, שטאלערנעם בליק אין די אויגן.

ער איז געגאנגען האסטיק, ווי ער וואלט זיך געאיילט, און האט געווארפן די אויגן אויף אלע זייטן.

צעזאר איז געלאפן פאר אים און האט זיך יעדע ווײַלע אפגעשטעלט און אומגעדרייט דעם קאפ צו אים און געווארט.

מיטאמאל האט זיך צעזאר צעבילט.

— רויק, צעזאר! — האט זיך סאוויצקי א בייזער געטון אויף אים, און תיכף דערנאך דערזעען פונדערווייטנס א מאן, וועלכער איז דארט געזעסן צווישן די ביימער.

סאוויצקי האט צו יענעם א מאך געטון מיט דער האנט און יענער האט זיך דארט אויפגעהויבן.

צעזאר, קוקנדיק אהין וווּ דער מאן איז געשטאנען, האט זיך ווידער

ביין צעבילט, און ווידער האָט סאַוויצקי זיך אויף אים אָנגעביזערט און געהייסן שווייגן.

האָט צעזאַר דאַן אָנגעקוקט זיין באַלעבאָס און אַרויסגעלאָזט אַ קלאָגעדיק וואָיען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געבעטן בא אים מיט געווין: „לאָז מיך אים באַפאַלן!..."

סאַוויצקי האָט זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן צום הונט:

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי פיינט דעם חבר, צעזאַר?...

דער מאַן, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, איז געווען באָריס.

— זדראַווסטוויטיע! — איז סאַוויצקי צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים נישט געגעבן די האַנט. — מערקווירדיק ווי מיין צעזאַר האָט אייך נישט ליב! יעדעס מאָל ווען ער דערזעט אייך, הייבט ער אויף אַ טרעוואָגע. ווען איך וואָלט געווען אַ מענטש אַ שרעקעוודיקער, וואָלט איך געדאַרפט אפשר זיך היטן פאַר אייך. וואָרים אַ הונט מיט זיין אינסטינקט דערשמעקט מער, ווי מיר מיט אונזער שכל.

באָריס האָט אַ שמייכל געטון.

— אייער הונט, קאַזימיר אַדאַמאָוויטש, — האָט ער געזאָגט — האָט מיך נישט ליב, ווייל ער האָט דערשמעקט מיט זיין אינסטינקט, אַז איך האָב פיינט הינט.

צעזאַר האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, אַריינגעבוירעט די שפּיציקע מאָרדע צווישן זיינע פאָדערשטע לאַפּקעס און געקוקט מיט האַלב געעפנטע אויגן אויף באָריסן, אַזויווי ער וואָלט אים געהיטן.

— פאַרוואָס האָט איר פיינט הינט, די בעסטע פריינט פון מענטשן? — האָט סאַוויצקי געפרעגט.

— ווייל יידן האָבן בטבע פיינט הינט — האָט באָריס געענטפערט.

— און איך מיין, אַז דווקא הינט זענען די איינציקע ברואים אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס וואָלטן געקאָנט זיין די יידן אמתע פריינט — האָט סאַוויצקי באַמערקט מיט זיין קאַלטן שמייכל. — פרעגט זיך, פאַרוואָס זאָלן יידן זיי פיינט האָבן?

— מסתמא דערפאַר, קאַזימיר אַדאַמאָוויטש, ווייל יידן ווילן נישט האָבן קיין הינטישע פריינט.

— צי איז עס נישט דערפאַר, חבר באָריס, ווייל הינט זענען צו ערלעכע און צו אויפריכטיקע פריינט? — האָט זיך אָנגערופן סאַוויצקי, און אין זיינע בלויע אויגן האָט אויפגעבליצט אַ שפּאָטישער שמייכל.

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפֿן גראָז און גענומען גלעטן צע־
וואַרן איבערן רוקן

באָריס האָט זיך אויך געזעצט אויפֿן גראָז מיטן פּנים צו סאַוויצקין.

— איר זענט שוין לאַנג דאָ ? — האָט סאַוויצקי ווידער געפֿרעגט
און פֿאַררייכערט זיין ציגאַר. וועלכער האָט זיך געהאַט פֿאַרלאָשן.

— שוין אַ היפּשע ווײַלע.

— איר האָט געקאָנט היינט אַריינקומען אין הויז. קיינער איז דאָרט
נישטאָ, אַ חוץ מיין ווייב און די קעכין.

— צוויי ווייבער צופּיל — האָט באָריס זיך אָנגערופֿן, — בעסער
אַז מיר טרעפֿן זיך דאָ.

— וואָס וועט איר דערציילן ? ווו זענט איר געווען די לעצטע עט־
לעכע טעג ? און פֿאַרוואָס איז די חברטע מיטן חבר נישט געפֿאָרן ? אין
מאָהיליעוו האָט מען געוואַרט אויף זיי...

באָריס האָט אַרויסגענומען אַ צייטונג פֿון אונטערן בוזים און דער־
לאַנגט סאַוויצקין.

— דער לעצטער נומער פֿון דער „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ" —
האָט ער געזאָגט — און דאָ איז אַ בילד... לייענט, קאַזימיר
אַדאַמאָוויטש.

סאַוויצקי האָט אַ ווײַלע געלייענט און דערנאָך האָט ער אַריינגע־
לייגט די צייטונג אין קעשענע.

— הם ! — האָט ער אַרויסגעמורמלט. — הייסט עס ?...

— הייסט עס, אַז מען זוכט מיך, און איך דאַרף פֿאָרזיכטיק זיין.
און איך האָב בעדאַרפֿט אָפּווישן מיינע שפּורן ווי ווייט איך קאָן. בפֿרט
ווען איינער איז דאָ געווען...

— ווער ?

— פֿונם אויסלענדישן קאָמיטעט, מיט וועלכן איך האָב אַמאָל גע־
אַרבעט בײַ די פּועלי־ציון און וועלכער קען מיך גוט...

סאַוויצקי האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיין קאַלטן, שטאָלערנעם
בליק.

— געווען דאָ איינער פֿונם אויסלענדישן קאָמיטעט ? ווו איז ער
איצט ? — איז ער געוואָרן מיטאַמאָל אויפֿגערעגט.

— איך ווייס נישט. כּדי אויסצומיידן אים, בין איך אויף עטלעכע
טעג אַפּגעפֿאָרן פֿון דער שטאָט...

— פֿאַרוואָס האָט איר נישט געלאָזט וויסן, אַז ער איז דאָ ? אַזאַ

איינער איז פאַר אונז וויכטיקער ווי אַ צענדליק אַזעלכע ווי שוואַרץ און די אַנדערע. אַ דעלעגאַט פונם אויסלענדישן קאָמיטעט, און ער איז אַריינגעפאָרן און איז אַרויסגעפאָרן! צום טייוול, וואָס איז דאָס? ווי איז זיין נאָמען?

— אַמאָל האָט ער געהייסן מאַטוועי, היינט ווייס איך נישט...

— פאַרוואָס ווייסט איר נישט? און ווי קאָן דאָס זיין, אַז איר ווייסט נישט?

— ווען איך וואָלט געוווּסט וואָלט איך געזאָגט.

סאַוויצקי האָט אַרויסגעשלעפּט אַ בויגן פּאַפּיר פון אונטערן בוזים.

— הם! — האָט ער אַרויסגעמורמלט, אַריינקוקנדיק אין דעם בויגן פּאַפּיר. — ווי עס שיינט ווילן אייערע יידן האָבן אַ נייעם קישענעוו, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן און אָנגעשטעלט זיינע שטאָלערנע אויגן אויף באַריסן. — לויט די לעצטע ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען, איז דאָס גאַנצע יידנטום פון שטאָט איין רעוואָלוציאָנערער לאַגער. אפילו יידישע קינדער אין די וויגן זענען רעוואָלוציאָנערן געוואָרן. יאָ, יאָ, איך האָב באַקומען ידיעות, אַז צען און צוועלף-יעריקע יידישע יינגלעך זענען אָרגאַניזירט אין אַ קליינעם „בונד“ און אין אַ קליינעם „עס-עס“. וואָס האָט איר געהערט וועגן דעם?

— איך האָב גאָרנישט געהערט וועגן דעם, ווייל די מענטשן פון די אַנדערע פּאַרטייען מייד איך אויס, און נישט איך קען זיי און נישט זיי קענען מיך.

— איר האָט זיי געדאַרפט קענען. אייער זאַך איז צו קענען זיי אַלעמען.

— קאַזימיר אַדאַמאָוויטש! מיין זאַך איז צו אַרבעטן צווישן די עס-ערן...

— אייער זאַך איז צו אַרבעטן פאַר אונז, פאַר דעם מאָנאַרכיזם! — האָט סאַוויצקי אים איבערגעשלאָגן אין אַ שאַרפן טאָן. — אוודאי, איך בין גאָרנישט גענאַרט, איך דערוואַרט פון אייך נישט, אַז איר זאָלט זיין אַן איבערצייגטער מאָנאַרכיסט, און ווען איר וואָלט אפילו געזאָגט, אַז איר זענט עס, וואָלט איך אייך אויך נישט געגלייבט. אָבער מיט אייער אַרבעט האָט עס גאָרנישט צו טון. איר מוזט אַרבעטן אַזוי ווי איר וואָלט געווען אַן איבערצייגטער מאָנאַרכיסט, ווייל מיר האָבן אייך אין די הענט. וואָרים אַז איר וועט נישט אַרבעטן, וואַרטן אויף אייך צוויי שטראָפן: אונזער שטראָף און די שטראָף פון די חברים. און באמת, — האָט סאַ-

וויצקי פלוצלינג א לאך געטון מיט א באזונדער קאלט געלעכטער — ארבעט איר דאך אט אויף דעם אופן פאר דער פרייהייט, פאר אייער אייגענער פרייהייט!...

באריס האט געשוויגן.

— אבער, קאזימיר איוואנאוויטש, — האט ער זיך דערנאך אנגע-רופן. — פאר מיר איז עס א נייעס, אז איך דארף ארבעטן אויך אין די אנדערע פארטייען. צווישן אונז איז געווען א קלארער אפמאך. די ארבעטסט צווישן די עס-ערן און דו באקומסט דאס און דאס. דו ארבעטסט נישט און דו גייסט צום טייוול! ארבעט איך און פלייס זיך נאכצוקומען אלע פונקטן פון דעם אפמאך. ווי אזוי איך ארבעט האט, איר גענוג באוויזן געהאט ביז אהער. און איך פארשטיי נישט ווי אזוי אייך קאן גאר איינפאלן, קאזימיר אדאמאוויטש, אז איך קאן ארבעטן אין פארשידענע פארטייען אין איין צייט!...

— נישט ארבעטן אין פארשידענע פארטייען, נאר קענען מענטשן פון אנדערע פארטייען. וויסן, וואס זיי טוען — האט אים סאוויצקי גע-ענטפערט.

— אין מיין באזונדערער לאגע, קאזימיר אדאמאוויטש, איז בעסער אויסצומיידן וואס מער מענטשן אפילו פון דער פארטיי ווו איך ארבעט, אויב איר ווילט, אז איך זאל עפעס אויפטון.

סאוויצקי האט געשוויגן און ווידער אריינגעקוקט אין דעם פאפיר.

ער האט א שאקל געטון דעם קאפ.

— איך וועל מוזן אנווענדן ריטער! — האט ער מיטאמאל ארויס-געמורמלט און איז ווידער רויט געווארן. — נאך קעמפן מיט קינדער! צום טייוול! וואס ווילן די יידן? א יידישן צאר? וואס?! יא! — האט ער זיך איבערגעשלאגן. — ווער איז די ליובא פערעלשטיין?

באריס האט לייכט א ציטער געטון, אבער האט זיך באהערשט אין דער אייגענער רגע.

— ליובא פערעלשטיין? איך קען זי — האט ער געענט-פערט רויק.

— ווער איז זי? זי האט געשטודירט אין שווייצאריע?

— יא. זי האט געשטודירט אין שווייצאריע, אבער די אלטע רע-וואלוציאנערע געדאנקען זענען איר געבליבן פרעמד.

— זי גיט לעקציעס ארבעטער?

— יאָ, זי לערנט מיט זיי די רוסישע שפּראַך.
— זענט איר זיכער, אַז נישט מער?
— איך קען זי. איך טרעף זי אָפּט. דאָס אומשולדיקסטע מיידל אויף דער וועלט. עס איז מיר גאָר אַ וווּנדער, וואָס מען האָט וועגן איר רעפּאָרטעט צו אייך.
— יאָסל האָט רעפּאָרטעט, אַז זי גיט לעקציעס אַרבעטער.
— געוויס. אָבער אין אַלע אַנדערע פּרטים איז זי דאָס אומשולדיקסטע מיידל אויף דער וועלט.
— אַזאַ ראַפּאָרט האָב איך אויך באַקומען פון דעם פּאָליצמייסטער — האָט סאַוויצקי דאַן געזאָגט, פאַררוקנדיק דעם בויגן פּאַפּיר אונטער'ן בוזים. — ער קומט אָפּט צו איר פאָטער אַהיים און קען זי. אַ גרויסער חידוש: אַ יידיש מיידל און איז נישט קיין רעוואָלוציאָנערקע! — האָט סאַוויצקי צוגעלייגט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל און האָט זיך אויפגעהויבן.
באָריס האָט זיך אויך אויפגעהויבן.
סאַוויצקי האָט אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ פּעקעלע אַסיגנאַציעס און עס דערלאַנגט באָריסן, וועלכער האָט עס פאַררוקט אין זיין הינטערשטער קעשענע.
— איר מיינט, אַז איך גלייב, אַז איר זאָגט אַלצדינג, וואָס איר ווייסט? — האָט סאַוויצקי פּלוצלינג זיך אָנגערופן שוין צערייצט און איז רויט געוואָרן.
— קאַזימיר אַדאַמאָוויטש, — האָט באָריס רויק געזאָגט. — דערווייל האָט איר נישט קיין באַווייזן, אַז איר דאַרפט מיר נישט גלייבן.
— פאַרוואָס האָט איר אים דורכגעלאָזט?
— ווייל די אומשטענדן זענען געווען אַזעלכע. ווו ער געפינט זיך האָב איך נישט געוווּסט. און אָפּפאָרן האָב איך געמוזט, ווייל ווען איך וואָלט פאַרבראַכט יענעם טאָג ביז פאַרנאַכט, בין איך נישט זיכער, אַז מען וואָלט אים נישט געבראַכט צו מיר אויף דער קוואַרטיר. דעמאָלט, פאַרשטייט איר דאָך, וואָס עס וואָלט געווען, אַז ער וואָלט מיך געטראָפן...
— הם... יאָ... אפשר... יאָ, יאָ — האָט אַרויסגעמורמלט סאַוויצקי פאַרטראַכט. — פאַרוואָס זענט איר געפאָרן דווקא קיין מאָהילעוו?
— צוליב דעם, ווייל איך האָב געוואָלט, אַז שפּעטער זאָל אַנקו-

מען אַ בריוו צו מיר פון מאַהילעוו, אַז מיכאַיל איז אין יענער געגנט...

— און דעם בריוו האָט איר שוין באַקומען?

— יאָ.

— און אים געלייענט פאַר די חברים שוין אויך?

— יאָ.

— נו, גלייבן זיי?

— מיר גלייבן זיי, קאַזימיר אַדאַמאָוויטש.

— אידיאָטן! — האָט אַ לאַך געטון סאַוויצקי. — מיין הונט גלייבט אייך נישט, און די חברים און די חברטעס... נו, און דער פּלאַן װעגן שיקן די חברטע מיטן חבר קיין מאַהילעוו?

— וועט דורכגעפירט ווערן, ווען דאָ וועט אַ ביסל שטילער ווערן וועגן מיכאַילן...

— איר ווילט אַ ציגאַר? — האָט אים מיטאַמאָל פאַרגעלייגט סאַוויצקי זיין פּאָרטציגאַר שוין מיט אַ העפלעכער מינע.

באָריס האָט גענומען באַ אים אַ ציגאַר און פאַררייכערט.

— יאָ, וועגן די אַנטלאָפענע חברים שוואַרץ און דעם אַנדערן האָט איר עפּעס געהערט?

— ניין, דערוויילע נישט — האָט באָריס געענטפערט.

— טאָמער עפּעס נייעס, מעלדעט גלייך. אויב קיין נייעס וועט נישט זיין, וועט איר מיך טרעפן דאָ אין אַכט טעג אַרום אין דער אייגענער צייט — האָט סאַוויצקי דאָן שנעל אַרויסגערעדט, אַ מאַך געטון צו אים מיטן קאָפּ און איז האַסטיק אַוועק מיט זיין הונט צוריק צו זיין הויז צו.

באָריס איז אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט אים נאָכגעקוקט, און אין זיינע אויגן האָט זיך געצונדן אַ טיפער האַס.

דערנאָך איז ער אַוועק דורכן וואַלד מיט אַן אַנדערן וועג צו דער שטאָט.

אין האַרץ באַ אים האָט געקאָכט.

ווי ער איז שוין נישט געווינט געווען צו דעם, אַז סאַוויצקי זאָל זיך באַנעמען קעגן אים שיער נישט מיט אָפענער פאַראַכטונג, האָט ער איצט, ווי יעדעס מאָל נאָך אַ שמועס מיט יענעם, געפילט אַזוי ווי יענער וואָלט באַ אים געטאַנצט מיט די פיס איבערן האַרץ.

און ווי יעדעס מאָל, האָט ער איצט אויך מיט גאַליקן האַס געטראַכט, אַז ער מוז אַן יענעם נקמה נעמען פאַר זיך און פאַר די פּאַר-

ברעכנס, וואָס יענער האָט אים געצוווּנגען צו באַגיין קעגן זיין „רעוואָ-לוציאָנערן געוויסן"...

וואָרים באַריס האָט זיך נאָך געהאַלטן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, און צייטנווייז האָט ער זייער שאַרף געפילט די פאַרצווייפלונג פון דיין צע-ריסענעם און צעקריפּלטן „רעוואָלוציאָנערן געוויסן".

און סאַוויצקי איז עס געווען יענער, וועלכער האָט פאַר דריי יאָר אין קאָוונע, בעת ער, דער פריערדיקער מיכאַיל און היינטיקער באַריס, האָט געאַרבעט דאָרט צווישן די פּועלי-ציון, אים אַרעסטירט און פאָרגע-לייגט פאַר אים די ברירה: פאַרראַט אָדער אונטערגיין...

מיכאַיל האָט ליב געהאַט דאָס לעבן. מיט יעדן נערוו פון זיין נפש האָט ער זיך אָן דעם לעבן געקלאַמערט, און פאַר שרעק האָט ער דערפאַר סאַוויצקיס פאָרשלאַג דאַן אָנגענומען. דערנאָך, נאָך אַ לאַנגן פייניקן זיך, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט אויסקויפן דעם פאַרראַט קעגן זיינע חברים-רעוואָלוציאָנערן דערמיט, וואָס ער וועט נאָך מער פאַר-ראַטן זייערע שונאים...

און פון יענער צייט אָן האָט ער גענומען שפּילן זיין שרעקלעכע טאָפּלטע ראָל.

סאַוויצקי האָט געפאָדערט פון אים „אַרבעט", און ער האָט די „אַרבעט" געמוזט צושטעלן, אַנישט האָט סאַוויצקי אים געסטראַשעט מיט דער ט אָ פּ ע ל ע ר בייטש: דאָס הייסט מיט זיין אייגענער בייטש און מיט דער בייטש פון די רעוואָלוציאָנערן...

די ערשטע צייט, ווען ער האָט געשפּינט זיינע פּלענער פון פאַרראַט, איז ער געווען אויפגערעגט און נערוועז און האָט געליטן. מיט דער צייט אָבער האָט ער אָנגעהויבן צו פילן אַ געוויסן סאָרט פאַרגעניגן, בעת ער האָט איבער זיי געאַרבעט...

ער האָט נישט געטראַכט אין יענע מאָמענטן וועגן די מענטשן, וואָס וועלן פאַרלוירן גיין דורך אים און וועגן די חברים און חברטעס, וואָס האָבן צו אים אַזוי פיל צוטרוי געהאַט און וואָס האָבן אים אפילו פאַר-געטערט, נאָר וועגן זיינע פּלענער האָט ער געטראַכט — בלויז וועגן זיי. ער האָט זיי געשפּינט רויק און אויסגערעכנט און אַ געוויסן פאַרגעניגן דערביי געהאַט.

זיין אַבנאָרמאַלע לאַגע האָט באַ אים אַזאַ אַבנאָרמאַלן, פּ אַ ט אָ-ל אָ ג י ש ן מ י ן פ י ל ן אַרויסגערופן און אַנטוויקלט.

ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט זײַן פּלאַן דורכגעפירט, האָט אים אַ שרעק אָנגעכאַפּט.

שטענדיק איז עס געווען אַזוי, נאָך יעדן פרישן שטיקל „אַרבעט", וואָס ער האָט צוגעשטעלט סאַוויצקין.

אַזוי ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך, אַז אין דעם שיכּורן צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, האָט ער אַ נאָענטן מענטש אומגעבראַכט, אַזוי האָט ער זיך געפילט.

און דערנאָך האָט ער געטראַכט וועגן דערהרגענען סאַוויצקין און דערהרגענען זיך אַליין, און ער האָט זיך ערשט דעמאָלט באַרויקט, ווען ער האָט דורכגעפירט אַ רעוואָלוציאָנערן אַקט קעגן איינעם, וועלכער האָט געהערט צו סאַוויצקי'ס לאַגער.

און נאָך אַזאַ אַקט איז ער שטענדיק געווען צופרידן. מחמת דאַן האָט ער געפילט, אַז ער איז נאָך נישט אינגאַנצן געווען געזונקען; ער האָט געפילט אַזוי ווי דער רעוואָלוציאָנערער אַקט וואָלט געווען אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, וועלכע וואָלט אים געשלעפּט פון דעם מוראדיקן זומפּ, אין וועלכן ער איז פאַרזונקען געווען.

אָבער יעדן רעוואָלוציאָנערן אַקט, וואָס ער האָט שטענדיק דורכגעפירט מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט, האָט ער שפּעטער געמוזט אָפּווישן מיט אַ פרישן שטיקל „אַרבעט" פאַר סאַוויצקין, און ער האָט דאַן ווידער געאַרבעט איבער זײַנע פלעגער רוקן און אויסגערעכנט און הנאה געהאַט, און נאָכדעם ווידער חרטה געהאַט און איז פאַרצווייפלט געווען, ביז ער האָט ווידער עפּעס אויפגעטון ווי אַ רעוואָלוציאָנער.

אָט אַזוי האָט ער זיך געפּלאָנטערט צווישן זײַנע צוויי ראָלן, און האָט זיך אַלץ מער אַרײַנגעפּלאָנטערט אין זיי, און אין ביידע האָט ער זיך געצאַפּלט און געריסן, און ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסרײַסן נישט פון איינער און נישט פון דער אַנדערער.

ווען סאַוויצקי איז אָנגעקומען אין אָט דער שטאָט, האָט באָריס אויך געמוזט קומען מיט אים אין איין צייט פון לאָדזש, וווּ ער האָט געאַרבעט צווישן די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן.

ער איז אַלט געווען אַ יאָר דרײַסיק, און איידער מען האָט אים אַרעסטירט אין קאָוונע, האָט ער דאָרט געהאַט אַ כּלה, אַ פּועלי-ציוניסטקע, אַ סטודענטקע פון מעדיצינישע קורסן אין בערן, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט.

ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיינע חברים, האָט ער דערנאָך, פֿאַר־שטייט זיך, נישט געקאָנט אפילו מער טראַכטן וועגן איר.

אַ געוויסע צייט, שוין זייענדיק דאָ אין דער שטאָט, האָט ער גע־טראַכט וועגן פּלענער ווי אַזוי צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע און לעבן דאָרט אונטער אַן אַנדערן נאָמען.

אָבער אַזאַ פּלאַן איז שווער געווען דורכצופירן, מחמת באַריס האָט געוווּסט, אַז סאַוויצקי היט אים און וועט תיכף אָנהייבן אים צו זוכן, ווען ער זאָל אַ פּאָר טעג פֿון אים נישט הערן.

דערווייל, טרעפֿנדיק זיך אָפֿט מיט ליובאַן, איז זי אים געוואָרן אַלץ נענטער און נענטער, ביז ער האָט זיך ערנסט פֿאַרליבט אין איר.

און דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס עס איז אין אים געווען, האָט ער זיך געפּליסט פֿאַר איר אַרויסצווייזן.

אַ געבוירענער אָראַטאָר, האָט ער באַזונדערס שיין גערעדט, ווען זי איז דערביי געווען, און מיט טיפֿער רעוואָלוציאָנערער איבער־צייגונג.

און דאַן האָט ער באַמערקט דעם טיפֿן איינדרוק, וואָס ער האָט אויף איר געמאַכט, ווי, אגב, אויף אַלע איבעריקע חברים און חברטעס, און ס'רוב איז ער דערפֿון גליקלעך געווען. אָבער צייטנווייז האָט ער אויך מיט שרעק געטראַכט: וואָס וועט זיין, אַז זי וועט זיך אַמאָל דער־וויסן ווער ער איז?...

ער האָט געפֿילט, אַז זי איז צו אים אויך געווען נישט גלייכגיל־טיק: האָט באַמערקט די פֿאַרסודעטע פֿאַרגעטערונג צו אים אין אירע שוואַרצע אויגן, און אַלץ זיך געקליבן איר צו זאָגן ווי שטאַרק ער האָט זי ליב.

ער האָט אָבער אָפּגעלייגט אויף אַ מאָמענט, ווען ער וועט פֿילן, אַז עס איז די „ריכטיקע געלעגנהייט" דאָס איר צו זאָגן.

און דערווייל האָט ער געאַרבעט מיט גרויס ענערגיע און אַרויס־גערופֿן זייער אַלעמענס באַוווּנדערונג מיט עטלעכע רעוואָלוציאָנערע אויפֿ־טואונגען, ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „דורכפֿאַלן".

און אַלע דידאָזיקע „דורכפֿאַלן" זענען געווען זיין אַרבעט. און נאָך יעדן אַזאַ „דורכפֿאַל" האָט ליובאַ געזען ווי פֿאַרצווייפֿלט ער איז געווען, און ער איז איר נאָך טייערער געוואָרן.

אַזוי איז עס געווען ביז יענעם נאָכמיטאָג ווען ער, באַריס, האָט

זיך געטראָפן אין װאַלד מיט בערציקן און זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו זוכן מיכאַילן.

אַזוי ווי זיין אייגענעם טויט-פּסק װאָלט ער דערהערט.

און אויפן אָרט איז אים דאַן איינגעפאַלן אוועקצושיקן בערציקן מיטן מעסער אין דעם אייגענעם דאָרף וווּהין ער האָט שוואַרצן און אַנדריושאַן אוועקגעשיקט, כּדי ער, בערציק, זאָל געכאַפּט ווערן מיט אַ קעסטל געווער און אַרעסטירט ווערן צוזאַמען מיט זיי.

אָפּצוּרוימען פונם וועג בערציקן מיט זיין מעסער, איז דאַן געווען זיין ערשטער געדאַנק, צוליב דער שרעק זיינער פאַרן מעסער, אין וועלכן ער האָט געזעען דעם סימבאָל פון זיין טויט-פּסק. ווען ער וואָלט געקאָנט אין יענער מינוט, וואָלט ער אויך אָפּרוימען דעם דעלעגאַט אַליין, וואָרים ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז געווען דער אַמאָליקער חבר מאַטוועי.

אָבער ווי אַזוי? אַ רגע האָט ער דאַן אַ טראַכט געטון וועגן אַרויס-געבן זייער באַנאַכטיקע „סכאָדקע". באַלד אָבער האָט ער זיך דערשראָקן פאַר אָט דעם געדאַנק, מחמת ליובאַן וואָלט מען דאַן אויך אַרעסטירט, און דאָס האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט באַ זיך פועלן — נישט אַפילו איצט, ווען זיין לעבן איז געשטאַנען אין קאָן.

זי איז אים אַזוי טייער געווען, אַז שטענדיק איז ער געווען אומ-רויק וועגן איר. און דערפאַר האָט ער אויך געוואָלט באַ איר אַוועקנעמען די קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, ווייל ער האָט מורא, אַז סוף-כּל-סוף וועט זי „אַריינפאַלן".

בפרט האָט ער געפילט ווי טייער זי איז אים געווען אין יענער מינוט, ווען באַ אים איז דורכגעלאָפן דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן זייער באַנאַכטיקע „סכאָדקע", און ווייל ער איז איצט, אַ חוץ דעם, נישט זיכער געווען מיט זיין מאָרגן — האָט ער זיך איר דערקלערט.

קומענדיק דערנאָך אַהיים, האָט ער זיך נישט דערוואַרט אויף בער-ציקן, און איז אַפּגעפאָרן פון שטאָט.

איצט האָט ער געהאַנדלט נערוועז און אויפגערעגט. כּל-זמן דער דעלעגאַט איז געווען אין דער שטאָט, האָט ער, באָריס, דאָרט נישט געטאָרט זיין, און דער עיקר, ער האָט געמוזט אויף דערווייל אַראָפּפירן זיי אַלעמען פון מיכאַילס שפּורן, און באַכדעם — האָט ער געטראַכט — וועט ער זעען.

און צוליב דעם איז ער אַוועקגעפאָרן קיין מאָהיליעוו.

דורכצופירן דעם טעראָריסטישן אַקט איבער דעם מאָהיליעווער גובערנאַטאָר האָט ער געשטערט בראַכקען און קאַליאַן, נישט מחמת דעם, ווייל ער האָט געוואָרט ביז דאָ וועט שטיל ווערן מיט מיכאַילן, ווי ער האָט געזאָגט אַ תּירוץ סאַוויצקין, נאָר ווייל ער האָט זיך נאָך נישט איינגאַנצן אָפּשוכעט פון דער „שטימונג", וואָס בא אים האָט אַרויסגערופן די ידיעה, אַז מען האָט אַרעסטירט שוואַרצן און אַנדרושאַן.

אַזעלכע „שטימונגען" האָט ער אַלעמאָל געהאַט צווישן איין פּלאַן און דעם אַנדערן, ביז סאַוויצקי האָט אָנגעהויבן צו מאָנען, און דאַן איז באָריס ווי מיט גוואַלד אַ ר י י נ ג ע ט ר י ב ן ג ע וו אָ ר ן אין זיין אַנדערער „שטימונג", בעת ער האָט געמוזט שפּינען אַ נייעם פּלאַן פון פאַרברעכן אין זיין אַבנאָרמאַלער, פ אַ ט אָ ל אָ ג י ש ע ר „שטימונג".

דערווייל האָט ער געוואָלט אָפּהאַלטן און אפשר אינגאַנצן צו צעשטערן זיין פריערדיקן פּלאַן וועגן דעם, אַז בראַכקע און קאַליאַ זאָלן פאָרן אין מאָהילעוו, און צייטנווייז האָט ער געטראַכט, אַז ער זאָל אַליין פאָרן אַהין, צי מיט קאַליגינען, און דורכפירן טאַקע דעם טעראָריסטישן אַקט איבער דעם גובערנאַטאָר. ער דאַרף נאָר אויסטראַכטן עפּעס אַ גלאַטע געשיכטע פאַר סאַוויצקין.

ער האָט זיך אויך געפרייט, וואָס שוואַרצן און אַנדרושאַן איז געלונגען צו אַנטלויפן און וואָלט געגרן זיי געשטיצט מיט געלט איצט, ווען זיי האָבן געדאַרפט אַוועקפאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט, ווען ער וואָלט זיך נישט געמוזט היטן פון ווייזן, אַז ער האָט געלט...

*　　　　*

*

אַן ערך אַ שעה צייט האָט געדויערט בא באָריסן דער מהלך פון דעם אָרט ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט סאַוויצקין, ביז דעם שטיבל ווו ער האָט געוווינט.

צוגעגאַנגען צו זיין שטיבל, האָט ער דערזען ליובאַן.

— איך וואַרט שוין דאָ איבער אַ שעה, — האָט זי געזאָגט. — ווו ביסטו געווען?

— געדאַרפט זען אַ מענטש, וואָס מאַכסטו, ליובאַ?

— איך פיל זייער גוט! און דו?

— נאָך מער ווי גוט, ליובאַ! — האָט באָריס געשמייכלט.

זיי זענען אַריין אין דעם שטיבל.

— איך בין אַזוי גליקלעך, ליובאַ! — האָט באָריס זיך דאַן ווי-דער אָנגערופן און זי צוגעצויגן צו זיך — וואָס דו ביסט באַ מיר... מיין ליובאַ!...

שפּעטער האָט ער איר איבערגעגעבן וועגן דעם, וואָס עס איז פאָר-געקומען אויף דעם נעכטיקן מיטינג אין דער ביבליאָטעק.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט, באָריס, איך בין אין אַ שרעקלעכער לאַגע!

— וואָס איז?

— באַ מיין פּאַפּאַ אין דער פאַבריק רעדט מען שוין ווידער וועגן אַ שטרייק.

— וואָס הייסט „ווידער”?

— מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען דאָרט גערעדט וועגן אַ שטרייק, איז מיין פּאַפּאַ דורכגעקומען מיט די אַרבעטער. היינט, הער איך, שטעלן זיי ווידער אַרויס נייע פאָדערונגען.

— זאָלן זיי שטרייקן — האָט באָריס באַמערקט. — יעדער שטרייק איז אַ נייער סיגנאַל פון דער רעוואָלוציע, ווי יעדער נייער זיג פון דער יאַפּאַנעזישער אַרמיי איבער אונזערער איז אַ נייער שאַרפער שניט איבער דעם צעפוילטן אָרגאַניזם פון דעם צאַריזם.

— דאָס איז זיכער! — האָט ליובאַ מיט אים מסכים געווען. — דערווייל אָבער איז מיין לאַגע אַ שרעקלעכע. פאַרשטייסט? איך וואָלט די אַרבעטער געוואָלט העלפן.

— ווי אַזוי קאָנסטו זיי העלפן?

— שטעלן זיך אָפּן אויף זייער זייט. מיין פּאַפּאַ און גרישאַ וועלן זיכער רופן פּאָליציי. ווען איך וועל זיך אָבער שטעלן אָפן אויף דער זייט פון די אַרבעטער, וועט מיין פּאַפּאַ און אפשר גרישאַ אויך מורא האָבן דאָס צו טון...

— דו דאַרפסט עס נישט טון, ליובאַ. פאַרגעס נישט, אַז דו מוזסט זיך היטן פון יעדן מין פאַרדאַכט. דיין אַרבעט פאָדערט עס פון דיר.

— אָט דאָס איז די געשיכטע. דערפאַר זאָג איך, אַז מיין לאַגע איז אַ שרעקלעכע.

און אָט אין דער צייט, ווען זיי האָבן אַזוי געשמועסט, זענען צו אַ פענצטער צוגעלאָפן דער באַלעבאָס פון דעם שטיבל, דער פויער מיקיטאַ, און זיין ווייב קאַטיאַ. און דער פויער האָט אַריינגערוקט זיין

קאָפּ מיט צעפּאַטלטע האָר אָן אַ היטל און געפרעגט מיט אַ צע־שראָקן קול:

— באַרין, איר זענט דאָ?

— יאָ. וואָס איז, מיקיטאַ?

— איך וויל, אַז איר זאָלט מיר איבערלייענען אַ „כאַזעטאַ", וואָס עס שרייבט דאָרט וועגן מיין אַנדרושאַן.

— די יאַפּאַנטשיקעס האָבן אים דערהרגעט, מיין אַנדרושקאַן! — האָט קאַטיאַ אַרויסגעיאָמערט פון אַהינטער איר מאַנס רוקן.

און באַלד זענען אַריינגעלאָפן דער פויער און זיין פרוי צו באַריסן אין שטיבל.

מיקיטאַ, אַ באָרוועסער, מיט לייוונטענע הויזן, אין אַ ווייס העמד, מיט אַ טעמפּ פּנים פון ערד־קאָליר, מיט קליינטשיקע, שפּיציקע אויגן און מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד, האָט געהאַלטן אַ צונויפגעלייגטע צייטונג אין זיינע ביידע הענט, און זיין ווייב קאַטיאַ, אַ מאָגערע פויערטע, מיט אַ רויט טיכל איבערן קאָפּ, אין אַ געקעסטלט לייוונטן קלייד און אין לאַפּטשעס, האָט אַ צעשראָקענע און צעטומלטע נישט געקאָנט אָפּרייסן אירע אויגן פון אָט דער צייטונג.

— סטיאָפּקאַ, מיין פּלימעניק הייסט עס, מיין ברודער איוואַנס זון הייסט עס, האָט מיר געבראַכט אָט די „כאַזעטאַ" הייסט עס, און האָט מיר איבערגעלייענט, אַז די יאַפּאַנטשיקעס האָבן דערהרגעט מיין אַנדרושאַן אונטער „כפּאָרט כאַטור" הייסט עס! — האָט מיקיטאַ זיך אָנגערופן מיט אַ צעשראָקן קול און געפינטלט בעת דעם מיט זיינע קליינע, שפּיציקע אויגן. — לייענט איר מיר איבער, באַרין. איר זענט אַ מער „גראַמאָטנער" ווי סטיאָפּקאַ. אפשר האָט ער נישט ריכטיק געלייענט.

און מיקיטאַ האָט דערלאַנגט די צייטונג באַריסן.

און ביזוואַנען באָריס האָט איבערגעקוקט די הונדערטער און הונדערטער נעמען פון די געפאַלענע רוסישע סאָלדאַטן הינטער פּאָרט־אַרטור, וואָס זענען געדרוקט געווען אין דער צייטונג לויטן אלף־בית, האָבן דער פויער און די פויערטע די אויגן פון אים נישט אַרונטערגענומען.

באָריס האָט געפונען דעם נאָמען. ער האָט איבערגעלייענט:

— אַנדרושאַ סליעפּצאָוו.

— יאָ, מיין אַנדרושאַ! — האָט זיך אַ כאַפּ געטון דער פויער. — נו, וואָס, באַרין?

— פון דעם דאָרף אַסטאַסאָווע -- האָט באָריס לייענענדיק זיך אָפּגעשטעלט בײַ יעדן וואָרט.

— יאָ, יאָ, אַזוי, אַזוי...

— פון דער צווייטער ראָטע...

— יאָ, יאָ, אַזוי, אַזוי, ריכטיק. פון דער צווייטער ראָטע.

— קאַזאַנסקער פּולק...

— ריכטיק. קאַזאַנסקער פּולק — האָט אים נאָכגעזאָגט דער פויער.

באָריס האָט נישט געלייענט מער. ער האָט צונויפגעלייגט די צייטונג.

דער פויער און די פויערטע האָבן נאָך געקוקט אויף אים און געוואַרט.

— נו, פאַרוואָס, באָרין, לייענט איר נישט ווייטער? — האָט דער פויער דערנאָך אַ פרעג געטון.

— וואָס ווייטער? איר האָט דאָך געהערט! איך האָב שוין אײַך איבערגעלייענט.

— נו, וואָס־זשע שרייבן זיי וועגן מײַן אַנדרושאַן? — האָט דער פויער ווידער געפרעגט. — האָבן די יאַפּאַנטשיקעס, הייסט עס, אים טאַקע דערהרגעט?

— איר האָט דאָך געהערט. ער איז איינער פון די, וואָס זענען געפאַלן דעם זעקסטן מאַי הינטער פּאָרט־אַרטור.

— מײַן אַנדרושאַ? — האָט איבערגעפרעגט דער פויער און גע־קוקט אויף אים מיט אַ טעמפּער שרעק און געפינטלט מיט די אויגן.

— יאָ, מיקיטאַ. אײַער אַנדרושאַ. אַנדרושאַ סליעפּצאָוו, פון דעם דאָרף אַסטאַסאָווע.

— עוואָ, האַלוקאַ מאַיאַ ביעדנאַיאַ! — האָט זיך אַרויסגעריסן בײַם פויער און ער האָט זיך איבערגעצלמט.

דערנאָך האָט ער גענומען די צייטונג בײַ באָריסן, צוריק זי פאַר־זיכטיק צונויפגעלייגט און זי פאַרשטופּט אַהינטערן בוזים.

און אין אָט דער צייט האָט די פויערטע זיך ראַפּטום אַ ריס געטון פון איר אָרט מיט אַ יאָמער:

— מײַן אַנדרושקאַ! מײַן זון! די יאַפּאַנטשיקעס האָבן דערהרגעט מײַן אַנדרושקאַן!

און מיט אָט דעם געשריי איז זי אַרויסגעלאָפן פון שטיבל.

דער פויער איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע, קוקנדיק טעמפּ און אַזוי ווי פּאַרעקשנט אין איין פּונקט אַקעגן זיך.

דערנאָך האָט ער אַרויסגעמורמלט ווי צו זיך אַליין:

— הייסט עס, אים דערהרגעט הינטער „כּפּאַרט כאַרטור"... די יאַפּאַנעשיקעס הייסט עס... פּאַרוואָס, האַ? פּאַרוואָס? עך, טי באַזשע מאַי, פּאַרוואָס?...

ער האָט גענומען טאַפּן די ציַיטונג אַרום זיין בוזים און איז דערנאָך אַוועק, שליאַפּענדיק מיט זיינע באָרוועסע פּיס.

ליובאַ האָט געווישט מיט אַ טיכל די אויגן...

— וויפיל עלנד און וויפיל אומגליק! — האָט זי שטיל געוויינט.

— די בעסטע אַגיטאַטאָרין פאַר דער רעוואָלוציע איז אָט די מלחמה מיט יאַפּאַן — האָט באָריס זיך אָנגערופן. — די פּויערים פרעגן פּאַרוואָס? און מיט אָט דעם „פּאַרוואָס" קומען אונזערע חברים אין די דערפער און וועקן די הארטע געהירן בײַ די פּויערים. די קאַנאָנען פון די יאַפּאַנעזישע גענעראַלן קוראָקי און נאָגי און טאָגאָ און אָקו, זענען די בעסטע קאַנאָנען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און אונזערע בעסטע חברים זענען אונזערע אייגענע צרהדיקע גענעראַלן אַלעקסעיעוו, קוראָפּאַטקין, שטאַקעלבערג און שטעסעל... יעדע נייע מפּלה פון אונזערע גענעראַלן שטאַרקט די מוסקולן בײַ דער רעוואָלוציע, איז ניי בלוט און נייער כּוח פאַר אירע מעכטיקע, פײַערדיקע אָרעמס. אין צענדליקער יאָרן וואָלטן מיר, רעוואָלוציאָנערן, מיט אַלע אונזערע קרבנות, נישט געקאָנט אויפטון אַזוי פיל פאַר דער רעוואָלוציע, וויפיל איין יאָר מלחמה מיט יאַפּאַן האָט פאַר איר אויפגעטון...

פאַר ליובאַן איז די זאַזיקע מיינונג גאָר קיין נייעס נישט געווען. אַזאַ מיינונג וועגן דער מלחמה האָבן אין יענער צייט געהאַט אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערן — אפילו מצסיקע ליבעראַלן אויך.

די בעסערע געזעלשאַפט אין רוסלאַנד, יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געפילט דעם שרעקלעכן יאָך פון דעם רוסישן אַבסאָלוטיזם, האָט געזען אין די מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי אויף די ווייטע פעלדער פון מאַנדשוריע אַן אָנזאָג, אַז די פרייהייט קומט אין רוסלאַנד פון יענע ווייטע פעלדער, וואָס זענען אָנגעטרונקען מיט דעם בלוט פון צענדליקער און צענדליקער טויזנטער יונגע לעבנס פון דער רוסישער באַפעלקערונג.

און אויף אָט דער פרייהייט האָבן נאָך מער געהאָפט די רעכטלאָזע

יידן, וועלכע האָבן נאָך מער געליטן פון מער רוסישער פּאָגראָם־רעגירונג.

און אויב די יידן פון דעם עלטערן דור האָבן מורא געהאַט צו רעדן וועגן דעם איגדערהייך, האָבן זייערע קינדער געוועדט הויך און דרייסט: זייערע קינדער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַט דער פרייהייט אין אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון רוסלאַנד, גרייט צו גיין פאַר איר אין די רוסישע טורמעס, אויף דער רוסישער קאַטאָרגע און צו די רוסישע תליות...

דער לאַנגער, לאַנגער וועג צו דער רוסישער קאַטאָרגע און צו דער רוסישער פרייהייט איז אויסגעפלאַסטערט מיט ביינער און לעבנס פון געגוג יידישע קינדער!...

ליובאַ האָט פאַרבראַכט נאָך אַ ווײַלע בײַ באָריסן אין שטיבל און דערנאָך איז זי אַוועקגעפאָרן אַהיים.

דאָס עלפטע קאַפּיטל

די מאַכט פון דעם „בונד"

אויף מאָרגן באַטאָג איז ליובאַ געזעסן אין איר צימער מיט בערציקן און ווי געחיינלעך איז די טיר פון איר צימער געווען צו־געשפּאַרט.

פּלוצלינג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין איר טיר און איר טאַטנס אויפגערעגט קול האָט זיך דערהערט:

— ליובאַ! ליובאַ!

— דער פּאַפּאַ! ער איז עפּעס אין כעס! — האָט ליובאַ געזאָגט און געעפנט די טיר.

פערעלשטיין איז אַריינגעלאָפן מיט אַ פאַרדרייט היטל.

— דו זיצסט שוין ווידער פאַרשפּאַרט? וואָס טוט דאָ דער בחור, האָ?

— איך גיב אים אַן אוראָק, פּאַפּאַ!

— וואָס דאַרף ער דיינע אוראָקעס? האָב איך דיך דערפאַר גע־געבן בילדן, אַז דו זאָלסט... ע?...

— פּאַפּאָטשקאַ, איך טו דאָך דערמיט קיינעם קיין שלעכטס נישט? — האָט זי געזאָגט ווייך און אים אַ גלעט געטון איבערן אַקסל.

— דו טוסט אָבער זיך אַליין שלעכטס. דו האָרעוועסט און האָ־רעוועסט, וואָס איז? ווילסט אין אַזאַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ אַריינקלאַפּן בילדונג?... הער נאָר, דו, ווי רופט מען דיך? — האָט דוד פערעלשטיין זיך אַ קער געטון צו בערציקן. — בערציק, דאַכט זיך. וואָס ביסטו? אַ גאַרבער, דאַכט זיך, האָ? גיי געזונטערהייט צום שוואַרץ יאָר! גיי!

ליובאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— פּאַפּאַ, פאַרוואָס טרייבסטו מענטשן פון הויז?

— וואָס דאַרף ער דען בילדונג? ער וועט נישט קאָנען קראַצן די פעל אָן דיין בילדונג, האַ?

בערציק האָט אַ טריט געטון צו אים מיט אַ צולהכעיסדיקן שמייכל און זיך אָנגערופן:

— גאָספּאָדין פּערעלשטיין! בערציק וויל קראַצן די פעל מיט בילדונג. מיין טאַטע איז געווען אַן אָרימאַן, האָט ער מיר קיין בילדונג נישט געקאָנט געבן, האָב איך געקראַצט די פעל אָן בילדונג. איצט אָבער זענען אַנדערע צייטן, גאָספּאָדין פּערעלשטיין! אָהאָ! מען קראַצט די פעל מיט בילדונג און אָן בילדונג אַזש אַ רויך גייט! אַ גוטן!

און בערציק איז אַרויסגעלאָפן.

רבקה איז אַריינגעקומען.

— נו, האַ? — האָט פּערעלשטיין זיך צעלאַכט צערייצט. — געהערט אַ דרשה? רבקה, אירס אַ קאַוואַליער האָט זיך אַזוי צעדרשנט! אונזער בת־יחידקעס אַ קאַוואַליער!

ער האָט אַ צי געטון מיט דער נאָז און געדרעדט ווייטער.

— פוי! די גאַנצע שטוב איז פול מיטן גערוך פון געסקראָבעטע פעל!... עפן די פענצטער! זאָל אַרויס דער גערוך פון איר קאַוואַליער! געוואַלט, וואָס האָט זי צו מיר?

רבקה האָט געעפנט די פענצטער.

— ליובאַ איז טאַקע משוגע!

— אָבער איך וועל איר דאָס משוגעת אַרויסשלאָגן פון קאָפּ! — האָט דוד פּערעלשטיין זיך אַ כאַפּ געטון צו ליובאַן. — דו, שיקסע, דו! אין מוח באַ מיר איז אַ גאַנצע מישענינע פון די אַרבעטער, דאַרף איך גאָר טראַכטן, וואָס טוט דאָרט מיין בת־יחידקע!

ליובאַ האָט אַ שמייכל געטון און רויק זיך אָנגערופן:

— פּאַפּאַ, דאָס היטל איז באַ דיר פאַרדרייט!

איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים פאַרריכט דאָס היטל אויפן קאָפּ.

— אוועק! — האָט ער זי אָפּגעשטופּט פון זיך מיט אַ געשריי.

ליובאַ האָט זיך צעלאַכט.

— טאַקע אין כעס, פּאַפּאַ?

— וואָס האָסטו צו מיר, רוצחטע — האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן שיער נישט מיט אַ געבעט אין קול.

און ער האָט אַרויפגעלייגט זיין קורצע, ווייסע האַנט אויף דעם

שוואַרצן בערדל אונטער דער ליפּ, ווי זיין טבע איז געווען בעת ער איז געווען צעטראָגן, און ער האָט געקוקט אויף זיין טאָכטער, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויף איר פּנים...

— וואָס איז? וואָס טו איך דיר? — האָט ליובאַ געפרעגט מיט אַ רויקן שמייכל.

רבקה האָט זיך אַריינגעמישט:

— הער־אויף צו געבן די אוראָקן. איך בעט זיך באַ דיר שוין אַזוי לאַנג!

— ווידער! — האָט ליובאַ זיך אַ כאַפּ געטון מיט אומגעדולד. — לאָזט מיך צורו. וואָס אַרט עס איין, אַז איך גיב זיי אוראָקן?

— מיך אַרט עס יאָ! — האָט דוד פּערעלשטיין אַ געשריי געטון. — דו ווייסט וואָס גרישאַ האָט מיר ערשט דערציילט?

— יאָ. וואָס אַזוינס האָט ער דיר דערציילט?

— ער איז היינט געווען באַם פּאָליצמייסטער, האָט ער זיך דאָרט דערוווסט, אַז דער זשאַנדאַרמסקער האָט אָנגעפרעגט באַם פּאָליצמייסטער צי דו, חלילה, געהערסט אויך נישט צו דער חברה. נו, הא, דאַרף עס מיך אַרן צי נישט?

רבקה האָט מיט שרעק אַרויסגעמורמלט:

— אוי, ווי איז מיר!

ליובאַ איז אַ רגע צעטומלט געוואָרן. באַלד אָבער האָט זי זיך צע־לאַכט אויפן קול.

— צו וואָס פאַר אַ חברה? — האָט זי געלאַכט.

— דו ווייסט אויף וואָס פאַר אַ חברה דער זשאַנדאַרמסקע פרעגט זיך נאָך היינטיקע צייטן! — האָט פּערעלשטיין געענטפערט.

— איז וואָס האָסטו מורא, פּאַפּאַ? דו ווייסט דאָך, אַז איך געהער נישט צו קיין חברה?

— איך ווייס, און דער פּאָליצמייסטער האָט אויך ערוב געווען פאַר דיר, אָבער...

— וואָס „אָבער"?...

— פאַרוואָס אָבער זאָל באַ דעם זשאַנדאַרמסקען פאַלן אַ חשד אויף דיר? ווען דו וואָלסט נישט געגעבן דיינע אוראָקן, וואָלט אים קיינמאָל נישט געקאָנט איינפאַלן. היינטיקע צייטן... אַ קאַטאָוועס היינ־טיקע צייטן!... און אפילו גרישאַ זאָגט אויך...

— וואָס זאָגט ער?

— ער זאָגט... ער האָט געכאַפּט פון מיר אַ גאַב דערפאַר, אָבער ער זאָגט...

— אָבער וואָס זאָגט ער אַזוינס ?

— ער זאָגט, אַז ער וואָלט נישט געקאָנט ערוב זיין פאַר דיר...

— אַז איך געהער נישט צו דער חברה ? — האָט ליובאַ זיך אָנגערופן מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

— יאָ. איך האָב אים דערפאַר גוט אויסגעזידלט. אָבער קיין שלעכטס מיינט ער נישט, — האָט דוד פערעלשטיין זיך פאַרכאַפּט.

ליובאַ האָט אַ ציִ געטון די אַקסלען און באַמערקט :

— וואָס אַרט מיך וואָס ער מיינט ? גרישאַ איז אַן אידיאָט, אַז ער זאָגט עס. און איך בין צופרידן וואָס ער מיינט עס, וועט ער מיך דאָן אפשר לאָזן צורו.

רבקה האָט זיך אַ כאַפּ געטון :

— ווייס איך וואָס דיין פאַפּאַ רעדט דאָרט ! גרישאַ מיינט גאָרנישט און ער האָט גאָרנישט געזאָגט. וואָס פּלוידערסטו, דוד ? — האָט זי זיך אַ קער געטון צו איר מאַן און אַ ווונק געטון צו אים מיט די אויגן.

דוד פערעלשטיין האָט פאַרשולדיקט אַ שמייכל געטון און זיך אָנגערופן אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט :

— נו, וואָס, וואָס, ער איז עפּעס אויסן געווען שלעכטס ? ער האָט זי ליב, וואָלט ער געוואָלט, אַז זי זאָל זיין אַ לייטיש קינד, נישט זיין אַ מחותנתטע מיט יעדן האָלעדריגע. אים שטייט עס נישט אָן. מיר שטייט עס אויך נישט אָן, — האָט ער זיך מיטאַמאָל ווידער צעשריגן. — און דו מוזט מיך פאָלגן, ליובאַ, אַנישט... אַנישט... וועט זיין מיאוס ! איך בין דיין פאַפּאַ, שיקסע. און דו מוזט מיך פאָלגן, דו הערסט ? ווען איך וועל אַמאָל אַרויס פון די כּלים, וועל איך נישט קוקן וואָס דו ביסט ליובאַ, איך וועל...

רבקה האָט אים איבערגעשלאָגן :

— שאַ, שאַ, שאַ, דוד, קריך נישט אַרויס פון די כּלים...

פון הויף האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ טומל פון אַ סך שטימען.

דוד פערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון :

— וואָס איז שוין דאָרט ווידער פאַר אַ ליאַרם ?

און ער האָט שוין געוואָלט אַרויסלויפן פון ליובאַס צימער ; ערשט גרישאַ איז אַריינגעקומען.

ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און זיינע אויגן זענען געווען שאַרף און שפּיציק.

— איך זאָג אייך, — האָט ער זיך אָנגערופן צו דוד פּערעלשטיין מיט אַ קול, װאָס האָט געציטערט פון אויפרעגונג. — מען מוז שיקן נאָך פּאָליציי. זיי האָבן זיך צעיושעט, און איצט איז באַפאַלן אַבראַשאַן און האָט אים שיער דערהרגעט!

— קאָזאַקן דאַרף מען ברענגען, קאָזאַקן מיט נאַהייקעס! — האָט דוד פּערעלשטיין זיך אָנגעצונדן. — פּאַר, גרישאַ, גלייך צום פּאָליצמייסטער!

ליובאַ האָט זיך אַ צאַפּל געטון:

— ק אָ ז אַ ק ן? וואָס רעדסטו, פּאַפּאַ?

— די רוצחים ווילן אונז דערשטיקן, ערשט דאָ נישט לאַנג געגעבן זיי אַ הוספה, און איצט ווילן זיי ווידער אונז אָנכאַפּן באַם גאָרגל. נישטאָ גאָר קיין סוף. גרישאַ, פּאָר צום פּאָליצמייסטער!

ליובאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון צו איר פאָטער מיט אַ פּנים הוילע שרעק און זיך גענומען בעטן בײַ אים:

— טו עס נישט, פּאַפּאַטשקאַ, עס קאָן געשעען אַ גרויס אומגליק. בלוט וועט זיך גיסן, פּאַפּאַ, בלוט! דו טאָרסט עס נישט דערלאָזן, דו טאָרסט נישט. פּאַפּאַטשקאַ, — האָט זי אים אַ כאַפּ געטון פאַר אַ האַנט. — דיין לעבן איז טייערער פון אַלע פאַבריקן, פון דיין גאַנצן עשירות!...

פּערעלשטיין האָט זי גענומען גלעטן איבער די האָר און זיך אָנגערופן שוין רויקער:

— נו, נו, שרעק זיך נישט, קינד. איך וועל גאַנץ זיין. מיר קאָנען נישט נאָכגעבן די רוצחים. גיט מען זיי אַ פינגער, ווילן זיי דערנאָך די גאַנצע האַנט. מען מוז דאָך זיי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָנלערנען. אַ דאַנק גאָט, מען לעבט דאָך נישט אין אַ וואַלד און גזלנים באַפאַלן. עס זענען דאָך דאָ קאָזאַקן און פּאָליציי. שרעק זיך נישט, ליובאַטשקאַ!

— אפשר קאָן מען מיט זיי ווידער דורכקומען — האָט רבקה דערנאָך זיך אויך אָנגערופן. — היינטיקע צייטן. עס איז דאָך קיין קאַטאָוועס נישט, אָנצוהייבן מיט אַרבעטער. וואָס זאָגט איר, גרישאַ? איך בעט אייך, אפשר קאָן מען מיט גוטן...

גרישאַ האָט אויפגערעגט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

— ווען מען וואָלט מיך דאָס לעצטע מאָל געפאָלגט און זיי ניט באַכגעגעבן, וואָלטן מיר איצט נישט געהאַט די חתונקע. טעראָר קעגן טעראָר — האָט ער צוגעלייגט אין אַ שאַרפן טאָן, און אַ קוק געטון מיט אַ שפּאָטישן שמייכל אויף ליובאַן. — מיר דאַרפן זיך אָפּלערנען פון די רעוואָלוציאָנערן!

ליובאַ איז צעטומלט געוואָרן און האָט אַ טראַכט געטון:

„וואָס איז דאָס?...‟

און פּלוצלינג איז זי צוגעגאַנגען צו גרישאַן.

— גרישאַ — האָט זי אַרויסגערעדט און זיך באַמיט צו זיין רויק. — ווילט איר אויף אַ ווײַלינקע אַריינגיין צו מיר אין צימער?

— איך האָב איצט קיין צייט נישט. איך דאַרף פאָרן צום פּאָליצמייסטער. — האָט ער געענטפערט מיט שפּאָט, ווי ליובאַן האָט זיך אויסגעוויזן.

— איך וועל אייך לאַנג נישט פאַרהאַלטן, גרישאַ.

— אפשר שפּעטער, ליובאַ...

זי האָט אים גענומען שלעפּן פאַר אַן אָרעם:

— קומט, קומט, גרישאַ, איך בעט אייך.

— גייט אַריין צו איר, גרישאַ — איז אויך רבקה צו אים צוגעשפּאַנען.

און דוד פּערעלשטיין איז דערווייל אַ צעטראָגענער אַרויסגעלאָפן פון הויז.

צום סוף האָט גרישאַ נאָכגעגעבן ליובאַן און איז אַריין צו איר אין צימער.

ליובאַ האָט צוגעמאַכט די טיר.

— איך וויל אייך בעטן, גרישאַ, אַז איר זאָלט נישט צולאָזן צו קיין בלוטפאַרגיסונג — האָט ליובאַ זיך דערנאָך אַ קער געטון צו אים.

— איך וועל די באַנדיטן אָנלערנען — האָט ער געענטפערט קאַלט.

— גרישאַ, זייט נישט אַזוי איינגעשפּאַרט אין אַזאַ צייט. און זיי זענען נישט קיין באַנדיטן, מענטשן זענען זיי...

— נו, בין איך אַ באַנדיט און איך וויל אומזיסט פאַרגיסן בלוט— האָט ער געזאָגט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

— גרישאַ, מאַכט זיך נישט פאַר אַ ציניקער. איר זענט אַ סך אַ בעסערער מענטש, ווי איר ווילט זיך אַרויסווייזן.

ער האָט אויפגערעגט אַ לאַך געטון.

— איר זענט אַן אמתע דיפּלאָמאַטקע, ליובאַ! — האָט ער באַמערקט. — איר פאַרגעסט אָבער, וואָס איר האָט מיר דאָס לעצטע מאָל געזאָגט...

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט?

— אַז איך בין זייער אַ פּראַקטישער יונגערמאַן. איר געדענקט?

— וואָס האָט עס צו טון מיט אייער פּראַקטישקייט?

— אַ, אַ סך, ליובאַ, אַ סך! ווייל איך בין אַ פּראַקטישער יונגערמאַן, ווי איר אַליין האָט געזאָגט, בין איך נישט קיין צעדרייטער אידעאַליסט, האַלט איך נישט דערפאַר פון שיינע, הוימאַנע פראַזן, און מיינע געדאַנקען שוועבן נישט דערפאַר אין די הימלען. מיינע געדאַנקען, ליובאַ, קריכן איבער דער ערדישער ערד און איך ווייס, אַז ווען מען זאָל דידאָזיקע רויבער אויסשטרעקן איין פינגער, וועלן זיי פאַרלאַנגען צוויי פינגער; וועלן זיי פאַרלאַנגען דריי און אַזוי ווייטער. איז בעסער, אַז מען זאָל זיי לכתחילה דערלאַנגען די גאַהייקע אָנשטאָט אַ פינגער!...

— גרישאַ! — האָט ליובאַ אַרויסגערעדט ווייך. — איר זענט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש, געענדיקט אַ העכערע שול, געלעזן, געדענקט! איז עס דאָס וואָס איר האָט...

— פון מיין ענדיקן די העכערע שול און פון מיין לעזן און דענקען האָב איך, ליובאַ, געלערנט אַ גרויסן אמת, און דאָס איז: אַז איינס און איינס און איינס איז דריי. אַז הונדערט איז צוזאַמענגעשטעלט פון הונדערט איינציקע, פון צען צענדליקער, און ווען דו ווילסט קריגן טויזנט, מוזסטו פאַרמאָגן צען הונדערט... אַ גרויסער אמת! נישט אמת, ליובאַ? — האָט ער גערעדט שפּאָטיש און געשמייכלט צו איר אויפגערעגט.

— אָ, יאָ! אָ, יאָ! — האָט ליובאַ זיך אָנגערופן מיט איראָניע, איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן און האָט דערנאָך ווידער געזאָגט שוין רויק:

— אייערע געדאַנקען, זאָגט איר, קריכן איבער דער ערד; איר פאַרגעסט אָבער, אַז די ערד איז פול מיט בלאָטעס און זומפּן, און היינטיקע צייטן... מיט טייכן בלוט!

— דערפאַר האָב איך קיין מורא נישט. ווען איך וועל אפילו אַריינקריכן אין אַ זומפּ, זענען פאַראַן גענוג אַרבעטער, וואָס וועלן פאַר אַ רובל מיך אַרויסשלעפּן אויף דער טרוקעניש...

ליובאַ האָט זיך נישט געקאָנט מער באַהערשן, און אַ צערויטלטע פון אויפרעגונג האָט זי פּלוצלינג אויסגעשריגן:

— איר פאַרלאָזט זיך צופיל אויף אייערע רובלס, גרישאַ!

— די רובלס זענען די געטרייסטע פריינט. מען קאָן זיך שוין אויף זיי פאַרלאָזן.

— נישט היינטיקע צייטן אין רוסלאַנד.

— אין אַלע צייטן און איבער דער גאַנצער וועלט!

— איר זענט בלינד, פאַרעקשנט! איר וועט ברענגען אומגליק! ווען מיין פּאַפּאַ וואָלט נישט געווען פאַרמישט, וואָלט איך נישט גערעדט. איך האָב מורא פאַר מיין פּאַפּאַס לעבן.

גרישאַ האָט דאַן אויסגעשריגן צערייצט:

— וואָס דערציילט איר מיר מעשיות וועגן אייער פּאַפּאַס לעבן! נישט דערפאַר רעדט איר אַזוי. נאָר ווייל איר זענט אַ רעוואָלוציאָנערקע. איצט איז עס מיר קלאָר!

ליובאַ האָט זיך צעלאַכט:

— איר זענט משוגע!

— אויב איר זענט אַ רעוואָלוציאָנערקע, אַ סאָציאַליסטקע, דאַן זאָגט עס מיר אָפן. וועל איך מער נישט טראַכטן וועגן אייך!

ליובאַ האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— צוליב דעם אַליין וואָלט אפשר כדאי געווען צו זיין אַ סאָציאַליסטקע, — האָט זי זיך אָנגערופן.

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטון.

— הייסט עס? — האָט ער אויפגערעגט אַ מורמל געטון און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

אָבער ליובאַ האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר אַן אָרעם און אים צוריקגעשלעפּט.

— אַנטלויפט נישט און זעצט זיך — האָט זי אים מיט געוואַלט אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול. — שרעקט זיך נישט. איך בין נישט קיין סאָציאַליסטקע אין איך ווייס וועגן דעם נאָך ווייניקער ווי איר!

— וואָס ווילט איר? — האָט ער ארויסגעמורמלט.

— גרישאַ — האָט זי ווידער אָנגעהויבן מיט אַ ווייכן טאָן. — ווייזט מיר, אַז איר האָט מיך ליב.

— איך האָב עס אייך שוין גענוג בעוויזן.

— דערלאָזט נישט, אַז מען זאָל שטרייקן. איך האָב מורא פאַר מיין פּאַפּאָס לעבן און פאַר אייערן אויך, גרישאַ.

— דאָס איז אָבער אוממעגלעך. מיר קאָנען רויִנירט ווערן.

— נישקשה, איר וועט נישט רויִנירט ווערן. מיין פּאַפּאָס לעבן איז מער ווערט, און אייער לעבן אויך.

גרישאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— ניין, דאָס מאָל טאָר מען זיי נישט נאָכגעבן — האָט ער דערנאָך געזאָגט.

— און ווען איך בעט עס בײַ אייך? איך, דאָס מיידל, וואָס איר זאָגט, אַז איר האָט זי אַזוי ליב!

— איר פאַרלאַנגט אַזוינס, וואָס איך קאָן בשום אופן נישט נאָכגעבן.

ליובאַ איז צוגעגאַנגען צו אים נאָענט און האָט אַרויפגעלייגט אירע ביידע הענט בײַ אים אויף די אַקסלען, אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן און זיך צעלאַכט.

— איך ווייס דאָך, אַז איר וועט מיר נאָכגעבן. אין אײַערע אויגן זע איך דאָס... אָט־אָט זיי שמייכלען... אָט־אָט זיי לאַכן... נו, לאַכט, לאַכט. זאָל איך הערן ווי איר לאַכט!

און גרישאַ האָט זיך צעלאַכט און ליובאַ נאָך העכער.

— איצט בין איך זיכער, אַז איר וועט מיין פאַרלאַנג דערפילן. איר זענט ווייט נישט אַזוי שלעכט ווי איר ווילט זיך אַרויסשטעלן. איך קען אייך, גרישאַ!

— איך זאָג אייך נאָך דערווייל גאָרנישט צו — האָט גרישאַ זיך אָנגערופן און געשמייכלט. — איך וועל זיך אָבער דורכשמועסן מיט אייער פּאַפּאַן וועגן דעם.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אַ ווײַלע געקוקט איר אין די אויגן. דערנאָך האָט ער מיטאַמאָל געפרעגט:

— הייסט עס, אַז איך קאָן האָפן, ליובאַ?...

— איך זאָג אייך אויך דערווייל גאָרנישט צו — האָט זי שטיפעריש געענטפערט. — איר באַווייזט אַפריער, אַז איר פאַרדינט עס בײַ מיר...

און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט פון הויף אַ געשריי: „גוואַ־אַלט", וואָס עס איז דאָרט פאַרהילכט געוואָרן פון אַנדערע קולות...

גרישאַ איז אויפגעשפּרונגען, האָט האַסטיק אָן עפן געטון די טיר און איז אַרויסגעלאָפן אויפן הויף, און ליובאַ נאָך אים.

און קעגן זיי האָט זיך געטראָגן אַ געפּילדער פון אויפגערעגטע קולות, פון מאַנסבילשע און ווייבערישע.

אַרבעטער און אַרבעטערינס זענען געווען צעשאָטן איבערן הויף אין גרעסערע און אין קלענערע גרופּעס, געשטאַנען און האָבן זיך באַוועגט איינער צום אַנדערן און איינער פון דעם אַנדערן, און געמאַכט מיט די הענט און געשריגן אויפגערעגט איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַריין.

פון אַ נאָענטער גרופּע האָבן גרישאַ און ליובאַ דערהערט אַ באַזונדער אויפגערעגט, קוויטשנדיק קול פון אַן אַרבעטערין.

גרישאַ האָט אַ קוק געטון צו יענער גרופּע און דערקענט האָדלען, איצע מאיר דעם באַלעגאָלעס טאָכטער, אַ שפּוליאַרקע.

אַ דיק, געזונט מיידל, מיט אַ הויכן בוזים, מיט די אַרבל פון איר קאָפטע הויך פאַרקאַשערט איבער די דיקע, רויטע אָרעמס, און מיט שוואַרצע לאָקן, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט איבער אירע ביידע צעפלאַמטע באַקן, האָט זי געשריגן צו די מענטשן אַרום איר:

— מען דאַרף וויסן, אַז אונזערע באַלעבאַטים זענען „סקופּלאַטאַטאָרן" און יעדער, וואָס האַלט מיט זיי, איז אַ שפּיאָן און מען דאַרף אים צעברעכן לונג און לעבער!

גרישאַ האָט אַ קוק געטון מיט אַ שמייכל אויף ליובאַן און זיך אָנגערופן:

— איר הערט? „סקופּלאַטאַטאָרן" זענען מיר. אפשר וואָלט איר איך איר געגעבן אַן אוראָק?...

ליובאַ האָט געשוויגן און איז געגאַנגען מיט אים ווייטער פאַרביי די אַנדערע גרופּן.

די געזונטע פּאַראַשאַ מיט אַ לאַכעדיק פּנים איז זיי אָנגעלאָפן אַקעגן און האָט דערציילט גרישאַן:

— איצע האָט ווידער געשלאָגן אַבראַשאַן. האָט אַבראַשאַ געשריגן „גוואַלט!"... כאַ-כאַ-כאַ!

און אַזוי לאַכנדיק מיט איר געזונט געלעכטער, איז פּאַראַשאַ אַוועקגעלאָפן צום הויז.

גרישאַ איז אויפגערעגט געוואָרן.

ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— איך וועל אָט דעם וואַריאַט מוזן אַרעסטירן!

זיין אויפגערעגטער בליק איז געפאַלן אויף איין גרופּע.

דאָרט האָט דער ברייטפּלייציקער און קורצער חיים, מיט דער ברייטער באָרד און רויטע, קראַנקע אויגן, און נאָך איינער אַ וועבער, אַ הויכער פּוילישער שייגעץ מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע, צוגעהאַלטן אַבראַשאַן.

אַבראַשאַ מיט זיין געשטופּלט פּנים, מיט דעם רויטן בערדל און מיט די ווייסע אויגן, האָט געהאַלטן אַ שטיין אין דער האַנט און זיך געריסן פון זייערע הענט אַן אויפגערעגטער און אַ בלייכער, צו דעם לאַנגן איצען, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים אין אַט דער זעלביקער גרופּע און געשריגן:

— לאָזט מיך צו דעם סיבירניק! איך וועל אים דעם קאָפּ צעשפּאַלטן! ער האָט מיר שיער די לונג-און-לעבער נישט אָפּגעריסן! לאָזט מיך!

און דער לאַנגער איצע מיט דעם בלאָנדן בערדל פאַרריסן, האָט מיט שטעכעדיקע אויגן געקוקט אַבראַשאַן אין פּנים אַריין און געשריגן צוריק בלויז איין וואָרט:

— שפּיאָן! שפּיאָן! שפּיאָן!

גרישאַ, און ליובאַ מיט אים, זענען צוגעקומען צו אַט דער גרופּע.

— איצע! — האָט גרישאַ אים אַ צופּ געטון פון הינטן פאַרן אָרעם — קום אַהער, איך וועל דיר עפּעס זאָגן.

— וואָס איז? — האָט איצע זיך אַ קער געטון צו אים. — עפּעס אַ סוד? איר קאָנט זאָגן הויך פאַר אַלעמען. איצע האָט נישט קיין סודות מיט באַלעבאַטים. איך בין נישט אַבראַשאַ!...

— ער האָט מיך ווידער שיער דערהרגעט, דער סיבירניק, גאַספּאַדין אייזנבערג! — האָט אַבראַשאַ אויסגעשריגן מיט אַ וויינענדיק קול, אַ קער טוענדיק אַ רחמנות-פּנים צו גרישאַן. — צעטסטירט אים, האָט רחמנות, אַנישט וועלן מיינע קינדער בלייבן יתומים!

און אַזוי ווי חיים און דער פּוילישער אַרבעטער האָבן אים איצט, ווען זיי האָבן דערזעען גרישאַן, אַרויסגעלאָזט פון די הענט, איז ער, אַבראַשאַ, צוגעגאַנגען מיט זיין שטיין צו איצען פון הינטן און האָט אים אַ זעץ געטון מיט זיין גאַנצער קראַפט איבערן אַקסל. אַזוי, אַז איצע האָט מיט אַ קרעכץ זיך אַ שאָקל געטון אויף די פיס, אַ כאַפּ געטון זיך פאַרן אַקסל, און פאַר ווייטיק פאַרקרימט דאָס פּנים און צוגעמאַכט די אויגן.

די אַרומיקע אַרבעטער זענען צוגעלאָפן צו אים און אויך ליובאַ אַ צעשראָקענע.

אַבראַשאַ האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער פאַבריק צו, און עטלע-

בע אַרבעטער און אַרבעטערינס, צווישן זיי האָדל די שפּיליאַרקע, נאָך אים.

גרישאַ האָט זיך אויך געלאָזט לויפן נאָך זיי, כדי ניט צו דער־לאָזן, אַז די אַרבעטער זאָלן שלאָגן אַבראַשאַן.

דערווייל האָט האָדל אָנגעיאָגט אַבראַשאַן, אַ פּאַק געטון אים פון הינטן פאַר אַ פּאָלע פון זיין רעקל און אים אַ שלעפּ געטון, און באַלד האָט זי מיט קוויטשנדיקע קולות אים געפּאַטשט מיט די הענט און געבריקעט מיט די פיס, און ביז די אַנדערע מיט גרישאַן זענען צוגעלאָפן, איז בײַ אַבראַשאַן דאָס פּנים שוין צעקראַצט געווען און דער קאָלנער פון העמד צעריסן, און בײַ האָדלען אַליין איז די קאָפּטע אַרום דעם הויכן בוזים געווען צעריסן.

— טשעפּע אים ניט! איך וועל אַרעסטירן! — האָט גרישאַ געשריגן.

ער איז צוגעלאָפן צו האָדלען און האָט זי אַ ריס געטון פון אַבראַשאַן, וועלכער איז אַ צעטומלטער דאָן אַריינגעלאָפן אין דער פאַבריק.

האָדל מיט צעפלאַמטע באַקן און אויגן און מיט צעשויבערטע, שוואַרצע האָר, האָט זיך דאַן צעשריגן אויף גרישאַן:

— וואָס שלעפּט איר מיך? איך בין ניט אייער שקלאַף! דאָס זענען ניט אַמאָליקע יאָרן, איר „סקופּלאַטאָרן” וואָס איר זענט!

גרישאַ האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרדאַכטונג.

— שווייג דו, שווייג! — האָט ער אַרויסגערעדט צווישן פאַרשטע־מטע ציין. — ווער בין איך דיר, אַ שיכורער סאָלדאַט, וואָס דו שרייסט אַזוי אויף מיר?

האָט זי אויסגעגלאָצט אויף אים די צעפלאַמטע אויגן און אַ רגע געשוויגן. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— וואָס פאַר אַ שיכורער סאָלדאַט? איך שלעפּ זיך דאָס אַרום מיט שיכורע סאָלדאַטן? אוי, הערט נאָר דעם „סקופּלאַטאָר”! — האָט זי זיך ווידער צעשריגן, און דערזעענדיק ליובאַן, וועלכע איז צוגעגאַנגען צו זיי, האָט זי נאָך העכער גענומען שרייען, ווייזנדיק אויף איר מיט דער האַנט:

— אפשר שלעפּט זי זיך אַרום מיט שיכורע סאָלדאַטן, אָט די פּאַניענקע! מיט שיכורע אָפיצירן, זיכער!

ליובאַ, וועלכע איז נאָך צעטומלט געווען, האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס האָדל האָט געמיינט און פאַרוואָס זי האָט אויף איר געשריגן.

און אַזויווי זי האָט געשוויגן, האָט האָדל ווייטער געשריגן, קוקנ־דיק אויף ליובאַן מיט אויסגערעגטע אויגן און מיט אַ שפּאָטיש שמייכל:

— זעט נאָר אַ צורקעלע! אַזאַ איידל צורקעלע! און הענטעלעך אַזוינע שפּרינגע! וואַרט, וואַרט! עס קומט אַ צייט אויף אַזעלכע פּאַ־ניענקעס אויך!...

און זי האָט זיך ראַפּטום אַ ריס געטון פון איר אָרט און איז אַנטלאָפן צוריק צו דער גרופּע, ווו איצע איז איצט געזעסן אויף אַ קאַסטן מיט אַן אַנטבלויזטן אַקסל און האָט געלייגט קאַלטע קאָמפּרעטן צום אָרט, ווו ער האָט געהאַט געקריגן דעם קלאַפּ מיטן שטיין.

— נו? — האָט זיך גרישאַ געווענדט צו ליובאַן מיט אַ סאַר־קאַסטישן שמייכל. — דענקט איר נישט, אַז אָט דער אַרבעטערין האָט איר אויך געדאַרפט געבן אַן אוראַק? אויב איר וועט איר נישט געבן, וועל איך איר געבן אַן אוראַק. מאָרגן זענען דאָ קאָזאַקן. איר זעט דאָך שוין אַליין...

— איר וועט עס נישט טון, גרישאַ! — האָט זיך ליובאַ אַ כאַפּ געטון צעשראָקן. — איר זעט אויך ווי זיי זענען אויפגערעגט. בלוט וועט זיך גיסן!

— עס וועט נישט שאַדן. ביז בלוט פון צעיושעטע באַנדיטן און באַנדיטקעס...

רבקה איז אַרויסגעקומען פון דער פאַבריק און איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— גרישאַ! — האָט זי זיך אָפּגערופן. — איר מישט זיך נישט. דער גאַנצער טומל איז, ווייל די אַרבעטער ווילן נישט פּאָלגן איצען און די פּאָר אַנדערע. וואָס רופן אויף אַ סטאַטשקע. גייט אין קאָנטאָר, דוד וועט אייך דערציילן.

— צי סטאַטשקע צי נישט — האָט גרישאַ געזאָגט. — איצע און יענע, די שפּליאַרקע, מאָרן נישט איבערטרעטן די שוועל פון אונזער פאַבריק. דאָס וועל איך שוין נישט דערלאָזן!

און ער איז אַוועקגעלאָפן און איז פאַרשוווּנדן אין דער טיר פון דער פאַבריק.

ליובאַ און איר מאַמע זענען דערנאָך אַוועק צום הויז־צו.

אויפן הויף זענען נאָך געשטאַנען אַרבעטער און אַרבעטערינס אין גרופּן און האָבן זיך געאַמפּערט און געשריגן.

פאַרבייגייענדיק מיט איר מאַמען דידאָזיקע גרופּע, האָט ליובאַ זיך צוגעהערט צו די אַמפּערייען און געשרייען. פון איין גרופּע האָט זיך צו איר דערטראָגן אַ קינדעריש קול.

ליובאַ האָט זיך אומגעקוקט: אין יענער גרופּע איז געשטאַנען אַ יינגל פון אַ יאָר 13—14, מיט אַ בלייך, שפּיציק פּנים און גרויסע, צעפינקלטע אויגן, און מיט מאָגערע, שפּיציקע אַקסלען. און האָט מיט היץ געמאַכט מיט ביידע הענט און געשריגן:

— מיר מוזן האָבן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וועט זיין אַ סוף צו דער עקספּלואַטאַציע!...

— אוי, ווי איז מיר, הער נאָר דיבורים! — האָט רבקה מיט שרעק אַרויסגעפּליסטערט.

און בא ליובאַן האָט אין האַרץ אַ וואַרעם געטון, און אירע שוואַרצע אויגן האָבן אויף אַ רגע זיך פריילעך צעלויכטן.

זי האָט אַ טראַכט געטון:

„אַ צייכן פון דער צייט... איינער פון דעם „קליינעם בונד" מסתמא... די בונדיסטן אַרבעטן דאָך"...

זי האָט אָבער געשוויגן.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום הויז, רבקה איז אַריין אינעווייניק, און ליובאַ האָט זיך געזעצט אינדרויסן, נישט ווייט פונם אַריינגאַנג און גע-קוקט אויף די גרופּן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין.

ביסלעכווייז, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן זיך די אַרבעטער און די אַרבעטערינס אָפּגעריסן פון די גרופּן און זענען פאַרשוואונדן באַם אַריינ-גאַנג אין דער פאַבריק.

און אין אַ ווײַלע אַרום זענען אויפן הויף נאָר פאַרבליבן איצע און האָדל, וועלכע האָט געטונקט אַ שמאַטקע אין אַ בלעכערנעם קענדל מיט וואַסער און עס געלייגט צו זיין נאַקעטן אַקסל. און דערנאָך זענען זיי אַריין אינעווייניק אין דער פאַבריק.

אויפן הויף האָט זיך שוין מער נישט געהערט דאָס געפּילדער פון די אויפגערעגטע קולות. דאָס גערויש פון די וועב-מאַשינען האָט זיך ווידער דאָרט געהערט, און דאָס קלאַפּן פון די האַמערס איבער קאַסטנס...

* *

*

גרישאַ האָט אױסגעפירט. איצען און האַדלען און נאָך עטלעכע אַרבעטער און אַרבעטערינס האָט מען אויף מאָרגן נישט אַרײַנגעלאָזט אין דער פֿאַבריק און די איבעריקע אַרבעטער זענען געבליבן אַרבעטן.

און דעם זעלבן נאָכמיטאָג, ווען דוד פּערעלשטיין איז געזעסן אין קאַנטאָר, האָט דער אַלטער שלמה, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויס־צוריכטן די סחורה פֿון דער פֿאַבריק — אַ מאָגערער ייד מיט אַ גרוי, שפּיציק בערדל און אין ברילן — אים דערלאַנגט אַ בריוו.

— אַ יונגערמאַן האָט געבראַכט דעם בריוו, געבעטן אײַך איבער־צוגעבן און איז אַוועק, — האָט שלמה געזאָגט.

דוד פּערעלשטיין האָט גענומען לייענען דעם בריוו.

„פֿאַר די הערן פּערעלשטיין און אײַזענבערג", האָט ער געלייענט.

„איר זענט אויפֿגעפֿאָדערט: ערשטנס, נאָכצוקומען די אַלע פּונקטן פֿון דער פֿאָדערונג, וואָס אײַערע אַרבעטער האָבן אײַך אַרויסגעשטעלט; צווייטנס, צוריקנעמען צו דער אַרבעט אַלע אַרבעטער, וואָס איר האָט הײַנט אָפּגעזאָגט. דאָס איז אַ וואָרנונג פֿאַר אײַך !"

און אויף דעמדאָזיקן בריוו איז געווען דער שטעמפּל פֿונם „בונד".

און גלײַך ווי פּערעלשטיין האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז ער אומרויִק געוואָרן. וואָרים ער האָט גוט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַן „אָפּשניט" אַנדערע יידישע פֿאַבריקאַנטן האָבן די לעצטע צײַט געהאַט פֿאַר אָט דער „חברה" — און ער האָט געשיקט רופֿן גרישאַן.

גרישאַ איז געקומען, און ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער אַ שפּיי געטון און געזאָגט:

— לאָזט עס נאָר איבער צו מיר. איך האָב פֿאַר זיי גאָר קיין מורא נישט. איך וועל הײַנט זײַן בײַם פּאָליצמייסטער און אים איבערגעבן וועגן אָט דעם בריוו.

און אין צוויי טעג שפּעטער, ווען ער איז אויף דער נאַכט געפֿאָרן אויף זײַן ברישקע אין שטאָט, איז ער פּלוצלינג אָנגעפֿאָרן אויף אַ פֿערד און וואָגן, וואָס איז געשטאַנען אין דער גאַנצער ברייט פֿון וועג, אַזוי, אַז גרישאַ האָט געמוזט אָפּשטעלן זײַן בריטשקע.

און עטלעכע יוגנטלעכע יונגעלייט זענען ווי פון דר'ערד ארויסגעשפרונגען און באפאלן די בריטשקע פון אלע זייטן, און איידער גרישא האט זיך אומגעקוקט, איז ער ערגעץ ארונטערגעפאלן מיט א קלאנג אין די אויערן און מיט פייערדיקע פונקען פאר די אויגן...

ווען ער איז געקומען צו זיך, האט ער זיך דערזען אין א קאנא־ווע באם ברעג פון דעם שליאך, און זיין בריטשקע איז געשטאנען נישט ווייט פון דעם ארט, וו ער איז געלעגן.

ער האט זיך אויפגעזעצט און דערפילט א טעמפע ווייטיק אין אלע ביינער און איז קוים אויפגעשטאנען.

בא דער שיין פון דער לבנה האט ער באמערקט א בייגעלע ווייס פאפיר צוגעשפיליעט מיט א שפילקע צו איינעם פון זיינע לאצן.

ער האט עס ארונטערגענומען און אויף דעם איז געווען אנגע־שריבן:

„דאס איז נאר די ערשטע מכה פון די צען מכות, וואס דו, עקס פלואטאטאר, וועסט קריגן, אויב דו וועסט נישט נאכקומען אונזע פאדערונג".

און אונטערגעשריבן איז געווען אויף דעם:

„חברים פון בונד".

„מיר וועלן זען! — האט גרישא צערייצט א טראכט געטון, — מיר וועלן זען!"...

האט זיך געזעצט אויף דער בריטשקע און זי פארקירעוועט צוריק אהיים.

„אן א פיסטאלעט וועל איך זיך פון ארט נישט רירן!" — האט ער געטראכט ווייטער און געפילט א טעמפע ווייטיק אין זיינע ארעמס.

און אויף מארגן פארנאכט, ווען ליובא איז אין שטאט געווען און איז פארבייגעגאנגען די גאס, וו עס האט זיך געפונען די ארבעטער־בירזשע, איז פלוצלינג צו איר צוגעגאנגען א יידישער ארבעטער, און מיט די ווערטער: „א מתנה פאר אייער טאטן, דעם עקספלואטאטאר!" האט ער איר אראפגעלאזט איין פאטש נאכן אנדערן און זי א שליידער געטון אן דר'ערד.

און אז זי איז דערבאך געקומען צו זיך און האט געעפנט די אויגן, האט זי דערזען, ווי א גאראדאוואי האט געשלעפט יענעם ארבעטער פארן קאלנער צום פלאץ, וו זי איז געלעגן, און א מחנה יידן און יידענעס און קינדער זענען זיי נאכגעלאפן מיט א ליארם.

ליובאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון דר׳ערד אַ בלייכע און אַ צע־טומלטע, און ווען דער גאַראַדאַוואָי האָט צוגעשלעפּט צו איר דעם אָר־בעטער מיט די ווערטער: „האָט ער אייך געשלאָגן?" האָט זי אַ צע־טומלטע אַרויסגעשטאַמלט:

— ניין, ניין, נישט ער! לאָזט אים אָפּ!

איינע פון די ווייבער האָט אויסגעשריגן:

— אוי, ווי איז מיר! דאָס איז דאָך דוד פּערעלשטיינס טאָכטער! אַ גביריש קינד!

און אין אָט דער צייט איז פאַרבייגעפאָרן אַ דראָזשקע, האָט ליובאַ זי אָפּגעשטעלט, מיט אימפּעט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף איר און איז אַוועק־געפאָרן אַהיים.

אין שטוב איז זי אַריין מיט אַ געשוואָלענער באַק. איר מאַמע איז געזעסן אין עסצימער און געלייענט אַ צייטונג. איר טאַטע איז נאָך אין קאָנטאָר געווען.

ליובאַ האָט דערציילט איר מאַמען ווי אַזוי מען איז זי באַפאַלן. און אַז רבקה האָט נאָך דערזען ווי די באַק בא ליובאָן איז געשוואָלן געווען, האָט זי לכתחילה פאַר שרעק פאַרלוירן דאָס לשון. דערנאָך האָט זי פאַרבראָכן די הענט און אַרויסגעמורמלט:

— גאָט מײַנער, גאָט מײַנער! נעכטן גרישאַן און הײַנט זי... געוואַלט, זיי האָבן זיך אָנגעהויבן מיט גזלנים!

האָט זיך אַ כאַפּ געטון פון אָרט און מיט שרעק גערעדט ווייטער:

— איך לויף צו זיי אין קאָנטאָר. זאָל פאַרברענט ווערן די פאַבריק. דאָס לעבן איז טייערער!

— יאָ, מאַמע — האָט ליובאַ אונטערגעכאַפּט. — זיי מוזן נאָכגעבן די אַרבעטער, אַנישט זענען מיר נישט זיכער מיט אונזער לעבן!

רבקה איז אַרויסגעלאָפן פון הויז און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט מיט איר מאַן און מיט גרישאַן.

און אַז דוד פּערעלשטיין האָט דערזען די געשוואָלענע באַק בא ליובאַן, האָט ער אויסגעשריגן:

— איך פאָר שוין צום פּאָליצמייסטער!

רבקה האָט זיך צעוויינט:

— הער אויף! וואָס ווילסטו? מען וועט דיך דערהרגענען, מען

וועט ליובאַן דערהרגענען, מען וועט אייך אַלעמען דערהרגענען! היינ־טיקע צייטן, גזלן, הייב זיך נישט אָן מיט גזלנים!...

גרישאַ האָט זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן צו ליובאַן:

— אָט איצט, אַז איך קוק אויף אייער באַק, ווייס איך לכל הפּחות, אַז איר זענט אַן „עקספּוטאַטקע"!...

— וואָס לאַכסטו? — האָט זיך דוד פּערעלשטיין אויף אים אָנגע־בייזערט.

— איך לאַך דערפאַר, ווייל פּאַרוואָס עפּעס זאָל איך, דער „עקס־פּוטאַטע" אַליין, פאַרזוכן דעם טעם פון רעוואָלוציע? זאָל די „עקספּו־טאַטקע" אויך פאַרזוכן וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט!

— איר פרייט זיך פּאַרוואָס מען האָט מיך געשלאָגן, גרישאַ? — האָט ליובאַ אים געפרעגט.

— יאָ, ליובאַ! — האָט ער געענטפערט. — איך בין אָפנהאַרציק מיט אייך. איך פריי זיך. ווען זיי האָבן אייך געשלאָגן, איז דאָס אַ קלאָ־רער באַווייז, אַז איר געהערט נישט צו זיי.

און אַזוי האָט גרישאַ אויך געמיינט.

ליובאַ האָט זיך אָנגערופן:

— נו אַ דאַנק גאָט כאָטש דערפאַר. וואָס איר וועט מיך איצט מער נישט חושד זיין און איר וועט מיך צורו לאָזן.

— קיין אוראָקן וועסטו זיי מער נישט געבן, דאָס נישט! — האָט איר טאַטע אַ געשריי געטון.

— דו מיינסט, אַז אַלע אַרבעטער זענען שולדיק דערפאַר, ווייל איינער איז מיך באַפאַלן? — האָט ליובאַ געזאָגט.

— אַלע, אַלע זענען זיי גזלנים! אַלע! איך געדענק נאָך, וואָס דער גאַרבער דיינער האָט מיר געענטפערט אַנומלט, ווען איך האָב אים געטראָפן באַ דיר! — האָט דוד פּערעלשטיין זיך געקאָכט. — דו הערסט, ליובאַ, איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, און דאָס לעצטע מאָל: אויס אוראָקן! אויס מהותנתטע מיט זיי!...

— נו, גוט, — האָט ליובאַ זיך פּלוצלינג אָנגערופן. — איך וועל דיך פאָלגן. דו אָבער קום דורך מיט דיינע אַרבעטער. פּאַפּאַ, איך וויל נאָך לעבן אַ פּאָר יאָר, און איך וויל, אַז דו און גרישאַ אויך זאָלן לעבן.

און וועגן דעם האָבן זיי דערנאָך דעם גאַנצן אָוונט זיך געאַמפּערט. רבקה און ליובאַ האָבן צוגערעדט פּערעלשטיינען און גרישאַן, אַז זיי זאָלן נאָכגעבן די אַרבעטער. און פּערעלשטיין, און איבערהויפּט גרישאַ, זענען

געווען פאַרעקשנט און האָבן געטענהט, אַז ניין: זיי וועלן זיך זעען מיטן פּאָליצמייסטער.

ביסלעכווייז אָבער איז פערעלשטיין צוגעשטאַנען צו דער מיינונג פון זיין ווייב און טאָכטער, און צום סוף האָבן זיי אַלע באַ גרישאַן אויך געפּועלט, אַז מען זאָל די אַרבעטער נאָכגעבן.

— איך וואָלט גיכער מיט מיין לעבן ריזיקירט, איידער נאָכגעבן די רויבער! — האָט גרישאַ דערקלערט. — נאָר אַז איר האָט אַזוי מורא, טאָ טוט ווי איר פאַרשטייט.

און אויף מאָרגן האָבן איצע און האָדל און די אַנדערע אַרבעטער, וואָס גרישאַ האָט זיי אָפּגעזאָגט, שוין געאַרבעט אין דער פאַבריק, און די אַלע אַנדערע פּונקטן פון דער פאָדערונג, וואָס די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט, האָבן פערעלשטיין און גרישאַ נאָכגעגעבן.

דער „בונד" האָט געלאָזט פילן זיין מאַכט.

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

בראָכקע און באָריס

ליובאַ און באָריס האָבן זיך געטראָפן יעדן טאָג — אַמאָל בײַ באָ-ריסן אין שטיבל, אָבער ס'רוב אין וואַלד, אויף דער אַנדערער זײַט אָזערע, און צו ליובאַן אַהיים איז באָריס איצט אויך מער אָפט געקומען איידער פריער.

אַ גרויסע ענדערונג איז אין ליובאַן פאָרגעקומען: עפּעס איז זי שענער, רײַצנדער און מונטערער געוואָרן, און אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן זענען ווי פאַרגאָסן געווען מיט אַ מין יום-טובדיקן שײַן.

די גאַנצע וועלט האָט זי איצט געזען אין אַ וווּנדערלעכן ליכט; אין דעם וווּנדערלעכן ליכט, וואָס עס האָט פון איר גאַנצן יונגן נפש אַרויסגעשלאָגן, אָנגעצונדן פון דער ליבע צו באָריסן.

עס איז געווען עפּעס אומגעווײַנלעכס, כּשופדיקס און פאַרשיכּור-דיקס, וואָס עס האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט אַזאַ קראַפט, וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט.

זי האָט שוין צו זיך אַליין נישט געהערט און קיין אייגענעם ווילן האָט זי שוין מער נישט געהאַט, הגם זי וואָלט זיך זיכער באַליידיקט, ווען מען וואָלט עס איר געזאָגט.

יעדן טאָג, אַז עס איז אָנגעקומען די מינוט, ווען זי האָט גע-דאַרפט טרעפן באָריסן, האָט זי אַ משוגעדיקע אויפרעגונג אָנגעכאַפּט און אַ מין משוגענע פרייד באַם געדאַנק, אַז אָט באַלד-באַלד וועט זי זײַן לעבן אים, וועט אים זען, וועט זײַן קול הערן און אינגאַנצן אים פילן.

און זי איז דאַן געלאָפן צו אים, און איר האַרץ האָט געציטערט און זיך געצאַפּלט צוליב אומגעדולדיקער דערוואַרטונג.

נאָר צײַטנווײַז האָט זי זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין: זי האָט

זיך קיינמאָל גאָרנישט פאַרגעשטעלט. אַז זי, וועלכע איז געווען, אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע פון אירע חברטעס, אַזאַ צוריקגעהאַלטענע און אַזאַ שעמעוודיקע, קאָן זיין אַזוי פרעך און אַזוי ליידנשאַפטלעך און נישט שעמען זיך אַפילו מיט איר באַקעטקייט.

און זי האָט זיך דעמאָלט געענטפערט פריילעך און מיט פייער:

— עס איז גוט אַזוי!

אָדער מיט אַ לאַכנדיק האַרץ:

— ווי, ווי, וואָס באָריס האָט פון מיר געמאַכט!

עס זענען אָבער אויך געווען צייטן, ווען זי האָט זיך געפרעגט, צי באַגייט זי נישט אַ זינד קעגן אירע חברים רעוואָלוציאָנערן און קעגן דער רעוואָלוציע בכלל, וואָס זי גיט אַוועק אַזוי פיל פון איר האַרץ און פון אירע געדאַנקען פאַר איר אייגן גליק.

און זי האָט זיך געענטפערט:

פאַרקערט, ערשט איצט, ווען באָריס איז איר אַזוי נאָענט, וועט זי קאָנען, צוזאַמען מיט אים, אַרבעטן פאַר דער רעוואָלוציע ווי עס דאַרף זיין.

און באָריס האָט זי אויך אַזוי ליב געהאַט. מיט יעדן טאָג איז זי אים אַלץ טייערער געוואָרן, האָט אים אַלץ מער און מער פאַרשיכורט. איר ליידנשאַפט האָט אים פשוט משוגע געמאַכט, אים צעטומלט.

אויף עפּעס אַזוינס פון איר האָט ער זיך גאָרנישט געריכט. און אַמאָל האָט ער געטראַכט: גיי, זיי קלוג אויף אַ פרוי! דאַכט זיך אַ שטילינקע, אַ שעמעוודיקע, אַ פאַרשלאָפענע, אָבער אַז עס איז געקומען דער ריכטיקער מאָמענט און זי האָט זיך אויפגעשלאָסן, וואָס פאַר אַ פייער, וואָס פאַר אַ משוגענע ליידנשאַפט!...

נישט אַלעמאָל איז ער געווען גליקלעך מיט איר. עס זענען געווען מאָמענטן, און דווקא אַזעלכע, ווען ער האָט באַזונדערס געדאַרפט זיין גליקלעך, בשעת פון איר האַרץ האָט זיך געגאָסן ווי אַ הערלעך געזאַנג, ווערטער פון ליבע און פאַרגעטערונג פאַר אים, „דער אומגעווייניכלעכער פערזענלעכקייט", פאַר אים, „דעם גרויסן רעוואָליוציאָנערן גייסט", פאַר אים, איר מאַן און כמעט איר גאָט — איז ער דעמאָלט זייער אומגליקלעך געווען.

פאַר דער שיין פון איר גרויסער ליבע צו אים און פון איר כמעט פאַנאַטישן גלייבן אין אים, האָט ער באַזונדערס שאַרף געזען זיין טיפע שוואַכקייט, און אַרום אים און אין אים האָבן זיך וואַלקנס פאַר-

צוויגן, כמאַרעס שוואַרצע, פינסטערע, און אַ פאַרצווייפלונג איז פון די דאָזיקע כמאַרעס אַרויסגעקראָכן. אַזוי ווי אַ מוראדיקע, גיפטיקע שלאַנג, וועלכע האָט זיך איינגעביסן אין זיין האַרצן.

און דעמאָלט האָט ער געטראַכט פון זעלבסטמאָרד, געטראַכט וועגן דעם ערנסט, ווי וועגן אַ דערלייזונג — אָבער צום סוף: ער וועט נאָך אַ טאָג אַריינכאַפּן, נאָך אַ טאָג פון גליק!...

אין מיטן פון דער קרענקלעכער לײדנשאַפט האָט ער דערנאָך געדריקט צו זיך ליובאַן און ווידער האָט זי דאָן געהערט די אייגענע ווערטער ווי דורך אַ חלום:

— היינט... היינט אַפשר איז לעבן אַלץ... מאָרגן קאָן זיין...

אַמאָל האָט ער געטראַכט אפילו וועגן זעלבסטמאָרד בעת ער איז געזעסן ביי זיך אין שטיבל. ער האָט דאָן געטראַכט נישט נאָר וועגן דער׳הרג׳ענען זיך אַליין, נאָר וועגן דער׳הרג׳ענען סאָוויצקין אויך.

* * *

אַ פאָר וואָכן זײנען אַוועק זינט ער האָט אָנגעהויבן צו לעבן מיט ליובאַן.

איינמאָל אין אַ בייטאָג, ווען ליובא איז ביי אים געווען אין שטיבל און איז דערנאָך אַוועק, האָט ער ווידער שאַרף געפילט זיין געזונקנקייט. און אים איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן נאָכצויאָגן זי און רופן זי צוריק און דערנאָך וואַרפן זיך צו אירע פיס און מודה זיין זיך פאַר איר אין אַלצדינג... דאַן וועט ער שוין מוזן מאַכן אַ סוף צו זיין פאַרשאָלטענעם לעבן.

דאָרום ער זאָל ווייטער לעבן, וועט ער מוזן באַגיין נייע פאַרברעכנס. ווייל סאָוויצקי האָט די לעצטע צייט אים צורו נישט געלאָזט. פאָדערנדיק „אַרבעט", און אים געסטראַשעט. איבערהויפּט האָט סאָוויצקי זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם „רבס טאָכטער" און דעם חבר, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן אין מאָהיליעוו...

ער איז אָבער געבליבן אין שטיבל, איז נישט אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן ליובאַן, און צום סוף זיך געזעצט צום טיש אָן האָפנונג, כמעט אָן כּוונות, בלויז מיט דעם פינסטערן געדאַנק וועגן דעם גרויסן אומפאַרמיידלעכן פאַרברעכן, וואָס ער וועט מוזן באַגיין...

און אין אָט דער צייט האָט ער דערהערט אַ שטיל קלאַפּן אין דער טיר. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געעפנט, און די בלאָנדע בראָנקע איז אַריינגעקומען מיט איר שטילן שמייכל אויף די ליפּן.

און אַז ער האָט איר דערזען, איז ער צעטומלט געוואָרן. „אַזוי

„וי דער טייוול אַליין וואָלט זי צו מיר געשיקט!" — האָט ער צו־מישט אַ טראַכט געטאָן.

— שטער איך אייך נישט? — האָט זיך בראָנקע שטיל אָנגערופן.

— ניין. עפּעס נייעס? — האָט ער אַ פרעג געטאָן נערוועז.

— איך האָב אייך געבראַכט אַ נייעם נומער פון „רעוואָלו־ציאָנאַיאַ ראָסיאַ" — האָט זי געענטפערט, איז אַרויס אין דעם צווייטן צימער און האָט זיך דערנאָך צוריקגעקערט פון דאָרט מיט אַ צײַטונג אין דער האַנט.

— די חברים וואָרגען ווידער, אַז מיכאַאיל איז ערגעץ בײַ אונז אין ראַיאָן — האָט זי ווידער זיך אָנגערופן און דערלאַנגט באָריסן די צײַטונג.

באָריס האָט גענומען די צײַטונג און נערוועז אַ שמייכל געטאָן.

און פּלוצים האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן מיט גאַליקן שפּאָט:

— אפשר איז ער דאָ! נו, זאָל מען אים כאַפּן, אַז ער איז דאָ!

— חבר באָריס! מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט עפּעס הײַנט נישט אויפגעלייגט — האָט זי געזאָגט מיט איר שטילן שמייכל אויף די ליפּן.

— איך האָב אַ רעכט צו זײַן נישט אויפגעלייגט, נישט אמת, חברטע? — האָט ער זיך אָנגערופן אין אַ שאַרפן טאָן, איז צוגע־גאַנגען צום פענסטער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט לייענען די צײַ־טונג מיטן רוקן צו ברכהקען. דערנאָך האָט ער זיך האַלב אויסגע־דרייט צו איר און אַרויסגערעדט שטאַרק באַטאָנענדיק יעדן וואָרט:

— מיכאַאיל איז דאָ. ער איז אַלנפאַלס דאָ. און איך זאָג אייך צו, אַז ער וועט לאַנג נישט לעבן!

— אָבער וואו זוכט מען אים?

— איר וועט אים נישט געפינען, איך אָבער יאָ! — האָט באָריס געענטפערט נערוועז און אַנטשלאָסן.

— איר דענקט, אַז...

— איך דענק גאָרנישט, גאָרנישט, און פרעגט נישט! — האָט באָריס איר איבערגעשלאָגן. — ברכהקע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— פאַרוואָס זענט איר הײַנט אַזוי נערוועז, חבר באָריס?

ער האָט נישט געענטפערט, אַ וואָרף געטאָן די צײַטונג אויפן טיש און איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער הין און צוריק און געקוקט בשעת דעם אויף ברכהקען, געקוקט און געשמייכלט נערוועז און שפּאָטיש. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר און מיט אַמאָל אָנגענומען זי פאַר אַ האַנט און זיך אָנגערופן:

— איר פרעגט, פאַרוואָס איך בין אַזוי נערוועז? איך בין נערוועז, ווייל איך טראַכט איצט פון אייך...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן און איר פנים האָט זיך אָנגעצונדן.

— איר טראַכט פון מיר? — האָט זי זיך שטיל אָנגערופן, און איר קול האָט געציטערט.

— פון אייך און פון... דעם טייוול, — האָט ער ווייטער גערעדט.

— פון דעם טייוול?...

— יאָ, פון מיכאַאילן. אָט האָט איר מיר איצט געבראַכט אַ נייע וואָרנונג וועגן אים... איר פרעגט, וואו מען זוכט אים... און אייך פאַלט גאָרנישט איין, אַז אפשר האָט ער אייך שוין גאָר אויפגעזוכט...

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט זי אויסגעמורמלט אַן אַנטוישטע, ווייל זייַנע ווערטער, אַז ער טראַכט פון איר, האָט זי גאַנץ אַנדערש אויסגעטייטשט, מיט איר האַרצן האָט זי זיי אויסגעטייטשט.

— אָט דאָס איז דאָך די געשיכטע, וואָס איר פאַרשטייט נישט!

— האָט ער אויפגערעגט אַ לאַך געטאָן. ער האָט פאַרויכערט אַ פאַפּיראָס, איז ווידער צוגעגאַנגען צו אַ פענסטער, איז דאָרט געבליבן שטיין, מיטן רוקן צו ברכהקען, האָט געראויכערט און נערוועז געפּייפט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און אַ היבשע ווײַלע געקוקט פאַרטראַכט אַהין, וואו באָריס איז געשטאַנען, און האָט געשוויגן. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— איך פאַרשטיי, וואָס איר מיינט... אָבער פאַרוואָס זאָלט איר טראַכטן פון מיר מער ווי פון די אַנדערע חברים. וואָס ער האָט זיי שוין אפשר אויך אויפגעזוכט?... — ער האָט איר נישט געענטפערט.

האָט זי אַ ווײַלע געוואַרט און דערנאָך ווידער געפרעגט:

— פאַרוואָס? איך בין דען אייך טייערער איידער די אַנדערע?

— פרעגט נישט קיין נאַרישע שאלות! האָט ער געענטפערט, נאָך אַלץ שטייענדיק בײַם פענסטער, — איר זענט צו־נײַגעריג! — האָט ער צוגעלייגט און אומגעדרייט צו איר דאָס פנים.

— איך בין אַ פרוי, חבר באָריס, בין איך נײַגעריק!...

— אַ לײַטישע יידישע טאָכטער, — האָט ער אונטערגעכאַפּט מיט שפּאָט אינעם קול און איז צוגעגאַנגען צו איר, — נו, אויף אַן אמת, אָט קוק איך אויף אײַך... עך! — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס? וואָס? איר האָט דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, חבר באָ־

ריס? — האָט זי אונטערגעכאַפּט און זיך אויפגעהויבן, — זאָגט!..
איר קוקט אויף מיר... און אַז איר קוקט, וואָס זעט איר אויף מיר?..

— דעם טאַטנס, דעם רבס אַ טאָכטער, — האָט ער דאַן גע־ענטפערט, קוקנדיק איר דאַן אין פּנים אַריין, — אַ שטילע טויב...

— איך בין גאָרנישט אַזוי שטיל, ווי איר מיינט, חבר באָריס.

— האָט זי באַמערקט מיט אַ שמייכל און האָט זיך ווידער צערויטלט.

— אַ שטילע טויב, — האָט ער גערעדט ווייטער, אַזוי ווי ער וואָלט איר באַמערקונג גאָרנישט געהערט, און האָט געשמייכלט נער־וועז, — און מיט אַמאָל אַ רעוואָלוציאָ־נערקע, אַ טעראָריסטקע, קריכט מיטן האַלז אין דער תּליה!... איר האָט בעסער געדאַרפט חתונה האָבן! — האָט ער פּלוצים אַ געשריי געטאָן איר אין פּנים אַריין.

— איז פאַרוואָס שרייט איר אויף מיר אַזוי? חתונה האָבן? גאָרנישט אַזוי שלעכט. מיין טאַטע־מאַמע זאָגן דאָס אויך, — האָט ברכהקע געלאַכט.

ער האָט געשוויגן און אַ טראַכט געטאָן: „אָט שטייט זי און לאַכט, און ווייצלט זיך, און עס פאַלט איר גאָרנישט איין, אַז זי געפינט זיך איצט ביים מלאך המות אין די הענט"...

ער האָט אָפּגעקערט פון איר דעם קאָפּ. איז ווידער צוגעגאַנ־גען צום פענסטער און האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט נעכטן האָט סאַוויצקי ביי אים געמאָנט: „וואו זענען דער חבר און דעם רבס טאָכטער? פאַרוואָס הערט מען נישט פון אייך?... און פאַר זיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן אַ בילד: מענטשן מיט פאַרווילדעוועטע פּנימער שלאָגן ברכהקען, רייסן זי ביי די האָר, טוען זי אַ שליידער אָן דר'ערד. רייסן פון איר אַרונטער די קליידער און שניידן מיט נאַגייקעס איבער איר נאַקעטן לייב...

און דערנאָך אַ צווייט בילד:

אַ גרויער אין־דער־פרי, הויך איבער די שטאָטישע דעכער, וואָס זענען נאָך פייכט פון דעם ביינאַכטיקן טוי. צאַפּלט זיך ברכהקע אין דער לופטן מיט אַ שטריק אַרום האַלז, מיט אַן אַרויסגעקראָכענעם צונג און אויסגעגלאָצטע, פאַרגליווערטע אויגן...

באָריס האָט זיך אַ צאַפּל געטון. און אַזוי ווי ער איז געשטאַ־נען ביים פענסטער, האָט ער זיך צוגויפגעקאָרטשעט.

ברכהקה איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ שמייכל.

— נו, פאַרוואָס האָט איר מיט אַ מאָל אונטערגעבראָכן אַזאַ אינטערעסאַנטן שמועס וועגן חתונה? — האָט זי זיך אָנגערופן.

„אוי, וואָס וויל זי!“ — האָט ער אַ טראַכט געטון און אַ געשריי געטון צו איר אין די געדאַנקען: „הערט אויף! אַנטלויפט בעסער!“...

— פאַרוואָס שטייט איר אַזוי? אייך איז קאַלט? — האָט זי מיט אַמאָל געפֿרעגט.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון און שנעל אַרויסגערעדט:

— יאָ, יאָ, מיר איז קאַלט. איך בין קראַנק!...

— איר זעט טאַקע אויס אַזוי. האָט איר פיבער? לאָזט מיך פילן אייער פולס...

זי האָט גענומען זיין האַנט. ער האָט איר נישט געשטערט צו פילן זיין דופק.

— וואָס איז אייך?

— דער טייוול ווייסט מיך!

— פאַרוואָס זענט איר היינט דאָך אַזוי אויפגערעגט, חבר באַריס? — האָט זי ווידער געפרעגט, און נאָך אַלץ געהאַלטן זיין האַנט.

— אפשר וואָלט איר אויפגעהערט צו שטעלן מיר אָט די שאלות? — האָט ער פלוצלינג אַרויסגעמורמלט און אַוועקגעריסן פון איר זיין האַנט.

זי איז רויט געוואָרן, האָט אַ קוק געטון אויף אים אַ ביסעלע צעמישט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל און געשוויגן. דערנאָך האָט זי אַרויסגערעדט:

— איר האָט מיך פיינט, אמת, חבר באַריס?

— איך האָב אייך נישט פיינט, — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— איר האָט מיך יאָ פיינט, — האָט זי איבערגעחזרט ווי מיט עקשנות.

האָט ער נערוועז אַ שמייכל געטון.

— פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך האָב אייך פיינט?

— ווייל ווען איר וואָלט מיך נישט פיינט געהאַט, וואָלט איר שוין לאַנג באַמערקט, — האָט זי געענטפערט שטיל, און איז שטאַרק רויט געוואָרן.

האָט ער אַ קוק געטון אויף איר פאַרוואונדערט.

— וואָס וואָלט איך באַמערקט?..

— ווי איך האָב אייך ליב. האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל, — יאָ, ווי איך האָב אייך ליב... איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איך מוז דאָס אייך זאָגן!...

און זי האָט הייס אַ לאַך געטון אין זיך און צוגעגעבן.

— איר זעט, איך בין גאָרנישט אַזאַ שטילינקע, ווי איר האָט געמיינט.

פאַר איבערראַשונג האָט ער אַרונטערגענומען די פּענסנע פון די אויגן און אַ טריט געטון צו איר נענטער.

— וואָס פעלט אייך איין, חברטע? — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— איך האָב אייך ליב, — האָט זי ווידער געזאָגט, שוין שטילער, און זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

און אַז ער האָט געשוויגן, האָט זי ווידער אויפגעהויבן די אויגן אויף אים, און אירע ליפּן האָבן זיך אָפּגעטונקט אין אַ שמייכל.

באָריסן האָט איבערראַשט דערדאָזיקער שמייכל אין אים, אין אָט דעם שמייכל, האָט געציטערט עפּעס זייער ליכטיקס, עפּעס צאַרטס און תאווהדיקס.

און מיטאַמאָל האָט זיך בראָכקע אַ וואָרף געטון צו באָריסן אויף דער ברוסט.

— מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט, — האָט באָריס געמורמלט צעמישט, געפילט די וואַרעמקייט פון איר קערפּער אויף זיינעם, האָט זיך אויפגערעגט, געפּלאָנטערט זיך מיט די פינגער אין אירע בלאָנדע האָר, צום סוף צוגעפירט זי צו אַ שטול און זי אוועקגעזעצט.

— באַרויקט זיך, חברטע! — האָט ער דערנאָך וואַרעם און אויפגערעגט אַרויסגערעדט.

ער איז אָפּגעטרעטן פון איר און האָט געקוקט אויף איר.

ווי נישט גוט אויפגעלייגט ער איז נישט לאַנג געווען, האָט דער אויסברוך פון דעם יונגן, שיינעם מיידל אַ מאָדנע וואַרעמקייט אין זיין האַרץ אויפגעוועקט, וועלכע האָט אָפּגעשיינט איצט אין זיין בליק און אין זיין שמייכל.

יעדן מאָן, כמעט נישט ווייניקער ווי יעדער פרוי, איז אָנגענעם צו פילן, אַז מען האָט אים ליב. באָריס־מיכאַילן איז דאָס אויך שטאַרק אָנגענעם געווען, הגם ער איז אַזוי שטאַרק פאַרליבט געווען אין ליובאַן.

און בראָכקע איז געזעסן אויף דער שטול און האָט געקוקט אויף אים אַ צעמישטע: אי ער האָט זי ווי אָפּגעשטויסן, אי ער האָט צו איר אַזוי וואַרעם געשמייכלט.

ווי זאָל זי עס פאַרשטיין?...

און אַזוי ווי צו ענטפערן איר אויף דעם, האָט ער זיך מיטאַמאָל אָנגערופן אין אַ ווייכן טאָן:

— איך לייקן נישט, אַז איר זענט מיר זייער און זייער אָנגע־נעם, חברטע, אָבער ענטפערן אייך אויף אייער געפיל קאָן איך נישט, ווייל...

— ווייל וואָס? — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

— ווייל מיין האַרץ איז פאַרנומען, — האָט ער געענטפערט.

— וואָס מיינט איר?

— פאַרנומען מיט דער באַוועגונג, — האָט ער געזאָגט.

— אָ! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון אַ דערפרייטע, און זי האָט זיך אויפגעהויבן. — מיין האַרץ איז אויך מיט דער באַוועגונג פאַרנומען. נו, איז וואָס? פאַרוואָס זאָל דאָס שטערן? איך זאָג אייך נישט, אַז איר זאָלט צוליב מיר מקריב זיין כאָטש איין האָר מיט דער באַוועגונג. איך וואָלט עס אויך נישט געטון, נישט אפילו צוליב אייך...

— איך האָב ליב אַן אַנדערע, — האָט ער זיך מיטאַמאָל אָנגע־רופן. — אַן אַנדערע פרוי!

זי איז בלייך געוואָרן, און דידאַקטיקע בלייכקייט, האָט זיך געדאַכט, איז אויך פאַרגליווערט געוואָרן אין אירע בלויע אויגן, וואָס האָבן איצט געקוקט אויף אים צעשראָקן.

דערנאָך האָבן זיך די באַקן באַ איר ווידער מיטאַמאָל צעפלאַמט און זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש! — האָט זי אַרויסגעמורמלט, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט זיך דאָרט אָנגעשטעלט מיטן רוקן צו באַריסן.

און ער האָט געקוקט אויף איר רוקן, געקוקט און געקוקט. און פּלוצלינג איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק אַזוי ווי אַ ווילדער, שוואַרצער פויגל מיט אַ בייזן געשריי: „און אַט דאָס מיידל, וואָס האָט דיך אַזוי ליב, וועסטו אפשר מוזן שיקן צו דער תּליה!...״

און אויף זיין פּנים האָט מיט שאַרפע שטריכן זיך אָפּגעדריקט אַזוי ווי אַ פיזישע ווייטיק.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט זיך אַוועקגעזעצט.

און דערינערונגען זענען אים באַפאַלן וועגן זיינע פריערדיקע פאַרברעכנס, ווי שטיקער קלעפּיקע בלאָטע פון אַ זומפּ, און ער האָט געטראַכט:

„און האָט מאָל מיך נישט ליב געהאַט? און זאַכאַר? און די אַנדערע? און אפילו שוואַרץ און אַנדרושאַ, וואָס זענען דורך אַ צופאַל געראַטעוועט געוואָרן?“

אין אַ ווײַלע אַרום איז בראַכקע צוגעגאַנגען צו אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ שמייכל:

— מילאַ, חבר באָריס? — האָט זי זיך אָנגערופן כמעט רויק. — אַרויסגעריעדט, און עס איז בעסער אַזוי! אַ זייפנבלאָז מיט אַ סך קאָלירן האָט געפּלאַצט. נו, כאַפּט עס דער טייוול!...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איר געדריקט די האַנט.

— און דאָך, חברטע, זענט איר מיר איצטער נענטער געוואָרן — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— אַלס אַ חברטע?

— אַלס אַ מענטש. איר זענט זייער אַ ווילער מענטש! — האָט ער געזאָגט מיט הארציקייט.

— מיך פרייט, וואָס איר האָט כאָטש אַזאַ מיינונג וועגן מיר געקריגן — האָט זי אַ לאַך געטון. — האָב איך דאָך עפּעס געוווּנען דורך מיין נאַרישקייט!

— פאַרוואָס עפּעס אַ נאַרישקייט?

האָט זי ווידער אַ לאַך געטון און זיך אָנגערופן:

— וואָס דען, אַ חכמה האָב איך אַרויסגעפּלאַפּלט? נאָר מילאַ... איך, חבר באָריס, דאַרף בעסער זוכן מיין גליק אויף אַן אַנדערן וועג. זאָגט מיר: וועלן מיר וועג פאָרן אין מאָהילעוו?...

— נישט פריער איידער איך וועל פאַרטיק ווערן מיט מיכאַילן — האָט ער פּלוצלינג געזאָגט אין אַ האַרטן טאָן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער פון אַ הינטערשטער קעשענע.

— איר זעט? מיט אַ קויל פין אָט דעם... פון אָט דעם... אפשר פאַר אייער לעבן אויך! פאַר אייער! — האָט ער גערעדט ווייטער אין דעם האַרטן טאָן און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ טיפן האַס.

דערנאָך האָט ער ווידער באַהאַלטן דעם רעוואָלווער אין דער הינטערשטער קעשענע, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט גענומען נערוועז פּייפן.

— ווי האָט [illegible] איר, חבר באָריס? — איז בראָנקע ווידער צוגעגאַנגען צו אים.

ער האָט זיך אַ קער געטון.

— מאָרגן — האָט ער געזאָגט — און אפשר נאָך היינט וועט איר הערן אַן ענטפער פון מיר. אַדיע! זאָלן מיר זיך געשיידן ווי גוטע, האַרציקע פריינט, חברטע! — האָט ער צוגעלייגט שוין ווייך און מיט אַ וואַרעמען בליק.

און ער האָט זי אַרומגענומען, און זי איז צוגעפאַלן צו אים און האָט אים לאַנג, לאַנג געקושט.

— נו, זייט געזונט! — האָט זי זיך איבערגעוואָלט אַוועקגעריסן פון אים. — מיר וועלן זיך זען מאָרגן?

— יאָ, איר וועט פון מיר הערן — האָט ער געענטפערט. — גריסט זיי אַלעמען. טאָמער וועט איר זען ליובאַן, גריסט זי האַרציק.

זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— איר שיקט זיי גריסן, אַזוי ווי איר וואָלט דורך מיר זיך געזעגנט מיט זיי...

— אפשר. איך פאָר אַוועק. איך האָב דאָך אייך געזאָגט... וועגן ביכאַלין...

— אַליין?

— דאָס פרעגט מען נישט, חברטע.

— אַנטשולדיקט, חבר באָריס...

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— חבר באָריס! — האָט זי זיך ווידער אַ קער געטון צו אים. — אויב איר פאָרט אַוועק, ווי אַזוי וועל איך פון אייך הערן?

— איר וועט פון מיר הערן! — האָט ער געענטפערט שוין מיט אומגעדולד.

— איך ווינטש אייך גליק! — האָט זי געזאָגט, האָט געוואָלט ווי-דער זיך אַ וואָרף טון צו אים, וועלכער האָט זיך געגרייט אויף אַ גע-פערלעכן אויפטו, און האָט זיך באַהערשט.

און מיטאַמאָל האָט זי אַ שטופּ געטון פון זיך די טיר און איז אַרויסגעלאָפן.

דאָס דרייצנטע קאַפּיטל

שוואַרצע פילאָזאָפיע

דאַן איז פּאַריס אַריינגעגאַנגען אין דעם הינטערשטן חדר און איז באַלד פון דאָרט אַרויסגעקומען מיט פּאַפּיר און טינט און פעדער, און האָט זיך געזעצט צום טיש.

זיין צעטראָגענער בליק איז געפאַלן אויף דער צייטונג, וואָס איז דאָרט פאַר זיינע אויגן געלעגן, האָט ער זי גענומען פון טיש, אויפגע־זוכט אין איר די שורות וואָס האָבן געוואָרנט קעגן דעם פּראָוואָקאַטאָר מיכאַילן, איבערגעלייגט און זיך קרענקלעך צעשמייכלט מיט פאַרקרימטע ליפּן.

דערנאָך האָט ער באַהאַלטן די צייטונג אונטערן בוזים, צוגערוקט צו זיך דאָס פּאַפּיר און טינט און פעדער, און נערוועז גענומען שרייבן.

„טייערע ליובאַ! — האָט ער אָנגעשריבן. — איך האָב נישט גע־קאָנט לענגער לעבן"...

און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

„צו וואָס? — האָט ער אַ טראַכט געטון. — געפּגרט ווי אַ הונט און פון מאַרק אַרונטער!"...

און ער האָט צעריסן דאָס אָנגעשריבענע און האַסטיק זיך אויפ־געהויבן און איז אַרויס פון שטיבל.

ער איז אַוועק צום וואַלד, אַרויף אויף אַ בערגל הינטער דעם שטיבל, איז אַריין צווישןביימער און האָט זיך דאָרט געזעצט אויף אַ הויכן בוש.

די זון האָט זיך געריסן אין טונקעלן וואַלד אַריינצוקומען, אַזויווי זי וואָלט זיך דאָרט געוואָלט אָפּקילן פון איר אייגענער היץ, און אירע שטראַלן האָבן זיך געראַנגלט מיט די טונקעלע וואַלד־שאָטנס, און דאָ

און דאָרט האָט אַ ליכטיקער פּאַס גובר געווען, און דאָ און דאָרט האָט אַ טונקעלער וואַלד-שאָטן גובר געווען.

דאָ, ווו באַריס איז געזעסן, דאָ-ווייט פון דעם אָפענעם אַריינגאַנג, האָבן די ליכטיקע פּאַסן געהאַט די איבערהאַנט איבער די טונקעלע שאָטנס, און זשמוטעס גאַנצע און הייסע האָבן זיי זיך אין וואַלד אַריינגעריסן און זיך צעשפּראַלט איבערן הויכן גראָז און אויף די צווייגן און איבער די קעפּ פון דיביימער.

דער וואַלד איז פול געווען מיט קלאַנגען און מיט באַוועגונג פון לעבן.

אויף אַ בוים איבער באַריסעס קאָפּ האָט אַ פויגל געזונגען, און אַז ער האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט, האָט אַן אַנדערער פויגל זיך צעזונגען ערגעץ אויף אַן אַנדערן בוים.

אַ גאָלדענע בין האָט מיט אַ שטאָלענעם זשומען זיך דורכגעטראָגן פאַרביי באַריסן און איז ערגעץ פאַרשוווּנדן.

מיאַטלעס ווי לעבעדיקע בלומען, האָבן פאַר זײַנע אויגן געשוועבט.

אַ רויטע וועווערקע איז פון ערגעץ אַרויסגעשפּרונגען, האָט באַריסן איר שמאָל, שפּיציק קעפּל מיט די גרויסע פלעקן אַרום די קליינטשיקע אייגעלעך, אויף באַריסן, און מיטאַמאָל האָט זי ראַפּטום זיך אַ ריס געטון פון איר אָרט, צוגעפלויגן צו אַ דערבײַאיקן בוים און זיך אַוועקגעטראָגן אַרויף אויף אים, קלאַפּנדיק מיט איר פוכאָווען עק.

באַריס האָט דאָס אַלצדינג געזען און געהערט ווי דורך אַ חלום.

„הייסט עס, מען דאַרף שטאַרבן, — האָט ער געטראַכט. — אַ טעראָריסטישער אַקט אויף מיכאַילן... קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ... וואָס איז דער חילוק? שטאַרבן מוז מען דאָך אַמאָל!“

ער האָט אָנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער אין זײַן הינטערשטער קעשענע און אים אַרויסגעשלעפּט, געהאַלטן אין דער האַנט און מיט טעמפּע אויגן געקוקט אויף אים.

„אָט איז דײַן סוף... דער סוף פון דײַנע אַמאָליקע הויכע שטרעבונגען. דער סך-הכל פון יאָרן רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און רעוואָלוציאָנערע אַמביציעס. וואָס פאַר אַ פינצטערער, הינטישער סך-הכל!“...

און עס האָט זיך אַ מיש געטון פאַר אים זײַן לעבן, אַזוי ווי בלעטער פון אַ בוך וואָלטן זיך פאַר אים אויפגעמישט איינס נאָכן אַנדערן, פון יעדער צייט אָן, ווען ער איז נאָך אַ גימנאַזיסט געווען און

איז נאָר-וואָס געווען אריינגעטרעטן אין דער באַוועגונג פון די פּועלי-ציון.

דאָס הייליקע פייער פון די נביאים האָט געברענט אין אים. זייער צער פאַר דעם געדריקטן יידישן פאָלק און זייער צאָרן קעגן די דריקער און הערשער. און זיין וואָרט איז אין אָט דעם צער און צאָרן געטונקט געווען, און זיין וואָרט האָט באַגייסטערט, געברענט און געוועקט זייגע צוהערער.

זיינע חברים האָבן אים באַוואונדערט, שיער נישט אַ ביי ער נביא איז ער אין זייערע אויגן געווען. מיט די היסטאָרישע נעמען פון די בעסטע ריעדנער-רעוואָלוציאָנערן האָבן זיי אים באַצייכנט.

און די חברטעס האָבן אים פאַרגעטערט און געחלומט פון אים.

אָט איז ער אין אַ שטעטל לעבן קאָוונע. אַ וואַלד, עטלעכע צענדליק חברים און חברטעס זיצן אויפן גראָז, האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף צווייגן און הערן זיך צו צו אים מיט באַגייסטערטע פּנימער און מיט צעפלאַמטע אויגן.

און אָט איז ער שוין אין אַן אַנדערער שטאָט. אַ קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר בײַ פריידל די נייטאָרין. חברים און חברטעס זענען דאָרט פאַרקליבן. אַ קליין חדרל. ענג. איין בעט. איין קליין טישל און אַ בענקל. זיצן זיי ווער אויפן בעט, ווער אויפן בענקל און די איבעריקע — אויפן דיל. און ער אַליין שטייט צווישן זיי און קלערט זיי אויף, אַז קיין העכערער זין אינם לעבן איז נישטאָ ווי מקריב זיין זיך פאַרן גליק פון דעם גאַנצן פאָלק; אַז קיין העכערע ליבע איז נישטאָ פון יענער, צוליב וועלכער אַ מענטש לייגט אַוועק זיין לעבן פאַר דעם לעבן פון זיינע מיטמענטשן...

און אָט צעגייען זיך די חברים און חברטעס, איינציקווייז, פון דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר. ער בלייבט דאָרט נעכטיקן.

די שוואַרץ-חנעוודיקע שלאַנקע פריידל מיט די פּאָר אויגן, וואָס זיי טונקען זיך ווי אין פייער, נעכטיקט אויך אין אָט דעם צימער. דאָס איינציקע בעטל גיט זי אים אַוועק — אויף דעם באַשטייט זי פאַרעקשנט — און אַליין בעט זי זיך אויס אויפן דיל.

— נו, חברטע, זייט אַזוי גוט און פאַרקוקט זיך אויף דער וואַנט. איך וויל זיך אויסטון — זאָגט ער.

און אין אַ ווילע אַרום דערהערט ער פריידלס שמעוודיק קול:

— קערט זיך אום מיטן פנים צו דער וואַנט, חבר, איך טו זיך אויס !... — און קיין איין שלעכטער געדאַנק דערביי !...

ער דערמאָנט זיך, אַז אַ סך מאָל איז אים אויף צו אויסן אויסגעקומען צו נעכטיקן אויף קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירן מיט חברטעס...

האָט אים די פרוי ניט אינטערעסירט ? האָט ער זיך ניט געבייטיקט אין איר ? די ערשטע יאָרן, ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען, כמעט נאָר ניט. זיין גרויסער טעמפּעראַמענט איז איינגעשפּילט געוואָרן פון דער אַרבעט אין דער באַוועגונג. זיין גרויסע ענערגיע האָט זיך אויף איר קאָנצענטרירט. שפּעטער האָט ער געוואָלט באַציִען מיט טריטן, אָבער ניט. מיט אַזעלכע, וואָס דער אידעאַל האָט אים מיט זיי פאַרבונדן.

דאָס איינציקע מיידל פון דער באַוועגונג, וואָס אויף איר האָט ער געקוקט ווי אויף אַ פרוי, איז שפּעטער געווען די סטודענטקע, וואָס איז געוואָרן דערנאָך זיין כלה, איידער מען האָט אים אַרעסטירט.

יענע יאָרן האָבן אים אויפגעלעבט פאַר גאָריסן, אַזעלכע זוניקע און אַזעלכע יום־טובדיקע.

די גאַנצע יידישע יוגנט וועט ער אָנציִען מיטן פייער פונם הייליקן קאַמף פאַר דער דערלייזונג פונם גלות און דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי, און די דערציִונג פון דעם לאַנד פון די אבות און פון די נביאים, ווי עס זאָל געבויט ווערן אַ ניי לעבן אויף יסודות פון יושר און גערעכטיקייט, וואָס זאָל דינען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט...

ווי ער האָט געגלייבט אין דעם און מיט וואָס פאַר אַ פייער ער האָט אָט דעם אידעאַל געפּרעדיקט !

און ווען ער האָט געזען ווי די יידישע יוגנט רופט זיך אָפּ אויף זיין אידעאַל אין יעדער שטאָט און שטעטל פונם יידישן תחום, האָט זיין גלויבן זיך נאָך שטאַרקער באַפעסטיקט סיי אין זיין אידעאַל און סיי אין זיין אייגענעם כוח, און געחלומט האָט ער דאַן צו ווערן דער פירער, דער הויפּט־פירער פון אָט דער דערלייזונג־באַוועגונג.

און מיטאַמאָל !... פאַר גאָריסן האָט אויפגעלעבט יענער אומגליקלעכער אויפטו, וועלכער האָט אים דערנאָך אַרונטערגעוואָרפן פון זיינע חלומות־הימלען אין דעם טיפן זומפּ אַריין...

אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד. ער רעדט און נאָך אַ חבר.

מיטאַמאָל — אַ געלויף... אַ פייפעריי... פּאָליציי... מען שלאָגט...

מען אַרעסטירט... מען האַקט מיט זעבעלס, מיט פויסטן... מען שניידט מיט נאַהאַיקעס... ער איז אַנטלאָפן, און זיין חבר, דעם צווייטן רעדנער, האָט מען אַרעסטירט.

דערנאָך — אַ קלאַנג. אַז מען האָט דעם חבר געשמיסן. מען גלייבט נישט פריער. עס איז אַזוי מוראדיק צו גלייבן! דאָס איז אָבער יאָ אמת: דער פּאָליצמייסטער האָט אים, דעם חבר זיינעם, געהייסן שמייסן, געווייקט ריטער אין וואַסער און געשמיסן מיט זיי איבערן נאַקעטן לייב!

דאָס האָט נישט געטאָרט פאַרשוויגן ווערן. דער פּאָליצמייסטער האָט געמוזט באַצאָלן!...

און אָט זוכט מיכאל דעם פּאָליצמייסטער. זוכט אים מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע, און מיט אים איז נאָך אַ חבר.

און אָט פאָרט דעם פּאָליצמייסטערס קאַרעטע. ער זיצט דאָרט. דאָס היטל מיט דער קאָקאַרדע זעט מיכאל; דאָס רויטע פּנים מיט די רויטע, גזלנישע באַקנבערד.

— באַ-אַך! אויסגעשאָסן!...

אַפּנים נישט געטראָפן! וואָרים דער פּאָליצמייסטער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין קאַרעטע, מאַכט מיט די הענט און שרייט עפּעס.

און דאָ — מען האַלט מיכאלן פון הינטן פאַר די עלנבויגנס. מען האַלט אים ווי אין אַן אייזערנער קלעם...

און באַלד פילט ער שוין נישט, אַז מען האַלט אים... עפּעס קלאַפּט און קלינגט אַרום אים, איבער אים און אין אים, און פייערדיקע רעדער דרייען זיך פאַר זיינע אויגן, און דערנאָך אַ פינצטערניש און ער פאַרזינקט אין אַ שוואַרצן תהום...

אַ צעהרגעטער, מיט געשוואָלענע באַקן און אויגן, קומט ער צו זיך אין דעם געפענגניש-קעמערל.

און אָט איז ער באַם זשאַנדאַרמסקען אין דער קאַנצעלאַריע. די הענט זענען באַ אים געבונדן. סאַוויצקי איז מיט אים אַליין, און מיט אַ שמייכל לייגט ער אַוועק אַ רעוואָלווער פאַר אים אויפן טיש.

סאַוויצקי קוקט אויף אים מיט זיינע שאַרפע, שטעכעדיקע אויגן. ער פרעגט אים, ווער איז זיין חבר געווען, וועלכער איז אַנטלאָפן; שטעלט אים נאָך אַנדערע פראַגן. מיכאל שווייגט. דערנאָך רעדט וויטער סאַוויצקי, באַדויערט זיין יוגנט, מאָלט-אויס פאַר אים די צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע, מיט וועלכע ער וועט באַשטראָפט ווערן, אויב נישט מיטן

טויט, ווייל דער פּאָליצמייסטער איז ערנסט פּאַרווּונדעט געוואָרן און ראַנגלט זיך מיטן טויט.

סאַוויצקי איז אַ האַרט-קינסטלער, און די בילדער, וואָס ער מאָלט אויס פאַר איב, זענען שרעקלעך!

און דערנאָך, אַז מען פירט אַוועק מיכאַילן פון זיין קאַנצעלאַריע אין געפענגעניש אַריין, איז ער, מיכאַיל, אַזוי צעמישט און צעטומלט, אַז ער זעט אפילו נישט ווער און וווהין מען פירט אים.

און אַט איז ער אין געפענגעניש אין אַ באַזונדער קעמערל, ענג און שטיקענדיק און אָן אַ פענצטער.

און אַט דאַרט לאָזט מען אים אויך נישט צורו. דער אויספאָר־שונגס־ריכטער, דערנאָך עפעס אַן אַנדערער פון דער זשאַנדאַרמעריע, קומען, און מען פרעגט אים אויס, און מען פייניקט אים מיט פראַגן אָן אַן אויפהער, אָן אַ שיעור, און מען סטראַשעט אים מיט דער קאַטאָרגע, מיטן טויט.

און אַט זענען די נעכט. ער שלאָפט נישט. די שרעקלעכסטע בילדער טראָגן זיך פאַר אים. דאָס היים־לעבן, וואָס קאָכט אין אים, שרייט, געוואַלדעוועט און איז אין דער העכסטער פאַרצווייפלונג.

און אויף מאָרגן ווידער באַ סאַוויצקין אין דער קאַנצעלאַריע און ווידער רעדט סאַוויצקי און מאָלט אַזעלכע בילדער פאַר אים, אַז באַ מיכאַילן ווערט שוואַרץ אין מוח...

און אַט איז דער פינפטער צי דער זעקסטער טאָג... באָריס קאָן זיך נישט אין דעם פונאַנדערקלויבן. אַזוי אויסגעמישט איז פאַר אים יענע צייט. ער איז אויסגעמוטשעט פון טראַכטן און פון נישט שלאָפן און פון נישט עסן, האַלב משוגע.

און אין דעם צושטאַנד האָט ער אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון סאַוויצקין און אַרויסגעגעבן זיין חבר און נאָך אַנדערע.

באָריס האָט זיך איצט אויך דערמאָנט, ווי ער איז דערנאָך שיער נישט משוגע געוואָרן פאַר פאַרצווייפלונג הלמאי ער האָט אָנגענומען סאַוויצקיס פאָרשלאַג. און דאַן האָט ער באַשלאָסן:

„איך וועל אים געבן אַביימעלע, אָבער באַ אים וועל איך אויס־האַקן אַ דעמב!"...

ער דערמאָנט זיך, ווי פון דעמאָלט אָן האָט ער געמוזט זיך אויס־באַהאַלטן פון די חברים. ווי איינמאָל בעת ער איז געקומען צו זיך אין שטאָט, צו זען זיך מיט זיין טאַטן, אַ קצב, און מיט זיין מאַמען, האָבן

אַ פּאָר פון זיינע פריערדיקע חברים דאָס דערשמעקט און מען האָט אים אָפּגעהיטן, און איינער פון זיי האָט אים פאַרוואונדעט דעם האַלז מיט אַ מעסער.

פון יענער צייט אָן איז ער מער נישט געקומען אין זיין שטאָט. ער האָט זיך פאַרלאָזט די באָרד און געטראָגן די פּענסנע, און איבערהויפּט זיך אַזוי אָנגעטון, אַז מען זאָל אים נישט דערקענען.

און אָט אַרבעט ער צווישן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ווידער רעדט ער, ווידער צינדט ער, ווידער באַגייסטערט ער שוין נישט יידן אַליין.

ער זעט זיך אין אַ דאָרף מיט קאַליגינען. אַ פּויערישע כאַקטע. פּויערים אָן היטלען. מיט אָנגעשטרענגטע מינעס, און פּויערטעס באָרוועסע, מיט טיכלעך אויף די קעפּ, מיט אויגן אויסגעגלאָצטע און מיילער צעעפנטע, הערן זיך צו צו אים.

ער רעדט צו זיי וועגן דער מלחמה מיט יאַפּאַן. מאָלט פאַר זיי אַ בילד פון די ווייטע־ווייטע פעלדער אַרום פּאָרט אַרטור, וואָס זענען פאַרזייעט מיט די ביינער און אָנגעטרונקען מיטן בלוט פון די זין זייערע. און ווער איז שולדיק אין דעם? די פּריצים מיט דעם צאַרס מיניסטאָרן. וועלכע זענען אויך פּריצים. זיי האָבן דערזעען, אַז דער פּויער, זייער שפּייזער, אָט דער, וואָס איז פון קדמונים אָן באַהאַנדלט געוואָרן פון זיי ערגער ווי אַ שטומע פי, קומט ביסלעכווייז צום שכל און הייבט אָן צו פאַרשטיין, אַז די ערד, איבער וועלכער זיי, די פּריצים, באַלעבאַטעווען, און דער וואַלד אויף אָט דער ערד, געהערן צו אים. און זיי האָב זיך דערשראָקן, די פּריצים, טאָמער וועלן די צענדליקער און צענדליקער מיליאָנען האָרעפּאַשנע, פּויערישע הענט, זיך אַ ציי טון צו אָט דער ערד און צו אָט דעם וואַלד מיט אַ מעכטיק געשריי: „דאָס איז אונזערס! מיר באַאַרבעטן דאָס! אַוועק, איר אומזיסטע פרעסער, איר ליידיקגייער! בלויז די, וואָס אַרבעטן, זאָלן זיין די באַלעבאַטים!"

האָבן זיך די פּריצים, הייסט עס, דערשראָקן פאַר דעם און דערפאַר האָבן זיי פאַרפירט אַ מלחמה מיט יאַפּאַן, כדי צו פאַרטומלען דעם פּויער, און דער עיקר, כדי אָפּצוצאַפּן פון אים דאָס ייִנגסטע און דאָס געזונטסטע בלוט זיינס דערמיט, וואָס מען וועט אויסהרגענען זיינע יונגע זין, אַזוי אַז ער זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן און זאָל פאַרלירן זיין מוט און זיין חשק צו פאָדערן זיין רעכט אויף ערד. וואָס געהערט צו אים און בלויז צו אים! זיי האָבן אָבער אַ טעות, די פּריצים, מיטן צאַרס מיניס-

טאָרן! ערשט איצט זעט קלאָר דער פּויער ווער זיי זענען! און אין אַלע דערפער שטעלט מען די פראַגן: פאַרוואָס האָט מען אונזערע זין פאַר־שלעפּט פאַר טויזנטער ווייאָרסט פון זייערע היימען און פעלדער, און אַקעראייזנס, צו שלאָגן זיך מיט מענטשן, וועלכע מיר האָבן קיינמאָל פריער נישט געזען און וועלכע האָבן קיינמאָל קיין שלעכטס אונז נישט געטון? פאַרוואָס איז דאָס בלוט פון אונזערע זין ביליקער ווי דאָס וואַסער פון דער בלאָטע? און זיי ענטפערן די פויערים. וואָס זענען געקומען צום שכל: „עס מוז נעמען אַ סוף צו אָט דער אומגערעכטער, נישט יושרדיקער אָרדנונג", און זיי הייבן אָן דערמיט, וואָס זיי זוכן אָפּצושאַפן די ערשטע אומגערעכטיקייט באַ זיך אין שכנות, דאָס הייסט דערמיט, וואָס זיי דערקלערן זייער שכן, דעם פריץ, אַז די ערד און דער וואַלד געהערט צו אים.

און אָט אין דעם זין רעדט אויך קאַליגין.

און אין אַ וואָך שפּעטער: די פּוערים האָבן זיך צעבונטעוועט און פּריצישע הייף ברענען...

און אָט איז צעבונטעוועט נאָך אַ דאָרף און נאָך אַ דאָרף...

די חברים פאַרגעטערן אים.

און אָט אַרבעט דער אַנדערער מיכאַיל אונטער דער בייטש פון סאַוויצקין.

ער טראַכט:

ווער זאָל „גיין"?... ווער זאָל זיין דער קרבן?... אפשר קאַליגין?... אפשר צייטלין?... קאָליאַ אפשר?... אַנדרושאַ?... ניין, מאָטעל!...
פאַרוואָס נישט בערציק?... ער איז אַ צו פּשוטער בחור!...

מאָטעל! יאָ, מאָטעל! אַ ווילער חבר, אַן ענטוזיאַסט!... אָבער פאַרפאַלן! זיין גורל!...

וואָס פאַר אַ פּלאַן? שיקן אים אויף אַ טעראָריסטישן אַקט? ניין! אויף טויט וויל ער אים נישט פאַרמשפּטן, ניין, ניין! וואָס דען? וואָס פאַר אַן אַנדערער פּלאַן? שיקן אים אין אַ דאָרף מיט ליטעראַטור און צו אַגעטירן... יאָ! דאָס איז דער פּלאַן! סיביר. נישט אפילו קאַטאָרגע...

— חבר מאָטל, איר זענט אַ בראַווער חבר! — קלאַפּט ער אים איבערן אַקסל. — און איך פּלאַנעווע פאַר אייך אַ שטיקל אַרבעט...

— פון אַרבעט זאָג איך זיך נישט אָפּ, חבר באָריס!...

— איך ווייס, חבר מאָטל, אַז מען קאָן אייך פאַרטרויען אַן אַרבעט. קומט צו מיר מאָרגן אויף דער קוואַטיר.

און אַט איז מאָטל בא אים, באַריסן, אין שטיבל.

און באָריס האָט שוין דערווייל אויסגעאַרבעט זיין פּלאַן, אים אויסגערעכנט קלאָר אין אַלע פּרטים, ווי אַזוי און ווען, און וווּ...

סאַוויצקי ווייסט שוין דערפון און ער האָט שוין געלאָזט וויסן דעם איספּראַווניק, אַז אין דאָרף בערעזינקאַ וועט אין דעם און דעם טאָג זיך באַווייזן אַ רעוואָלוציאָנער.

באָריס זאָגט מאָטלען וואָהין ער וועט דאַרפן פאָרן און וואָס ער וועט דאַרפן טון.

מאָטל איז אויף אַלצדינג גרייט.

באָריס טראַכט:

„ווען דו וואָלסט געוווּסט, ברודער... אָבער ווען מען פרעגט אפילו דיך אַליין ווער פון אונז ביידע זאָל גיין צום טייוול, וואָלסטו, דער באַגייסטערטער, וואָס דו ביסט, אַליין געזאָגט: אַז אויב איינער פון אונז מוז גיין צום טייוול, וועסטו בעסער גיין. וואָרים אַזוי איז שוין דאָס, ברודער. איך מוז האָבן אַ כּפּרה פאַר זיך. אויב נישט דיך, איז אַן אַנדערן. און דו דאַרפסט נאָך זיין צופרידן פאַרוואָס איך שיק דיך נישט צום שוחט אינגאַנצן... נו, מילא, דער רעוואָלוציע מוז מען דאָך פון צייט-צו-צייט ברענגען אַ קרבן. און בכלל אַ רעוואָלוציאָנער ווי דו ביסט, דאַרף זיך שטענדיק ריכטן אַרעסטירט צו ווערן. אויב נישט היינט, איז מאָרגן, איז שפּעטער. אפשר טו איך דיר גאָר אַ טובה, ווייל מען קאָן דאָך דיך אַמאָל אַרעסטירן פאַר אַן ערנסטערער אַרבעט, טאָקע פאַר אַ טעראָריסטישן אקט, און דאַן... דער טויט... !"

און אַט זעגנט זיך מיט אים מאָטל. באָריס מיידט אויס זיין בליק. און אַז מאָטל איז אַוועק, איז באָריס אויפגערעגט, נערוועז, און מאָטלס באַגייסטערטער בליק, פאַרפאָלגט אים און פייניקט אים. אָט אַזוי ווי מיט אַן אָנגעברענטער שפּיז...

ביז צום סוף ראַטעוועט ער זיך פון אים מיט דעם געדאַנק, אַז ער וועט דערפאַר איצט קאָנען טון אַן אַרבעט פאַר דער רעוואָלוציע, ווייל סאַוויצקי וועט אים איצט אויף אַ צייט צורו לאָזן...

און באָרס איז באַרויקט, שלאָפט דורך די נאַכט רויק.

און אַט איז דער אויפמאָרגן... עס קומט אָן די ידיעה, אַז די פויערים

האָבן צעהאַקט מאָטלען אויף שטיקער, אויפגעהעצט פון דעם איספּראַווניק. באָריס ווערט שיער משוגע. עס שרייט און עס וואָיעט אין אים. ער טראַכט וועגן דערהרגענען זיך...

און אָט שטייט ער אין וואַלד באַם נאַסן שליאַך מיט קאַליגינען. אַ רעגנדיקער האַרבסט-טאָג. די גאַנצע געגנט וויקלט זיך אין כמאַרע און וויקט זיך אין קאַלטן רעגן.

באָריס און קאַליגין זענען איינגעוויקלט אין רעגנמאַנטלען, שטייען און קאָרטשען זיך און קוקן אַהין, פונוואַנען דעם איספּראַווניקס בריטשקע דאַרף זיך באַווייזן.

דאָרט, וווּ זיי שטייען, הייבט זיך אָן דער וועג אַרויף אַ משופּעדיקן באַרג און באַ זיי איז אויסגערעכנט, אַז דעם איספּראַווניקס בריטשקע וועט אָנהייבן צו קלעטערן אַרויף אָט דעם באַרג, זאָלן זיי אַרויס-שפּרינגען...

אָט דערהערט ער דאָס קלינגען פון גלעקלעך. דער איספּראַווניק פאָרט. פייכט קלינגען איצט דעם איספּראַווניקס גלעקלעך. ווי מיטן רעגן אָנגעזאַפּט. באָריס און קאַליגין כאַפּן אַרויס זייערע פּיסטאָלעטן.

די צוויי ווייסע פערד, מיט נאַסע קעפּ און רוקנס, באַווייזן זיך און הייבן אָן צו קלעטערן באַרג אַרויף מיט אויסגעצויגענע העלזער, און מיט אַ כראָפּען שלעפּן זיי די בריטשקע, וואָס קלאַפּט מיט אירע רעדער איבערן נאַסן זאַמדיקן וועג.

אין דער בריטשקע זיצט אַ מאַן אין אַ רעגנמאַנטל, מיט אַ באַש-ליק, אַזוי אַז מען זעט קוים אַרויס שוואַרצע, אַרונטערהענגענדיקע וואָנטעס איבער אַ דיקער, רויטער גאָמבע. דער מאַן איז אַליין און האַלט די לייצעס אין ווייסע הענטשקעס.

און דאַן... פון ביידע זייטן צוויי קנאַלן... דער מאַן טוט אַ פאַל אויף דעם אָרט וווּ ער זיצט, מיטן קאָפּ אַהינטער, און פון מויל טוט באַ אים אַ זעץ אַ בלוטיקע שוים, וואָס באַנעצט די שוואַרצע וואָנסעס, פון אונטערן באַשליק גלאָצן אַרויס אַ פּאָר צעשראָקענע, גלעזערנע אויגן...

די פערד, וואָס האָבן זיך געהאַט דערשראָקן, טוען זיך לכתחילה אַ ריס באַרג-אַרויף, נאָר שטעלן זיך באַלד אָפּ מיט אַ צעשראָקן כראָפּען, ווייל יאָגן זיך באַרג-אַרויף קאָנען זיי נישט...

קאַליגין קירעוועט זיי אויס, פירט זיי צוריק באַרג-אַרונטער און

טרייבט זיי אַריין מיט דער בריטשקע אין וואַלד, איבער אַ הוגל, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם שליאַך און אין וואַלד געפירט.

דאָרט בינדט ער צו די פערד מיט די לייצעס צו אַ בוים, לאָזט איבער אַ צעטעלע באַם טויטן אויפן שויס, אַז דאָס איז פאַר דעם בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן אין בערעזעווקע, און דערנאָך פאַרשווינדט ער מיט באַריסן.

פאַר באַריסן האָבן זיך דורכגעטראָגן נאָך עטלעכע אַזעלכע בילדער פון רעוואָלוציאָנערער נקמה, אין וועלכע ער האָט געשפּילט די הויפּט-ראָל, און ער האָט זיך אויך דערמאָנט ווי רויק און אויסגערעכנט ער האָט דידאָזיקע פּלענער געוועבט און ער האָט הנאה געהאַט בשעת דעם, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון עפּעס אַ שאַפונגס-אַרבעט...

אמת, ער האָט שטענדיק דערנאָך אויסגעקרענקט. שטענדיק, אַז ער האָט זיך דערנאָך פון אָט דעם צושטאַנד אָטשוכעט, ווען דער קרבן זייַנער איז שוין געפאַלן, האָט ער זיך פאַרגליכן צו דעם שוואַרצן שפּין, וואָס ער האָט אַמאָל באַמערקט בײַ אים אין שטיבל אויף דער וואַנט, און ער האָט זיך געהאַסט און געבעטן אויף זיך דעם טויט.

איצט, ווען ער איז געזעסן אין וואַלד מיטן רעוואָלווער, גרייטנדיק זיך צו מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן — איצט, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, האָט ער אַרויסגעמורמלט מיט האַס:

— אַזאַ איינער ווי איך האָט שוין לאַנג נישט געטאָרט לעבן!

ער האָט אַ קוק געטון אויפן רעוואָלווער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, פאַרקרימט די ליפּן און געטראַכט ווייטער:

„געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַליין פאַרמאָגט לעבן פאַר צען און אַמביציע פאַר הונדערט און וואָס האָט דאָס לעבן אַזוי ליב געהאַט, אַז צוליב דער שרעק טאָמער וועט ער עס פאַרלירן, איז ער אַרונטערגעזונקען אין דעם טיפסטן זומפּ, אַבי צו קאָנען פילן ווייטער, אַז ער לעבט. און מיטאַמאָל — אויס! ער איז שוין מער נישטאָ און וועט שוין מער קיינמאָל נישט זיין!... ליגט אַ נבלה אין וואַלד מיט אַ דורכגעלעכערט האַרץ, און פליגן און אפשר פייגל, צי גאָר מיקיטאַס חזירים פראַווען אַ סעודה פון אים!”...

באַריס האָט זיך אַ טרייסל געטון.

„פאַרוואָס נישט אין שטוב? — האָט ער דאַן געטראַכט, נאָך שווידערנדיק פון דעם בילד, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. — אַריינ-

גיין אין הינטערשטן צימער, און ווען ליובאַ וועט קומען, וועט זי מיך טרעפן אויפן בעט, און דאַן... און דאַן... וועט מען מיך מקבר זיין... ביין, איך וועל איבערלאָזן אַ צעטעלע, אַז מען זאָל מיך פאַרברענען און מיין אַש זאָל מען צעשיטן איבער אַ בלאָטע!"...

און דאָ האָט אַ שוועב געטון פאַר אים ליובאַ, ווי זי האָט מיט אים פאַרברענגט ערשט מיט איין שעה צוריק. אים איז נאָך דאַן נישט איינגעפאַלן, אַז דער טויט איז אַזוי נאָענט, און ער האָט אָפּגערעדט מיט איר צו טרעפן זיך שפּעטער אין וואַלד הינטער דער אָזערע.

און מיט זיין גאַנצן פיזישן "איך" האָט ער זיך אויפגעצאַפּלט און מיט זיין פאַנטאַזיע זיך איינגעקלאַמערט אין דעם בילד פון ליובאַן, וואָס עס האָט הייס און נאַקעט געשוועבט איצט פאַר אים, און ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— כאָטש נאָך איינמאָל זיך טרעפן מיט איר... כאָטש נאָך איינ-מאָל איידער איך שטאַרב!...

ער גייט טאַקע באַלד צו איר.

ער האָט אַרויסגענומען זיין זייגער, געווען דריי. אַרום פיר וועט ער גיין!

און ער האָט פאַררוקט דעם רעוואָלווער אין זיין הינטערשטער קעשענע, און איצט איז ווי אַ פינצטערער שלייער אַרונטערגעפאַלן פון זיינע אויגן. מיטאַמאָל האָט ער איצט באַמערקט די גרינקייט און די ליכט-פאַסן און די וואַלד-שאָטנס אַרום אים; האָט באַמערקט דאָס שוועבן פון די קאָלירטע מיאַטלעס פאַרביי אים, דאָס פליען פון פליגן מיט גאָלדענע בייכלעך און קעפּלעך; האָט געהערט דאָס פייגל-געזאַנג און דאָס שטאָלענע זשומען פון בינען.

אַ וואָרעם באַוואַקסן מיט געלע האָר און מיט אַ שוואַרץ פּינטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט זיך געצויגן אויפן בויך אַרום באַריסעס אַ פוס. באַריס האָט אים דערזעען, האָט ער אויפגעהויבן די פוס און מיטן שוך אַרויפגעטרעטן אויפן וואָרעם.

"פאַרוואָס האָב איך עס געטון? האָט באַריס דערנאָך אַ טראַכט געטון. — ער איז דאָך אויך אַ לעבעדיקע זאַך בײַ דער נאַטור און אפשר נישט קיין קלענערער יחסן איידער איך. און איז זיכער מיט אַן אינסטינקט צום לעבן. הײַנט פאַרוואָס האָב איך אים צעטרעטן און פאַר-וואָס האָב איך עס געטון אינסטינקטיוו? דער פוס האָט זיך אַ הייב געטון ווי פון זיך אַליין...

ער האָט אָפּגערוקט די פּיס פונם צעקוועטשטן וואָרעם און האָט אַ קוק געטון אויף אים.

„צי איז דאָס נישט אַ באַווייז, אַז אין יעדן פון אונז איז באַהאַלט! דער אינסטינקט צו מאָרדן און צו אומברענגען ? — האָט ער ווייטער געטראַכט. — אפשר איז דאָס גאָר אונזער הויפּט־נאַטור ?...

„און באמת, אַז מען טוט אַ טראַכט, האַלט דאָך די נאַטור אין איין מאָרדן, אין איין אומברענגען : האָט, דאַכט זיך, פאַר זיך איין ציל: אומברענגען דאָס לעבן. דעסטרוקציע איז איר ציל. יאָ, יאָ, חרוב צו מאַכן...

„און כּדי זי זאָל האָבן וואָס חרוב צו מאַכן, שאַפט זי דאָס לעבן... שאַפט און מאַכט עס חרוב. מאַכט עס חרוב דורך יעדן וואָס לעבט און באַוועגט זיך סיי אויף דער ערד און סיי אונטער דער ערד און סיי אין דער לופטן.

„יעדער טריט, וואָס מיר טוען, צעטרעט דאָס לעבן. ווערים לעבן איז פאַראַן אפילו אין דעם מיסט, אויף וועלכן מיר טרעטן, אין דעם שטויב, וואָס אונזערע שיך נעמען אויף זיך אָן.

„מיר ברענגען אום דאָס לעבן בעת מיר עסן, בעת מיר טרינקען, בעת מיר אָטעמען אפילו אריין פון דער לופט. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם אייביקן קאַמף, וואָס גייט אָן צווישן די לעבעדיקע ברואים, וועלכן מיר באַצייכענען מיטן נאָמען „קאַמף פאַר עקזיסטענץ".

„און אפילו מיר, די רעוואָלוציאָנערן, מיט אַלע אונזערע הויכע אידעאַלן, מיט אַלע אונזערע שיינע פּראָגראַמען און חלומות וועגן אַ צוקונפטיקער גליקלעכער מענטשהייט ; זענען מיר באמת אויסן די צוקונפטי־קע גליקלעכע מענטשהייט, וואָס נישט מיר קענען זי און וואָס נישט מיר וועלן זי אַמאָל קענען ?

„צו וועלכן שוואַרץ־יאָר זאָל איך אַוועקלייגן מיין „איך" און מיין לעבן דערפאַר, אַז די אַרבעטער זאָלן אין הונדערטער יאָרן שפּעטער זיין די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן און פון די פּראָדוקטן, וואָס זיי וועלן שאַפן ? צי אַז די פּויערים זאָלן זיין די באַלעבאַטים פון דער ערד ? צי גאָר, אַז מען זאָל לעבן אַ קאָמוניסטיש לעבן ? !

„כאַפּט זיי דער טייוול, סיי די אַרבעטער, סיי די פּויערים און סיי דאָס קאָמוניסטישע לעבן מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער ! זיי וועלן פאַר מיר גאָרנישט טון, הייגט פאַרוואָס זאָל איך איצט טון פאַר זיי ?

באָריס האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק טיפער אין וואַלד.

„און דאָך טוען מיר, זענען באַוועגט פון אַן אידעאַל, זענען באַגייס־טערטע קעמפּער. פאַרוואָס? — האָט ער געטראַכט ווייטער. — איך דענק, אַז דער אידעאַל איז נישט מער ווי אַ מאַסקע, אַן אויסרייד פאַר דעם נאַטירלעכן אינסטינקט חרוב צו מאַכן.

„יאָ, יאָ, דאָס איז קלאָר! דער עיקר איז פאַר אונז דער קאַמף; דער עיקר: צו קעמפן.

„און קאַמף איז כעס, צאָרן, דער דראַנג חרוב צו מאַכן, אומצו־ברענגען: נישט ליבע, נישט שיינער אידעאַל!"

באָריס האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרדווכערט אַ פּאַפּיראָס.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אָט די געדאַנקען אַזוי־ווי ער וואָלט געטאַפּט אין זיי אַן אויסוועג פון זיין איצטיקער לאַגע אינגאַנצן.

„קאַמף צוליב ליבע פאַר דער מענטשהייט? — האָט ער געפּילפּולט, טאַפּנדיק ווייטער אַן אויסוועג אין די געדאַנקען. — ווער איז די מענטש־הייט? ווי הייסט זי דאָרט? ווער קען זי? און ווי קאָן מען ליב האָבן, וואָס מען ווייסט נישט און וואָס מען קען נישט? איז דער תירוץ ווידער: די ליבע איז דאָ נישט מער ווי אַ מאַסקע אויף דעם בייזן פּנים פון נאַטורס קאַמף אומצוברענגען און חרוב מאַכן דאָס לעבן.

„קענען וועמען קעמפן מיר? קענען די גליקלעכע, וואָס לעבן אין חעלכע האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו געניסן אַ פול לעבן. קענען די באַ־זיצער פונם רייכן לעבן. קורץ: מיר קעמפן קעגן דעם לעבן, ווי עס איז אַמפּולסטן און אַמקאַנצענטרירטסטן... צו דעם זענען מיר געטריבן פון דער נאַטור, פון אונזערע אינסטינקטן, ווען אפילו אונטער דעם אויסרייד פון אַן אידעאַל, פון אַ צוקונפטיקער גליקלעכער מענטשהייט".

און ווי אין פיבער האָט ער ווייטער געטראַכט:

„און פון דעם שטאַמט אויך די קנאה פון מענטש צו מענטש, דאָס נישט פאַרגינען, און די שנאה צום קאָנקורענט, וואָס ווען זי זאָל פאָלגן איר נאַטור, וואָלט זי דעם קאָנקורענט צעטרעטן, ווי איך דעם וואָרעם.

„קאַמף פאַר עקזיסטענץ? ניין, קאַמף פאַר אומצוברענגען!

„פאַר אַ קלייניקייט ווערט דער מענטש אויפגעבראַכט און זיין האַנט טוט זיך אַ הייב, געטריבן פון זיין נאַטירלעכן מאָרד־אינסטינקט!

„דאָס קינד, באַהערשט פון זיין אינסטינקט, וואָלט כסדר געבראָכן און געשטאָכן און צעשטערט. און דאָס קינד איז נישט קיין פאַרמאַס־קירטע נאַטור!

„ווער איז דער גרויסער העלד אינעם היילקן קאַמף? יענער, וואָס

ער איז בכּוח מער חרוב צו מאַכן, דער, וואָס קומט אַרויס אין קאַמף מיט ליבע און פּרעדיקט יושר און רחמנות, איז נישט קיין קעמפער, וועט אויסגעלאַכט ווערן, צי וועט גאָר באַטראַכט ווערן פאַר אַ פאַר-רעטער.

„בלויז דאָס ברענענדיקע וואָרט, וואָס רופט צום קאַמף, קריגט אַן אָפּקלאַנג בײַ מענטשן.

„און אפילו יענע מאָמענטן פון העכסטן עקסטאַז, ווען מען פילט דעם דראַנג צו שטאַרבן פאַרן אידעאַל, זענען אויך צו שטאַרבן און און נישט צו לעבן פאַרן אידעאַל".

אָט אַזוי האָט ער זיך איצט אָנגעכאַפּט פאַר דערדאָזיקער פינצ-טערער פילאָזאָפיע, וואָס איז פּלוצלינג בײַ אים אויפגעוועקט געוואָרן פון דעם אָנגעשראָקענעם הייסן לעבן אין אים. וואָס עס האָט געקעמפט מיט זײַן גאַנץ פייער פאַר זײַן עקזיסטענץ. און צום סוף האָט ער פון אָט דער פילאָזאָפיע אויסגעפּילפּולט אַזאַ מין פּשט:

ער איז אין קאַמף נישט צוליב ליבע פאַר דער מענטשהייט, נאָר צוליב באַטירלעכער נייגונג צו קעמפן, דאָס הייסט אומצוברענגען. אַמ-גליקלעכסטן האָט ער זיך געפילט, ווען ער האָט אומגעבראַכט, און דאַן איז ער אויך מער פאַרגעטערט געוואָרן פון זײַנע חברים און חבר'טעס. און ער באַשטייט אויך איצט. אַז דוקא דאַן, ווען ער האָט הנאה געהאַט, בעת ער האָט געפלאַנעוועט ווי אַזוי אומצוברענגען אַ חבר. האָט זיך געלאָזט פילן זײַן אמתע נאַטור. אַי ער איז דערנאָך געווען פאַרצווייפלט, חרטה געהאַט? קאָן זײַן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל ער האָט דאַן אינס-טינקטיוו שטאַרקער געפילט די מורא, אַז אָט-אָט וועט מען זיך דערוויסן, אַז דאָס איז געווען זײַן „אַרבעט". און ווען אפילו ווען עס האָט אַזוי בעגוואַלטעוועט דאָס, וואָס מען רופט געוויסן?... וואָס איז געוויסן, אויב נישט שוואַכקייט?... סײ-ווי-סײ, זײַן אמתע נאַטור האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, ווען ער האָט נאָכדעם ווידער אויפגעטון אַן אַקט פון אומקום, מעג זײַן פאַר דער רעוואָלוציע.

באָריס האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אָט דעם פּילפּול, ווי אַ מענטש, וועלכער טרינקט זיך, פאַר אַ שטרוי... און ער האָט געזוכט אין אים אַ פעסטן אינהאַלט און האָט זיך געפלייסט אײַנצורעדן, אַז ער פילט אים טאַקע, דאָס הייסט דעם פעסטן אינהאַלט...

און שפּעטער ווען ער איז אַוועק צו ליובאַן האָט ער געטראַכט:
„נישט פײַניקן זיך מער, מיר אַלע זענען נישט מער ווי יענער

וואָרעם, וואָס איך האָב אים צעטרעטן. מיר אַלע וועלן צעטרעטן ווערן פריער אָדער שפּעטער, אויף אַזאַ אופן צי אויף אַן אַנדערן. ווען איך וואָלט יענעם וואָרעם נישט צעטרעטן, וואָלט ער צעטרעטן געוואָרן פון אַן אַנדערן, צי פון אַ פייגל פאַרשלונגען געוואָרן, צי פון אַ שטאַרקערן וואָרעם, צי גאָר מיקיטאַס אַ חזיר, צי אַ קו וואָלט אים מיט אַ קאָפּיטע צעטרעטן. אָבער ווען דער וואָרעם וואָלט געקאָנט זיך ראַנגלען פאַר זיין לעבן, וואָלט ער זיך געראַנגלט. איך וועל זיך אויך ראַנגלען, כּל זמן איך וועל נאָר קאָנען. איך ווייס, אַז גאָר אינגיכן וועל איך מוזן צעטרעטן ווערן, אָבער ביז דעמאָלט וועל איך זיך ראַנגלען אויף אַלע אופנים, פאַר קיין זאַך זיך נישט אָפּשטעלן, פאַר קיין זאַך נישט... נאַ דיר בראָכקען... נאַ דיר קאָליאַן... אַבי אַריינכאַפּן נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג פונם לעבן און געניסן און פאַרשיכורן זיך... דערנאָך: צעטרעט דעם וואָרעם! צעטרעט!...״

דאָס פערצענטע קאַפּיטל

דער שטורעם

ליובאַ איז נאָך נישט געווען אויף דעם פּלאַץ, ווו באָריס האָט אָפּגערעדט מיט איר זיך צו טרעפן, ווען ער איז געקומען אין וואַלד הינטער דער אָזערע.

ער האָט זיך געזעצט אויפן גרויסן שטיין, ווו זיי זענען שטענדיק געזעסן בעת זיי האָבן זיך געטראָפן, און האָט געוואַרט אויף איר.

דער שטיין איז געלעגן הינטער אַ גרופּע אַלטע ביימער, אין קילן, טונקעלן שאָטן, אָן אַ זייט פון דעם שמאָלן וועג, וואָס האָט זיך געדרייט אין זיג-זאַגן צווישן גראָז און ביימער, ווי אַ ווייסע סטעזשקע.

באָריס האָט איצט געטראַכט בלויז וועגן ליובאַן און איז געווען פאַרכאַפּט פון אַ דורשטיקן פאַרלאַנג נאָך גליק.

ער איז ווי פאַרשיכורט געווען פון אָט דעם פאַרלאַנג.

נאָך די אַלע פריערדיקע געדאַנקען זיינע וועגן טויט, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַליין געזען אין די געדאַנקען טויט, האָט דער פאַרלאַנג נאָך לעבן און געניסן זיך אויפגעכאַפּט בא אים מיט אַ באַזונדערער קראַפט.

אַלצדינג האָט אין אים געציטערט און זיך געצאַפּלט פאַר אומגעדולד און דערוואַרטונג.

הגם ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָט ער מיט איר פאַרבראַכט בא אים אין שטיבל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ערשט איצט האָט ער דערפילט, ווי משוגע ער האָט ליב געהאַט און אַז איצט ערשט וועט ער געניסן ווי געהעריק איז איר ליבע...

ווען זי וואָלט געווען איצט בא אים אין שטיבל!...

קיין אַנדערע געדאַנקען האָט ער אין אָט דער רגע נישט געהאַט.

אין דער קנאַפּער שעה, וואָס עס האָט אים געבטמען צו קומען פון

זיין שטיבל ביז צו אָט דעם פּלאַץ אינם וואַלד, איז דער באַשלוס צו ראַנגלען זיך פאַר זיין לעבן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין מיטל, געוואָרן בײַ אים נאָך פעסטער... און אַ פּלאַן איז בײַ אים שוין אויך געבוירן געוואָרן ווי אַזוי ווידער צו פאַרטרייבן דעם שאָטן פון מיכאַילן פונדאַנען, אַזוי, אַז מען זאָל דאָ זיכער ווערן, אַז ער איז דאָ נישטאָ...

און זיין פּלאַן איז געווען — מאַהיליעוו... אַרויסצוגעבן אַ פּאָר מאָהיליעווער חברים, וואָס ער האָט זייערע אַדרעסן געוווּסט... דאָס וועט באַשטעטיקן, אַז מיכאַיל איז דאָרט, אַזוי ווי דער מאָהיליעווער חבר האָט געמאָלדן אין דעם בריוו, וואָס ער, באָריס, האָט אים פאַרגעלייענט דעמאָלט אויף דער פאַרזאַמלונג בײַנאַכט אינם צימער הינטער דער ביבליאָטעק.

און ווייטער האָט ער באַשלאָסן: צו שיקן ברכהקען און קאָליאַן אויף אַן אַנדערער „אַרבעט", ווען ער וועט מוזן. דאָס הייסט, ווען סאַוויצקי וועט פאָדערן...

באַשלאָסן, און ער האָט נישט געטראַכט מער דערפון. אַזוי ווי אַ סוחר, וואָס האָט באַשלאָסן איינצוצאָלן אויף אַ וועקסל, וואָס עס זאָל אים דערהייל ראַטעווען פון באַנקראָט און עס זאָל אים ווייטער לאָזן רויק פירן זיין געשעפט!...

אַ ווינטעלע איז פון ערגעץ אָנגעפלויגן מיט אַ געמורמל, און אינ־דערן וואַלד איז אַוועק אַ בלעטער־געדויש טונקל און פאַרסודעט...

פּלוצלינג האָט זיך צווישן די ביימער באַוויזן ליובאַ אין איר העלן פאַרוסינעוועם קאָסטיום און אין איר רונדן, שטרויענעם הוט.

בײַ באָריסן האָט זיך דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטון. זי האָט אויסגע־זען אַזוי אויסערגעוויינלעך ליב און אַזוי פישופדיק אין אָט דעם העלן קאָסטיום און אין אָט דעם הוט, מיט די שוואַרצע האָר, וואָס זיי זענען פאַרלייגט געווען פון הינטן אויף איר צאַרטן נאַקן אין אַ שווערן קנופּ.

זי האָט אים אויך דערזען, איז זי גלייך געוואָרן עפּעס ווי אים־פּעטיקער, האַסטיקער און בויגיקער מיט איר גאַנצן יונגן און שלאַנקן קערפּער, און איר טונקל פּנים האָט זיך צעשטראַלט און אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעפינקלט און אין פרייד זיך אָפּגעטונקט...

— דו וואַרסט שוין לאַנג דאָ? — איז זי צו אים צוגעלאָפן, — גרישאַ האָט מיך פאַרהאַלטן. אַ, ער גיט מיר איצט גאָר קיין רו נישט.

ער האָט זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך און געזאָגט:

— ווי ליב דו ביסט איצט, ווי ליב, ליובאַ!...

זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ גליקלעכן שמייכל:

— דאָס ווייזט זיך דיר אויס, דו פאַרליבטער נאַר! דו זאָג מיר בעסער, וואָס זאָל איך טון מיט אָט דעם אָנשיקעניש מיט גרישאַן?

— וואָס איז שוין ווידער?

— זינט דער אַרבעטער האָט מיר אָנגעבראַכן די ביינער פאַר מיין באַפּאַס חטאים, האָט ער, גרישאַ, זיך באַרויקט בנוגע מיין רעוואָלוציאָנערישקייט. דער אַרבעטער, פאַרשטייסטו מיך, האָט, ווי גרישאַ פאַרשטייט עס, מיר אויף דער באַק נישט אַרויסגעכליאַסקעט אַ פּאָר פּלעם, נאָר אַ שטעמפּל וועגן מיין „כאַראַשאַיע פּאָוועדעניע", אַ פייערדיקע ערבות, הייסט עס, וועגן מיין לייטישער אויפפירונג און וועגן מיינע לייטישע, כשרע געדאַנקען, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער... וואָלט עס מיך דווקא געפרייט; זאָל ער מיך טאַקע מער נישט חושד זיין!... איז אָבער דאָ אַן אַנדערע צרה: ווײַבאַלד אַז איך בין אַזאַ כשרע, איז ער דאָך אוודאי דער פּאַסנדער חתן פאַר מיר און איך — די פּאַסנדסטע כלה פאַר אים. נו, נו, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. רעדט דער פּאַפּאַ, רעדט די מאַמע, און ער רעדט און רעדט. וואָס רעדט ער? נישט אַנדערש, אַז איך זאָל מיט אים פאָרן קיין אויסלאַנד! פאַרשטייט זיך, אויב נישט אַלס זיין געזעצלעך ווייב, איז כאָטש אַלס זיין כלה... ער קאָן דאָ לענגער נישט פאַרבלייבן. די אַרבעטער זענען צו חוצפּהדיק געוואָרן. וויל ער אַנטלויפן פון דער פאַבריק קיין אויסלאַנד אויף אַ יאָר, אויף אַ האַלב יאָר. אפשר וועט זיך דערווייל דאָ באַרויקן. דו ווייסט, באָריס, אַז איך האָב זיי שיער־שיער פריער נישט געזאָגט, אַז איך האָב שוין אַ חתן און אַז זיי זאָלן מיך צורו לאָזן!

— נו, כאַפּט זיי דער רוח! — האָט באָריס מיטאַמאָל אַרויסגעמורמלט, אַ כאַפּ געטון זיי אין זיינע אָרעמס און, דריקנדיק זי צו זיך שטאַרק, האָט ער זי אַוועקגעטראָגן איבערן גראָז אונטן...

— לאָז מיך, משוגענער, מיר וועלן פאַלן! — האָט זי געפליסטערט און געלאַכט הייס און הייזעריקלעך.

דאָרט איז געווען אַ טאָל. אַהין האָט ער זי געטראָגן...

אַלצדינג האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיי און איז פאַרשוווּנדן — דער וואַלד, די גרינקייט פונם טאָל, דער טונקעלער גערויש פון די בלעטער. באָריס האָט בלויז געזעען פאַר זיך אַ פּאָר ווייס־געוואָרענע

אויגן, וואָס האָבן געקוקט אין זיינע, אזוי ווי פאַרגליווערט אין שטומער אנטציקונג, און אַ פאַרשיכורטן שמייכל אויף די ליפּן, צו וועלכע זיינע האָבן זיך געצויגן, און באַלד איז דאָס אויך פאַרשוואונדן אין אַ מעכטיקן, באַרוישנדיקן געראַנגל און אין אַ שוועבן אין אַ גליקזעליקער פאַרלוירנקייט אריין...

נאָך קיינמאָל פריער איז ער אזוי נישט איבערגעשטראָמט געווען פונם לעבן ווי איצט. אזוי ווי יעדער טראָפּן פון זיין לעבן, וואָס איז אָנגעשראָקן געווען פונם טויט מיט אַ שעה צוריק, האָט איצט באַ אים געיובלט: „איך לעב! איך לעב!"...

באַוויס איז ווייט געווען פון דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אים געפּייניקט פריער און די גאַנצע לעצטע צייט. איז ווייט געווען פון דעם געדאַנק זיך מודה צו זיין פאַר ליובאַן אין אַלצדינג און דערנאָך מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. איצט, אַז ער האָט זיך אויף אַ רגע דערמאָנט אָן דעם, האָט ער זיך מיט אַ זיכערקייט געזאָגט: „דערדאָזיקער געדאַנק איז געווען נישט מער ווי נערוועזע שרעק. טאָמער דערוויסט מען זיך און איך פאַרליר דאָס לעבן, קיין אַנדערע זאַך נישט. דער העלד פון דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף" ראַסקאָלניקאָוו, האָט זיך מודה געווען אין זיין פאַרברעכן גיכער פאַר נערוועזער מורא, טאָמער פאַקט מען אים, איידער מחמת דעם, ווייל דאָס געוויסן האָט אים גע־פּייניקט. געוויסן איז דאָ נישט מער. ווי אַ מאַסקע פאַר שרעק און פאַר שוואַכקייט. פאַר שרעק, ווען די פי דערפילט, אַז איר לעבן איז אין סכנה, וואַרפט זי זיך אין פייער אריין. דער מענטש אויך אזוי אַמאָל"...

— ווי שיין איז דאָס לעבן, ליובאַ! — האָט ער איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען, גענומען איר האַנט און זי געקושט. — איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר, ליובאַ!

און זי, ליגנדיק איצט אויפן גראָז, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן שויס פון באַריסן, האָט צו אים אַרויפגעקוקט אַ צעשטראַלטע, מיט ליכטיקע אויגן.

— דו ביסט גליקלעך מיט מיר, באָריס?

— זייער, ליובאַ, זייער, — האָט ער געענטפערט און זיך צוגעבויגן צו איר פּנים. — דאָס וואָרט „גליק" איז צו אָרים אויף אַרויסצוגעבן דאָס, וואָס איך פיל אין אָט דעם איצטיקן מאָמענט.

— פאַרוואָס דווקא אין אָט דעם איצטיקן מאָמענט, באָריס? — האָט ליובאַ געפרעגט.

— ווייל ערשט היינט האָב איך דערפילט, ווי משוגע איך האָב דיך ליב! — האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן.

— ערשט היינט?

— פריער, אַז דו ביסט אַוועק פון מיר...

— פאַרוואָס, באַריס?

— פאַרוואָס? אָט אַזוי! איך ווייס נישט פאַרוואָס. נאָר איך האָב דערפילט אַזאַ בענקעניש נאָך דיר...

ער איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, הגם עס האָט זיך אים געוואָלט רעדן, אויסרעדן דאָס, מיט וואָס ער איז איצט פול געווען, וואָס עס האָט אים איינגאַנצן באַהערשט — אַז פאַר זיין לעבן און זיין פאַרזוכעניש גליק וועט ער זיך ראַנגלען מיט אַלע זיינע כוחות און מיט אַלע מיטלען. ער האָט עס אָבער נישט געקאָנט זאָגן. ווי אַזוי? איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

און אַז ליובאַ האָט ווייטער געוואָלט עפּעס פרעגן באַ אים, אַ גליקלעכע פון זיינע ווערטער, האָט ער איר פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט און זיך אָנגערופן:

— נו, גענוג וועגן דעם, קינד! עס איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט און דערמיט איז אַלצדינג פאַרענטפערט!

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון:

— זע נאָר אַ הימל! אַ שטורעם קלייבט זיך...

ליובאַ האָט זיך אויפגעזעצט.

דער הימל האָט אויסגעזען ווי אַ בלייערנער. און איבערן וואַלד איז געהאַנגען אַ שוואַרצער שטורעם־וואָלקן. די ביימער אונטער אים האָבן זיך אין טונקלקייט געטונקט און אַ שוואַרצער שאָטן איז אויך געפאַלן איבערן טאָל, וווּ ליובאַ און באַריס זענען געזעסן.

אין דער לופטן איז שטיל געווען. דאָס פריערדיקע גערויש פון די ביימער האָט זיך שוין מער נישט געהערט.

— נו, אַ דאגה מיר! — האָט ליובאַ אַזויווי פאַרעקשנט אויסגעשריגן, און זי האָט צוריק אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ צו באַריסן אויפן שויס.

— קינד, מיר וועלן דורכגעווייקט ווערן! — האָט באַריס געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— זאָלן מיר! — האָט ליובאַ אַ לאַך געטו

— בעסער קום. דאָרט איז אַ שייער. געהערט מסתּמא צום וואַלד־וועכטער אַמאָל. קום, מיר וועלן דאָרט איבערוואַרטן דעם שטורעם.

— וווּ? — האָט ליובאַ זיך ווידער אויפגעזעצט.

— אָט דאָרט, הינטער יענע ביימער. נישט ווייט פונדאַנען — האָט באָריס אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

אַ דונער האָט אָפּגעהילכט ערגעץ הינטער די ביימער און זיך דאָרט צעשאָטן.

ליובאַ איז אויפגעשפרונגען און האָט אַ כאַפּ געטון איר שטרויענעם הוט פונם גראָז. באָריס איז אויך אויפגעשפרונגען.

און אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געלאָפן צווישן די געדיכטע ביימער, פּלאָנטערנדיק זיך צווישן די צווייגן. ביידע גליקלעכע און אויפגערעגטע.

— עס איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט! — האָט ווידער אויסגעשריגן באָריס, און עס האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן אַ מעכטיקער געשריי:

— אַהו—הו—הו—הו!

ליובאַ, פּלאָנטערנדיק זיך צווישן די צווייגן מיט אים, האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס פאַר אַ ווילדער געשריי!

האָט געפּרוּווט אַ געשריי טון ווי ער, און עס איז בײַ איר נישט אַרויסגעקומען.

האָט זי דאַן געזאָגט:

— איך פאַרמאָג נישט אַזאַ כּוח און אַזוי פיל ווילדקייט ווי דו. דערפאַר קאָן איך בעסער זינגען פון דיר.

און זי האָט גענומען זינגען אַ פריילעך רוסיש ליד.

און מיטאַמאָל האָט אַ גרויסער טראָפּן אַ קלאַפּ געטון איר אויפן נאַקן און אַ צווייטער האָט איר אַ קאַפּ געטון אויף אַ ברעם.

זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון און אויפגעהערט צו זינגען.

און פּלוצלינג האָט אַ רויש געטון איבער די בלעטער מיט אַ וואַסער־גערויש. אַרום איז פינצטער געוואָרן, און אַ רעגן האָט אַ גאָס געטון, ווי פון אַן עמער...

— אַי, גוט, גוט, גוט! — האָט באָריס זיך צעשריגן, ווי אַ ווילדער, האָט אַ פּאַק געטון ליובאַן, וועלכע האָט שוין אויסגעזעען ווי אַ נאַסע הון, אויף די אָרעמס, און דרייענדיק מיט די דורכגענעצטע אַקס־

לען און האלז, צו וועלכע זיין קראגן און העמד האָבן זיך געקלעבט. האָט ער זיך געלאָזט לויפן מיט איר צום האלב איינגעפאלענעם שייער, וואָס איז שוין געשטאנען גאָר נאָענט.

און אַז ער איז דערנאָך אַריינגעלאָפן אין דער אָפענער, טונקע-לער טיר פון דער חורבה, האָט ער ליובאן נישט אַרונטערגעלאָזט גלייך אויף דער ערד, נאָר האָט זיך פריער דורכגעטאנצט, האלטנדיק זי אויף די אָרעמס, גוואַלטעוודיק:

— טיריך—טאראך! טיריך—טאראך! האָפּ! האָפּ! האָפּ!...

און זי, אַ דורכגענעצטע, מיט די צעשויבערטע האָר קלעבנדיק זיך צו איר שטערן און צו אירע נאסע באַקן, מיט אַ פאררעגנטן בליק און מיט אַ פאררעגנטן שמייכל, האָט זיך געדאכט, און מיטן דורכגע-ווייקטן שטרויענעם הוט אין דער האנט, האָט זיך געריסן פון זיינע אָרעמס און געדריגעט מיט די פיס און פריילעך געשריגן:

— געַנוג, גענוג, דו ביסט משוגע געוואָרן!

ער האָט זי אַרונטערגעלאָזט אויף דר׳ערד.

זי איז געשטאַנען אַ צונויפגעקאָרטשעטע, האָט מיט אַ האנט אָפּ-געצויגן דעם קראַגן פונם נאַקן, צו וועלכן ער האָט זיך געקלעבט, און געצופט פונם צעהיצטן לייב דאָס נאסע קלייד.

און באַריס איז געווען נאָך מער דורכגענעצט. פון זיין הוט האָט געקאַפּעט, און פון זיינע ברעמען, און פון די אַרבל און פון די פּאָלעס פון זיין רעקל, אַזויווי פון אַ שטרעכע...

דאָס האָט אים אָבער נישט געאַרט. פּאַרקערט, נאָך קיינמאָל האָט אים ליובאַ נישט געזען אַזוי פריילעך, אַזוי אויפגעלעבט, כמעט צע-ווילדעוועט.

קענטיק געווען, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון אָט דעם שטורעם.

און דער רעגן האָט געגאָסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, גע-רוישט מיט וווּנדערלעכע וואַסער-קלאַנגען און בליצן, ווי פייערדיקע סטענגעס, האָבן זיך געוויקלט צווישן די וואַסערדיקע שורות פונם רעגן, און נאָכאַנאַנד האָט אַ דונער זיך ערגעץ צעשיט מיט אַ געפּילדער.

פּלוצלינג האָט איבערן דאַך פונם שייער זיך צעשיט אַ דונער מיט אַזאַ קראַפּט, אַז די ווענט פון דער חורבה האָבן זיך אַ טרייסל געטון.

ליובאַ איז מיט אַ צעטומלטן אויסגעשריי אָפּגעשפּרונגען אַהינטער.
און באָריס האָט אַרויסגעוואַלדעוועט:

— אָ—הו—הו—הו!

און דאָסדאָזיקע געשריי זיינס האָט געברענט מיט לעבן און קראַפט.

די אַלע געפילן, וואָס זענען אויפגערודערט געווען בײַ אים זינט די לעצטע עטלעכע שעה, האָבן איצט אַרויסגעוואַלדעוועט אין אָט דיזם געשריי...

ער האָט זיך אַזוי הינגעריסן פון זיין אייגענעם שטורעם, וואָס האָט אַרויסגעבושעוועט פון אים, אַז ער האָט פּלוצלינג געבומען שרייען אַנטקעגן די דונערן, וועלכע האָבן מיט אַ קלאַפּ און געפילדער זיך געקייקלט דורך כמאַרע און רעגן:

— אָט אַזוי-אָ! אָט אַזוי-אָ! פעלדער, ברויז ווייטער שטאַרקער און ווילדער! און אויב אומגעבראַכט דאָס לעבן, מאַכט עס נישט, מאַכט עס נישט! אָ, אָ, ווי גוט! ווי איך פיל זיך אין אָט דעם אויפברויז! האַ הו-הו! — האָט ער זיך ממש צעהיזשעט הייס און ווילד, בעת עטלעכע דונערן, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן זיך צעשיט...

ליובאַ האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר אַן אָרעם.

— באָריס, וואָס איז מיט דיר היינט? — האָט זי אויסגעשריגן און געקוקט פאַרוואונדערט אויף זיינע צעפלאַמטע אויגן.

ער האָט זיך צעלאַכט און איר אַ קוש געטון מיט פאַררעגנטע ליפּן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך האָב ליב דעם שטורעם, ליובאַ. אמת, דער שטורעם ברענגט אום לעבנס, און אַ סך לעבנס, אָבער דאָס איז דאָך וואָס די נאַטור טוט כסדר. דערפאַר פילן יענע, וואָס דער שטורעם האָט זיי נישט אומגעבראַכט, דעם רייץ פונם לעבן דערנאָך אַ סך טיפער איידער פאַרן שטורעם. איך פיל דאָס, יאָ, איך פיל דאָס!... די פאַרשטייסט, ליובאַ, לעבן און לעבן און לעבן ביז דער דונער האָט דיר נישט אַ קלאַפּ געטון איבערן קאָפּ! — האָט ער געענדיקט מיט אַ פייער אינעם טאָן.

און ליובאַ, וועלכע האָט אויסגעטייטשט זיינע ווערטער אויף איר שטייגער, דאָס הייסט, אַז מיטן „שטורעם“ האָט ער געמיינט די „רעוואָלוציע“, האָט זי זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— נו, יאָ, אָבער הלמאי שרייסטו אַזוי?

און איצט האָט ער בלויז אַ שמייכל געטון און געשוויגן.

ער האָט אַרויסגעשריגן, אַ דאַנק דעם שטורעם, דאָס, וואָס ער האָט געשטיקט אין זיך, און ער איז געוואָרן אַ סך רויקער.

און מיטאַמאָל האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט, און אַ רעגנבויגן, ווי אַ רייף, וואָס האָט געשטראַלט מיט גאָלד און מיט בלוי און מיט גרין, איז האַלב רונד געפאַלן איבער די שפּיצן ביימער און אַרונטער צרגעץ ווייט אינם וואַלד.

דאָס גראָז האָט זיך צעשטראַלט מיט פרישער, גלאַנציקער גרינקייט און אויף די ביימער האָט זיך דאָס לעבן צעזונגען מיט אַ פריילעך פויגל-געזאַנג.

אינדערלופטן האָבן זיך געגאָסן ווארעמע, גאָלדענע שטראַלן.

— ווי שיין! — האָט אַרויסגעפּליסטערט ליובאַ.

זי האָט זיך גענומען אויסטון, כדי אויסצוטריקענען זיך אויף דער זון.

און באַלד איז זי געשטאַנען אין איין אונטערקלייד און האָט געטריקנט איר קאָסטיום און זיך אַליין.

באָריס האָט איר נאָכגעטון און אַרונטערגענומען דאָס רעקל און זיין אויבערשט העמד.

און דאַן האָט ליובאַ דערזעען אין דער בוזים-קעשענע פון זיין רעקל די צייטונג „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ“.

— אַ נייער נומער? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, בראָכקע האָט מיר היינט געבראַכט — האָט באָריס רויק געענטפערט. — אַ בייע וואָרנונג וועגן מיכאַילן איז אינם היינטיקן נומער געדרוקט. אָבער איך ווייס זיכער, אַז ער איז איצט אין מאָהיליעוו.

— ווייז די צייטונג — האָט זי זיך אָפּגערופן.

באָריס האָט איר דערלאַנגט די צייטונג. ליובאַ האָט גענומען לייענען.

— דו ווייסט, באָריס — האָט זי דערנאָך געזאָגט. — מיר ווייזט זיך אויך אויס די גאַנצע צייט, ווי ער וואָלט דאָ ערגעץ געווען. אַזוי ווי איך וואָלט זיין שאָטן די גאַנצע צייט געפילט...

— נאַרישקייטן — האָט באָריס זיך אַ כאַפּ געטון, — דיר ווייזט זיך דאָס אויס פאַר שרעק. ער איז זיכער אין מאָהיליעוו. און געדענק מיינע ווערטער, אַז מיר וועלן גאָר אינגיכן פון אים הערן. איך מיין — האָט ער זיך פאַרריכט — די חברים דאָרט וועלן אויסגעפינען זיין שפּור...

זי האָט אים צוריקגעגעבן די צייטונג.

— און וואָס האָט בראָכקע געוואָלט? — האָט זי דערנאָך געפרעגט.

זי רייסט זיך קיין מאָהיליעוו. אָבער איך האָב נאָך אַלץ מורא איר צו ריזיקירן איצט, ווען מיכאַיל איז דאָרט, איך האָב וועגן דעם חיכטיקע מאָטיוון. איך האָב היינט אַליין גערעכנט צו פאָרן קיין מאָהיליעוו. דערנאָך אָבער האָט עפּעס פּאַסירט. און איך בין דערפאַר נישט געפאָרן.

— דו האָסט מיר נישט געזאָגט וועגן דעם, ווען איך בין בײַ דיר געווען...

— איך האָב נישט געוואָלט. דו וואָלסט אומרויק געוואָרן. איך האָב דורך בראָכקען דיר אָנגעזאָגט, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן...

— און וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט, וואָס עס האָט דיר געשטערט?...

— דאָס קאָן איך דיר נישט זאָגן, ליובאַ...

— אַנטשולדיק, באָריס.

דערנאָך האָבן זיי אַ היפּשע ווײַלע געשוויגן. באָריס האָט גערייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— בראָכקען און קאָליאַן, קאָן זיין, וועל איך שיקן אויף אַן אַנדערער אַרבעט — האָט ער דאַן פאַרטראַכט אַרויסגערעדט.

שפּעטער, ווען איר קלייד האָט זיך אויסגעטריקנט, האָט באָריס זי באַגלייט ביז דער אָזערע, און ווען זי האָט זיך אַרײַנגעזעצט אינם שיפל, האָט ער זיך געזעגנט מיט איר און איז דערנאָך אַוועק דורכן וואַלד אַהיים.

דאָס פינפצענטע קאַפּיטל

באַ יאַקאָדן אין קרעטשמע

עטלעכע וויאָרסט פון דער שטאָט, אויף דער אַנדערער זייט, איז געשטאַנען אַ ביסעלע אָפּגערוקט פון דעם ווייסן שליאַך אַ קרעטשמע מיט טונקעלע ווענט און פענצטער פונגדרויסן, אַזויווי פאַררויכערטע.

אויף ביידע זייטן פונם שליאַך האָט זיך געצויגן אַן אַלטער, כמורער וואַלד, וואָס זומער-צייט האָט ער געשווישטשעט מיט פייגל-געזאַנג, אָסיען-צייט, — מיטן שניידערנדיקן קראַ-קראַ פון קראָען און מיט אַנדערע ווילדע קולות ווי פון נישט-גוטע, און ווינטער-צייט אַמאָל — מיטן וואָיען פון הונגעריקע וועלף.

די קרעטשמע איז געשטאַנען ווי אינמיטן וואַלד.

דער באַלעבאָס פון אָט דער קרעטשמע איז געווען יאַקאָוו, אַ לאַטיש.

דערדאָזיקער יאַקאָוו איז געווען אַ מאַן אַ ריז, הויך-געוויקסיק, מיט אַקסלען און ברוסט, וואָס אייזן וואָלט געקאָנט איבער זיי צעבראָכן ווערן, האָט זיך געדאַכט, און מיט אַ גרויסער בלאָנדער באָרד.

און אַ פנים האָט ער דווקא געהאַט, וואָס עס איז געווען די גוט-מוטיקייט אַליין, און אויגן בלויע, פריינטלעכע, ווי באַ אַ צופרידן, געזונט קינד.

און די פאַרבייפאָרער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַ אים אין דער קרעטשמע, האָט ער באַהאַנדלט אויף דעם פריינטלעכסטן אופן, געהאַט פאַר יעדן אַ גוט וואָרט און אַ פריינטלעכן, גוטמוטיקן שמייכל.

די קרעטשמע האָט ער געהאַלטן זינט איין יאָר, האָט זי איבער-גענומען באַ אַן אַלטן ייד, וועלכער האָט דערנאָך זיך אַריינגעצויגן אין שטאָט.

דער ייד האָט דאָרט קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ שפע, ווי ער.

זיין ווייב. דווקא אַ קליינטשיקע און אַ מאָגערע, מיט פלאַקסענע האָר און מיט העלע, שמייכלענדיקע אויגן, האָט געהאַלטן די קרעטשמע זויבער. די טישן, דער דיל, די שטולן, די בענק — אַלצדינג האָט בײַ איר געבלאַנקט פאַר זויבערקייט. און האָט אַ גאַסט דאָרט איבערגענעכטיקט, איז ער געשלאָפן אויף אַ זויבער בעט.

דערפאַר האָבן פאַרבייפאָרער ליב געהאַט זיך אָפּצושטעלן אין אָט דער קרעטשמע.

און אויך די פויערים פון די נאָענטסטע דערפער זענען געקומען אַהין אָפטער און אַ סך גערנער איידער פריער, ווען דער אַלטער ייד האָט געהאַלטן די קרעטשמע.

וואָרים דער ריז יאַקאָוו איז געווען אַ קלוגער מענטש און די פויערים זענען אָפט געקומען צו אים זיך צו האַלטן מיט אים אַן עצה, צי וועגן באַלעבאַטישקייט, צי אַזוי עפּעס וועגן אַ צרה.

און יאַקאָוו האָט זיי עצות געגעבן, און אַמאָל אַריינגעוואָרפן אין זיין שמועס אַ פּאָר קלוגע ווערטער וועגן דער מלחמה און וועגן „נאַטשאַלסטוואָ” און, בכלל, וועגן דער אָרדנונג אין רוסלאַנד, אָבער שטענדיק אַזוי, ווי ער וואָלט מיט זיינע ווערטער גאָרנישט אויסן געווען.

איין זאַך האָבן די פויערים נישט געקאָנט פאַרשטיין: ער האָט זיי שטענדיק אָפּגערעדט פון צו טרינקען שנאַפּס. געהאַלטן בײַ זיך אין דער קרעטשמע און זיי צוגערעדט, אַז זיי זאָלן דאָס נישט קויפן. אַ טשעקאַוועער מענטש! היינט פאַרוואָס האַלט ער דאָס, אויב אויך נישט צו פאַרקויפן? און, איבערהויפּט, אויף וואָס איז שנאַפּס געמאַכט געוואָרן, אויב מען זאָל עס נישט טרינקען? און ווי קאָן מען גאָר אויסקומען אָן שנאַפּס.

אַזוי האָבן די פויערים גערעדט, און זיי האָבן געטרונקען שנאַפּס בײַ אים אין דער קרעטשמע.

און האָט געטראָפן אַמאָל, אַז אַ פויער האָט זיך אָנגעשיכּורט און איז חילד געוואָרן, האָט ער זיך באַלד געצאַפּלט, ווי אַ געבונדענער שעפּס, בײַ יאַקאָוון אויפן ברייטן אַקסל, וועלכער האָט אים מיט אַ רויקער און גוטמוטיקער מינע אַרויסגעטראָגן אין זיין פוניע, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער קרעטשמע, און אים אַרויפגעוואָרפן דאָרט אויף דער הויכער קופּע היי און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל שלאָפן, אַבישט

וועט ער אָנשיקן אויף אים דעם „כאַפּון“. און האָט דערנאָך צוגעשלאָסן די פּוניע און איז צוריק אַריין אין דער קרעטשמע.

— ער וועט זיך דורשלאָפן, וועט ער אויפשטיין אַ ניכטערער — האָט יאַקאָוו דאַן געזאָגט צו די אַנדערע פּויערים, וועלכע האָבן געטרונקען אין דער קרעטשמע. — מען טאָר נישט טרינקען, ברידערלעך!...

גאַנץ אָפּט האָט אויך געטראָפן, אַז אַ פאַרבייפאָרער, וועלכער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט בײַ אים אין דער קרעטשמע, האָט דערנאָך, אַז ער איז געפאָרן ווייטער, פּלוצלינג באַמערקט אין זײַן וואָגן אַ צייטונג, צי אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס ווען ער האָט זי גענומען לייענען, האָט אים אַ פּחד אָנגעכאַפּט און האָט זיך אַ צעטומלטער געפרעגט: פונוואַנען און וויאַזוי קומט דאָס צו אים?

און אַן אַנדערער האָט אָט די צייטונג, צי פּראָקלאַמאַציע, תּיכּף צעריסן; אָבער עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן די צייטונג, צי די פּראָקלאַמאַציע, טיפער באַהאַלטן אינעם וואָגן, כּדי זי צו לייענען שפּעטער בחדרי־חדרים...

אָט אין דער קרעטשמע איז איינמאָל אַ נאָכמיטאָג פאָרגעקומען אַ קאָנספּיראַטיווע אסיפה פון באַריסן און פון עטלעכע זײַנע חברים און חברטעס.

דאָס איז געווען אַ וואָך שפּעטער נאָך דעם, ווי ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ פּאָר מאָהיליעווער חברים, וואָס ער האָט זייערע אַדרעסן געוווּסט...

אין דער קרעטשמע זענען קיין פרעמדע נישט געווען. פאַר דער טיר איז געזעסן די קליינטשיקע, מאָגערע קרעטשמערקע, מיט די פלאַקסענע האָר און מיט די העלע אויגן, און זי האָט געלייענט אַ בוך.

און אין אַ הינטערשטן חדר זענען אַרום אַ טיש געזעסן באַריס און קאַליאַ, און ליובאַ, און בראָכקע, און דער נערוועזער צייטלין, און בערציק, און דער ריז יאַקאָוו אַליין איז געווען פאָרזיצער פון אָט דער אסיפה.

ער איז געזעסן אויבנאָן באַם טיש אַ רויקער און אַ גוטמוטיקער און האָט געקוקט פרײַנטלעך מיט זײַנע בלויע אויגן אויף באַריסן, וועלכער האָט גערעדט, און פון צייט־צו־צייט האָט ער זיך מיט זײַן מעכטיקער האַנט אַ גלעט געטון די בלאָנדע באָרד און באַמערקט אויף אַ באַסאָוועָ קול:

— וויערבאַ! (ריכטיק).

דאָס איינציקע פענצטער איז פאַרהאַנגען געווען מיט אַ ציכל פון אַ קישן. דורכן צימער האָט זיך געצויגן און געדרייט אַ בלויער רויך פון טאַבאַק. אויף אַ צווייטן טיש זענען אָנגעוואָרפן געווען היטלען און ווייבערישע הישעלעך און דאָס בלישטשענדיקע הענטל פון באָריסעס שטעקן האָט פון זיי אַרויסגעבליאַסקעט.

באָריס האָט גערעדט וועגן מיכאַילן, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די חברים אין מאַהיליעוו.

איצט איז שוין געווען זיכער. ווו ער, מיכאַיל, האָט זיך געפונען...

באָריס האָט גערעדט רויק און שטיל, נאָר פון צייט-צו-צייט, ווען בײַ אים, דעם געבוירענעם אָראַטאָר, האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שיינע, געפליגלטע פראַזע, האָט ער זיך צעוואָרעמט און אויפגעהויבן זיין קול העכער; אָבער דעמאָלט האָט אים יאַקאָוו באַלד איבערגעשלאָגן מיט אַ באַמערקונג: „ניט אַזוי הויך, חבר!" און באָריס האָט תּיכּף ווידער גענומען רעדן שטילער.

— וואָס איך בין אויסן, איז אָט וואָס, חברים — האָט גערעדט באָריס. — בײַ מיר איז איצט קיין ספק ניט, אַז אַלע אונזעריקע פריערדיקע „דורכפאַלן" זענען אויך געווען זיין אַרבעט; אַז ער איז געווען צווישן אונז און ווייסט זיכער פון סודות, וואָס שטעלט אין געפאַר אַנדערע פון אונזערע חברים און חברטעס. איך בין צופרידן, וואָס קאַליאַ און בראַכקע זענען ניט געפאַרן קיין מאַהיליעוו, ווייל עס קאָן זייער און זייער זיין, אַז ער האָט געוווסט וועגן דעם אויך.

צייטלין האָט זיך בעת דעם נערוועז אַ הייב געטון פון זיין אָרט און אַ ווונק געטון צום פאַרזיצער, אַז ער וויל רעדן. יאַקאָוו האָט עס פאַרצייכנט אויפן בויגן פאַפיר, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויפן טיש.

און באָריס האָט גערעדט ווייטער:

— דערפאַר וואָלט מיין פאָרשלאַג געווען, אַז מיר זאָלן געוויסע ענדערונגען אַריינברענגען אין אונזער אַרבעט. צום ביישפּיל, די אַרבעט פון חברטע ליובאַ זאָלן מיר איבערגעבן אַן אַנדערן, צי צו חבר קאַליגין, צי גאָר צו מיר, ווייל איר אַרבעט איז דער וויכטיקסטער סוד בײַ אונז, און איך בין ניט זיכער, אויב מיכאַיל ווייסט ניט פון אים...

ליובאַ האָט אויפגעהויבן איר האַנט און אויך אַ ווונק געטון צום

פאַרזיצער, אַז זי חיל ר'עדן. און ער האָט ווידער פאַרצייכנט אויפן בויגן פאַפּיר.

נאָך באַריסן האָט באַקומען דאָס וואָרט ציטלין.

און ער, אַזויווי איינגאַנצן אויף ספּרוזשינעס, האָט זיך גענומען באַוועגן אַרום טיש, געוואָרפן נערוועז מיט די הענט, אַ פּאָר מאָל אַ שטויס געטון מיט די עלנבויגנס קאַליאַן, וועלכער איז געזעסן לעבן אים, אַרויפגעטרעטן בערציקן, וועלכער איז געזעסן דער דריטער פון אים, אויפן פוס, און האָט זיך אַזוי צעהיצט, אַז יאַקאָוו האָט זיך צום סוף אויפגעהויבן און אים אַרויפגעלייגט זיין גרויסע לאַפּע אויפן מויל. באַמערקנדיק דערביי גוטמוטיק !

— חבר, האַלט איין אַ ביסעלע אייער פּאַראַוויק ! וואַרפט נישט אַרויס אַזוי פיל פּאַרע !

די איבעריקע האָבן זיך צעלאַכט.

ציטלין איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ קוק געטון אַרום זיך מיט זיינע נערוועזע אויגן פאַרווּנדערט, אַזויווי ער וואָלט זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי לאַכן, און דערנאָך ווידער אָנגעהויבן צו רעדן נישט אַזוי היציק און שטילער.

ער האָט גערעדט אין אַ הויך-ליטעראַרישער שפּראַך, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געפלייסט מיט זיין רוסיש צו פאַרדעקן זיין יידישע אָפּשטאַמונג — ער האָט טאַקע געהערט צו אָט דעם טיפּ רוסיש-יידישן אינטעליגענט, וואָס אַזעלכע האָט מען געטראָפן אפילו צווישן די רעוואָלוציאָנערן אויך, דאָס הייסט, צו דעם טיפּ, וואָס האָט זיך געוואָלט אַרויסווייזן פאַר מער רוס פון די רוסן אַליין. ער האָט גערעדט אין אַזאַ הויכער שפּראַך, אַז בערציק, נעבעך, איז געזעסן מיט אָנגעצויגענע אָדערן אויף די שלייפן פאַר אָנשטרענגונג, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרשטיין ציטלינס רוסיש און נישט געקאָנט...

און גערעדט האָט ער וועגן דעם, אַז יעדער און יעדע פון די חברים און חברטעס מוז מאַכן אַ פונדאַמענטאַלע רעוויזיע בײַ זיך אינם זכרון, כדי צו דערמאָנען זיך, ווו און ווען ער אָדער זי האָט געטראָפן אַ פאַרדעכטיקע פּערזאָן, וועמען ער אָדער זי האָט אָנפאַרטרויט סודות. און ווי קאָן מען אָנפאַרטרויען רעוואָלוציאָנערע סודות אַ פּערזאָן, וועלכע קומט פאַר פאַרדעכטיק ? און אויב מען האָט אַזאַ פּערזאָן יאָ אָנפאַרטרויט סודות, איז זי דאָך נישט פאַרגעקומען פאַרדעכטיק. פרעגט זיך, אויב אַזוי : ווער איז זי ? ווו געפינט זיך אָט די פּערזאָן ? אפשר גאָר געפינט

זי זיך נאָך איצט צווישן זיי אַליין? ווער קאָן זיין זיכער, אַז דאָס איז גאָרנישט ער אַליין, צייטלין? צי חבר קאַליאַ? צי גאָר חבר באָריס דאַווידאָוויטש? צי חבר יאַקאָוו? צי איינער פון די חברטעס?

קאַליאַ איז אויפגעשפרונגען מיט אַ צעפלאַמט פּנים און אַ געשריי געטון צו אים:

— איך זעגט אַן אידיאָט! פּאַטשן דאַרף מען אייך!

צייטלין איז שטאַרק רויט געוואָרן, האָט גענומען פינטלען נערוועז מיט די אויגן און זיך צעשמייכלט צעמישט און רחמנותדיק.

— דאָס איז נאָר אַ ביישפּיל, חבר קאַליאַ! — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— אַ ביישפּיל פון אַן אידיאָט, אַ כאַם! — האָט קאַליאַ אים אונטערגעבראָכן מיט כעס.

צייטלין האָט, שמייכלענדיק צעמישט, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט.

באָריס האָט געשוויגן, געקוקט בלויז אויף צייטלינען מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

און יאַקאָוו האָט זיך גוטמוטיק אָנגערופן:

— איך האָב אָבער געוואָרנט חבר צייטלינען, אַז ער זאָל איינהאַלטן אַ ביסל זיין פּאַרע. ווי קאָן דאָס אַ מענטש האַלטן אין זיך אַזוי פיל פּאַרע, וואָס וואָלט גענוג געווען אויף אַ גאַנץ שוויצבאָד! — האָט ער זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

און דערנאָך האָט ער געגעבן דאָס וואָרט ליובאַן.

און ליובאַ האָט זיך צערויטלט, ווען זי האָט זיך אויפגעשטעלט צו רעדן.

— כ׳מיין, — האָט זי אָנגעהויבן, פּלאָנטערנדיק אַ ביסל די ווערטער און שעמענדיק זיך — כ׳מיין, אַז חבר צייטלין איז אינגאַנצן נישט אומגערעכט. דאָס הייסט, נאַטירלעך, אַז עס איז זייער קאָמיש און אפילו קינדיש און, איך וועל זאָגן, שטאַרק אומגעלומפּערט, צו דערמאָנען אין שייכות מיט יענעם אויסוווּרף די נעמען פון אונזערע חברים, איבערהויפּט דעם נאָמען פון באָריס דאַווידאָוויטשן...

— נאָר אַן אידיאָט האָט עס געקאָנט — האָט זי פלוצלינג אונטערבראָכן, בראָכקע, מיט אַ צעפלאַמט פּנים — קאַליאַ איז גערעכט!

ליובאַ האָט זיך אַ קער געטון צו איר:

— חברטע, שלאָגט מיר נישט איבער — האָט זי זיך אָנגערופן. —

איר ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין רעדנערין, און איין וואָרט צעפלאָנטערט מיך אינגאַנצן... קורץ — האָט ליובאַ דערנאָך גערעדט ווייטער. — יאָ, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. אמת, חבר צייטלין האָט זיך נישט אויסגעדריקט קאָרעקט. אָבער, אין תוך גענומען איז ער גאָרנישט אַזוי אומגערעכט. אויב יענער אויסוואורף ווייסט פון אונזערע סודות, באַווייזט דאָך דאָס, אַז ער איז צווישן אונז געווען. פרעגט זיך: ווער איז ער? און ווען איז ער צווישן אונז געווען און צווישן וועמען? איך מוז אייך זאָגן, אַז איך אַליין פיל אויך אַמאָל, אַזוי ווי דער שאָטן פון יענעם אויסוואורף וואָלט געווען אַרום אונז. ווו און ווער? איך ווייס נישט. און אפשר ווייזט זיך מיר דאָס אויס פאַר שרעק, ווייל איך טראַכט אַזוי פיל פון אים. איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. און איצט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, וואָס חבר באָריס האָט געזאָגט, אַז מיין אַרבעט דאַרף מען איבערגעבן אַן אַנדערן. אויף דעם וועל איך ענטפערן: אפשר דענקט חבר באָריס, אַז איך פּאַס גישט פאַר אָט דער אַרבעט, נישט גענוג קלוג, נישט גענוג פּאָרזיכטיק, צו קינדעריש, אַזוי צו זאָגן, אַז מען זאָל מיר אַזאַ אַרבעט אָנפאַרטרויען, דערקלער איך אייך, אַז די אַרבעט קאָן נאָר איבערגעבן אַן אַנדערן דער צענטראַל-קאָמיטעט, און חבר באָריס האָט אפילו קיין רעכט נישט צו רעדן דערפון. זאָל ער זיך ווענדן וועגן דעם צום צענטראַלן קאָמיטעט, און דעמאָלט, אויב דער צענטראַל-קאָמיטעט וועט אויסגעפינען, אַז מען טאָר מיר נישט פאַרטרויען, זאָל ער אַליין האַנדלען!...

און אַז זי האָט זיך דערנאָך אָהעקגעזעצט, זענען די אויגן באַ איר פאַרלאָפן געווען מיט טרערן און זי האָט אויסגעזען זייער אויפגערעגט.

באָריס האָט אַ שמייכל געטון צו איר און זיך אָנגערופן:

— חברטע ליובאַ, איר האָט מיך נישט ריכטיק פאַרשטאַנען.

זי האָט אָפגעקערט פון אים דעם קאָפּ און אָפּגעווישט מיט אַ טיכל די אויגן.

אין צימער איז אַריינגעקומען קאַליגין אין אַ פאַרשטויבט טונקל רעקל און אין פאַרשטויבטע שטיוול. אונטערן רעקל האָט ער געטראָגן אַ רויט העמד מיט אַ געשטיקטן גאַרטל, און די ברעגעס פונם העמד זענען אַרויסגעלאָזט געווען איבער די הויזן. און אָנגעטון אַזוי און מיט זיין גרויסער שוואַרצער באָרד האָט ער אויסגעזען ווי אַ טיפּישער רוסישער קויפמאַן.

ער האָט יעדן פֿון זיי געדריקט די האַנט, אַ וואָרף געטון זיין היטל אויפֿן טיש, ווו די אַנדערע היטלען זענען געלעגן, און האָט זיך געזעצט לעבן יאַקאָוו.

יאַקאָוו האָט אים אין קורצן איבערגעגעבן וואָס זיי האָבן פֿאַר־האַנדלט.

— די גאַנצע געשיכטע געפֿעלט מיר נישט — האָט קאַליגין אַרויסגעבראָמט, און ער האָט זיך ווי אַנגעבלאָזן. — דער טייוול איז דאָ, דער טייוול איז דאָרט, און דערווייל גייען פֿאַרלוירן אונזערע חברים, און ער, דער טייוול, לעבט, און מיר רעדן, האַלטן נאָר אין איין רעדן! פֿון דאַרף אים אויסגעפֿינען. אויסגעפֿינען דעם טייוול — האָט ער אַ זעץ געטון מיט דער פֿויסט אין טיש. — אָט וואָס מיר דאַרפֿן!

בערציק, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט מיט אַן אָנגעשטרענגט פּנים, ווייל ער האָט געוואָלט פֿאַרשטיין אַלע מיינונגען און אַלע געדאַנקען, וואָס זיי זענען דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן און ס'רוב פֿון זיי טאַקע נישט פֿאַרשטאַנען, מחמת דער שפּראַך, האָט איצט, ווען ער האָט דערהערט די פּשוטע און קלאָרע שפּראַך פֿון קאַליגינען, זיך דער־פֿרייט און גענומען אים אַפּלאָדירן.

— רויק, חבר בערציק! — האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אים דערמאָנט יאַקאָוו.

בערציק האָט אויף דעם אים געענטפֿערט אין יידיש, ווייל יאַקאָוו האָט אָפֿט גערעדט מיט אים דייטש:

— חבר קאַליגין רעדט קלאָרע דיבורים, חבר יאַקאָוו!...

— יאָ, יאָ, חבר בערציק, געוויס, געוויס — האָט יאַקאָוו גע־שמייכלט. — אָבער חבר קאַליגין האָט דאָס וואָרט!..

און קאַליגין האָט גערעדט ווייטער:

— איך זאָג באַכאַמאָל: מיר געפֿעלט נישט די גאַנצע געשיכטע. ער איז צווישן אונז געווען און האָט אַרויסגעגעבן אונזערע חברים און קיינער פֿון אונז קאָן זיך אפֿילו נישט דערמאָנען אָן איינעם, וואָס זאָל אַרויסרופֿן אונזער פֿאַרדאַכט. איך האָב שוין גערעדט וועגן דעם אויך מיט אַנדערע חברים און חברטעס, קיינער געדענקט נישט. אוודאי, איך פֿאַרשטיי, אַז אַזאַ פֿויגל, ווי אָט דער מיכאַיל, ווייסט ווי אַזוי זיך צו פֿאַרמאַסקירן, אַז מען זאָל אים נישט דערקענען. אויף דערויף איז ער דאָך אַ פּראָוואָקאַטאָר. אָבער דאָך... ער איז דאָך געווען צווישן אונז און ער האָט דאָך מסתּמא אַ פּנים, אַ געשטאַלט, זעט דאָך מסתּמא אויס

ווי אַ מענטשלעכע בריאה? עמעצער פֿון אונז האָט דאָך געקוקט אויף אים, געזעען אים? היינט ווער איז ער? ווי זעט ער אויס, דער טייוול? איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: אַן אַנדערש מאָל פֿרעג איך זיך: צי בין איך גאָר אַליין נישט אָט דער טייוול, צי נישט אָט דער חבר, אָדער יענער חבר?...

צייטלין איז מיט היץ אויפֿגעשפּרונגען.

— מיינע ווערטער! — האָט ער אויפֿגערעגט אויסגעשריגן. — דאָס אייגענע האָב איך דאָך פֿריער געזאָגט און מען האָט מיך דערפֿאַר באַליידיקט!

קאַליאַ האָט איצט געשוויגן. פֿאַר קאַליגינען האָט ער גרויס דרך־ארץ געהאַט.

באָריס האָט אויך געשוויגן. ער איז איצט געזעסן רויקער איידער ווען־עס־איז, גערייכערט אַ פּאַפּיראָס און מיט אַן ערנסטער מינע זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס קאַליגין האָט גערעדט.

און פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגערופֿן אין דעם רויקסטן טאָן:

— אַלצדינג, וואָס חבר קאַליגין האָט געזאָגט איז אמת. אונטער יעדן וואָרט וואָלט איך זיך אונטערגעשריבן. עס פֿרעגט זיך אָבער: וואָס זאָלן מיר טון? איין זאַך, חברים, איז זיכער, אַז מיר טאָרן נישט צווייפֿלען איינער אין דעם אַנדערן. גנבעט זיך אַריין אָט דער צווייפֿל צו אונדז אין הארץ, איז אונדזער אַרבעט פֿאַרסמט, אונדזער ענערגיע, מיר באַגייען אַ פֿאַרברעכן קעגן דער רעוואָלוציע און קעגן אונדזערע חברים אַליין, ווען מיר לאָזן צו צו אונדזער מוח אָט אַזאַ צווייפֿל...

— בראַוואָ! — האָט אויסגעשריגן קאַליאַ און היציק אַפּלאָדירט.

באָריס האָט גערעדט ווייטער:

— איך, חברים, צווייפֿל אין אייך קיינעם נישט. איך ווייס, און איך בין הייליק איבערצייגט אין דעם, אַז יעדער פֿון אייך איז גרייט אַוועקצוגעבן זיין לעבן פֿאַר אונדזער אידעאַל, פּונקט אַזוי ווי איך.

ליובאַ און בראָכקע האָבן אים איצט הייס אַפּלאָדירט, און בערציק און קאַליאַ און יאַקאָוו אויך.

— איז וואָס־זשע טוט מען פֿאָרט, באָריס דאַווידאָוויטש? — האָט קאַליגין אים איבערגעשלאָגן.

— אַרבעטן! עס איז דאָ אַ סך אַרבעט צו טון! — האָט געענטפֿערט באָריס. — און פֿאַרזיכטיקער זיין מיט אונדזער אַרבעט, מיט די

מענטשן, וואָס מיר טרעפן. דאָס הייסט, זיין אַ ביסעלע מער קאָנ־ספּיראַטיוו.

קאַליגין האָט אַ ווײַלע געשוויגן און זיך געגלעט די באָרד, דער־נאָך האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

— באָריס דאַווידאָוויטש, מיר האָבן דאָס לעצטע מאָל גערעדט וועגן דעם, אַז מען זאָל זיך זען מיט די פאַרשטייער פון די אַנדערע פּאַר־טייען און באַ זיי זיך נאָכפרעגן אויפן טייוול. האָט איר עמעצן פון זיי געזען?

— אַ פּאָר פון זיי האָב איך געזען. איך קען זייער ווייניק פון זיי. פאַרשטייט איר דאָך, ווען איך וואָלט זיך עפּעס דערוווּסט, וואָלט איך געמאָלדן. און וואָס איז דאָ צו וויסן — האָט באָריס זיך איבערגע־שלאָגן. — מיר ווייסן איצט, אַז ער איז אין מאָהיליעוו. איך האָב זיך געקליבן צו פאָרן אַהין, נאָר עפּעס האָט מיך פאַרהאַלטן...

— איך פאָר מיט אײַך, באָריס דאַווידאָוויטש! — האָט קאַליגין פּלוצלינג אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש, און ער האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַן אַנטשלאָסענער מינע. — מיר ביידע וועלן אים שוין אויפזוכן, צעטרעטן די שלאַנג ווי אַ שרץ!

ליובאַ האָט אומרויִק אַ קוק געטון אויף באָריסן, וועלכער האָט רויִק געענטפערט:

— מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם. עס איז דאָ נאָך אַן אַנדערע, זייער אַ וויכטיקע אַרבעט...

מיטאַמאָל האָט בערציק זיך אויפגעהויבן און געזאָגט, אַז ער וויל רעדן. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אין דער צעקאַליעטשעטער רוסישער שפּראַך, אין וועלכער יידישע קרעמער און קרעמערקעס רעדן געוויינלעך מיט די פּויערים.

— חברים, — האָט ער גערעדט און געמאַכט שטאַרק מיט ביידע הענט, אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיי זיין רוסיש פון זיך אַרויסגעשלאָגן. — דער הונט מוז אַקאַליעט ווערן, אי קאָניעץ! (און אַ סוף). חבר קאַליגין איז גערעכט: מען דאַרף צעטרעטן די שלאַנג, אַנישט איז אַן אומגליק, און קאָניעץ! די „טראַפּניע" קישקעס דאַרף מען אים אַרויסרייסן, און קאָניעץ! שיקט מיך, חברים, צו מאַכן אים אַ קאָניעץ און זאָלן זיי מיך אפילו הענגען, זאָלן זיי דערוואַרגן ווערן מיט מיר! חברים — האָט ער זיך אַלץ מער צעוואַרעמט און מיט האַרץ גערעדט. — ער מאַכט דאָן

אונז אומגליקלעך! וואָלט ער כאָטש ארויסגעגעבן אַ נאָש בראָט, אַזאַ חבר ווי מיך, נו, כאַפּט אים דער רוח, די כאָליערע, די רעוואָלוציע וואָלט אַ סך נישט אָנגעווירן, נעמט ער דאָך אָבער צו בײַ אונז די בעסטע חברים אונזערע! חברים, איך בעט אייך, שיקט מיך צו אים. איך וועל שוין אים געפינען. איך זוך אים שוין לאַנג. די חברים קאַליגין און באָריס זענען צו וויכטיקע חברים, טאָר מען נישט אײַנשטעלן זייער לעבן. די רעוואָלוציע דאַרף זיי האָבן. מיך, אָבער — וואָס קאָן איך אויפטון, נישט קיין רעדנער און נישט קיין געבילדעטער. וויל איך כאָטש אָט די שלאַנג, אָט דעם הונט דערהרגענען, און דערנאָך זאָלן זיי מיך הענגען, און קאָניעץ!...

צייטלין האָט געקוקט אויף אים מיט אַן איראָנישן שמייכל, מחמת ער האָט אַזוי געקאָליעטשעט די רוסישע שפּראַך; די איבעריקע, אַ חוץ יאַקאָוו און קאָליגינען, ערנסט. און די לעצטע צווי האָבן געקוקט אויף אים ווארעם, כמעט מיט באַגייסטערונג.

און ווען בערציק האָט געענדיקט, איז קאַליגין צו אים צוגעלאָפן און אים אַרויפגעלייגט זיינע ביידע הענט אויף די ברייטע אַקסלען און, אַרײַנקוקנדיק אים מיט וואַרעמע אויגן אין פּנים אַרײַן, האָט ער אויסגע־שריגן מיט אמתער הארציקייט:

— חבר בערציק, איר זענט פּונקט אַזאַ וויכטיקער חבר, ווי באָריס דאַווידאָוויטש און ווי איך און ווי מיר אַלע. און אייער לעבן איז פּונקט אַזוי הייליק פאַר אונז און פאַר דער רעוואָלוציע, ווי דאָס לעבן פון אונז. אַ וווּנדערלעכע רעדע איז געווען אייערע, אַ הייליקע רעדע, חבר בערציק!

און דערביי האָט זיך קאַליגין מיט אים צעקושט.

און יאַקאָוו, בלייבנדיק זיצן אויף זיין אָרט, האָט זיך אָנגערופן צו בערציקן אויף דייטש:

— דו גוטער יונגע! דו גוטער, גוטער יונגע!...

בערציק האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט און זיין רויט, גוטמוטיק פּנים, מיט דער קורצער, שמייכלענדיקער נאָז און מיט די שמאָלע יאַפּאַנעזישע אויגן, האָט אויסגעדריקט איין פאַרוווּנדערונג.

ער האָט זיך געוווּנדערט: וואָס אַזוינס האָט ער געזאָגט, פון וואָס זיי זענען אַזוי נתפּעל געוואָרן...

און מיטאַמאָל האָט באָריס אַרויסגערעדט:

— חברים, איך מיין, אַז בערציק איז דער ריכטיקער מענטש צו שיקן אַהין. און איך וואָלט געזאָגט, אַז חבר צייטלין זאָל מיט אים פאָר.

קאַליאַ איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ געלעכטער.

— חבר צייטלין? אַהאַ!

צייטלין איז רויט געוואָרן און האָט אַ קוק געטון אויף קאַליאַן אויפגערעגט.

קאַליגין האָט אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— חבר צייטלין איז נישט דער מענטש פאַר אַזאַ אַרבעט. צו נערוועז. ער איז אַ חבר פאַר אַגיטירן און שרייבן אַרטיקלען, אָבער נישט פאַר אַזאַ אַרבעט.

— פאַר אַזאַ אַרבעט אויך! — האָט צייטלין אויסגעשריגן אויף אַ קוויטש פאַר אויפרעגונג. — פאַר יעדער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, און אומזיסט האָט חבר קאַליאַ אויסגעשריגן זיין „אַהאַ!”

און די אַנדערע האָבן זיך אַריינגעמישט, איבערגעשלאָגן איינער דעם אַנדערן, און עס איז געוואָרן אַזאַ טומל אינם צימער, אַז די קרעטש-מערקע איז אַריינגעלאָפן מיט די ווערטער:

— שאַ, מענטשן זענען דאָרט!

און דערנאָך, אַז זי איז צוריק אַוועק, איז אינם צימער שטיל גע-וואָרן און אַז מען האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, האָט מען גערעדט שטיל.

פון זיי האָבן נאָך לאַנג דעבאַטירט איבער דער פראַגע, צי מען זאָל שיקן בערציקן און צייטלינען, און צום סוף איז בא זיי געבליבן, נאָכדעם ווי באָריס האָט אַ פאָר מאָל ווידער גערעדט, אַז מען זאָל שיקן מיט בערציקן קאַליאַן.

קיין קלאָרן פּלאַן וועגן זיי האָט באָריס נאָך נישט געהאַט. אויף דערווייל איז אים וויכטיק געווען, אַז ער אַליין זאָל נישט דאַרפן פאָרן אַהין און אַז ס'זאָל אָפּגעשטופּט ווערן אויף אַ צייט די פראַגע וועגן מיכאַילן. דערפאַר אָבער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַ פאַר-ברעכערישער פּלאַן וועגן צייטלינען אין זיין מוח, ווארים בא דער איצטיקער אסיפה האָט ער דערפילט אַ האַס צו אים, צו צייטלינען...

פאַרנאַכט האָבן זיי אַלע פאַרלאָזט יאַקאָווס קרעטשמע. באָריס און ליזבאַ זענען אַוועק די לעצטע.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר איר, פאַרוואָס ער האָט פריער געמאַכט זיין באַמערקונג וועגן דעם, אַז זי זאָל איבערגעבן איר אַרבעט צו אַן אַנדערן און איר פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט אויסן געווען זי צו באַליידיקן.

און געענדיקט האָט זיך דאָס דערמיט, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז היינט אויפדערנאַכט וועט ער קומען צו איר צהיים...

דאָס זעכצעגטע קאַפּיטל

דוד פּערעלשטיין און דער אַלטער בעל־תּפילה

אין יענעם אָוונט איז דוד פּערעלשטיין פאַרנומען געווען בײַ אים אין הויז מיט אַ חזן.

ווײַל ער האָט געוווינט ווײַט פון אַ שטאָטיש בית־המדרש, האָט ער אויפגעבויט אַ שולעכל בײַ אים אויפן הויף, וווּ ער מיט אַ פּאָר מנינים יידן, וואָס האָבן געוווינט אַרום אין זײַן געגנט, ס׳רוב אַרבעטער פון זײַן פאַבריק, האָבן געדאַוונט יעדן שבת און יום־טוב און יעדעס מאָל, בעת עמעצער האָט געהאַט יאָרצײַט..

זײַן שותּף, דער אַלטער אײַזענבערג, האָט אויך געדאַוונט אין אָט דעם שולעכל, ווען ער איז אינדערהיים געווען, און גרישאַ איז אויך אַמאָל געקומען אַהין דאַוונען, ווען ער האָט געוואָלט יוצא זײַן פאַר זײַן טאַטן, צי פאַר דוד פּערעלשטיין.

דאָסדאָזיקע שולעכל איז באַשטאַנען פון צוויי חדרים, פון איינס אַ גרויס, פאַר די מאַנסבילן, און פון אַ קלענערס, פאַר די ווײַבער — פון צוויי חדרים, וועלכע זענען צוגעבויט געווען צו דער קאַנטאָר און האָבן געהאַט אַ באַזונדערן אַרײַנגאַנג פונם הויף דורך אַ זײַטיקער טיר.

דוד פּערעלשטיין איז ווײַט נישט געווען קיין פרומער ייד. אין דער פרעמד, דאָס הייסט, ווען ער איז קיין אויסלאַנד אַמאָל אַרויסגעפאָרן, האָט ער נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויף כּשרות און איז געפאָרן אום שבת אויך, אָבער אינדערהיים האָט ער געפירט אַ פרומען שטאַט, אַ יידיש הויז, נאַטירלעך, אויף אַ הײַנטוועלטיקן שטייגער.

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ משכּיל און פאַר אַ ציוניסט, געלייענט אַ העברעיש בלאַט און אַ ריסישס, און האָט שטאַרק מקפּיד געווען

אויף די כללים פון דער רוסישער גראמאטיק, וואס ער האט נאך גע־לערנט בחורווייז, אין יענער צייט, ווען ער האט זיך אויך געלערנט צו שפילן אויף פידל, ווי עס האט געפאסט פאר א גבירישן בחור.

די פידל האט ער שוין לאנג־לאנג נישט געהאלטן אין די הענט, כמעט זינט זיין חתונה אן, ווארים אויף דער פידל האט ער זיך געלערנט צו שפילן נישט דערפאר, מחמת ער זאל האבן געהאט א באזונדער געפיל צו דעם, נאר ווייל עס איז כמעט אזא מנהג געווען בא די גבירישע יידישע זין אין יענער צייט, צו לערנען זיך שפילן אויף דער פידל.

דערפאר אבער האט ער ליב געהאט צו דאווענען פארן עמוד. ער האט געהאט א שטיקל טענארל, געקאנט א ביסל ציקלען מיטן האלז, גע־ווּסט א ביסל בעל־תפילהשן „שטייגער", האט ער געדאוונט די שחרתים, און אמאל די מוספים אויך, און דערביי געזאגט די ווערטער אזוי, אז מען זאל זעען, וואס פאר א גרויסער בעל־דקדוק ער איז געווען...

ער איז געווען א בעל גאווה און האט ליב געהאט כבוד. מחמת דעם האט ער מער צדקה געגעבן איידער די אנדערע יידישע גבירים פון זיין שטאט און איז געווען גבאי כמעט פון אלע יידישע צדקה־הברות.

די שטאטישע יידן האבן פאר אים גרויס דרך־ארץ געהאט. ווען ער איז דורכגעפארן אין זיין קארעטע פארביי די קראמען איבערן מארק, האבן די קרעמער און די קרעמערקעס אים נאכגעקוקט מיט גרויס אפשיי.

איבערהויפט האבן זיי געהאט אפשיי פאר אים, ווייל ער איז אזוי אויסגעבונדן געווען מיט דער העכערער „נאטשאלסטווע", ווייל זיי האבן געוווּסט, אז אפילו דער פאליצמייסטער איז בא אים א שטוביקער מענטש...

פארשטייט זיך, אז ווען מען האט געדארפט שיקן א יידישע דע־לעגאציע צו „נאטשאלסטווא", איז ער שטענדיק געווען דער קאפ און דאס לשון פון אזא דעלעגאציע...

דעמאלט ערשט האט ער ארויסגעוויזן זיין בריהשאפט אין דער רוסישער שפראך, האט ארויסגערעדס שארף די רוסישע צ ע און ט ש ע, די רוסישע ע ס און ש א און אפילו נישט געמאכט קיין איין גראמאטי־קאלישן גרייז, ממש אן עכטער געבילדעטער פאניע!...

אבער, בכלל, מיט אלע זיינע שוואכקייטן, אנדערע גאנץ קאמישע, איז ער געווען א ווילער ייד, וועלכער האט אין זיין הארץ געטראגן א

טיפן צער פאַרן כלל ישראל און בשעת דעם קישיניעווער פּאָגראָם האָט ער מיט אמתע טרערן געקלאָגט אויף די יידישע קרבנות, און ער האָט דאַן געפילט, אַז ער וואָלט ביז זיין לעצט העמד אַוועקגעגעבן פאַר דער יידישער דערלייזונג פונם גלות...

אמת, אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן אים געזען אין זיין פאַבריק, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ בעל שגעון, שיער נישט פאַר אַ שטיקל מטורף. מחמת שטענדיק איז ער געווען צעטראָגן און צעדרייט און פאַר דער קלענסטער קלייניקייט האָט ער זיך תיכף אַזוי צעשריגן און צעגע־וואַלטעוועט, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז גאָט ווייסט וואָס ער איז קאַפּאַבל צו טון פאַר כעס. אָבער, אינדעראמתן, איז ער געווען אַ יידישער גזלן. וואָרים איין גוט וואָרט, און ער איז שוין מער נישט אין כעס געווען, האָט זיך געגלעט דאָס שוואַרצע בערדל און געשמייכלט, און אפילו אַמאָל דערנאָך זיך אַליין אָנגערופן „מטורף".

אַזאַ מענטש איז ער געווען, אין אַלע פּרטים סימפּאַטישער איידער אַ סך אַנדערע יידישע פאַבריקאַנטן פון אָט דער שטאָט.

זיין ווייב, רבקה, אַ טאָכטער פון אַ רייכן חסיד, אַ גוטהאַרציקע פרוי, אַ געבוירענע מאַמע, איז זיך באַגאַנגען מיט אים שיער נישט ווי מיט איר טאָכטער ליובאַן, ממש ווי מיט אַ קינד.

זי האָט געקענט אַלע זיינע שגעונות און אַמאָל האָט זי זיך אָנגע־בייזערט אויף אים און אַמאָל אים אַ לאַשטשע געטון און שטענדיק, ווען נאָר זי האָט געוואָלט, האָט ער זי געפאָלגט.

פון זיין דאַווענען פאַרן עמוד האָט זי גאָר אָנגעקוואָלן, האָט אים געהאַלטן פאַר דעם בעסטן בעל־תפילה.

— דיין דאַווענען איז היינט געווען פול מיט מתיקות, — האָט זי אים יעדעס מאָל געזאָגט. האָט ער דערפאַר זי געהאַלטן פאַר די גרעסטע מבינטע אויף חזנישע מתיקות. און בשעת אים איז אַמאָל אַריינגעפאַלן עפּעס אַ ביי שטיקל „שטייגערל", צי ער האָט עס ערגעץ־ווו „געגנאַשט", האָט ער עס פאַר איר אָפּגעזאָגט פריער און אַז איר איז עס געפעלן געוואָרן, האָט ער עס דערנאָך געזאָגט פאַרן עמוד. אַריינגעלייגט אין דעם נאָך אַ נייעם אָכץ און קרעכץ, וואָס זי האָט פריער נישט געהערט.

עס האָט אים נאָר פאַרדראָסן, פאַרוואָס זיין בת־יחידקע, זיין ליובאַ, אויף וועלכער ער איז אַזוי שטאָלץ געווען, איז קיינמאָל נישט געגאַנגען הערן, ווי איר טאַטע דאַוונט פאַרן עמוד.

ימים־נוראים האָט געדאַוונט בא אים אין שולעכל אַ ריכטיקער בעל־

תפילה, דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי „אַ ריכטיקער בעל־תפילה". ווייל דער אמתער „ריכטיקער" איז ער געווען, אין דעם זענען זיכער געווען סיי ער און סיי זיין גרעסטע מבינטע, רבקה, נאָר אַ בעל־תפילה וועלכער האָט גענומען געצאָלט פאַרן דאַוונען.

האָט ער, דוד פּערעלשטיין, געדאַוונט די שחריתים און דער געזונגענער בעל־תפילה די מוספים און כּל־נדרי.

אָבער נישט נעילה. ווייל נעילה האָט ער אַליין געמוזט זאָגן, כּדי דער עולם זאָל געדענקען זיין נעילה. און ווי איז געווען יענעם, ווער עס האָט זיך דערוועגט צו זאָגן, אַז דער מוסף פון דעם געדונגענעם בעל־תפילה איז געווען געשמאַקער איידער פּערעלשטיינס שחרית. פאַר אַזאַ זאַך איז דוד פּערעלשטיין געווען שטאַרק ברוגז.

יעדעס יאָר אין דער צייט זענען געקומען בעלי־תפילות צו דוד פּערעלשטיינען אַהיים און האָבן זיך געלאָזט פאַרהערן. און, געוויינלעך, איז שטענדיק אויסגעקומען, אַז דער בעל־תפילה זאָל פאַר אים זאָגן אַ „שטיקל". האָט דוד פּערעלשטיין פאַר יענעם זיינע „שטיקלעך" געזאָגט, און דעמאָלט וואָס מער דער בעל־תפילה איז נתפּעל געוואָרן פון פּערעלשטיינס זאָגעכץ, אַלץ זיכערער האָט ער געקאָנט זיין, אַז דוד פּערעלשטיין וועט אים דינגען פאַר די ימים־נוראים און וועט אים גוט באַצאָלן אויך...

אַזוי איז געווען אויך אין יענעם אָוונט, ווען אַ חזן איז געקומען צו אים אין הויז זיך צו „פאַרהערן"...

דער חזן איז געווען איצע־מאיר פיאַל, אַן עלטערער ייד, מיט אַ ווייסער באָרד, מיט האַלב־טויטע אויגן און מיט איינגעהויקערטע אַקסלען.

דערדאַזיקער איצע־מאיר פיאַל איז אַמאָל געווען גאָר פון די געהויבענע בעלי־תפילות, אַ גרויסער קלאָגער, און געווען דער שליח־צבור פון די גרעסטע בתּי־מדרשים. פיאַל האָט מען אים גערופן מחמת זיין פאַלצעט, מיט וועלכע ער האָט געעפנט גאַנצע קוואַלן טרערן בײַ זיין יידישן עולם.

אָבער שוין זינט אַ יאָר צען, ווי זיין פאַלצעט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן פאַרזשאַווערטע טענער — זיין פיאַל איז אַלט און קאַליע געוואָרן — און פון יאָר צו יאָר איז אים אַלץ שווערער געוואָרן צוצובאַקומען אַ ריכטיקע שטעלע אין אַ לייטיש בית־המדרש פאַר ימים־נוראים און ער האָט זיך געמוזט פאַרדינגען אַבי־ווו, און דערפאַר איז ער דאָס יאָר געקומען צו פאַרדינגען זיך צו דוד פּערעלשטיין.

ער איז געזעסן מיט איינגעהויקערטע אקסלען אין דעם גרויסן שטצימער באם טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאנען טיי און כיבוד, מיט א גרויסן וואלגנעם טוך ארום האלז, כאטש עס איז געווען זייער הייס, און מיט צוויי פינגער פארלייגט הינטערן רעכטן אויער און מיטן פאר־מעט־פנים האלב געווענדט צו דוד פערעלשטיינען, האט ער זיך צוגע־הערט צו דעם „שטייגער", וואס דוד פערעלשטיין, זיצנדיק קעגן אים, האט געזאגט, און ער האט באוועגט מיט די ליפן און מיט די ווייסע וואנסעס, אזוי־ווי ער וואלט אט דעם „שטייגער" אין זיינע געדאנקען נאכגעזאגט.

און וואס טוט נישט א ייד צוליב פרנסה? דער אלטער איצע־מאיר שמאל איז גאר נתפעל געווארן פון פערעלשטיינס „נוסח".

— אי־אי — האט ער אויסגעשריגן מיט א הייזעריק קול און גע־שאקלט דעם ווייסן קאפ, בעת דוד פערעלשטיין האט געענדיקט. — פלאי פלאים! א טייטשן! הייגט די מתיקות. אי־אי־אי! איך זאג אייך באמת, ר' דוד, איך מיין נישט, חלילה, אייך צו חנפענען, אבער... אבער... אמתע מתיקות! עס צעגעמט, עס צעגעמט! הייגט א האלז האט איר... אי־אי! אי־אי!...

דוד פערעלשטיין האט געשמייכלט און גאר געלויכטן און רבקה, וועלכע איז אויך געזעסן באם טיש, האט געשעפט נחת ממש עמערוויין.

זי האט צוגערוקט דעם כיבוד נענטער צום אלטן מיט די ווערטער:

— פארזוכט עפעס, טרינקט, עסט...

דוד פערעלשטיין האט זיך א גלעט געטון דאס בערדל און זיך אנגערופן צו זיין ווייב מיט התפעלות!

— ווען דו וואלסט וויסן, רבקה, וואס פאר א מבין דער ייד איז, וואס פאר א גדול צווישן בעלי־תפילות!...

און ער האט זיך ווידער א קער געטון צום אלטן איצע־מאיר:

— און ווי גייען בא אייך די „יעלות"? זענט איר א בעלן צו הערן, ווי איך זאג זיי? אויפן שטייגער פון ניסן בעלזער, נאר א ביסעלע אויף מיין אייגענעם שטייגער, אויף א מער היינטוועלטיקן. ווילט איר הערן?

האט דער אלטער בעלי־תפילה זיך געקאנט עפעס העלפן?

— אוודאי, ר' דוד — האָט ער זיך אָנגערופן. — סטייטש, אייך צו הערן. וואָס רעדט איר? אמתע מתיקות!

און דוד פּערעלשטיין האָט ווידער געגומען זאָגן, האָט זיך ווידער צעאָכצט און צעקרעכצט און געדריידלט מיטן האַלז און רבקה האָט זיך געווישט די אויגן, און דער אַלטער איצע-מאיר איז נאָכאַמאָל נתפּעל געוואָרן.

אַזוי אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד. פאַר דער גאַנצער צייט האָט דער אַלטער בעל-תּפילה נאָר איין „שטיקעלע" געזאָגט און די איבעריקע צייט האָט ער געמוזט הערן, ווי אַזוי דוד פּערעלשטיין האָט געזאָגט...

צום סוף האָט אים דוד פּערעלשטיין דערקלערט:

— ר' איצע-מאיר, איר בלייבט מיין חזן פאַר ימים-נוראים. געצאָלט אַזוי פיל וויפיל איר בעט און איך וועל אייך נאָך אויסהעלפן באַם עמוד אויך. טאָמער אפילו איר וועט ווערן אַ ביסעלע מיד, איז אויך נישט קיין אומגליק. איך בין דאָ.

און ווען דער אַלטער בעל-תּפילה איז אַוועק, האָט דוד פּערעלשטיין זיך אָנגערופן צו זיין ווייב מיט התפעלות:

— איצט וועל איך זיך אַ מעסט טון מיט גאָר אַ געהויבענעם בעל-תּפילה און זאָלן זיי זעען!

— ווי קומט ער צו דיר, — האָט רבקה געזאָגט מיט אַ נחתדיקן שמייכל. — באַ דיר, קיין עין-הרע, איז אַ קול ווי אַ גלעקל און באַ אים — כ'ווייס נישט, פאַרוואָס ער איז דיר געפעלן געוואָרן — באַ אים איז דאָך אַ קול, ווי באַ אַ הייזעריקער קאַץ, זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד!

— וואָס רעדסטו, רבקה? ער איז אַ שם דבר, און מיט אים דווקא וויל איך זיך פאַרמעסטן! איך זאָג דיר, רבקה, — האָט ער געקוואַלן פון זיך אַליין. — ווען איך וואָלט נישט געווען קיין פאַבריקאַנט, וואָלט איך געקאָנט האָבן חיונה פון חזנות.

זי האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

— שוין בעסער, דוד, ווי איך האָלט נישט פון דיין חזנות, אַז דו ביסט אַ פאַבריקאַנט און נישט קיין חזן.

פון ליובאַס צימער זענען אַרויסגעקומען באָריס און ליובאַ.

— מיר קומען באַלד צוריק. מיר ווילן זיך נאָר דורכגיין, — האָט ליובאַ זיך אַ קער געטון צו איר טאַטע-מאַמע מיט אַ ליכטיקן שמייכל,

און ווען באַריס האָט אַ נייג געטון צו זיי דעם קאָפּ, איז ליובאַ דערנאָך מיט אים אַרויס פון דער שטוב.

— דער פּראַנט האָט עפּעס די לעצטע צייט אָנגעהויבן צו קומען צו איר צו אָפט — האָט דוד פּערעלשטיין זיך אָנגערופן און פאַרטראַכט אַוועקגעלייגט זיין ווייסע, פעטע האַנט אויפן בערדל. — פאַרוואָס עפנט ער נישט קיין קאַבינעט, אויב ער איז אַ דאָקטאָר?

רבקה האָט אַ זיפץ געטון.

— ווער ווייסט אים און ווער קען אים? — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט. — וואָס וועט דערפון ווערן, דוד?

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין מכּוח גרישאָן. זיין טאַטע איז געקומען אַהיים. גרישאַ קלויבט זיך אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד און קיין סוף איז דערווייל נישטאָ.

— דו מיינסט מיט ליובאַן?

— נו, יאָ.

— מען דאַרף זעען, אַז מען זאָל שרייבן תּנאים און זי זאָל דערנאָך פאָרן מיט אים.

— און אַז זי וועט נישט וועלן?

— וואָס הייסט, זי וועט נישט וועלן? איך האָב שוין גאָר קיין דעה נישט?

— דו זעסט דאָך, וואָס פאַר אַ דעה דו האָסט בײַ איר?

— ווײַל איך דיר ווייזן, אַז איך האָב יאָ בײַ איר אַ דעה. און אויב איך האָב נישט, וועל איך האָבן — האָט ער זיך מיטאַמאָל צעהיצט. — איך בין איר טאַטע, איך בין איר פּאַפּאַ!...

— נו, קאָך זיך נישט און שריי נישט — האָט זי אים איבערגעשלאָגן. — קום שפּילן אין קאָרטן.

און אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געזעסן און האָבן געשפּילט אין קאָרטן, ווי ס'רוב אין די אָוונטן, בעת זיי זענען געווען אינדערהיים.

און אין מיטן דערינען האָט פּערעלשטיין אַ כאַפּ געטון די קאָרטן און אויסגעשריגן:

— דו האָסט מיר דאָ ווידער עפּעס געמאַכט אַ קונץ! מען קען דאָך מיט דיר נישט שפּילן! קונצן מאַכט זי!

זי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— וואָס שרייסטו, קאַליקע דו? בין איך שולדיק, אַז דו קאָנסט נישט שפּילן?

— מיט אַן ערלעכן מענטש קאָן איך שפּילן. אי, גיי שוין — האָט ער זיך אויפגעהויבן פונם אָרט. — איך שפּיל נישט מער מיט דיר!

— קאַליקע! קאַליקע! קאַליקע! — האָט זי זיך גוטמוטיק געריצט מיט אים.

— ווער איז אַ קאַליקע? איך? איך שפּיל מיט דיר נאָך אַ קאָן. גיב קאָרטן! — האָט ער זיך ווידער געזעצט און פאַרקאַטשעט די אַרבל.

— דו וועסט דאָך ווידער פאַרשפּילן!

— גיב קאָרטן און טענה נישט.

זי האָט אויסגעטיילט די קאָרטן און זיי האָבן ווידער גענומען שפּילן.

פלוצלינג האָט ער אַ וואָרף געטון די קאָרטן מיט אַ געשריי:

— דו האָסט דאָך אַלע טייז! דו טאַסט זיך אונטער די קאָרטן! איך שפּיל נישט מיט דיר!

האָט זי זיך נאָך העכער צעלאַכט און זיך ווידער געריצט מיט אים:

— קאַליקע! קאַליקע! קאַליקע!

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר האַלב מיט אַ שמייכל און געזאָגט:

— זע נאַר, און דאָס איז מיין ווייב!

— און נאָך זיך פאַרליבט אין מיר!

— ווער האָט זיך פאַרליבט אין דיר? איך? קיין דלות זאָל איך אַזוי נישט האָבן!

— דו האָסט אַ שלעכטן זכרון, דוד. דו האָסט פאַרגעסן, אַ סך מאָל האָסטו מיר געזאָגט, אַז דו ליבסט מיך, איך געדענק עס זייער גוט.

— דו געדענקסט אַלע נאַרישקייטן — האָט ער געזאָגט כלומרשט אַנגעבלאָזן.

און ער האָט זי אָנגענומען פאַר איר ווייסער, רונדער גאָמבע.

— דו־דו־דו, גנב־טע־ע! — האָט ער אַרויסגערעדט מיט התפעלות און איר אַ קוש געטון. — רבקהלע, פונדעסטוועגן ווינטש איך אונזער בת־יחידקע, זי זאָל נישט ערגער לעבן מיט גרישאַן ווי דו מיט מיר!

— דוד, עפּעס האָב איך פּאַרט מורא, אַז אונזער ליובאַ וועט מיט אים נישט חתונה האָבן, איך זאָג עס דיר ווידער!

— זיי נישט קיין נאַר. האָסט זיך אַריינגענומען אַ נאַרישקייט אין קאָפּ. נאָך היינטיקע וואָך זענען די תּנאים.

— און איך זאָג דיר, דוד, דאָס האַרץ זאָגט מיר. נעכטן, אַז ער איז געקומען צו איר, האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון דער שטוב מיט אַ תּירוץ, היינט ווידער... דוד, צי זי איז נאָר נישט פאַרליבט אין אָט דעם דאָקטאָר?

פּערעלשטיין האָט זיך אָנגעצונדן.

— אין דעם דאָקטאָר? טפּוי, גיי צו אַלדע גוטע יאָר! וואָס הייסט, זי וועט זיך אין אים פאַרליבן? ווער-וואָס-ווען? ווער איז ער? פונוואַנען קומט ער? ווער זענען זיינע טאַטע-מאַמע? רבקה, דו זאָג איר, זי זאָל ער נישט זיין קיין מחותּנתטע מיט אים!

— זאָג עס איר אַליין. דו ביסט דאָך אַ טאַטע.

— און איך וועל עס איר זאָגן נאָך היינט. און וועט זי מיך נישט פאָלגן, דערמאָלט וועל איך... און פאַרקערט, — האָט ער זיך איבערגע-שלאָגן, — וואָס אַרט עס מיך, אַז זי גייט מיט אים אַרום? עס איז דאָך פּאַרט בעסער, ווי זי זאָל אַרומגיין מיט אַן אַרבעטער אַ האַלעדריגע? דאָס פּנים דאַרף דאָך בײַ מיר נישט ברענען פאַר חרפּה!

— אַי, דו ביסט אַ צעדרייטער! מיר רעדן דאָך, טאָמער איז זי אין אים פאַרליבט.

— אַזוי ווי דו! — האָט ער אַ געשריי געטון. — וואָס מיינסטו, ליובאַ האָט דיין שכל?

פּאַראַשאַ איז אַריינגעקומען און האָט זיי געזאָגט, אַז דער אַלטער אייזענבערג האָט זיי גערופן צו שפּילן אין קאָרטן.

דוד פּערעלשטיין האָט זיך דאַן אָנגערופן צו זיין ווייב:

— זאָלן מיר טאַקע גיין?

— כ'ווייס?...

— דו אָבער זאָלסט זיך נאָר נישט צעהיצן. שפּיל אויסגערעכנט, נישט געקראָכן אויף אַלע קאָרטן.

רבקה האָט אַ שמייכל געטון.

— דו זאָגסט עס מיר? דו בעסער זאָלסט זיך נאָר נישט קריגן בײַ די קאָרטן. עס איז אַ חרפּה.

— אַז עס פּלאַצט די גאַל. צו אים קריכן טייז און מלאכים און... און... צו מיר דער שלימזל... וואַרט, אפשר הײַנט...

ער האָט זיך געזעצט צום טיש און אויסגעוואָרפן די קאָרטן. און פּלוצלינג איז ער אויפגעשפּרונגען.

— טפוי, צום שוואַרץ יאָר!

— וואָס איז שוין ווידער? — האָט רבקה געפרעגט.

— איך גיי נישט. ער איז דאָך ווידער דאָ! — האָט פּערעלשטיין געענטפערט.

— דער שלימזל מײַנער, דער שוואַרצער וואָלעט! קומט ער צו מיר, ווייס איך פריער, אַז עס איז אַ באַגרעבעניש. האָט זיך אָנגעזעצט אויף מײַן קאָפּ זינט דרײַ וואָכן.

— אַי, גיי שוין, גיי! גלויבסט אין אַלע נאַרישקייטן. קום — האָט רבקה אים גענומען שלעפּן, — קום!

און ער איז אַוועק נאָך איר און האָט גערעדט:

— רבקה, עס וועט מיך הײַנט ווידער קאָסטן געלט. דער שוואַרצער וואָלעט! אָבער ווייסטו גאָר וואָס? איך וועל מיט אים אָפּמאַכן, אַז דאָס געווינס זאָל גיין אויפן ציוניזם!...

דאָס זיבעצנטע קאַפּיטל

ליובאַ ווערט אַ כּלה

אין דער אייגענער צייט זענען באָריס און ליובאַ געזעסן בײַם ברעג פונעם וואַלד, נישט ווייט פונעם שליאַך און פון פּערעלשטיינס הויז.

געווען אַ פינצטערע נאַכט. אַרום זיי האָט זיך געטוליעט אַ וואַרעמער חושך. דער וואַלד הינטער זיי איז געווען איין שטיק געדיכטע שוואַרצקייט, כאַטש מיט די פינגער אָנצוטאַפּן. און זייערע שטילע שכימען האָבן אויך אָפּגעקלונגען טונקל און פאַרסודעט. די באַלויכטענע פענצטער פון פּערעלשטיינס הויז זענען אַרויסגעשווומען, ווי פון אַ שוואַרצן תהום.

ליובאַ האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ בײַ באָריסן אויפן שויס.

פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט הינטער זיך שטימען. אַ פרויען-קול האָט געלאַכט מיט אַ פאַרשטיקטן קוויטש.

— פאַראַשאַס קול, — האָט ליובאַ אַרויסגעפּליסטערט. — מסתמא מיט אונזער וועכטער טערענטין, זי פירט מיט אים אַ ראָמאַן.

דאַן איז מיטאַמאָל ווידער שטיל געוואָרן. און באַלד דערנאָך האָט דורך דעם חושך אַהינטער זיי אַרויסגעשווומען אַן אָנגעצונדענע לאַמטערנע און אַ האַנט, וואָס האָט זי געהאַלטן, און אַ געקעסטלט פרויען-קלייד פון דעם בוזעם אַרונטער ביז צו די שיך אויף נאַקעטע פיס אָן זאָקן...

די שיין פון דער לאַמטערנע איז אַרויפגעשווומען אויף די געשטאַלטן פון באָריסן און ליובאַן און האָט זיי באַלויכטן. און גלייך איז זי אַזוי ווי פּלוצלינג אויף אַ רגע ערגעץ פאַרזונקען געוואָרן, און עס האָט זיך דערהערט אַן אָפּגעהאַקט געלעכטער, וועלכער איז פון דעם חושך ווי פאַרשלונגען געוואָרן...

דערנאָך האָבן באָריס און ליובאַ געהערט האסטיקע טריט, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער זייט, ווו פּערעלשטיינס הויז איז געשטאַנען.

ליובאַ האָט ווידער אַרויסגעפּליסטערט:

— פּאַראַשאַ... זי וועט מסתמא שוין דערציילן, אַז זי האָט געזעען, ווי איך האָב געהאַלטן מיין קאָפּ אויף דיין שויס. נו, אַ דאגה מיר, זאָל זי, — האָט זי זיך איבערגעשלאָגן און אַ לאַך געטון.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי דערהערט שטילע טריט הינטער זיך, אַזויווי עמעצער וואָלט זיך געגנבעט. און מיטאַמאָל — אַ שוועבעלע האָט אויפגעפּלאַמט פאַר זיי און זיי האָבן דערזעען גרישאַן, וועלכער האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטון און פאַרלאָשן דאָס שוועבעלע.

— אַנטשולדיקט — האָט ער זיך אָנגערופן מיט געמאַכטער רויקייט, — איך האָב אייך נישט געוואָלט שטערן.

ליובאַ האָט זיך האסטיק אויפגעזעצט.

— גוטן אָוונט, גרישאַ, — האָט זי געזאָגט אַ ביסעלע שפּאָטיש. — איר האָט אונז נישט געשטערט.

גרישאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט סאַרקאַסטיש:

— אָבער אַלנפאַלס בין איך צופרידן, וואָס איך האָב אייך איצט געשטערט.

האָט ליובאַ אונטערגעכאַפּט אים אינם טאָן:

— איך אויך, גרישאַ!...

— יאָ? — האָט ער זיך אָנגערופן אַלץ אין דעם זעלבן טאָן. — זענען מיר, הייסט עס, ביידע צופרידן. איז גוט. איך ווינטש אייך אָנגענעם צו פאַרברענגען — האָט ער דערנאָך צוגעלייגט און איז מיט אויפגערעגטע טריט פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש.

און אין אַ ווײַלע אַרום, ווען גרישאַס טריט האָבן זיך שוין מער נישט געהערט, האָט באָריס זיך אָנגערופן:

— נו?...

ליובאַ האָט געענטפערט מיט אַ געלעכטער:

— נו!...

— נאַריש. אומפאַרזיכטיק.

— פאַרוואָס? איצט האָט ער געזעען און ער וועט מיך לאָזן צורו.

— דו פאַרגעסט אָבער איין קלייניקייט, — האָט באָריס געזאָגט, — אין אונזער לאַגע דאַרף מען וואָס ווייניקער אויפרייסן די אויגן. איצט האָבן מיר אים די אויגן אויפגעריסן אויף מיר. ער וועט זיך אַ נעם טון נאָכצופאָרשן און ער איז באַפריינדעט מיט דער פּאָליציי...

— האָב נאָר נישט מורא, באָריס. ער ווייסט וועגן דיר אַלצדינג, וואָס ער דאַרף וויסן. דו ביסט אַ דאָקטאָר, געקומען אַהער, ווייל דו ווילסט עפענען אַ קאַבינעט. זוכסט באַקאַנטשאַפט מיט דער בעסערער געזעלשאַפט. אים וועט אפילו נישט איינפאַלן, אַז דו ביסט נישט קיין כשרער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט.

— און ווען ער דערציילט דיין פאָטער ?

— וועט עס דאַן מיר פאַרשפּאָרן אַן אַרבעט... סיי־ווי, זיי מוזן דאָך אַמאָל וויסן, וועמען איך האָב ליב און וועמען נישט. דעמאָלט וועלן זיי מיך צורו לאָזן. די לעצטע צייט האָב איך זיך אַליין געקליבן דאָס צו דערציילן...

— און ווען דיין פאָטער וועט מיר פאַרווערן צו קומען אין זיין הויז ?

— וועל איך גיין צו דיר.

— און דיין אַרבעט ?...

ליובאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט זי געזאָגט :

— איך קען מיין פּאַפּאַ. ווען ער וועט וויסן, ווי איך האָב דיך ליב, וועט ער נישט זיין קעגן. זיכער ! און די מאַמע וועט אויך צוהעלפן. בא מיר איז קיין ספק נישט, אַז ער וועט טון, ווי די מאַמע וועט וועלן.

— און אַ שידוך, ווי בא לייטן ?...

— וואָס קאָן דאָס שאַדן ? דאָס וואָלט דערווייל אַ סך לייכטער געמאַכט אונזער אַרבעט צוזאַמען.

באָריס האָט אַרויסגעמורמלט :

— יאָ... אויף ווי לאַנג ?...

און ער האָט אַ טראַכט געטון :

„וואָס איז דער אונטערשיד ? סיי־ווי־סיי... זאָל דאָס !"

ער האָט פאַרדרייכערט אַ פּאַפּיראָס און דערנאָך ווידער זיך אָנגערופן :

— ליובאַ !...

— וואָס, באָריס ?

— איך האָב מורא פאַר דיין מאָרגן...

— דיין מאָרגן, באָריס, איז אויך נישט זיכער. זאָלן מיר דערפאַר געניסן פון אונזער היינט וויפיל מיר קאָנען....

— ליובאַ — האָט ער דאַן געזאָגט מיט אויפריכטיקער ווארעמ-קייט. — מיין מאָרגן זאָל דער טייוול נעמען, און ער וועט אים טיי-ווי-טיי נעמען, איך ווייס עס! אָבער דיין מאָרגן וויל איך באַשיצן, מוז איך באַשיצן! דו ווייסט נישט, ליובאַ, וואָס דו ביסט פאַר מיר...

— איך פאַרשטיי דיך נישט, באָריס.

— איך וועל דיך אַוועקפירן אין אַן אַנדערער שטאָט, דערנאָך וועל איך זיך צוריקקערן אַהער און אַרבעטן פאַר אונז ביידן...

ליובאַ האָט זיך צעלאַכט.

— ביסטו באַם זינען, באָריס? — האָט זי זיך דערנאָך אָנגערופן פאַרחונדערט. — צי דו מאַכסט שפּאַס פון מיר?

— איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט פאַרלוירן גיין, ווי די אַנדערע — האָט ער געענטפערט און צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיין ברוסט. — איך וועל פאַרטאָפּלען די אַרבעט פון אונז ביידע. דער געדאַנק, אַז דו ביסט אין שטענדיקער סכנות, פאַראַליזירט מיין ענערגיע...

ליובאַ האָט זיך אַ ריס געטון פון זיינע הענט.

— באָריס, — האָט זי אַרויסגערעדט אויפגערעגט, — איך דער-קען דיך נישט. דו רעדסט באַלד, ווי מיין פּאַפּאַ וואָלט גערעדט, ווי גרישאַ וואָלט גערעדט. איך גלייב נישט, אַז דו רעדסט עס. דו באַליי-דיקסט מיך...

האָט ער דערנאָך אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט ער אָנגעטאַפּט אין דער פינצטערניש איר האַנט און אַרויסגעמורמלט:

— דו ביסט גערעכט, אַנטשולדיק מיר. די ליבע צו דיר... אַנטשולדיק...

און ער האָט גענומען גלעטן איר האַנט און געמורמלט ווייטער:

— דו אַנטשולדיקסט?... נו, געוואָרן שוואַך. אַ מיאַטלע ווער איך מיט דיר, אַ לעמעשקע, איך פאַרגעס, ווער איך בין און וואָס איך רעד...

זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— בין איך אין דעם שולדיק? איך אַליין וויל דיך אוודאי נישט זען אַזאַ...

און אין האַרץ האָט באַ איר געהוליעט:

„ווי ער האָט מיך ליב!"

— מיין האַרץ איז שולדיק, — האָט ער געזאָגט, און געטראַכט בשעת מעשה צעטומלט:

„אָט נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג וועסטו מיך דערזעען נישט גאָר אַזאַ !"

און דער געדאַנק וועגן דעם האָט אים געפּייניקט ערגער איידער דער געדאַנק וועגן טויט. וואָרים ער האָט זיך אין אָט דער רגע פאָרגעשטעלט יעדע מינוט, ווען זי דערוווסט זיך ווער ער איז געווען. ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט און איר געפיל צו אים איז געווען דאָס איינציקע, וואָס עס איז אים איצט באמת הייליק און טייער געווען, וואָס ער וואָלט נישט געוואָלט פאַרלירן אפילו נאָך זיין טויט...

זיין „פילאָזאָפיע" איז קעגן אָט דעם פיינלעכן געדאַנק אומבאַהאָלפן געווען.

אַזאַ מאַכט האָט שוין די ליבע...

פלוצלינג האָט זיך ליובאַ אויפגעהויבן.

— קום צו אונז, מיר וועלן טרינקען טיי.

באָריס האָט זיך אויפגעהויבן.

— ניין, ליובאַ, איך וועל בעסער גיין אַהיים.

— זיי נישט קיין עקשן, קום !

און זיי זענען אַוועק.

אַריינקומענדיק אין הויז, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף פּראַשאַן, וועלכע איז אַ באַרוועסע אַרויסגעגאַנגען נאָר-וואָס פון דער קיך.

פּראַשאַ האָט זיי דערזעען, האָט זי אַ הייב געטון דעם אַרבל פון איר לייוונטן העמד צום מויל, אין אים אַריינגעלאַכט אַ געזונטן קוויטש און איז אַרויסגעלאָפן.

ליובאַ האָט שעלמיש אַ קוק געטון אויף באָריסן, און מיטאַמאָל האָט זי זיך אויך צעלאַכט.

און אין אָט דער צייט זענען אַריינגעקומען אין הויז דוד פערעלשטיין און רבקה און ער האָט אויסגעזעען אויפגערעגט און זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אָרעם, אַזוי־ווי זי וואָלט אים פון עפּעס אָפּגעהאַלטן.

— דוד, דוד, — האָט זי שטיל געריעדט, — נישט געקאָכט זיך. מאַלע-וואָס גרישאַ זאָגט...

ליובאַ און באָריס האָבן זיך אומגעקוקט אויף זיי.

— נו, שאַ, שאַ, איך וועל זיך נישט קאָכן, — האָט דוד פערעל־

שטיין איר געענטפערט. און פון זיינע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט דאָ אויף ליובאַן און דאָ אויף באָריסן, האָבן ממש פונקען געשאָסן. — איך וועל זיך נישט קאָכן. וואָס הייסט זיך נישט קאָכן? — האָט ער זיך אינמיטן דערינען צעשריגן, — בין איך נישט איר פּאַפּאַ? איז זי נישט מיין בת־יחידקע?

ליובאַ האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ שמייכל:

— גוטן אָוונט, פּאַפּאַ!

— איך רעד נישט צו דיר! — האָט ער אַ געשריי געטון. איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן און האָט דערנאָך ווידער אָנגעהויבן. — וואָס פאַר אַ מחותנתטע ביסטו מיט אַט דעם... מיט אַט דעם... יונג־מאַן?

ליובאַ האָט אַ לאַך געטון.

— דו רעדסט צו מיר, פּאַפּאַ?

— נישט געחכמהט זיך, ליובאַ! ענטפער! גרישאַ האָט מיר געזאָגט עפּעס וועגן דיר און אים, עפּעס אַזוינס, אַזוינס, אַז איך האָב אים דערפאַר געוואָלט געבן פּעטש! וואָס פאַר אַ מחותן איז אַט דאָס שוואַרץ־יאָר מיט דיר?

ליובאַ האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— אַט דאָס שוואַרץ־יאָר, פּאַפּאַ, איז מיין ליכטיק יאָר.

רבקה האָט זיך אַ כאַפּ געטון אַן איבעררעשטע:

— האַ? דו הערסט, דוד?

באָריס האָט זיך אריינגעמישט:

— הער פּערעלשטיין, איך באַדויער זייער, פאַרוואָס איך בין די אורזאַך פאַר אַזויפיל אומאָנגענעמלעכקייטן פאַר ליובאַן.

דוד פּערעלשטיין האָט זיך צעשריגן אויף אים.

— וואָס פאַר אַ ליובאַ איז זי אייך? מאַמזעל, מאַמזעל, צי באַרישניאַ, יונגערמאַן! איר פאַרשטייט? גוווערנאַנטקעס האָט זי באַ מיר געהאַט. רופט זי מיר נישט ליובאַ. אַ מחותן מיט איר! אַ ליובאַ פאַר אים!...

רבקה האָט אים אַ פּאַק געטון פאַר אַן אַרבל און אים גענומען צופּן.

— שאַ, דוד, שאַ! האָסטו געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט?

— וואָס האָט זי געזאָגט? און וואָס אַרט מיך, וואָס זי זאָגט? זאָל

זי הערן, וואָס איך זאָג! איך בין דער פּאַפּאַ און נישט זי! דו הערסט, ליובאַ, רוצחטע דו?

— איך הער, — האָט ליובאַ געשמייכלט.

איר מאַמע האָט זיך אָנגערופן געלאַסן:

— ליובאַ, וואָס האָסטו געמיינט פריער, אַז ער, דער דאָקטאָר, איז דיין ליכטיק יאָר?

— מאַמאַ, — האָט ליובאַ געענטפערט, — איך האָב דעם דאָקטאָר ליב און ער האָט מיך ליב.

— דוד, דו הערסט? — האָט רבקה זיך אַ קער געטון צו איר מאַן האַלב מיט אַ שמייכל.

— הא? קלאָרע דיבורים! — האָט ער נאָך אַלץ געשריגן. — איז דאָך גרישאַ גערעכט געווען. היינט פאַרוואָס האָב איך אים געוואָלט אויספּאַטשן?

און ער האָט זיך אַ קער געטון צו ליובאַן:

— וואָס הייסט „ליב"? איך וועל דיר דאָך פּעטש געבן. דאָקטאָר, אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט, דאָקטאָר! — האָט ער מיט דער האַנט געוויזן אויף דער טיר.

רבקה האָט אים ווידער אַ צופּ געטון.

— שאַ, משוגעגער דו!

— דאָקטאָר, אַדיע, אַדיע, אַדיע! — האָט דוד פּערעלשטיין זיך נאָך העכער צעשריגן.

רבקה האָט זיך האַסטיק אַ קער געטון צו באַריסן.

— דאָקטאָר, הערט אים נישט. ליובאַ, בעט אים, אַז ער זאָל זיך זעצן!

און רבקה האָט זיך ווידער אַ קער געטון צו איר מאַן און שטיל געזאָגט:

— דו נאַר, זיי צופרידן, וואָס ער איז כאָטש אַ דאָקטאָר. און אַז זי וואָלט זיך פאַרליבט אין סתם אַ בחור. דו מיינסט, אַז מיט ליבע שפּילט מען זיך, דו נאַר! זיצט, דאָקטאָר, פאַרוואָס שטייט איר?

— וואָס הייסט „פאַרליבט"? מיר נישט — דיר נישט, נישט געפרעגט, נישט גערעדט — אפשר וויל דער פּאַפּאַ נישט דעם שידוך? אפשר וויל די מאַמע נישט דעם שידוך? „פאַרליבט!" מזל־טוב.

— מיט מזל זאָלסטו לעבן, דוד! — האָט רבקה אים געענטפערט מיט אַ געלאַסענעם שמייכל.

— בהמה, וואָס חכמהסטו זיך? דו האָסט דאָך געוואָלט גרישאָן? גיי דו מיר צו אַלדי... איך וויל מיט דיר נישט רעדן... ליובאַ, וואָס זאָגסטו?

ליובאַ האָט אַ לאַך געטון און געענטפערט:

— איך זאָג... איך פאַרלאָז זיך אינגאַנצן אויף דער מאַמען...

דוד פערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון, אַ גלעט געטון דאָס שוואַרצע בערדל און געקוקט אויף איר אַ ווײַלע און געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן שוין שטילער און מיט שפּאָט אין זײַן קול:

— אויף דײַן מאַמען, האַ? אינגאַנצן אויף דײַן מאַמען? דײַן פּאַפּאַ איז בײַ דיר אַ טפּוי, האַ? אַ שפּײַ, האַ? גוט, וועלן מיר זען! וועלן מיר זען!

ליובאַ איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אַ לאַשטשע געטון.

— אויף דיר, פּאַפּאַ, פאַרלאָז איך זיך אויך, — האָט זי געזאָגט. — איך ווייס. אַז אויב דער דאָקטאָר געפעלט מיר, וועט ער דיר אויך געפעלן. דו ביסטו דאָך נאָר אויסן מײַן גליק.

— פריער פרעגט מען זיך נאָך, — האָט דוד פערעלשטיין זיך ווידער צעהיצט, — דערנאָך פאַרליבט מען זיך. אפשר איז זײַן טאַטע אַ פערד־גנב... אפשר איז זײַן מאַמע אַ שוואַרץ־יאָר? רוצחטע דו, ווי לאַנג קענסטו אים אינגאַנצן? פאַרוואָס כאַפּסטו? וואָס איז, דיר פעלט נדן, חלילה?

רבקה האָט אים ווידער אַ צופּ געטון פאַרן אַרבל און אַרויסגערעדט שטיל:

— דוד, וואָס רעדסטו? וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון?

— דיר געפעלט נישט, ווי איך רעד? און ליובאַן מסתמא אויך נישט? וועל איך שווײַגן. איר רעדט. איך גיי אַוועק.

און ער האָט אַ שלעפּ געטון רבקהן אָן אַ זײַט און איר אײַנגעַרוימט מיט כעס:

— קיין צעבראָכענעם גראָשן וועט זי בײַ מיר נישט קריגן קיין נדן, קיין צעבראָכענעם גראָשן. זי דאַרף וויסן, אַז אַ טאַטע, אַ פּאַפּאַ, האָט אויך עפּעס אַ דעה. איך האָב עס בײַ איר פאַרדינט, בײַ דער רוצחטע!

און ער איז אַנטלאָפן אין זאַל.

דאַן האָט רבקה זיך אַ קער געטון צו באַריסן מיט אַ שמייכל.

— ער איז אַ ביסל אַן עקשן, אָבער נישט אויף לאַנג, דאָקטאָר! — האָט זי זיך אָנגערופן.

— איך ווייס. ליובאַ האָט מיר וועגן אים דערציילט, — האָט באָריס אַרויסגערעדט און געצוווּנגען געשמייכלט.

— נו, קענט איר דאָך אונז. איצט, דאָקטאָר, וואָלט איך אייך געוואָלט אַ ביסל מער קענען.

באָריס האָט אַ קוק געטון אויף ליובאַן מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט באַ איר געפרעגט, וואָס וויל איר מאַמע האָבן פון זיינע יאָרן.

— מאַמאַ, איז נישט גענוג, אַז איך קען אים? — האָט ליובאַ זיך אָנגערופן.

— יאָ, מיין קינד. אָבער איך וואָלט אים אויך געוואָלט אַ ביסל מער קענען. ווו האָט איר געענדיקט, דאָקטאָר?

— אין שווייצאַריע... מיט פיר יאָר צוריק... און מיט ניין און צוואַנציק יאָר צוריק האָט מיין מוטער מיך געבוירן אין ווילנע אויף דער יאַטקע גאַס, ווו מיין טאַטע, אברהם הערש, דער קצב, האָט זיין יאַטקע געהאַט... אמת, נישט קיין גרויסער יחוס, אָבער איר וועט זיך מיט אים נישט דאַרפן שעמען, ווייל ער איז שוין דאָרט, ווו אַלע, סיי די מיוחסים און סיי די נישט מיוחסים גייען. די מאַמע איז אויך דאָרט. די איבעריקע פון מיין משפחה — נישט מיך אַרט פאַר זיי און נישט זיי אַרט פאַר מיר, און זאָל אייך פאַר זיי אויך נישט אַרן. פּראַקטיצירט האָב איך אין ראָס-טאָוו, אין קיעוו און אין פעטערבורג. איצט בין איך דאָ. קענט איר מיך שוין?...

און דאָס האָט ער אַרויסגערעדט אַזוי העפלעך, אָבער אין אַזאַ שפּאָטישן טאָן, פון וועלכן רבקה האָט זיך דערפילט נאַריש.

זי האָט זיך אָנגערופן אַ ביסל פאַרשעמט:

— נו, וואָס איז דאָ צו קענען? איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, דאָקטאָר, אַז איך האָב דאָס באַ אייך נישט געדאַרפט פרעגן. גענוג, אַז מיין טאָכ-טער איז מיט אייך צופרידן. אָבער, ווייסט איר, אַ נאַרישע מאַמע פרעגט אַמאָל אַ נאַרישע פראַגע. איר רעכנט דאָ צו פּראַקטיצירן?

— דאָס ווייס איך נאָך נישט, אפשר...

— געוויס דאַרפט איר עפענען באַ אונז אין שטאָט אַ קאַבינעט. מיין מאַן וועט אייך אויסמעבלירן דאָס שענסטע הויז. איצט, זאָלט איר מיר מוחל זיין, נאָך אַ נאַרישע פראַגע: איר האָט מיין טאָכטער טאַקע

ליב? איך מיין... אויף אַן אמת, אַט ווי... אַט ווי... ווי מען פאַרליבט זיך אַמאָל מיט לייב און לעבן?...

— איך האָב זי זייער ליב, — האָט ער געענטפערט און אַ קוק געטון מיט ליבע אויף ליובאַן.

— נו, אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט, — האָט רבקה זיך מיטאַמאָל צעשטראַלט און אָפּגעווישט אירע אויגן מיט אַ טיכל. — בין איך צופרידן. בין איך אמת צופרידן. דאָקטאָר, זי איז דאָך אַזאַ בריליאַנט! — האָט זי פּלוצלינג אַ כאַפּ געטון ליובאַן און זי געקושט. דערנאָך האָט זי אָפּגעלאָזט ליובאַן און אויסגעשריגן: — איך וועל גיין אַריינפירן דיין משוגענעם פּאַפּאַ!

און זי איז אַוועקגעלאָפן מיט אַ צעשטראַלט פּנים.

באַריס האָט דאַן אַרויסגעמורמלט:

— נו, נו, אָנגעגעסן זיך מיט דעם צעקראַכענעם געפילעכץ פון דיין מאַמען אויך. איצט קאָן איך שוין גיין. אַ חתן מיט אַלע קליפּער-לעך. אַ חתן פון התן-לאַנד — האָט ער איראָניש אַ שמייכל געטון.

— גיי נאָך נישט אַוועק. דו וועסט באַליידיקן מיין מאַמע. ווען דו וועסט זיך מיט איר נישט זעגענען.

ליובאַ, דאָס איז אַ ביסל צופיל פאַר מיר. וואָס טויג אָט די גאַנצע קליינבירגערלעכע שווינערייַ? באַפריי זיך פון דעם...

— טו דאָס מיר צוליב, באַריס, — האָט ליובאַ אים געבעטן.

האָט ער דאַן ווידער אַרויסגעמורמלט:

— נו, נו, שוין גוט, שוין גוט, וועל איך שוין דאָס אויך דורכ-שפּילן!...

רבקה און דוד פּערעלשטיין זענען אַריינגעקומען.

איין האַנט האָט ער געהאַלטן פאַרטראַכט אויף זיין שוואַרץ בערדל און אין דער אַנדערער האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן זילבערנעם פּאַרטציגאַר.

ער איז צוגעגאַנגען צו באַריסן און האָט אים אָנגעקוקט מיט צע-טראָגענע אויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— דאָקטאָר, איר האָט נישט קיין פאַריבל אויף מיר. איך האָב זיך אַ ביסל צעהיצט. אָבער איך בין זיך מודה: חטאתי! מיין ווייב איז אין אייך אויך פאַרליבט. היינט ווי באַלד, אַז אי דאָס ווייב, אי די טאָכ-טער, וויל איך דאָך נישט בלייבן קיין נאַר. נעמט אַ גוטן ציגאַר און איך ווינטש אייך גליק.

און ער האָט געעפנט דעם פּאַרטציגאַר.

באַריס האָט גענומען אַ ציגאַר און געזאָגט:

— אַ דאַנק.

— ווען איר וואָלט וויסן, וועמען איך בין מכבד מיט אָט די ציגאַרן, וואָלט איר ערשט דאַן געוווּסט, וואָס פאַר אַן אָנגעלייגטער גאַסט איר זענט בײַ מיר איצט! — האָט דוד פּערלשטיין זיך אָנגערופן מיט התפּעלות.

באַריס האָט אַ פרעג געטון מיט אַ שמייכל.

— וועמען זענט איר מכבד מיט אָט די ציגאַרן?

— דעם פּאָליצמייסטער, ווען ער קומט צו מיר צו גאַסט. איך וועל אייך באַקענען מיט אים. עס וועט אייך צונוצקומען, ווען איר וועט אָנהייבן צו פּראַקטיצירן. מיין בעסטער פריינט. קומט אָפט צו מיר נאָך אַ הלוואה. אַמאָל פאַרגעסט ער זיך צו באַצאָלן, אָבער עס מאַכט נישט. אַ גוטער גוי. פאַר עטלעכע רובל פועלט מען בײַ אים אַלצדינג. קומט שטענדיק צונוץ. בפרט היינטיקע צייטן, ווען מען מוז וויסן די אַרבעטער אַ בייטש...

באַריס האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך מוז גיין, עמעצער וואַרט אויף מיר...

— נו, נו, וועלן מיר נאָך מאָרגן רעדן וועגן די אַנדערע ענינים — האָט דוד פּערלשטיין אויף דעם געענטפערט, און האָט אים פּלוצלינג אַ פּאַק געטון בײַם אַקסל און אויסגעשריגן מיט התפּעלות: — דוד פּערלשטיין איז נישט קיין גזלן. דו ווייסט נאָך האָבן נדן — האָט ער אים גענומען דוצן — און דווקא די ריכטיקע מזומנים. איין טאָכטער האָב איך, דו דאָקטאָר, דו יונגאַטש! און אַ הויז וועסטו אויך האָבן, דאָס שענסטע הויז אין דער גאַנצער גובערניע! האָב דו נאָר ליב מיין טאָכטער, דו הערסט, יונגאַנטש?

— אַ גוטע נאַכט! — האָט באַריס זיך אַ כאַפּ געטון.

— איך וועל דיך באַגלייטן, באַריס, — האָט ליובאַ געזאָגט.

און אַז זי איז אַוועק מיט באַריסן, האָט דוד פּערלשטיין זיך אַ קער געטון צו זיין ווייב און זיך אָנגערופן:

— ער געפעלט מיר, רבקה, קענטיק אַ גרויסער דאָקטאָר...

— היינט פאַרוואָס האָסטו געשריגן?

— פאַרוואָס איך האָב געשריגן? אַ נייעס בײַ דיר? — האָט פּע-

רעלשטיין אַ שמייכל געטון, און גערעדט ווייטער. — אַז איידל פּנים, אַ חכם, ווי קומט גאָר צו אים גרישאַ?

— דו מיינסט, אַז אונזער ליובאַ וועט זיך פאַרליבן אין אַבי וועמען, — האָט רבקה באַמערקט.

פּערעלשטיין האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט פאַרטראַכט אויפן בערדל און אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך פלוצלינג צעלאַכט.

— אײַ-אײַ-אײַ, האָט זי אונז געפירט פאַר דער נאָז! — האָט ער געלאַכט. -- אַזאַ שיקסע! זאָגט דאָרט שטילינקערהייט שיר השירים מיט אַראַנסאַבען און אונז לאָזט זי זיך דרייען דעם קאָפּ מיט גרישאַן. אַזאַ שיקסע!

— אַ דאגה, זאָל זיין מיט מזל, — האָט די מאַמע געזאָגט.

— אמן! — האָט דער פאָטער אונטערגעכאַפּט.

און אַזוי איז ליובאַ געוואָרן באָריסעס כּלה...

דאָס אכצענטע קאַפּיטל

דער אַלטער אברהם אייזענבערג און גרישאַס כּעס

אויף מאָרגן האָט דוד פּערעלשטיין דערציילט וועגן דעם, אי דעם אַלטן אייזענבערגן, אי גרישאַן.

זיי זענען אַלע געזעסן אין דער קאָנטאָר.

דער אַלטער אברהם אייזענבערג, אַ הויכער און אַ ברייטער, מיט אַ ברייטער, ווייסער באָרד, אַ ייד מיט אַ רויק פּנים און שמייכלענדיקע אויגן, איז געזעסן מיט אַ פּיר-עקיקער יאַרמעלקע אויף זיין ווייסן קאָפּ, האָט געלאָסן געקוקט זיין שותּף דוד פּערעלשטיינען אין פּנים אַריין און זיך צוגעהערט, וואָס יענער האָט דערציילט. פון צייט-צו-צייט נאָר האָט ער פון דער זייט אַ קוק געטון אויף זיין זון גרישאַן, וועלכער איז געזעסן הינטער פּערעלשטיינען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און צונויפגעדריקטע ליפּן.

פּערעלשטיין האָט גערעדט:

— נו, וואָס האָב איך געקאָנט טון? זאָגן איר, אַז איך וויל דווקא גרישאַן? לעבן מיר דאָך אָבער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען מען קאָן נישט בייטן אַ טאָכטער, אַז זי זאָל דווקא חתונה האָבן מיט דעם, וואָס טאַטע-מאַמע קלויבן פאַר איר אויס. מיר לעבן דאָך עפּעס אין אַ צייט, ווען די וויסנשאַפט און... און... בכּלל האָט אַלצדינג פּראָגרעסירט. איז נו, מילא! האָסט זיך פאַרליבט, זאָל זיין מיט מזל!... בפרט, ווען זי האָט זיך, חלילה, נישט אָפּגענאַרט. וואָרים באמת איז דער דאָקטאָר ווערט כּל הגעלט. האָט פּראַקטיצירט אין פּעטערבורג, געווען איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים דאָרט!...

און מיטאַמאָל האָט דוד פּערעלשטיין זיך אַ קער געטון צו גרישאַן און אים אַ קלאַפּ געטון איבערן אַקסל.

— און דו וועסט אויך קריגן אַן אַנדערע, זאָרג זיך גאָרנישט!

גרישאַ האָט זיך אויפגעהויבן.

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך זאָרג זיך? — האָט ער זיך אָנגערופן, שטיקנדיק זיין אויפרעגונג. — איך שפּיי אויף דער גאַנצער געשיכטע!

ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און גערעדט ווייטער מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל:

— זי האָט זיך אָבער נישט געדאַרפט שפּילן מיט מיר, ווי מיט אַ יינגל. איך בין נישט קיין יינגל.

און ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, געכאַפּט אַ צייטונג פון אַ דערבייאיקער שטול און געכומען אין איר אַריינקוקן.

זיין טאַטע האָט געלאָזן אַ שמייכל געטון און אַזוי געלאָזן געזאָגט:

— מילא, וועט גאָט צושיקן אַן אַנדערע. עס פעלן נישט קיין טעכטער בײַ יידן און גרישאַ איז נישט קיין בראַק, חלילה. וועט נישט זיין ליובאַ, וועט זיין ליבע, נעמען זיך צום הארץ איז נישט כּדאי. ווייסן מ׳ר איצט, אַז גרישאַ דאַרף פאַרגעסן ליובאַן און דאַרף אָנהייבן זוכן ליבען...

דער אַלטער אברהם אייזענבערג איז דערפון נאָך נישט נתפּעל געוואָרן. ער איז בכלל געווען אַ מענטש, וועלכער איז פון קיין זאַך נישט נתפּעל געוואָרן. אַ ייד אַ למדן, וואָלט געזעסן יומם ולילה און געלערנט און זאָל אים די וועלט מיט איר טאַראַראַם נאָר צורו לאָזן. ווען נאָר ער איז געפאָרן קיין אויסלאַנד, אין די בעדער, האָט ער שטענדיק מיט זיך גענומען „צידה לדרך", ווי ער האָט עס גערופן, שפּייז, הייסט עס, אויפן וועג — ספרים...

ער האָט געלערנט נישט פון מצווה־וועגן. ווייל פרום אין דעם געוויינלעכן זין איז ער קיינמאָל נישט געווען, נאָר ער האָט געלערנט לשם לערנען...

די טוך־פאַבריק האָט ער געירשענט פון זיין פאָטער. כּל־זמן זיין פאָטער האָט געלעבט, האָט עס געהייסן, אַז ער איז מיט זיין פאָטער אינם געשעפט; אינדערעמתן אָבער האָט ער זיך זייער ווייניק געמישט אין דער פאַבריק, דאָס רוב פון זיין צייט איז ער געזעסן אינדערהיים איבער אַ ספר און אַזויוי זיין פרומער פאָטער האָט דערפון דווקא נחת

געהאַט, האָט ער זיך געטיילט מיט אים גלייך אויף גלייך מיטן ריווח, וואָס די פאַבריק האָט אַריינגעטראָגן.

ערשט נאָך זיין פאָטערס טויט האָט ער אַריינגענומען דוד פערעל-שטיינען פאַר אַ שותף, ווערלכער איז גלייך געוואָרן דער הויפּט-פירער פונם געשעפט. און שפּעטער, ווען גרישאַ איז אַריינגעקומען אינם געשעפט, האָט ער, אייזענבערג, וועלכער איז שוין איצט געווען אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, אַ טאַטע פון אויסגעוואַקסענע קינדער, ווידער זיך אָנגעהויבן צו פירן ווי אין אַמאָליקע צייטן, בעת זיין פאָטער האָט געלעבט. דאָס הייסט, ער האָט זיך ווייניק געמישט אין דער פאַבריק, איז געזעסן אינדערהיים איבער זיינע ספרים, צי געפירט מיט זיך די ספרים קיין אויסלאַנד אין די בעדער...

ער איז אינגאַנצן געווען דער היפוך פון זיין היציקן שותף.

דוד פערעלשטיין, ווען די געשעפטן זענען געגאַנגען אַמאָל נישט גוט, האָט זיך געערגערט און געקאָכט און איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער, און ער, אברהם אייזענבערג, זאָל דאָס אים אַ ריר טון! געשמייכלט געלאַסן און גערעדט געלאַסן:

— מילא, אַזוי פיל, וויפיל דער מענטש פאַרמאָגט, בעת ער ווערט געבוירן, וועט דאָך מסתמא זיך באַ אונז אָפּשטעלן. היינט צו וואָס דאַגהנען?

און, פאַרקערט, ווען די געשעפטן זענען געגאַנגען באַזונדערס גוט, און דוד פערעלשטיין האָט מיט התפעלות געטאַראַראַמעוועט וועגן די גוטע געשעפטן, האָט ער, אברהם אייזענבערג, ווידער געשמייכלט געלאַסן און גערעדט געלאַסן:

— נו, נו, מילא, דאַרף מען באַשטעלן אַ גרויס קבר, אַז מיר זאָלן האָבן גענוג פּלאַץ דאָרט פאַר אונזער גרויסן ריווח נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר!...

האָט טאַקע דוד פערלשטשיין צו אים קיין געדולד נישט געהאַט און איז אומרידן געווען, ווען אייזענבערג איז געווען אין אויסלאַנד. בפרט, ווען אברהם אייזענבערג האָט אַמאָל ליב געהאַט אַ לאַך צו טון פון אים, געזאָגט אים אַמאָל נאָך אַ מוסף:

— דוד, עפּעס איז דיין מוסף היינט געווען נישט פריילעדיק. אַ דריידל עפּעס איז דאָרט באַ דיר אין האַלז קאַליע געוואָרן, און בכלל, עפּעס נישט דער טעם. גיב אַכטונג אויף דיין כלי, דוד, דו ווערסט אַלט...

צי אַמאָל, אינמיטן דערינען, ווען דוד פּערעלשטיין איז דאָרט פּאַרנומען געווען אין קאָנטאָר, איז אברהם אייזענבערג מיטאַמאָל אַריינגעקומען מיט אַ ספר, אַמאָל מיטן זוהר, צי מיטן רמב"ם'ס „מורה נבוכים", און איז צו אים צוגעגאַנגען מיט אַ געלאַסענעם שמייכל.

— דוד, עפּעס האָב איך זיך דאָ אַריינגעדרייט, נישט אַרויסצוקריכן. אַ שטיקל פּילפּול. העלף מיר! — האָט ער זיך אָנגערופן געלאַסן און געעפענט דאָס ספר.

האָט דוד פּערעלשטיין אַמאָל אַריינגעקוקט אין דעם ספר, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן בערדל און מיט אַ ניגון איבערגעלייענט די שטעלע, אויף וועלכער אייזענבערג האָט אים אָנגעוויזן מיט אַ פינגער, און דערנאָך געפּרווט פּאַרטייטשן.

האָט אים אברהם אייזענבערג אויסגעהערט מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן און מיט אַ געלאַסענעם שמייכל און דערנאָך, אַז פּערעלשטיין האָט געענדיקט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַזוי גאָר? אפשר דאַרף מען לערנען דעם פשט פּונקט פאַרקערט, האַ?

און תיכף אויסגעטייטשט יענע שטעלע אינם ספר אַזוי, אַז דוד פּערעלשטיין האָט אַ פאַרשעמטער געמוזט זיך מודה זיין, אַז אַזוי קאָן מען אויך טייטשן דעם פשט און אפשר איז ער גערעכט...

האָט זיך דערפאַר דוד פּערעלשטיין ס'רוב געזוכט אַרויסצודרייען פון „פאַרהערן זיך מיט אים אין תורה", ווי ער, פּערעלשטיין, האָט עס גערופן מיט כעס אין האַרץ, און אָפטער, אַז ער האָט דערזעען דעם אַלטן אייזענבערגן אַריינקומען מיט אַ ספר, האָט ער אַ פאַרהאַוועטער גענומען געוואַלטעווען וועגן עפּעס, און איז תיכף אַרויסגעלאָפן אין דער פאַבריק.

אָט אַזאַ מענטש איז געווען גרישאַס טאַטע, וועלכער איז נישט נתפעל געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט, אַז ליובאַ ווערט אַ כלה נישט פאַר זיין גרישאַן, הגם ער האָט זייער געוואָלט, אַז זי זאָל זיין זיין שנור און איז פריער טאַקע געווען זיכער אין דעם אויך.

— איז נישט ליובאַ, וועט זיין ליבע, — האָט ער געלאַסן וועגן דעם באַמערקט.

גרישאַ האָט מיטאַמאָל אַ שליידער געטון פון זיך די ציישונג און זיך אויפגעהויבן.

— איצט איז דאָס מיר קלאָר! — האָט ער אַרויסגערעדט.

— וואָס איז דיר קלאָר? — האָט זיין טאַטע געפרעגט.

— איך ווייס, ווער זי איז. און זי האָט מיין ווייב נישט געקאָנט זיין. איך בין אַ „סקופּלאַטאַטע”, ווי אייגע פון די שפּוליאַרקעס האָט מיך אָנגערופן, און זי איז אַ רעוואָלוציאָנערקע...

— ווער? — האָט דוד פּערעלשטיין זיך אָנגערופן.

— אייער ליובאַ, — האָט גרישאַ געענטפערט. — איצט בין איך זיכער אין דעם. און יענער, דער דאָקטאָר, איז אויך איינער פון זיי. מיר קאָנען אָט די פייגל! דערפאַר האָט זי אַזוי געציטערט, ווען איך האָב זיך געוואָלט ווענדן צום פּאָליצמייסטער נאָך הילף קעגן אונזערע אַרבעטער.

דוד פּערעלשטיין האָט געזאָגט:

— דיר איז נישט גוט אויפן האַרץ, רעדסטו פאַר פייער און וואַסער. גרישאַ, דו האָסט פאַרגעסן, אַז די אַרבעטער האָבן זי צעמויקט, ווען זי וואָלט, חלילה וחס, געווען, ווי דו זאָגסט...

— אָט, מיר וועלן שוין זען, — האָט גרישאַ אַרויסגעמורמלט, — איך וועל שוין אויסגעפינען...

זיין טאַטע האָט זיך אָנגערופן:

— גרישאַ, דו בעסער פּאַק זיך איין מיין זון, און פאָר אַוועק קיין אויסלאַנד. דו האָסט דאָך געוואָלט פאָרן, האָסט דאָך שוין דעם פּאַספּאָרט אויך, פאָר!

— איך פאָר נישט. איך בלייב אינדערהיים, — האָט גרישאַ געענטפערט אונטער דער נאָז, און ער איז אַרויסגעלאָפן פון קאָנטאָר און אַריין אין דער פאַבריק.

פאַר כעס און באַליידיקונג וואָלט ער זיך אַליין איצט אויסגעפּאַטש, פאַרוואָס ער האָט זיך געלאָזט פירן פאַר דער נאָז. הגם ער האָט אַליין קלאָר זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג ווי און וואָס האָט ער געקאָנט אַנדערש טון, ווען ער האָט קיינמאָל אויף קלאָר נישט געוווּסט, וווּ ער האַלט מיט איר.

„אַזאַ פאַלשע בריאה!” — האָט ער געטראַכט. — „נישט בעסער פון פאַראַשאַן”...

און מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ליובאַ האָט נעכטן געהאַלטן דעם קאָפּ בײַ יענעם אויפן שויס אין דער פינצטערער נאַכט, און עס האָט אים אַ מיש געטון אין קאָפּ.

„מסתמא די גאַנצע צייט אַזוי", האָט ער ווידער אַטראַכט געטון. —
„און מיט מיר זיך געשפּילט, געפירט פאַר דער נאָז, סקאָטינאַ !"
און ער האָט פאַרקריצט מיט די ציין.
אַרום האָט געקלאַפּט און געליאַרעמט פון די וועב־שטולן.
אַרבעטער, ס'רוב יידישע, יונגע, און גאַר יונגע, כמעט קינדער, און עלטערע און גאָר אַלטע, כמעט זקנים, זענען געשטאַנען בא די וועב־שטולן מיט געבויגענע און געקרימטע אַקסלען און האָבן געאַרבעט.

דאָ איז געשטאַנען אַן אַלטער יידישער וועבער איבערגעבויגן איבערן טוך, וואָס ער האָט געאַרבעט, און מיט רויטע, קאַליע־געוואָרענע, קלעבעדיקע אויגן עפּעס געזוכט אויף אים און געפּאָרקעט זיך מיט אַלטע, ציטערנדיקע הענט.

און דאָרט איז געשטאַנען אַ יידיש יינגל מיט אַן אויסגעמאָגערט לאַנג פּנים, גרויסע, פינקלענדיקע אויגן און מיט אַ גרויסן קנאָפּ אויפן לאַנגן שמאָלן האַלז, און האָט זיך געבויגן און געדרייט אַרום דער וועב־שטול.

ס'רוב פון אַט די אַרבעטער, אַן רעקלעך, מיט די אַרבל פונם העמד פאַרקאַשערט איבער די האָריקע אָרעמס, האָבן אויסגעזעען פאַר־מרהשחורהט און געקוקט מיט טעמפּע אויגן. זעלטן אַ לעבעדיק פּנים. זעלטן אַ זשוואַווער בליק, און ס'רוב פון זיי האָבן געשוויגן, נישט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט מיטן שכן.

ווען די אַרבעטער האָבן דערזעען גרישאַן, האָבן די עלטערע צווישן זיי זיך יעדערער אַ רוק געטון בענטער צו זיין וועב־שטול, און זייערע אַקסלען האָבן זיך נאָך מער אויסגעבויגן און אויסגעקרומט, דערפאַר אָבער האָבן אַ סך פון די יינגערע, ווי אים אויף צולהכעיס, ווי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט אויסדריקן זייער רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט, זייערע רוקנס דאַן מער אויסגעגלייכט און זיי האָבן גענומען שמועסן מיט זייערע שכנים.

גרישאַ האָט עס באַמערקט, און עס האָט אים אַ ברען געטון.
בא אים איז שטענדיק געווען פאַרבאָטן צו שמועסן בשעת דער אַרבעט אין דער פאַבריק. פריער האָבן עס די אַרבעטער אָפּגעהיטן, ביז זיי זענען חוצפּהניקעס געוואָרן.

זיין אויפגערעגטער בליק איז געפאַלן אויף דעם הויפּט־חוצפּהניק איצען, וועלכער, שטייענדיק האַלב אָפּגעקערט פון זיין וועב־שטול, האָט זיך דורכגעשריגן מיט נאָך אַ וועבער און האָט געלאַכט.

באַ גרישאַן האָבן זיך די אויגן אַ צינד געטון. מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט ער איצט אַ פּאַק געטון אָט דעם איצען און אים אַרויסגעוואָרפן פון דער פאַבריק. און ווייל ער האָט דערפילט, אַז עס איז אים שווער זיך צו באַהערשן, איז ער אַוועקגעלאָפן אַהין, ווו די שפּוליאַרקעס האָבן געאַרבעט.

און, מעשה שטן, איז ער אַרייננגעקומען אַהין, בעת די דיקע האָדל, איצע-מאיר דעם באַלעגאָלעס טאָכטער, די אייגענע, וועלכע האָט אים דעמאָלט גערופן „סקופּלאַטאַטע", האָט געלייענט אַ בלעטל, קענטיק אַ פּראָקלאַמאַציע, פאַר צוויי אַנדערע שפּוליאַרקעס, וואָס איינע פון זיי איז געווען באַשקע, דעם אַלטן וועבער ר׳ חיימס יינגסטע טאָכטער, וועלכע האָט אויסגעזעען כמעט נאָך אַ קינד. אַ מאָגערע מיט אַ בלייך פּנים און צעפינקלטע, העלע אויגן, און די אַנדערע איז געווען איטקע, „דער רויטער גוואַרדייעץ", ווי מען האָט זי גערופן אין דער פאַבריק, מאַניע דעם מלמדס אַ טאָכטער. אַ הויך, מגושמדיק מיידל, וועלכע איז צוויי מאָל אַזוי דיק געווען ווי האָדל, און מיט רויטע האָר און מיט זומער-שפּרינקעלעך אויפן פּנים.

באַשקע האָט באַמערקט גרישאַן, האָט זי צעשראָקן אַ צופּ געטון האָדלען פאַרן נאַקעטן, געזונטן אָרעם.

האָדל האָט זיך דאַן אומגעקוקט. אַ פלאַם געטון מיט אירע שוואַרצע אויגן אויף גרישאַן און תיכף פאַררוקט דאָס בלעטל אונטערן הויכן בוזים און פאַרשפּילעט די קאָפטע.

דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר גרישאַן. ער האָט זיך מער שוין נישט געקאָנט באַהערשן.

— וואָס טוט איר, איר לייענט? — איז ער צוגעלאָפן צו זיי אַן אויפגערעגטער.

זיי האָבן געשוויגן און גענומען אַרבעטן.

— ווייז, וואָס האָסטו דאָרט געלייענט? — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו האָדלען און געקוקט אויף איר מיט כעס.

— נישט אייער עסק! — האָט זי אַרויסגעמורמלט און נישט אַ קוק געטון אויף אים.

— דאָס איז מיין עסק, דו! — האָט ער אַ געשריי געטון, — דאָ אַרבעט מען און נישט מען לייענט.

האָט זיך איטקע, „דער רויטער גוואַרדייעץ", דאַן זיך אַ קער געטון צו אים און זיך אָנגערופן:

— שרייט נישט אזוי, האָדל איז נישט טויב. און איר דאַרפט אונז נישט דערציילן, אַז מען אַרבעט דאָ. מיר ווייסן דאָס.

גרישאַ האָט איר נישט געענטפערט, אָנשטאָט דעם האָט ער אויס-געשטרעקט די האַנט צו האָדלס בוזים מיט די ווערטער:

— וויז, וואָס האָסטו דאָרט באַהאַלטן!...

האָדל האָט אים אַ שטויס געטון פון זיך מיט איר שטאַרקן אַקסל און איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ צעפלאַמט פּנים און צעפלאַקערטע אויגן.

— קריכט נישט צו מיר, ווי אַ חזיר! — האָט זי אַ געשריי געטון. — איר וועט בא מיר קריגן איבער די הענט!

גרישאַ האָט זי אַ פּאַק געטון פאַר אַן אָרעם.

— בעסער מיט גוטן. זיי דו נישט קיין נאַר, — האָט ער גערעדט שטילער, מיט פאַרשטיקטער אויפרעגונג און געקוקט איר גלייך אין פּנים אַריין מיט אָנגעצונדענע אויגן. — וואָס איז דאָרט בא דיר, וואָס דו האָסט באַהאַלטן? אַ פּראָקלאַמאַציע פון בונד, האַ? לאָז זעען, ווו האָסטו עס גענומען? ווער טיילט עס דאָ?... נו, וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? גיב אַהער, אַנישט שיק איך גלייך נאָך פּאָליציי!...

האָדל האָט זיך צעלאַכט אויפגערעגט. און באַשקע איז אויפגע-שפּרונגען מיט צעשראָקענע אויגן און איטקע האָט זיך אויך אויפגעהויבן און כמעט אַ רויקע איז זי צוגעגאַנגען צו גרישאַן און האָט שטיל זיך אָנגערופן:

— וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו איר? איר ווילט רופן פּאָליציי, רופט. דערווייל אָבער נעמט אַוועק די האַנט פון איר.

און פּלוצלינג האָט זי צערייצט אַ געשריי געטון:

— נעמט אַוועק!!

און האָט אים מיט אַזאַ קראַפט אַ שלעפּ געטון צו זיך, אַז ער איז שיער נישט אַריינגעפאַלן אין אירע ברייטע אָרעמס און דאַן האָט זי אים אַ פּאַק געטון מיט ביידע הענט פאַר אַן אָרעם, צוגעהאַלטן אים און אויסגעשריגן צו האָדלען:

— אויף גיך, פאַרברען דאָס חמץ!

האָדל האָט זיך מיט אימפּעט געלאָזט לויפן, שפּאַרנדיק איר האַנט צו זיך אונטערן בוזים, און באַלד איז זי פאַרשוואונדן פון די אויגן.

גרישאַ האָט זיך דערווייל געראַנגלט מיט איטקען, זי אָבער האָט אים פון די הענט נישט אַרויסגעלאָזט, האָט זיך איינגעקלאַמערט ווי מיט

צוהאנגען אין זיין אָרעם און גערעדט, סאָפּענדיק, און געלאַכט. — וואָרט וואָרט, האָדל וועט אַריינקומען, וועל איך אייך אָפּלאָזן. אַי, אַי, סאָראַ גיבור, סאָראַ גבר! — האָט זי געלאַכט און געסאָפּעט.

פּלוצלינג האָט ער זיך אַרויסגעריסן, אַ הייב געטון אַ האַנט און אַ פּאַטש האָט אָפּגעהילכט בײַ איטקען אויף דער באַק.

איטקע האָט לכתחילה אַ כאַפּ געטון זיך פאַר דער באַק און צוגעקוקט גרישאַן מיט צעטומלטע אויגן. דערנאָך — מיט אויסגעשטשירעטע ציין און מיט אַ צעפלאַמט פּנים, האָט זי זיך אַ לאָז געטון אויף אים און גענומען רייסן אויף אים דעם קאָלנער, די לאַצן, און דערביי נאָך געדריגעט אים מיט די פיס און אַזוי געשריגן, אַז אין אַ ווײַלע אַרום האָבן אַרום זיי שוין געטומלט סיי די אַרבעטערינס און סיי די וועבער פון דער פאַבריק, סיי די אַרבעטער פון דעם הויף און סיי די מענטשן פון קאַנטאָר, און אבֿרהם אײַזענבערג און דוד פּערעלשטיין זענען אויך געקומען צו לויפן.

דאָס רוב פון די אַרבעטערינס האָבן אויסגעזעען צעשראָקן און האָבן געשוויגן. איטקע איז איצט געשטאַנען מיט צעשויבערטע רויטע האָר און געכליפּעט.

האָדל האָט זיך צעקאָכט:

— מען טאָר נישט פאַרשווייגן דעם סקופּלאַטאַשני, ער האָט מיך אויך פריער געוואָלט שלאָגן!

איצע האָט אַ געשריי געטון:

— הײַנט אַן אסיפה, חבֿרה! מיר וועלן זיי ווײַזן!

און דאָס מאָגערע ייִנגל מיטן גרויסן קנאָפּ אויפן לאַנגן דינעם האַלדז, האָט זיך אויסגעצויגן אויף די שפּיץ-פינגער, כּדי מען זאָל אים בעסער זען, און האָט אויסגעשריגן אויף אַ מיידליש קול:

— מען דאַרף אָננעמען אַ רעזאָלוציע קעגן דעם בורזשוי!

און דער וועכטער, טערענטי, וועלכער איז דאָ אויך געווען, האָט געקוקט מיט קרומע אויגן אויף גרישאַן, וועלכער איז געשטאַנען צווישן זיין טאַטן און פּערעלשטיינען מיט אַ צעריסענעם קראַגן און אַ צעריסענעם אַרבל, אַ בלייכער און אַן אויפגערעגטער, און ער, טערענטי הייסט עס, האָט פון אונטער דער נאָז געשיקט רוסישע „מי שברכס“ אויף דעם אַדרעס פון גרישאַן.

וואָרים טערענטי איז, ערשטנס, אויך געווען „אויפגעקלערט“ און, דער עיקר, ער האָט געטראָגן אַ האַס קעגן גרישאַן פאַר פּאַראַשאַן...

גרישאַ האָט געשדיגן איינע און די זעלבע ווערטער:

— מיר מוזן צושליסן די פאַבריק!

דוד פּערעלשטיין האָט זיך געהאַלטן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און זיין גאַנץ אויסזעען האָט געשריגן „געהאַלט!"...

און אברהם אייזענבערג איז אפילו איצט געבליבן רויק. ער האָט געשוויגן און נאָר געשמייכלט האַלב מיט שפּאָט און האַלב מיט באַדויערן.

דערנאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— גרישאַ, דו האָסט זיך געדאַרפט לערנען פון אַלעקסאַנדער מוקדון. ער האָט מיט ווייבער נישט געוואָלט מלחמה האַלטן...

— אָך, הער אויף! — האָט גרישאַ אים איבערגעבראָכן און איז אַנטלאָפן.

דערנאָך זענען פּערעלשטיין און דער אַלטער אייזענבערג אויך אַוועק.

— שלעכט, איך וועל משוגע ווערן! — האָט דוד פּערעלשטיין אַרויסגעמורמלט, ווען ער איז אַריין מיט דעם אַלטן אייזענבערגן אין קאַנטאָר.

— דו דאַרפסט ערשט משוגע ווערן? — האָט אברהם אייזענבערג אַ שמייכל געטון.

דוד פּערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון.

— כאָטש איצט חכמהט זיך נישט. מ'האָט דאָך אייער זון געשלאָגן.

— מיין זון האָט מען פאַרטייטשט אַ שטיקל גמרא, דוד, — האָט אברהם אייזענבערג זיך אָנגערופן. — די גמרא זאָגט, אַז ווען הינט בילן, איז אַ סימן, אַז דער מלאך המות איז דאָ אין שטאָט. די גמרא האָט עס געגעבן אַ משל אויף דעם המון, ווען ער איז צערייצט. דער המון היינטיקע צייטן איז צערייצט, און פאַר אַ צערייצטן המון, צי אַ יידישן, צי אַ גוישן, דאַרף מען זיך היטן, דוד. ווייל ווו דער המון איז צערייצט, דאָרט איז דאָ דער מלאך המות, און מען מוז זיך פאַר אים היטן און נישט איינרייסן מיט אים!...

גרישאַ איז אָנגעקומען.

— מיין פוס וועט מער נישט זיין אין דער פאַבריק. איך קאָן נימער, — האָט ער אַרויסגערעדט.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד. דו ביסט צו היציק פאַר דער היינטיקער צייט, מיין זון. איך וועל

שוין מוזן איצט מער מישן אין געשעפט. אַז נישט, ווייסט נאָר גאָט אַליין, וואָס עס קאָן נאָך אַרויסקומען...

— גוט, מיר וועלן זעען, צווואָס די וועסט ברענגען מיט דיין כּפירונג, — האָט גרישאַ אויסגעשריגן צערייצט, און איז ווידער אַנטלאָפן.

נאָך דעם האָט דער אַלטער אייזענבערג זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— איך וועל אַריינגיין אין דער פאַבריק, פּרוּוון פאַרגלעטן. איך וויל זיך נישט אָנהייבן מיט זיי.

און ער איז אַוועק.

* *

*

אברהם אייזענבערג האָט טאַקע באַרויקט די אַרבעטער. ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז פון איצט אָן וועט ער אַליין האַנדלען מיט זיי אָנשטאָט גרישאַ. זענען די אַרבעטער דערפון צופרידן געווען. ווייל, ערשטנס, האָבן זיי געזען אין דעם אַ נצחון איבער גרישאַן, וואָס זיי אַלע האָבן אים פיינט געהאַט, און ווידער, ווייל מיט דעם אַלטן אייזענבערגן האָבן זיי געוווּסט פון דערפאַרונג, איז תמיד געווען בעסער צו האַנדלען איידער מיט פערעלשטיינען אָדער מיט גרישאַן.

צוויי טעג האָט זיך גרישאַ נישט באַוויזן נישט אין דער פאַבריק און נישט אין קאַנטאָר אפילו. ער האָט דערקלערט זיין טאַטן:

— אויב די דעה האָבן דאָרט די אַרבעטער, האָב איך נישט וואָס צו טון דאָרט.

האָט זיין טאַטע אים דערציילט מיט אַ געלאַסענעם שמייכל אַ מעשה וועגן אַ תנא און אויסגעפירט, אַז די גלייכסטע זאַך איז פאַר אים, גרישאַן, אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד, ווי ער האָט אים שוין געזאָגט.

דאָס איז געווען אויפן צווייטן טאָג נאָכן סקאַנדאַל אין דער פאַבריק, באַנאַכט.

אַ הייסע אַ שטיקנדיקע נאַכט געווען און אַ פינצטערע.

בא פערעלשטיינען אויפן גאַניק זענען געזעסן אברהם אייזענבערג און דוד פערעלשטיין און האָבן שטילערהייט געשמועסט וועגן אַ בייער מפּלה, וואָס די רוסישע אַרמיי האָט געהאַט אַרום פּאָרט-אַרטור.

אברהם אייזענבערג האָט דערמאָנט אין אַ שפּאָסישן טאָן, וואָס דער הויפּט-גענעראַל פון דער רוסישער אַרמיי קעגן די יאַפּאַנער, קוראָפּאַטקין, האָט געזאָגט, בעת ער איז געפאָרן איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער זיין אַרמיי: „מיר וועלן זיי פאַרוואַרפן מיט אונזערע היטלען, די יאַפּאַנטשיקלעך", — האָט אָט דער קוראָפּאַטקין דעמאָלט געזאָגט.

— אפנים, אַז די „יאַפּאַנטשיקלעך" האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר די היטלען פון די רוסישע סאָלדאַטן, — האָט דער אַלטער אייזענבערג שפּאָטיש גערעדט.

— וואָס וועט דערפון ווערן? — האָט דוד פערעלשטיין זיך אָנגערופן פאַרטראַכט. — דערווייל קאָכט זיך, אַ מוראדיקע צייט!...

— עפּעס וועט זיך אויסקאָכן, דוד. מענטשן האָפן, אפשר באמת ישועות אויף יידן?

— אַי, אויף וואָסערע ישועות קאָנען יידן האָפן אין גלות. אין גלות קאָנען זיי נאָר האָפן אויף פּאָגראָמען.

— דער העכט שמעקט פונם קאָפּ, דוד. די פּאָגראָמען אויך פון דאָרט...

— נו, יאָ, — האָט פערעלשטיין צוגעגעבן, — מסכים מיט אייך. מיינט איר אָבער, אַז דער קאָפּ וועט שוין מער נישט שמעקן?...

— אויף דעם האָפט מען...

אַ ווײַלע האָבן זיי דערנאָך געשוויגן. פונם הויז האָט זיך געהערט ליובאָס און באָריסעס געלעכטער.

נאָך דעם האָט דוד פערעלשטיין זיך ווידער אָנגערופן פאַרטראַכט:

— דערווייל אָבער איז אַ מוראדיקע צייט. קיינער איז נישט זיכער מיטן לעבן. רק מען שיסט, מען הענגט, מען אַרעסטירט, מען שמייסט. מיניסטאָרן ווערן דערשאָסן, גובערנאַטאָרן, איספּראַווניקעס, מען אַרעסטירט גויים, יידן, אַלטע, יונגע, ווייבער, מיידלעך, רייכע און אָרימע, סטודענטן, אַרבעטער, פּויערים. מען בונטעוועט זיך אין די דערפער, אין די פאַבריקן, קליינע קינדער, קליינע ווידליקעס זענען רעוואָלוציאָנערן... ווען איז דאָס געהערט געוואָרן בײַ יידן? אַ שרעק, אַ מורא!...

— יאָ, דוד, אמת, אמת, אָבער מענטשן האָפן, אַז אויף דעם פייער וועלן זיך אויסקאָכן ישועות. אָן פייער קאָכט זיך נישט אויס, דוד!...

— אפשר וועט פון אָט דעם גאַנצן פייער זיך אויסלאָזן נישט מער

ווי אַ גרויסע שׂרפה ? — האָט דוד פּערעלשטיין שטיל באַמערקט, און אַ זיפץ געטון.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט דורך דעם אַרומיקן געדיכטן חושך אַ טומל פון דעם הויף — אַ צערייצט מענערישע קול און אַ קוויטש פון אַ פרוי.

סיי אייזענבערג און סיי פּערעלשטיין זענען אויפגעשפּרונגען.

— פּאַראַשאַס געשריי ! — האָט פּערעלשטיין צעשראָקן זיך אָנגערופן.

— דאַכט זיך, מיין גרישאַס קול — האָט דער אַלטער אייזענבערג צעטומלט אַרויסגעמורמלט.

און ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין האַסטיק צום הויף, פון וואַנען עס האָט זיך איצט געהערט דאָס פרויען-קול, וועלכעס האָט געקוויטשעט דורך דער פינצטערניש.

— גרישקאַ, טערענטי, עוואַ ! (ווײ איז מיר !)

זיי האָבן דערזען פונדערווייטנס אַ ברענענדיקע לאַמטער אויף דר׳ערד. און נישט ווייט פון איר האָבן זיך צוויי מענערישע געשטאַלטן געשלאָגן, און עס האָבן געהילכט פון דאָרט קלעפּ, ווי מען וואָלט געקלאַפּט מיט שווערע פּריאַניקעס איבער גרעט, און צווישן די צוויי געשטאַלטן האָט זיך געדרייט אַ דריטע פרויען-געשטאַלט מיט אַ קוויטש...

דידאָזיקע דריי געשטאַלטן זענען דאָ פאַרזונקען געוואָרן אין דעם חושך הינטער דער שיין פון דער לאַמטער און באַלד זענען זיי ווידער אַרויסגעשוואומען מיט אַ קלאַפּן און מיט אַ ווייבערישן קוויטש...

און ביזוואַנען פּערעלשטיין און אייזענבערג זענען צוגעלאָפן צו דער לאַמטער, איז איינער פון די געשטאַלטן געלעגן דאָרט אויף דער ערד.

— ראַטויטע (ראַטעוועט), טערענטי האָט דערהרגעט גרישקאַן ! — האָט זיך צעקוויטשעט דאָס פרויען-קול, וועלכעס איז געווען פּאַראַשאַס, בעת אייזענבערג און פּערעלשטיין זענען צוגעלאָפן. זיי האָבן דערזען גרישאַן, וועלכער איז געלעגן אויף דער ערד מיט פייכטע האָר, וועלכע האָבן זיך געקלעבט בײַ אים פון פאָרנט צום שטערן, איבער וועלכן צוויי בלוט-שטראָמלעך האָבן זיך געשנירלט. די אויגן בײַ אים זענען געווען צוגעמאַכט און ער האָט שווער געאָטעמט.

אברהם אייזענבערג האָט זיך אַ וואָרף געטון לעבן אים מיט אַ געשריי :

— גרישאַ!

און דוד פּערעלשטיין האָט גענומען שרייען:

— אַ דאָקטאָר! ווו איז דער דאָקטאָר? רופט אים. ער זיצט דאָרט בײַ מיר אין הויז...

און גראָד זענען אין דער צייט אָנגעקומען באָריס און ליובאַ און רבקה אויך, וועלכע זענען אַרויסגעלאָפן פון הויז, בעת זיי האָבן דערהערט דעם טומל.

באָריס, וועלכער האָט איצט געדאַרפט באַווייזן, אַז ער איז אַ דאָקטאָר, האָט זיך איצט אויך נישט פאַרלוירן. ער האָט נאָר געדאַרפט טון דאָס, וואָס ליובאַ, די סטודענטקע פון די מעדיצינישע קורסן, האָט אים געהייסן.

ער האָט איר געהאָלפן צו פאַרבאַנדאַזשירן גרישאַס קאָפּ.

און דערווייל האָט פּאַראַשאַ, ווישנדיק מיט אַן אַרבל די אויגן און איר נאָז, דערציילט פּערעלשטיינען און רבקהן:

— מיר זענען געזעסן, איך און דער רוצח טערענטי, איז אָנגעקומען גרישקאַ און האָט אונז דערזען, און ער האָט געזאָגט טערענטין: „אַזוי היסטו? דערפאַר צאָלט מען דיר געלט, הייסט עס?" האָט זיך טערענטי אויף אים אַרויפגעוואָרפן. אָט אַזוי ווי אַ משוגענער הונט, מיט די פויסטן, הייסט עס, ביז ער האָט אים מיט זיין קאָלאָקאָטקע, הייסט עס, איבערן קאָפּ דערלאַנגט...

פון דער פינצטערניש איז אַרויסגעטרעטן טערענטי און זיין געשטופּלט פּנים האָט אויסגעזען אויפגערעגט, און זיינע פלאַקסענע האָר זענען געווען צעשויבערט אויפן קאָפּ און ער האָט זיך געווישט מיט די פינגער דאָס בלוט פון דער נאָז.

פּאַראַשאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון צו אים מיט אַ געשריי:

— אַוועק, דו רוצח! זאָל איך קראַפּירן, ווי אַ צויג, אויב איך וועל דיך אפילו לאָזן זיך צורירן צו מיין האַנט, דו בלוטזויגער, דו!

— איך וועל אים ווייזן, דעם פאַרשאָלטענעם „בורזשוקאַ"! — האָט טערענטי אַ שאָקל געטון אַ פויסט אין דער לופטן. — און דיר אויך, דו „משערוואַ", דו פּאַסקודסטווע! דו וועסט זיך בײַ מיר נישט אַרומוואַלגערן מיט אַזאַ איינעם, אַ פאַרשאָלטענעם בורזשוטשקאַ, הייסט עס! איך וועל אייך אַלעמען ווייזן, איר זשידאָווסקע בורזשוקעס, — האָט ער זיך נאָך מער צעקאָכט, — אַלעמען! פּאַידו ק׳בונטו, (איך וועל גיין צום בונד)

און זיי וועלן שוין אַרויסלאָזן אַ „כרעזאַלוציע", אַז מען זאָל אַ פּאָגראָם אויף אייך מאַכן, איר זשידאָווסקע בורזשוטשקעס!

און ווי ס'רוב פון די אַרבעטער אין דער פאַבריק פון פּערעל־שטיין און אייזענבערג האָבן זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון „בונד", איז ער, טערענטי, אויך „רעוואָלוציאָניזירט" געוואָרן פון אָט די אַרבעטער־בונדיסטן, און אויף זיין באַזונדערן שטייגער באַנומען די אויפקלערונג פון אָט די בונדיסטן. דער בונד איז בײַ אים געווען „כבונט" און אָט די אַלע אַרבעטער, וואָס זענען אין כעס געווען אויף פּערעל־שטיינען און גרישאַן און אויף די אַלע רייכע „בורזשוטשקעס", זענען בײַ אים געווען בונטאָוושטשיקעס, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען די קריוו־דע פאַר אָרימעלייט, גרייט צו מאַכן פּאָגראָמען אויף די רייכע און באַטשאַלסטווע, כדי דעם אָרימאַן זאָל דערנאָך ווערן בעסער און פרייער צו לעבן אויף גאָטס וועלט.

מען האָט גרישאַן אַריינגעטראָגן אין הויז און באָריס האָט גע־ראָטן, אַז מען זאָל שיקן נאָך אַ „צווייטן" דאָקטאָר, ווייל ער האָט נישט זיינע אינסטרומענטן...

און באַלד האָט זיך געטראָגן פּערעלשטיינס קאָרעטע מיט די בוי־לאָנע פערד איבערן שליאַך צו דער שטאָט.

און שפּעטער האָבן שוין אַלע געוווּסט, פאַרוואָס טערענטי האָט צעשפּאָלטן גרישאַן דעם קאָפּ, און בײַ אייזענבערגן אין הויז האָט מען זיך שטאַרק געשעמט, און בײַ פּערעלשטיינען — האָט זיך דוד פּערעל־שטיין געסודעט מיט זיין ווייב און איר געזאָגט, אַז נישט אומזיסט האָט ליובאַ נישט געוואָלט גרישאַן פאַר אַ חתן. מיט איר ריין, כשר האַרץ האָט זי געפילט, אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן און אַ פּאַסקודניאַק...

דער דאָקטאָר, וועלכן מ'האָט גערופן צו גרישאַן, איז געווען דאָק־טאָר זעליגסאָן, איינער פון די פּראָמינענטסטע דאָקטוירים פון שטאָט, און אַ גוטער באַקאַנטער סיי פון אייזענבערגן און סיי פון פּערעלשטיינען און ער איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט לעבן קראַנקן.

אינדערפרי, איידער ער איז אַוועק, האָט ער דערקלערט אייזענ־בערגן, אַז ער קאָן נאָך דערווייל נישט זאָגן באַשטימט, ווי עס האַלט מיטן קראַנקן, ער וועט נאָכמיטאָג ווידער קומען.

דעם זעלביקן טאָג האָט רבקה אָפּגעזאָגט פּאַראַשאַן, און די שיקסע מיט איר פעקל אונטערן אָרעם,, איידער זי איז אַוועק, האָט אָפּגעזוכט טערענטין און אים גוט אָנגעשאָלטן און אים אַ שפּיי געטון אין פּנים.

ער האָט אָפּגעווישט ס'פּנים מיטן גאַנצן עלנבויגן און האָט גע־שוויגן מיט אַ פאַרוואָלקנטער מינע.

דערפאַר אָבער האָט ער נישט געשוויגן, ווען אברהם אייזענבערג האָט אים שפּעטער אַרײַנגערופן אין קאַנטאָר און אים געזאָגט, אַז ער וואָלט אים געקאָנט אַרעסטירן, ער וועט עס אָבער נישט טון, ווייל ער וויל נישט האָבן קיין עסקים מיט אַ רוצח. זיין שטעלע אָבער מוז ער תיכף פאַרלאָזן. ער וויל אים מער נישט זעען אויפן הויף.

— איך וועל גיין זיך קלאָגן צום „כבוגט" — האָט אים אויף דעם געענטפערט טערענטי. — און דער „כבוגט" זאָל זאָגן, צי אַ בורזשויטשקע קאָן בײַ מיר אָוועקנעמען מיין שטעלע צוליב אַ טשערהאַ, אַ פּאַסקודנע מיידל !...

און אַזוי־ווי אברהם אייזענבערג האָט געוואָלט דערשטיקן די גאַנצע געשיכטע, כּדי די וועלט זאָל זיך נישט דערוויסן פון דעם סקאַנדאַל מיט גרישאַן, איז ער צום סוף דורכגעקומען מיט טערענטין, האָט אים אָפּגע־שטעקט עטלעכע רובל מער ווי אים איז געקומען, און אַזוי איז ער דער־פון פטור געוואָרן פון אים...

דאָס ניינצענטע קאַפּיטל

דאָקטאָר זעליגסאָן

בערציק און קאַליאַ זענען דערווייל נישט געפאָרן קיין מאָהיליעוו צו זוכן מיכאַילן, ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דער פאַרזאַמלונג אין דער קרעטשמע.

אין דעם איינעם טאָג, ווען זיי האָבן געזאָלט אָפּפאָרן אַהין, האָט באַריס זיי פלוצלינג פאַרגעלייגט אַן אַנדערע זייער וויכטיקע אַרבעט, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט אָפּלייגן. און בראַכקע און צייטלין זענען נאָך דערווייל אויך פאַרבליבן אין שטאָט.

פלוצלינג איז אַרויסגעקומען אַ פּועלי-ציוניסטישע, אונטערערדישע צייטונג, וועלכע איז געווען אַרויסגעגעבן אין אַן אַנדערער שטאָט, מיט דער ידיעה, אַז אַרום שקלאָוו האָט מען געפונען דעם פּראָוואָקאַטאָר מיכאַיל אַ דערהרגעטן און מען האָט אים שטילערהייט מקבר געווען אויף דעם דאָרטיקן בית-עולם.

די חברים פון באַריסן האָבן געגלייבט, אַז דידאָזיקע ידיעה איז אַן אמתע, און אויף אַזאַ אופן איז דער ענין מיכאַיל אויף דערווייל באַגראָבן געוואָרן.

דידאָזיקע ידיעה אין אָט דער צייטונג איז געווען געדרוקט אין מאָהיליעוו. וויאַזוי זי איז אַהין אָנגעקומען און פון וועמען — איז געווען אַ סוד, פון וועלכן עס האָבן נאָר געוווּסט באַריס און די קאַנצעלאַריע פון סאַוויצקין...

אָט אַזוי האָט זיך באַריס געראַנגלט מיט זיין לעבן און פאַר זיין דערווייליק גליק, וואָס ער האָט נאָך אים מיט יעדן טאָג אַלץ מער געדורשט, ווייל ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיין זיכער מיט זיין מאָרגן...

דוד פערעלשטיין האָט געפּרוווט אַ שמועס טון מיט אים און ליובאַן

וועגן שרייבן תּנאים, האָבן זיי דאָס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער — אויף נאָך די יום־טובֿים, צי אויף ווינטער.

— מיר וועלן נאָך אַרומגיין אַ ביסל פרייע, נישט געבונדענע, — האָט ליובאַ געלאַכט, — דערנאָך, פּאַפּאַ, וועלן מיר זיך בינדן...

בײַ זיך אין האַרץ האָט זי געטראַכט, אַז ווינטער וועט זי זיך דורכפאָרן מיט באָריסן קיין אויסלאַנד, וועט דאָרט פאַרברענגען מיט אים אַ קורצע צייט און דערנאָך, אַז זי וועט זיך צוריקקערן, וועט זי דערקלערן איר טאַטע־מאַמע, אַז זי האָט מיט באָריסן חתונה געהאַט אין אויסלאַנד.

אוודאי האָט זי זיך גערעכנט אויף אַ סקאַנדאַל אינדערהיים, און זי האָט נאָך אויך נישט געוווּסט, וואָס זי וועט זיי דעמאָלט זאָגן אינדערהיים, פאַרוואָס איר מאַן עפּנט נישט קיין קאַבינעט און פּראַקטיצירט נישט, נאַר, מילא, זי וועט דעמאָלט זעען, — האָט זי געטראַכט...

דערווייל איז באָריס יעדן טאָג געקומען צו ליובאַן און דערנאָך איז זי אַוועק מיט אים, און אַמאָל ביז האַלבער נאַכט.

רבֿקה איז איצט רויִקער געוואָרן וועגן איר טאָכטער, ווען זי האָט געוווּסט, אַז ליובאַ איז געווען פאַרנומען מיט איר חתן.

גרישאַ איז נאָך געלעגן קראַנק, און דאָקטאָר זעליגסאָן האָט אים באַזוכט צוויי מאָל יעדן טאָג.

באָריסן האָט מען קיינמאָל נישט גערופן צום קראַנקן. איינמאָל, ווען דוד פּערעלשטיין האָט פאַרזיכערט דעם אַלטן אייזענבערג, אַז באָריס, צי ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „מיין דאָקטאָר באָריס איסאַקאָוויטש הורוויטש" (אונטער דעם נאָמען האָט באָריס זיך אָנגעגעבן פּערעלשטיינען) איז געווען איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים אין פּעטערבורג, האָט אים אייזענבערג' געענטפערט, אַז באָריסן קאָן ער נישט רופן צו גרישאַן, מחמת באָריס האָט בײַ אים אַוועקגענומען ליובאַן.

האָט דוד פּערעלשטיין דערנאָך מער נישט גערעדט דערפון.

ער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס באָריס האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל אים באַקענען מיט דאָקטאָר זעליגסאָן.

אַ פּאָר מאָל, ווען באָריס איז געווען בײַ ליובאַן און דאָקטאָר זעליגסאָן איז געקומען צו גרישאַן, איז דוד פּערעלשטיין צוגעשטאַנען צו באָריסן:

— איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך באַקענען מיט אים. אַ גרויסער

דאָקטאָר און זייער אַ לייטישער מענטש. ער וויל זיך אויך באַקענען מיט דיר. ער האָט עס מיר געזאָגט...

האָט באָריס דאַן מישאַמאָל דערקלערט, אַז ער האָט איצט קיין צייט נישט. און ער איז תיכף אַוועק, אָדער אַליין, אָדער מיט ליובאַן...

* *

*

אַ שבת באַטאָג איז דאָס געווען.

די פאַבריק פון פערעלשטיין און אייזענבערג איז געווען געשלאָסן, אַזוי ווי פאַרלאָזט, אָן דעם טומל און אָן דעם געפילדער פון דער פאַבריק און אָן דעם האַווען פון די מענטשן אַרום די פורן און אַרום די קאַסטנס מיט סחורה.

ליובאַ און באָריס זענען געזעסן אויפן גאַניק פון פערעלשטיינס הויז און האָבן געלייענט אַ נייעם העפט פון אַ רוסישן זשורנאַל. ליובאַ האָט געלייענט און באָריס האָט זיך צוגעהערט.

אַ קיל ווינטעלע האָט געבלאָזן. דער ברייטער, זאַמדיקער שליאַך קעגן גאַניק האָט געשימערט מיט אַ וואַרעמער ווייסקייט קעגן דער זון און אויף יענער זייט שליאַך, ווו עס האָבן זיך געצויגן די קאָרן-פעלדער, האָט געכוואַליעט מיט גאָלד. ליכט און וואַרעמקייט און שטילקייט האָבן אין דער לופט געפלאָסן.

די פענצטער פונם הויז צום גאַניק זענען געווען אָפן און פון דעם אָפענעם קיך-פענצטער האָט זיך געטראָגן דער געשמאַקער, וואַרעמער ריח פון געפּרעגלטע מאַלינעס, וואָס די נייע קריסטלעכע דינסט האָט דאָרט, אין קיך, געפּרעגלט.

— ווי געשמאַק! — האָט ליובאַ זיך אונטערבראָכן דאָס לייענען, און אַ צי געטון מיט איר נאָז.

— יאָ, — האָט באָריס אויך געזאָגט, — מאַלינעס!

און ער האָט אויך אַ צי געטון מיט דער נאָז.

פּלוצלינג האָט זיך אַ דראָזשקע אָפּגעשטעלט פאַרן גאַניק פון אייזענבערגס הויז און אַ הויכער מאַן, אין אַ ווייסן אָנצוג, מיט אַ שוואַרצער באָרד, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון איר, האָט אַ קוק געטון צו ליו-

באַן און באַריסן. אויף גיך אַרויסגערעדט: „גוט שבת, ליובאַ דאַווידאָווינאַ", און איז פאַרשוווּנדן אויפן גאַניק פון אייזענבערגס הויז.

באַריס האָט זיך אָנגערופן.

— שלעכט, מ'דאַרף זיך גלייך אָפּטראָגן, אַז נישט וועט דיין פּאַפּאַ אים ווידער וועלן פאַרשטעלן פאַר מיר. דיין פּאַפּאַ איז דאָך דאָרט, באַ די אייזענבערגס?

— יאָ.

— נו, און ער ווייסט אויך, אַז איך זיך מיט דיר, דאַרף מען זיך טאַקע גלייך אָפּטראָגן!

— דו קאָנסט דאָ זיצן וויניקסטנס נאָך אַ שעה, ביז דאָקטאָר זעליגסאָן וועט דאָרט פאַרטיק ווערן...

— וואָס הייסט? — האָט באַריס זיך אָנגערופן.

— ווען ער טרעפט אַמאָל אַזאַ ייד ווי מיין פּאַפּאַ, צי ווי דעם אַלטן אייזענבערגן, הייבט ער אָן מיט זיי צו רעדן וועגן דיין סעריטאַריאַליזם און ער קאָן אַזוי אָפּרעדן שעהן־לאַנג, און נישט נאָר מיט די אַליין, ער וועט רעדן מיט מיר, מיט מיין מאַמען, מיט דיר, מיט יעדן איינעם, פירט ער וויכּוחים, ער היצט זיך און אַרבעט מעשים, מען זאָגט, — האָט ליובאַ אַ שמייכל געטון, — אַז אפילו מיט אַ קראַנקן, בשעת יענער גוססט, רעדט ער וועגן אַן אייגענער טעריטאָריע.

— איך האָב געהערט, אַז ער איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש — האָט באַריס באַמערקט.

— אַ מערקווירדיקער מענטש, — האָט ליובאַ געענטפערט. — און דו ווייסט, באַריס, אַז פריער איז ער גאָר אַן אַנדערער מענטש געווען. איך קען אים, ער איז ישעיה ציטלינס אַן איידעם, אַ שוואָגער פון מיין פריינדין העניעטע און פון אונזער הבר ציטלין. איך האָב אים אַ סך מאָל געטראָפן באַ די ציטלינס אין הויז. גאָר אַן אַנדערער מענטש געווען.

— צום ביישפּיל...

— ער האָט זיך פריער נישט אינטערעסירט מיט קיין יידישע פּראָבלעמען, אַ מענטש מיט שריפטשטעלערישע פעיקייטן, האָט ער אַמאָל געדרוקט אין אַ רוסישן ליבעראַלן זשורנאַל אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ פּאָליטישער אָדער אַן עקאָנאָמישער פראַגע, האָט באַלאַנגט צו איין קלוב מיט די קריסטן פון דעם העכערן קרייז, צו וועלכן אויך אַנדערע פון דער העכערער „באָמשאַלסטוואָ" האָבן באַלאַנגט, באַזוכט מיט זיין ווייב

זייערע הייזער, איז געווען זייער הויז-פריינט און זייער הויז-דאָקטאָר, ביז דעם קישענעווער פאָגראָם...

— יאָ, דער קישענעווער פאָגראָם האָט אויף אים געמאַכט אַ מוראדיקן איינדרוק, ווי אויף אונז אַלעמען. און אין יענער צייט האָט ער געמאַכט זיין באַרימטן סקאַנדאַל אינם קלוב...

— וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל?

— אָ, מיטן סקאַנדאַל האָט דערנאָך געקלונגען די גאַנצע שטאָט, — האָט ליובאַ דערציילט. — ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די גלייכגילטיקייט, וועלכע די קריסטלעכע מיטגלידער פונם קלוב האָבן אַרויסגעוויזן צום קישענעווער פאָגראָם, און אַנדערע פון זיי האָבן זיך נאָך ציניש געוויצלט איבער דעם. איז ער דאַן אַרויסגעטרעטן קעגן זיי און זיי אָנגערופן: כוליגאַנעס, פאָגראָמשטשיקעס, און פון דעמאָלט קומט ער שוין נישט מער אין קלוב אַריין און חברט זיך שוין מער נישט מיט זיינע פריערקע קריסטלעכע פריינט. ער טענהט, אַז אויף זייערע הענט און אין זייער שמייכל ווייזט זיך אים אויס, אַז ער זעט שפורן פון יידיש בלוט...

— נאַרישער שאָוויניזם, — האָט באַריס זיך אָנגערופן פאַרטראַכט, און צוגעלייגט — און דאָך ווייזט עס, וויפיל ער האָט דורכגעלעבט און ווי טיף דער קישינעווער פאָגראָם האָט אים דערשיטערט. יאָ, איך פאַרשטיי אים. ווען ער וואָלט געווען אַ רעוואָלוציאָנער, וואָלט עס אים געטריבן צום געדאַנק וועגן טעראָר, אַזוי אָבער האָט עס אים געטריבן צום געדאַנק וועגן אַ טעריטאָריע...

— דער געדאַנק וועגן אַ טעריטאָריע פאַר יידן איז איצט זיין „אידעע-פיקס". ער האָט זיך באַנוצט דערמיט, וואָס פלעווע האָט דערלויבט די ציוניסטן צו רעדן און צו שרייבן וועגן זייער באַוועגונג, שרייבט ער וועגן אַ יידישער טעריטאָריע אין די יידיש-רוסישע זשורנאַלן און רעדט וועגן דעם אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, און זיין שווער, דער אַלטער צייטלין, מאַכט אים דערפאַר סקאַנדאַלן און זיין אייגן ווייב, מאַשאַ, איז אויך שטאַרק נישט צופרידן דערפון.

— פאַרוואָס?

— מאַשאַ איז נישט צופרידן, ווייל פון אַלע יאָרן איז זי געוווינט צו קומען אין דעם קרייז פון זייערע קריסטלעכע פריינט, און מיטאַמאָל איבערגעריסן! און דער אַלטער ישעיה צייטלין... איך האָב אַמאָל בייגעוווינט אַזאַ סצענע בא אים אין הויז — האָט זיך ליובאַ פלוצלינג צע-

לאכט. — איך זיך בא הענריעטען, קומען אָן מיטאָמאָל דאָקטאָר זעליג-סאָן און זיין ווייב מאשא. דער אַלטער צייטלין איז אויך אין שטוב, און מיטאָמאָל פאַלט ער אָן אויפן דאָקטאָר זעליגסאָן מיט א געוואַלט: „דו האָסט זיך גערירט פון זינען! דו פארשוואַרצסט מיר די אויגן! מיידסט אויס די אָנגעזעטענסטע קריסטן און נאָטשאַלסטוואָ און דו רעדסט פאַר פייער און וואַסער אויף אסיפות פאַר באַלמעלאַכעס און באַלעגאַלעס און שדים ווייסן נאָך פאַר וועמען, אָט ווי א מגיד! געוואַלט, דו ביסט דאָך מיין איידעם? דו ביסט דאָך דאָקטאָר מאָיסיעי סאָלאָמאָנאָוויטש זעליגסאָן, געוואַלט געשריגן!" און דאָקטאָר זעליגסאָן האָט אויף זיין גאַנצן געוואַלט אים נאָר געענטפערט: „שווער, איר מיינט דאָך, אז איר זענט אַ פרומער ייד, זאָג איך אייך, אז איר זענט גאָר קיין ייד נישט, אָבער גאָר קיין ייד נישט!"

באָריס האָט זיך מיטאָמאָל אויפגעהויבן.

— איך רעכן, אז איך וועל דאָך בעסער אַוועקגיין. טאָמער ברענגט דאָך דיין פּאָפּאָ אים צו שלעפן אַהער. פאַרגעס נישט, אז היינט אכט אַ זייגער פאָרן מיר צו יאַקאָווען אין קרעטשמע. זיי בא מיר אַ זייגער זיבן. ער האָט איר געדריקט די האַנט און איז אַוועק.

און באָריס האָט געטראָפן.

פון אייזענבערגס הויז זענען באַלד אַרויסגעקומען דאָקטאָר זעליג-סאָן און דוד פערעלשטיין און אייזענבערג, און אַלע דריי זענען געגאַנגען צום גאַניק, וווּ ליובאַ איז געזעסן.

דאָקטאָר זעליגסאָן, מיטן הוט אין דער האַנט, האָט געדרייט זיין פּמעט נאַקעטן קאָפּ, וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ גרויסער פּאָלירטער קוגל, מיטן הויכן און געוועלבטן שטערן, דאָ צו אייזענבערגן און באַלד צו פערעלשטייגען און גערעדט עפּעס מיט היץ.

יעדע ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון דאָ אויף-דעם און דאָ אויפן אַנדערן מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן און באַלד זיך אַ כאַפּ געטון און איז געגאַנגען ווייטער, רעדנדיק אַלץ העכער און מיט נאָך מער היץ.

און אַזוי זענען זיי צוגעגאַנגען צום גאַניק, וווּ ליובאַ איז גע-זעסן.

דוד פערעלשטיין האָט איבערגעשלאָגן דאָקטאָר זעליגסאָנס רייד, ווענדנדיק זיך צו ליובאַן:

— ווו איז עפּעס דיין דאָקטאָר, ליובאַ?

— ער איז נאַר־וואָס אוועק. ער האָט געמוזט אוועקגיין — האָט ליובאַ געענטפערט און זיך אויפגעהויבן און איז געגאַנגען אַנטקעגן דאָקטאָר זעליגסאָנען און האָט אים דערלאַנגט די האַנט מיט אַ ליבן שמייכל:

— וואָס מאַכט איר, דאָקטאָר?

— אָ, מען רעדט, — האָט ער געענטפערט. — איך ווייס נישט, צי נאַרישקייטן צי חכמות, נאַרטירלעך, איך אַליין מיין, אַז חכמות, אָבער מיין ווייב און מיין שווער — איר ווייסט דאָך, ליובאַ דאַווידאָווגאַ — זיי דענקען, אַז איך רעד די גרעסטע נאַרישקייטן...

ער האָט זיך געזעצט אויפן גאַניק, די אַנדערע אויך.

— און אייער חתן איז נישטאָ? — האָט ער זיך ווידער אָנגערופן צו ליובאַן. — אַ שאָד, געוואָלט זיך מיט אים באַקענען, אַ קאָלעגע, און אייער פּאַפּאַ האָט אים אַזוי פאַרלויבט פאַר מיר.

— אַ מאָדנע מענטש, — האָט דוד פערעלשטיין געזאָגט מיט פאַר־דראָס. — שטענדיק ווערט ער נישט פון אונטער די הענט. וווהין איז ער אוועק, ליובאַ?

— ער האָט געמוזט אַוועקגיין, פּאַפּאַ, — האָט ליובאַ געענטפערט מיט אַ שמייכל, און זיך אַ קער געטון צו דאָקטאָר זעליגסאָן. — וואָס מאַכט גרישאַ, דאָקטאָר?

— אָ, ער איז אַרויס פון געפאַר. נאָך אַ פּאָר וואָכן און ער וועט זיין אַזוי געזונט ווי פריער.

דער אַלטער אייזענבערג האָט זיך פּלוצאָם אָנגערופן:

— דאָקטאָר, איר האָט נישט געענדיקט. הייסט עס, איר מיינט, אַז מיר האָבן דערלעבט משיחס צייטן?...

— יאָ, הער אייזענבערג, אַזוי מיין איך. די יידישע מתים, וואָס זענען אַזוי פיל הונדערטער יאָרן געלעגן באַגראָבן אין זייערע פינצטערע קברים, קומען אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט. מיט זייער גייסט האָבן זיי פאַרנומען די תרועה גדולה פון משיחס שופר. איך פיל דאָס. איך זע דאָס, מיין פריינט!

— אין וואָס זעט איר דאָס, דאָקטאָר?

— אין וואָס? — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן אַ קוק געטון אויף אברהם אייזענבערג מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן און באַגייסטערט אַ שמייכל געטון. — אין דעם קאַמף־גייסט, אין דעם ווילן צו לעבן, אין דעם הויכן אידעאַליזם און אין דעם דראַנג צו באַפרייונג און פרייהייט, וואָס אונזער

יידישע יוגנט ווייזט ארויס. און נישט נאָר אונזער יוגנט אַליין: איר האָט געדאַרפט זיין אַמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג, בעת איך רעד פאַר אַ יידישן עולם. פּשוטע יידן, דאַכט זיך, באַלמעלאָכעס, דערשלאָגענע קרע-מער, צעשראָכענע און פאַרזאָרגטע נפשות, וואָס קיינעם וואָלט גאָרנישט געקאָנט איינפאַלן, אַז זיי זאָלן זיין פעיק צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש, אַ חוץ וועגן זייער אָרים שטיקל ברויט, און איר וואָלט געזען, וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג אָט די יידן ווייזן ארויס פאַר מיין אידעאַל וועגן אַ ניי לעבן אין אַן אייגן לאַנד. יאָ, יאָ, דאָס איז דער בעסטער סימן פון משיחס צייטן, פון אמתן תחית המתים!...

דער אַלטער אייזענבערג האָט זיך געלאָזן אַ גלעט געטון די ווייסע באָרד און צוגעמאַכט די אויגן, דערנאָך האָט ער זיי ווידער געעפנט און געזאָגט:

— דאָס איז גאָרנישט קיין סימן פון תחית המתים, דאָקטאָר. פאַר-קערט, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ סימן פון גרויסן יאוש. ווייזט מיר דאָך פון דער יידישער געשיכטע, אַז אין זיינע ערגסטע צייטן, ווען דער ייד האָט געזעען, אַז באו מים עד נפש, אַז ער האָט שוין מער קיין כוח נישט פאַר די צרות, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר יעדער פאַלשער האָפ-נונג, פאַר אַ פאַלשן משיח וכדומה...

— און דאָס איז שטענדיק געווען אַ סימן פון תחית המתים באַ אים, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך אַ כאַפּ געטון.

— וואָס מיינט איר, דאָקטאָר?

— איך מיין, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן געענטפערט. — דער פאַקט, אַז דווקא דעמאָלט, ווען אַן אַנדער פאָלק וואָלט אונטער אַזאַ יאָך שוין לאַנג געווען אונטערגעגאַנגען — און געגוג פעלקער, יינגערע פון דעם יידישן און אַ סך וויינקער אונטערגעיאָכטע, זענען דאָך אונ-טערגעגאַנגען — אָט דער פאַקט, זאָג איך אייך, וואָלט דווקא דעמאָלט, בעת מען האָט געקאָנט מיינען, אַז באַ דעם ייד איז שוין נישטאָ קיין סימן פון האָפנונג, פון ווילן און קיין פונק פון לעבן, אַז ער איז אַ צעטרעטענער וואָרעם, האָט ער פּלוצלינג עקספּלאָדירט מיט אַן עקשנותדיקן ווילן צו לעבן און מיט אַ האָפנונג אויף אַ ניי און בעסער לעבן, איז אַלעמאָל באַ אים געווען אַ סימן פון תחית המתים...

דוד פערעלשטיין האָט זיך אַריינגעמישט:

— דאָס איז אַ סימן, אַז דער ייד האָט אייביקע יאָרן, אַן עם

קשה עורף, אַן איינגעשפּאַרט פאָלק, וואָס עס וויל נישט שטאַרבן, און טוט עס עפּעס.

— אָ, אָ, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן אונטערגעכאַפּט — ריכטיק, אַן עם קשה עורף, אַ שגץ צווישן פעלקער! דאָס איז דער ייד שטענדיק געווען, פון קדמונים אָן. משה האָט ריכטיק פאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער פון זיין פאָלק, ווען ער האָט עס אָנגערופן עם קשה עורף. — טוט אַ בלעטער די יידישע געשיכטע, וואָס זעט איר? אַט האָט רוים באַזיגט די וועלט. אַלע פעלקער קניען פאַר רוים און פאַר זיינע געטער, און וואָס פאַר אַ פאָלק זאָגט זיך אָפּ פון בויגן דעם נאַקן פאַר דעם מעכטיקן רוים און פאַר זיינע געטער? — דאָס קליינע יידישע פאָלק! מען זאָגט אים אין שפּאַניע: „דו נעם אָן מיין גלויבן, אַז נישט האָבן מיר אָנגעצונדן שייטערהויפנס פאַר דיר און פאַר דיין ווייב און פאַר דיינע קינדער; אַז נישט, אַרויס פון מיין לאַנד, אַרויס, ווו די אויגן וועלן דיך טראָגן איבער ימים און מדבריות!" לאָזט מען זיך פאַרברענען אויף די שייטערהויפנס, צי מען לאָזט איבער דאָס איינגעפונדעוועטע האָב און גוטס און וועקגעוואַנדערט אויף שיפן איבער די שטורעמס פונם ים אויף גאָטס באַראָט, און מען גיט נישט נאָך... וואָס פאַר אַ שייגעץ אַ פאָלק!... אַט אַזוי בלעטערט דורך די גאַנצע יידישע געשיכטע און איר וועט זען דאָס אייגענע. דאָס הייליקע עקשנות פון די מאַקאַבייער! אפילו היינט, הא! אפילו היינט! — האָט דער דאָקטאָר זעליגסאָן אויסגעשריגן מיט באַגייסטערונג און געקוקט אַרום זיך מיט צעפלאַמטע אויגן. — וואָס פאַר אַ ייד. הא? אַ מאַקאַבייער, יאָ, אַ מאַקאַבייער?

דאָקטאָר זעליגסאָן איז שוין נישט געזעסן, נאָר האָט שוין אַרומגעשפּרייזט איבערן גאַניק הין און צוריק אַ באַגייסטערטער, האָט גערעדט און מיט זיך געמאַכט מיט די הענט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אויף אַן עסטראַדע און גערעדט פאַר אַן עולם מענטשן.

ליובאַ איז געזעסן פונדערווייטנס מיטן זשורנאַל אויפן שויס, האָט זיך צוגעהערט צו אים מיט אַ שמייכל און געטראַכט:

„וואָס פאַר אַ שאָוויניסט ער איז דאָס געוואָרן!"

זי האָט אָבער געשוויגן.

דוד פערלשטיין האָט זיך דאַן אָנגערופן:

— נו, פון דעם היינטיקן ייד איז נישטאָ וואָס אָנצוקווען. אויב ער איז אַ שגץ, איז ער אַ פּשוטער שגץ, אַ הפקר-יונג.

— ניין, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן געגומען שרייען, — איר רעדט רכילות, אַזוי ווי מיין שווער. איר ווייסט, אַז איך געהער נישט צו קיין רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און וואָס איך בין און אויף וואָס איך האָף, ווייסט איר. פונדעסטוועגן בין איך שטאָלץ אויף דעם רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם, וואָס אונזער יידישע יוגנט ווייזט אַרויס. יאָ, יאָ, דעם גייסט פון די מאַקאַבייער זע איך בא אייך, דעם תחית המתים פון דעם יידישן פאָלק, יאָ, איך זאָג דאָס אייך נאָך אַמאָל! אין וואָס פאַר אַ יידיש הויז איז איצט נישטאָ אַ יונג לעבן, וואָס עס וואָלט זיך מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג נישט מקריב געווען פאַר דעם כלל? בונדיסטן, פועלי-ציון, סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַל-דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן-ציוניסטן, ציוני-ציון, טעריטאָריאַליסטן, פּע-פּע-עסניקעס, — אומעטום, אין יעדער פאַרטיי, אונטער יעדער פאָן, יידן, יידישע זין און טעכטער, יידישע קעמפער, יידישע העלדן מיטן פייער פון די מאַקאַבייער! מעג איך טויזנט מאָל נישט מסכים זיין מיט די פּראָגראַמען, פאַר וועלכע זיי קעמפן, אָבער זייער דראַנג צום קאַמף, זייער אידעאַליזם זאָל געבענטשט זיין!! איר הערט, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך אַלץ מער צעוואַרעמט, און זיינע אויגן האָבן זיך צעברענט מיט דער באַגייסטערונג פון אַ נביאה. — אַמאָל, ווען איך טראַכט פון אָט דעם ייד, וואָס איז בא אונז אויסגעוואַקסן אין די לעצטע יאָרן, ווייזט זיך מיר אויס, ווי די פּאָרזעונג אַליין האָט דאַ אַ שפּיצל אָפּגעטון די פעלקער, וועלכע האָבן אַזוי גערודפט אונזער פאָלק.

— מיר ווייזט זיך אויס, — האָט דר. זעליגסאָן כמעט געשריגן. — אַז איך הער, ווי די פּאָרזעונג רעדט צו יענע פעלקער: „איר פעלקער, איר האָט ישראלן. וועלכער האָט אייך, באַרבאַרן, געגעבן אַ רעליגיע פון מענטשן-ליבע, איר האָט אים הונדערטער און הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד געשטיקט און געמאָרדעט, געיאָגט אים פון אייערע לענדער, געברענט און געבראָטן אויף שייטערהויפנס, געזוכט זיין מענטשלעך פּנים אָפּצומעקן, זיין נשמה צו דערשטיקן, פאַר אַ שקלאַף בא שקלאַפן אים געוואָלט מאַכן, פאַר אַ שענדלעכן פאַקטאָר, פאַר אַ מה-יפית-זינגער, פאַר אַ וואָרעם, וואָס זאָל אונטער אייערע פיס קריכן, — און איצט זעט: דער וואָרעם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריז, מיטן יונגן בלוט און מיט דער פלאַמענדיקער זעעל פון די מאַקאַבייער!“ יאָ, יאָ, מיינע הערן, אָט אַזוי זע איך אונזער נייעם ייד, און ער וועט זיך שוין נישט לאָזן אויסשעכטן אַזוי ווי אין קישענעוו! ניין, נישט דער ייד! און אַזאַ ייד וועט

אויף סוף־כל־סוף מוזן אײנזעען, אַז זײַנע גרויסע כּוחות און זײַן אידעאַליזם און זײַן פֿײַער מוז ער אָוועקגעבן פֿאַר אַן אײגן װינקל. ער וועט עס אײַנזעען, ער וועט עס מוזן...

דוד פּערעלשטײן האָט זיך ווידער אָנגערופֿן שוין מיט היץ:

— דאָקטאָר, איך בין מיט אײַך גאָרנישט מסכּים וועגן דעם, וואָס איר זאָגט מכּוח אונזערע נײַע מאַקאַבײַער, להבדיל אלף הבדלות פֿון אונזערע אמתע מאַקאַבײַער. איר האָט געדאַרפֿט הערן, וואָס דער פּאָליצײַ־מײַסטער האָט מיר אָנומלט געזאָגט וועגן זײ. זײ וועלן נאָך ברענגען אויף אונדז פּאָגראָמען!...

— יאָ, ער האָט עס אײַך געזאָגט? — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך צעלאַכט מיט שפּאָט. — דער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק האָט עס מיר אויך געזאָגט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ווען ער האָט מיך גערופֿן צו זײַן ק־אַנקער פֿרוי. נו, און איר האָט זיך דערשראָקן, האַ? פֿרעג איך אײַך, ווען האָט מען דעם ייִד נישט געשלאָגן? מען האָט אים געשלאָגן, ווען ער איז שטילער געווען פֿון וואַסער און נידעריקער פֿון דער ערד און מען וועט פּרוּוון אים איצט שלאָגן, ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם שטויב אַ שטאָלצער העלד. מען וועט אים אַזוי לאַנג שלאָגן, כּל־זמן ער וועט זײַן אַ שטיפֿקינד בײַ פֿעלקער, און אַ שטיפֿקינד וועט ער אַזוי לאַנג בלײַבן, כּל־זמן ער וועט נישט האָבן זײַן אײגן װינקל, אַן אײגן לאַנד. דערווײַל אָבער, כּל־זמן ער האָט עס נישט, איז גוט, וואָס ער איז אַ העלד אינעם קאַמף און נישט קײן וואָרעם אונטער די פֿיס. אַ העלד האָט דעם כּוח זיך צו פֿאַרטײדיקן. בפֿרט מוז ער מיטקעמפֿן מיט די אַנדערע, ווײַל דאָס וועט אים שפּעטער לײַכטער מאַכן זײַן קאַמף פֿאַר זײַנע ייִדישע רעכט, פֿאַר זײַנע פֿאָלקס־רעכט...

דוד פּערעלשטײן האָט מיט היץ דיסקוטירט מיט אים. דער אַלטער אײַזענבערג האָט כּמעט די גאַנצע צײַט זיך צוגעהערט מיט צוגעמאַכטע אויגן און זיך געגלעט די ווײַסע באָרד. און ליובאַ האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן.

מיטאַמאָל האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך אַ קער געטון צו ליובאַן און זיך אָנגערופֿן:

— און איר, ליובאַ דאַווידאָוונאַ, אינטערעסירט זיך נישט מיט קײן זאַך, אַ חוץ ווי מיט אײַער חתן?

זי האָט אַ שמײכל געטון און געענטפֿערט:

— עס זענען פֿאַראַן קליגערע מענטשן פֿון מיר, דאָקטאָר, וועלכע

אינטערעסירן זיך מיט ערנסטע פראגן, לאז איך דאס איבער פאר די קלוגע.

— אמאל, דאכט זיך, האט איר זיך יא אינטערעסירט?...

— אמאל בין איך געווען קליגער, דאקטאר, — האט זי זיך צעלאכט.

— אייער חתן האט אייך נאריש געמאכט?

— עס קאן זיין, דאקטאר. איר ווייסט דאך, ווען מען איז פאר־ליבט...

— יא, יא, — האט דאקטאר זעליגסאן א שמייכל געטון, און מיט אמאל זיך א כאפ געטון. — ווי, ווי, וואס פאר א סקאנדאל! איך האב זיך פאררעדט בא אייך, און דארט ווארטן די חולאים און האפן אויף מיין הילף! נו, אדיע, מיינע הערן, איך האף, אז איך וועל אייך נאך באקערן צום טעריטאריאליזם, אז נישט וועלן אייך אנדערע צו דעם באקערן!...

— איך בין א ציוניסט, — האט דוד פערעלשטיין באמערקט, בא־גלייטנדיק צוזאמען מיט אייזענבערגן אים צו דער דראזשקע.

און דאקטאר זעליגסאן האט אויף דעם געענטפערט:

— וועלן מיר קריגן א היים אין פאלעסטינע, איז מה טוב. ווען אין אן אנדער לאנד, איז אויך גוט. דער עיקר אן אייגענע היים. יענער, וואס זאגט, אז ער וויל האבן א הויז דווקא לעבן זיין מאמעס קבר אין ציון, אז נישט ארט אים נישט, אז ער זאל איינגאנצן נישט האבן קיין ווינקל ווו דעם קאפ אנצושפארן, באווייזט אפילו, אז ער איז א געטריי קינד, ער באווייזט אבער אויך, אז זיין פארשטאנד איז א קינדישער. מיר דארפן ווייניקער טראכטן פון דעם אלטן, ווייטן קבר, ווו אונזער מוטער רחל רוט, און מער טראכטן פון אונזער אייגענעם קבר אין גלות...

ער האט זיך געזעצט אויף דער דראזשקע און איז אוועקגעפארן.

דוד פערעלשטיין און דער אלטער אייזענבערג זענען געשטאנען א ווײַלע און האבן אים נאכגעקוקט.

דערנאך האט אייזענבערג זיך א קער געטון צו זיין שותף, א גלעט געטון זיך די ווייסע באָרד און זיך אנגערופן מיט זיין געלאסענעם שמייכל:

— נו, דוד?...

— וואס, נו?

— מיר דאכט זיך, דוד, אז איך און דו זענען נישט קיין יידן...

דוד פערעלשטיין האָט באַמערקט:

— וואָס האָט דער קישענעווער פּאָגראָם אויף אים אַזוי געווירקט.

— נו, טו, היינט גיי ווייס, וואָס בײַ אַ ייד אין האַרץ טוט זיך. ערשט נישט לאַנג, דאַכט זיך, איז די יידישע פראַגע אים אפילו אין דער לינקער פּאה נישט געלעגן, און מיטאַמאָל — אַזאַ ייד! — האָט דער אַלטער אייזענבערג ווידער געזאָגט, און רעדנדיק ווייטער, האָט ער אין זיינע רייד אַריינגעפלאָכטן אַ שטיקל זוהר אויך...

מיטאַמאָל האָבן זיי דערזעען, אַז דאָקאָר זעליגסאָן פאָרט צוריק אויף זיין דראָזשקע.

און באַלד איז ער שוין געשטאַנען לעבן זיי און האָט גערעדט אַ פאַרהאַוועטער:

— פון איילעניש האָב איך אייך פאַרגעסן צו זאָגן דעם עיקר, מיינע הערן... איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז בײַ אונז אין שטאָט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ קעגן מעגלעכע פּאָגראָמען. דאַרפן מיר האָבן אַ פּלאַץ פאַר געווער, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אייך. מיר רעכענען, אַז בײַ אייך הינטער דער שטאָט וואָלט געווען דער פּאַסנד־סטער פּלאַץ...

דוד פערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון מיט שרעק:

— וואָס רעדט איר? וואָס פאַלט אייך איין, דאָקטאָר? אויפן פייער ווילט איר אונז אַרויפּברענגען, צי וואָס?

— אָט דאָס איז דער באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן געענטפערט. — און מיר האָט מען עס איבערגעגעבן דורכצופירן, און אויב איר וועט נישט וועלן, וועלן צו אייך קומען אַנדערע שליחים. צי פון „בונד", צי פון אַן אַנדערער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי — ווייל אונזער אָרגאַניזאַציע איז צונויפגעשטעלט פון מיטגלידער פון פאַרשידענע פּאַרטייען — און קיין עקשנות וועט אייך נישט העלפן...

אפילו דער אַלטער אייזענבערג האָט איצט פאַרלוירן זיין געלאַסנ־קייט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— איר רעדט עפּעס וועגן דעם אַזוי, ווי איר וואָלט אונז געבראַכט אַ באַפעל כאָטש פון דעם גובערנאַטאָר אַליין...

— דאָס איז אַ באַפעל פון אונזער פליכט, אויב איר ווילט, פון אונזער מענטשלעכע ווירדע, הער אייזענבערג — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן מיט היץ געענטפערט. — נישט צו לאָזן אויסקוילן אונזערע ווייבער און קינדער, ווען מ'וועט אונז באַפאַלן...

— פאַרוואָס געפינט איר נישט קיין פּלאַץ בײַ זיך אינדערהיים, צי גאָר בײַ אײַער שווער, צייטלין? — האָט זיך צעהיצט דוד פּערעלשטיין.

— איך האָב אײַך געזאָגט, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, אַז בײַ אײַך איז דער באַקוועמסטער פּלאַץ. און איצט — אַדיע, מײַנע הערן! טאָמער ברענגט מען צו אײַך אַ ביסל געווער, זאָלט איר וויסן, פֿון וועמען און פֿאַרוואָס און צוליב וואָס!...

און דאָקטאָר זעליגסאָן האָט זיך ווידער געזעצט אויף זײַן דראָזשקע און איז אַוועקגעפֿאָרן.

די ביידע שותּפֿים האָבן זיך דערנאָך אָנגעקוקט צעטומלט.

— וואָס טוט מען? — האָט דוד פּערעלשטיין כּמעט אַרויסגעקרעכצט. — מיר קאָנען דאָך אומגליקלעך ווערן, ווען די פּאָליצײַ זאָל זיך דערוויסן...

— נו, וואָס קאָנען מיר זיך העלפֿן? — האָט דער אַלטער אײַזענבערג זיך אָנגערופֿן מיט אַ שפּאַסיקן שמייכל, און אַ הייב געטון די אַקסלען. — אַ גזר פֿון דער אָרגאַניזאַציע! „באַשלאָסן", פֿאַרשטייסטו מיך!... וואַרט, וואַרט, דוד, די אָרגאַניזאַציע וועט נאָך באַשליסן, אַז מיר זאָלן גיין וואַרפֿן באָמבעס אויך! פֿונדעסטוועגן, גרישאַ זאָל דערפֿון נישט וויסן...

— נו, אַ צײַט! אײַ־אײַ־אײַ! — האָט געמורמלט דוד פּערעלשטיין.

דערנאָך זענען זיי זיך צעגאַנגען — פּערעלשטיין איז אַוועק צו זײַן הויז און דער אַלטער אײַזענבערג צו זײַנס.

ליובאַ איז שוין אויפֿן גאַניק נישט געווען.

דאָס צוואַנציקסטע קאַפּיטל

בראָכקע און צייטלין פאָרן צו דער תּליה

דאָס איז געווען אין עטלעכע טעג אַרום. באַנאַכט. באָריס האָט געוואָרט בײַ זיך אין שטיבל אויף בראָכקען.

זי האָט געזאָלט קומען צו אים זיך געזעגענען, ווײַל אויף מאָרגן האָט זי געזאָלט אָפּפאָרן מיט צייטלינען אויף אַן „אַרבעט"...

באָריס האָט געוווסט, אַז זיי פאָרן צו זייער אייגענער לוויה, און אים איז געווען מוראַדיק דערפון.

ער האָט שוין אַ האַלבע פלאַש בראָנפן אויסגעטרונקען, געפּרוווט אויף אַט דעם אופן אויפצוועקן זײַן פאַרברעכערישן קוראַזש, גערופן צו הילף זײַן „פילאָזאָפיע" וועגן דעם, אַז ער פירט נאָר אויס, אַלס אַ טייל פון דער נאַטור, איר ווילן אומצוברענגען דאָס לעבן און אַזוי ווייטער, און דידאַזיקע „פילאָזאָפיע" האָט ער געפּרוווט צו פאַרשטאַרקן נאָך מיט אַנדערע אַרגומענטן, וועלכע האָבן געזאָלט פאַרענטפערן זײַן איצטיק פאַרברעכן, — און דאָס אַלצדינג האָט אים נישט געהאָלפן.

דער מענטש אין אים, וואָס איז נאָך אינגאַנצן **נישט געווען** פאַרזונקען אין אַט דעם מוראַדיקן פאַרברעכערישן זומפּ, איז נאָך קיין־מאָל, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַזוי נישט צעטומלט און פאַרצווייפלט געווען.

צי איז דאָס געווען דערפאַר, ווײַל די ליבע צו ליובאַן האָט אויף אים אַזוי געווירקט; די ליבע, וועלכע האָט כּסדר געוועקט בײַ אים זײַן מענטשלעכע און רעוואָלוציאָנער געוויסן, צי אפשר דערפאַר, ווײַל איינע פון זײַנע איצטיקע קרבנות איז געווען בראָכקע, דאָס מיידל, וואָס האָט אים אַזוי פאַרגעטערט און ליב געהאַט, און צו וועלכער ער האָט געפילט אַ באַזונדערע סימפּאַטיע זינט יענעם אויפדערנאַכט, בעת זי האָט זיך אים דערקלערט אין ליבע בײַ אים אין שטיבל — ער האָט זיך קיין אָרט

איצט נישט געפונען, בעת ער האָט געטראַכט פון זיין איצטיקן נייעם פאַרברעכן.

אויף איין-איינציקן אופן האָט ער זיך געקאָנט העלפן, אויף דעם זעלביקן אופן, ווי ער האָט זיך פריער געקאָנט העלפן און די גאַנצע צייט, זינט ער איז געוואָרן דער פאַרברעכער — דאָס הייסט, צו דער-קלערן פאַר די חברים ווער ער איז, און דערנאָך מאַכן אַ סוף צו זיין שענדלעך לעבן. אָבער אויף דערויף האָט ער נישט פריער און נישט איצט קיין כּוחות און קיין מוט נישט געהאַט.

דער אייגענער באָריס, וואָס האָט נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן דעם רעוואָלוציאָנערן קוראַזש איינצושטעלן זיין לעבן אין אַ טעראָריסטישן אויפטו, האָט קיין מוט נישט געהאַט צו ווייזן זיין ריכטיק פּנים פאַר זיינע חברים, בפרט פאַר ליובאַן, און דערנאָך זיך אַליין דאָס לעבן נעמען!

ער האָט צופיל דאָס לעבן ליב געהאַט און אים איז אויך מורא-דיק געוואָרן יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי די חברים דערוויסן זיך, בפרט ליובאַ, ווער ער איז.

און דער פּלאַן, וווהין זיי צו שיקן, בראָכקען און צייטלינען, איז דאָסמאָל אויך נישט געווען זיינער, נאָר סאַוויצקיס.

און פון טאָג צו טאָג האָט באָריס אָפּגעלייגט אָט די „אַרבעט", און פון וואָך צו וואָך געפּרוווט אָנבאָטן סאַוויצקין אַן אַנדערע אויף בראָכ-קעס פּלאַץ, אָבער סאַוויצקי איז דווקא באַשטאַנען אויף דעם „רבס טאָכטער"...

בראָכקע איז נאָך פון פריער געווען אויפן „צעטל" בא אים, סאַ-וויצקין, און כּסדר האָט ער געמאָנט בא באָריסן: „דעם רבס טאָכטער וויל איך!"

און באָריס האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס סאַוויצקי האָט דווקא געפאָ-דערט דעם „רבס טאָכטער", האָט דורכגעזען אין אָט דער פאָדערונג די באַזונדערע אַנטיסעמיטישע כּוונה, וועלכע איז אין איר פאַרבאָרגן געווען, און עס זענען געווען מאָמענטן, בעת באָריס האָט זיך ווידער אומגע-טראָגן מיטן געדאַנק צו דערמאָרדן סאַוויצקין, כּדי אויף אַזאַ אופן צו ראַטעווען דעם „רבס טאָכטער"...

ער האָט עס אָבער איצט אויך נישט געטון, ווי פריער אַ סך מאָל, בעת דער האָס צו סאַוויצקין האָט געוועקט בא אים דעם געדאַנק צו דערמאָרדן אָט דעם מלאך המוות פון זיין נשמה...

דעם באַשלוס וועגן בראָכקען און צייטלינען האָט באָריס פּלוצ-

לינג אַנגענומען מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען ער האָט זיך געטראָפֿן מיט סאַוויצקין אין וואַלד, ווו ער האָט זיך שטענדיק מיט אים געטראָפֿן, נישט ווייט פֿון סאַוויצקיס זומער־וווינונג.

דער זשאַנדאַרמסקער האָט אינמיטן שמועס זיך מיטאַמאָל אָנגערופֿן:

— הערט נאָר, פֿון אַ זיכערן מענטש האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס מיידל, מיט וועלכער איר טרעפֿט זיך אָפֿט, אָט די ליובאַ פּערעלשטיין, — אַזוי הייסט זי, האַ ? — פֿאַרנעמט זיך מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. וואָס מיינט עס ? שוין עטלעכע מאָל, ווי מען דערטראָגט מיר וועגן איר. האָט איר דען גאָרנישט באַמערקט ? צי אפשר זענט איר גאָר אויסן זי צו שיצן ?...

און דערביי האָט סאַוויצקי אים אַזוי ווי דורכגעדרונגען מיט זיינע שאַרפֿע אויגן.

און באָריס האָט דעמאָלט אויפֿן אָרט צעטומלט אַ טראַכט געטון:

„אַי, אַ פּראָוואָקאַטאָר !" אָבער אין דער אייגענער רגע האָט ער זיך באַהערשט אַזוי, אַז אַפֿילו סאַוויצקי האָט נישט באַמערקט קיין סימן פֿון אויפֿרעגונג אין אים.

און ער האָט פֿאַרזיכערט סאַוויצקין, אַז דאָס איז אַן אומזיסטער חשד אויף ליובאַן, אַז ער איז איבערצייגט אין דעם. און דערביי האָט ער געשילדערט ליובאַס כאַראַקטער אַזוי, אַז פֿאַר סאַוויצקין האָט זיך אָפּגעמאָלט אַ נאָכגעגעבענע בת־יחידקע, וועלכע אַז זי דערהערט אַמאָל וועגן אַ שטרייק בײַ איר פֿאָטער אין דער פֿאַבריק, ציטערט אויף איר די הויט פֿון דעם וואָרט אַליין. און ער האָט אים אויך דערציילט, אַז אַן אַרבעטער אַ רעוואָלוציאָנער איז זי נישט לאַנג צוריק באַפֿאַלן אינמיטן גאַס און האָט זי געשלאָגן, ווייל זי איז אַ בורזשויקע.

און צום סוף, אַזוי ווי דערמיט וואָלט ער אויסן געוועזן צו באַווייזן סאַוויצקין, אַז ער איז ווייט פֿון צו „שיצן" ווען עס איז, האָט ער אים דערקלערט, אַז בראָכקע און צייטלין זענען שוין גרייט צו דער „נסיעה"...

נאָכדעם, ווען באָריס האָט זיך געטראָפֿן מיט ליובאַן, האָט ער פֿאַרזיכטיק ווידער פֿאַרפֿירט מיט איר אַ שמועס מכוח איר קאָנספּיראַטיווער אַרבעט און אויף אַ פֿאַרזיכטיקן אופֿן ווידער געפּרוווט בײַ איר פּועלן, אַז זי זאָל אים איבערגעבן די אַלע קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן

און די „ליטעראַטור", ווייל בײַ אים אין שטיבל איז אַ מער זיכערער פּלאַץ פאַר דעם.

און ווידער האָט ליובאַ זיך באַליידיקט און איז אין כּעס געוואָרן אויף אים, ווי אַלע מאָל, בעת ער האָט געפּרוּווט מיט איר אַ שמועס טאָן וועגן דעם.

און דערנאָך, אַז ער האָט זי פאַרלאָזט, האָט די אומרויִקייט וועגן איר אים געדריקט ווי אַ שווערע משא, ווייל ער האָט אין האַרץ איצט געטראָגן אַ חשד, אַז אַ צווייטער פּראָוואָקאַטאָר, אַ חוץ אים, אַרבעט צווישן זיי און ער האָט ליובאַן אויפן אויג, און דאָס האָט געמיינט, אים אויך... ווער? — דאָס האָט מען נישט געקאָנט וויסן!...

אָבער איצט, ווען ער האָט געוואַרט אויף בראַכקען, האָט ער אָן ליובאַן כּמעט ווי פאַרגעסן און נאָר געטראַכט וועגן יענעם, וועלכע ער האָט אויסגעריכט צו דער תּליה...

ער האָט געשפּרייזט פון דער טיר צום פענצטער, פונם פענצטער צום טיש און פון דאָרט אין דעם הינטערשטן חדר און צוריק, געקוקט מיט אויפגערעגטע, נערוועזע אויגן אַרום זיך, געגרויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן, און יעדע ווײַלע האָבן די אַקסלען בײַ אים אויפגע-ציטערט.

דער לאָמפּ האָט באַלויכטן נאָר אַ העלפט פונם צימער, און דאָרט, וווּ עס איז נישט געווען באַלויכטן, האָבן אויף דער וואַנט אַרומגעשפּרונ-גען שווערע שאָטנס.

די סומנע שטילקייט האָט אַריינגעהויכט דורך די פינצטערע פענצ-טער אין שטיבל אַריין, האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן די ווענט און זיך גע-מישט מיט די שוואַרצע שאָטנס, וואָס זענען דאָרט אַרומגעשפּרונגען.

באַריס האָט אויפגעציטערט פון זיינע אייגענע טריט.

— וואָס פאַר אַ קאָשמאַר! — האָט ער פּלוצלינג אַרויסגע-מורמלט.

ער איז צוגעגאַנגען צום קליינעם שפּיגל, וועלכער איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, וווּ עס איז געווען באַלויכטן, און האָט זיך נישט דער-קענט: — גרויסע אויגן, פול מיט פיבער, אַ צעקרימט פּנים. ער האָט אַ טראַכט געטון:

„איך זע אויס ווי אַ טייוול!"

„ווי אַ טייוול?" האָט ער אַרויסגעמורמלט מיט אַ נערוועזן שמייכל,

און האָט אַ לאַך געטון אין זיך מיט אַ געלעכטער, וואָס איז גיכער גע־
ווען אַ קרעכץ...

פּלוצלינג האָט זיך אַ ווינט אַרויסגעריסן פון דעם דרויסנדיקן חושך,
זיך אַריינגעריסן אינם אָפענעם פענצטער פונם שטיבל און דער לאָמפּ
האָט זיך גענומען לעשן און שוואַרצע שאָטנס האָבן גענומען שפּרינגען
איבערן גאַנצן צימער.

באָריס האָט האַסטיק צוגעמאַכט דאָס פענצטער.

דער ווינט האָט זיך דאַן גענומען טראָגן איבערן שטרויענעם דאַך
פונם שטיבל מיט אַ מוראַדיק געוויין, און אַז באָריס האָט איצט געהערט
אָט דאָס וואָיען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז נישט דער ווינט האָט דאָרט
אַזוי געיאָמערט, נאָר אַז זיין אייגענע נשמה האָט אַהין פאַרבלאָנדזשעט
און קומט דאָרט אום...

דער ווינט האָט גענומען רייסן שטיקער אין דעם פינצטערן דרויסן.
אפשר האָט זיך דאָרט אַ שטורם געקליבן...

באָריס האָט אַ טראַכט געטון:

„אפשר וועט בראָכקע נישט קומען. אָך, ווען זי זאָל איצט נישט
קומען. איינגאַנצן זיך נישט זעען מיט איר!"

ער האָט געפילט, אַז ער האָט זי איצט נישט געקאָנט זעען. די
לעצטע כוחות וואָלט ער געדאַרפט אָנווענדן אויף דעם...

און גראָד דאַן, ווען ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט ער מיטאָמאָל
דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר.

ער האָט געעפנט די טיר און האָט דערזעען בראָכקען.

— אַ גוטן אָוונט! איך קלאַפּ און קלאַפּ און איר הערט נישט! —
האָט זי געזאָגט, אַריינקומענדיק.

און פּלוצלינג, אין איין רגע איז באָריס געוואָרן אַן אַנדערער.
רויק איז ער געוואָרן, כמעט קאַלט. אַזוי ווי אַ מאַסקע איבער זיין פּנים
וואָלט ער אַרונטערגעלאָזט, מיט אַ העפלעכן קאַלטן שמייכל. אַזוי ווי
איבער אַלצדינג, וואָס ער האָט ערשט געפילט און געטראַכט, וואָלט ער
מיטאָמאָל אַרונטערגעלאָזט אַן אייזערנעם פאָרהאַנג, — דאָס אייגענע,
וואָס ער האָט שטענדיק געטון, בשעת ער האָט זיך געטראָפן מיט
סאָוויצקין...

ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— אַ גוטן אָוונט, — האָט ער זיך אָנגערופן און העפלעך גע־

שמייכלט. — צוליב דעם ווינט, מסתמא נישט געהערט, ווי איר האָט געקלאַפּט. נו, וואָס מאַכט איר, חברטע?

זי האָט געענטפערט:

— ווי פּאַר אַ יום־טוב. זייער גוט!

זי האָט אויסגעזעען אויפגערעגטער ווי געוויינלעך, און האָט גע־רעדט העכער און איר שמייכל איז אויך נישט געווען אַזאַ שטילער און צניעותדיקער, ווי מען איז געוווינט געווען צו זעען בײַ איר.

אַ בלאָנדער לאָק האָט זיך געבאַמבלט אויף איר רעכטער באַק און אירע בלויע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אויף באַריסן, האָבן מיט אַ נערוועזן שמייכל געפינקלט.

— איר זענט שוין פאַרטיק? — האָט ער ווידער געפרעגט און אוועקגעדרייט דאָס פּנים פון איר.

— יאָ, און חבר צייטלין אויך.

זי האָט אראָפּגענומען דעם שטרויענעם הוט פון קאָפּ און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

דער ווינט אינדרויסן האָט נאָך מאָוימדיק געוואָיעט.

— וועט איר אפשר טרינקען טיי? — האָט באַריס פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

— יאָ. — האָט זי געענטפערט און צוגעלייגט, קוקנדיק אים אין פּנים אַריין מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל. — זייט מיך מכבד, אפשר איז דאָס צום לעצטן מאָל.

ער האָט ווידער אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון איר און זיך אָנגערופן קאַלט:

— רעוואָלוציאָנערן טאָרן נישט צווייפלען, ווען זיי נעמען עפּעס אונטער. זיי מוזן גלייבן, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן זיך אונטערגענומען דורכצופירן, וועט זיי געלינגען דורכצופירן...

— אָ, איך צווייפל גאָרנישט אין דעם! — האָט בראָכקע אונטער־געכאַפּט מיט זיכערקייט אינם קול.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ נאַפט־מאַשינקע און זי אָנגעצונדן.

בראָכקע האָט אים נאָכגעקוקט.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך צעלאַכט.

— אַי, אַי, — האָט זי געלאַכט, — וואָס פאַר אַ קונץ איר וועט דאָס באַווייזן, חבר באַריס: אָן אַ טיי־קאַן וועלן מיר האָבן טיי!...

ערשט דאַן האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרגעסן אַרויפצו־

שטעלן די טיי־קאַן אויף דער אָנגעצונדענער מאַשינקע, און ער האָט עס דערנאָך געטון.

איר געלעכטער האָט אים געשמיסן איבערן האַרץ און ער האָט איינגעהאַלטן אויף זיין פּנים די רויקע און העפלעכע מינע.

— איז ליובאַ שוין דאָ געווען? — האָט בראַכקע דאַן געפרעגט.

— ניין. זי דאַרף דען דאָ זיין?

— יאָ זי דאַרף מיר עפּעס ברענגען. האָט איר געזען חבר ציטלין?

— געזען היינט באַטאָג און זיך געזעגנט מיט אים — האָט באַריס געענטפערט און אַוועקגעשפּרייזט איבערן צימער.

— איז ער נישט אַ בראַווער חבר? — האָט בראַכקע אויסגעשריגן מיט התפּעלות. — האַלט זיך אַזוי ווי ער וואָלט געדאַרפט פאָרן צו אַ שמחה. און מיר אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נערוועזן!

— יאָ, עס טרעפט, אַז מען האָט אַ טעות אין אַ מענטש! — האָט באַריס זיך אָנגערופן און שפּאַטיש אַ שמייכל געטון.

מיטאַמאָל האָט בראַכקע זיך גענומען בייזערן אויף אים האַלב אויף שפּאַס און האַלב ערנסט:

— פאַרוואָס ליפט איר אַרום? זעצט זיך לעבן מיר און לאָזט מיך אייך אָנקוקן. ליובאַ וועט דערפון, חלילה, קיין שאָדן נישט האָבן!

זי איז צוגעלאָפן צו אים און אים אַ פּאַק געטון פאַר אַן אָרעם און אַפּגעשטעלט.

און ער איז איר נאָכגעגאַנגען רויק און מיט אַ העפלעכער מינע, וווּהין זי האָט אים געפירט.

זי האָט אים צוגעפירט צו אַ שטול, אַרויפגעלייגט אירע ביידע הענט אים אויף די אַקסלען און אים אַזוי אַוועקגעזעצט. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אויף אַ צווייטער שטול.

— און איצט, חבר באַריס, זייט נישט אַזוי ערנסט. אוי, ווי ערנסט איר זעט אויס! צי זענט איר נישט אין כּעס אויף מיר? טוט אַ שמייכל. איך וויל מיטנעמען מיט זיך אייער שמייכל. דעם ריכטיקן וויל איך מיט־נעמען, דעם באַגייסטערטן, אין וועלכן איך בין מוראדיק פאַרליבט... נו, אַ שמייכל!...

האָט ער אַ קרים געטון מיט די ליפּן און רויק געזאָגט:

— צוואָס דאַרפֿט איר מײַן באַגײַסטערטן שמייכל? האָט איר דען ווייניק אייגענע באַגייסטערונג אין דער נשמה?

— אָבער גיט אַ שמייכל.

און, זאָגנדיק עס, האָט זי אַרײַנגענומען זיין האַנט אין אירער און זי געגומען גלעטן מיט דער אַנדערער.

און ער האָט געפֿילט אַזוי, ווי יעדער גלעט אירער וואָלט געווען אַ שניט איבער זיין האַרץ, ווי מיט אַ פֿײַערדיקער רוט, און וואָס שאַרפֿער ער האָט עס געפֿילט, אַלץ מער פֿאַרגליווערט איז געוואָרן דער רויקער, קאַלטער אויסדרוק אויף זיין פּנים און אין זיינע אויגן, און צום סוף האָט אויף בראָכקען ווי אַ קעלט אַ הויך געטון פֿון אים.

זי האָט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט.

— וואָס איז מיט אייך? איך דערקען אייך גאָרנישט, — האָט זי אַרויסגעמורמלט.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן.

— די טיי האָט אויפֿגעקאָכט! — האָט ער רויק געזאָגט.

און ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשינקע.

בראָכקע איז צוגעלאָפֿן צו אים און איס געהאָלפֿן אָנגיסן די גלעזער.

און דערנאָך, אַז זיי ביידע זענען געזעסן באַם טיש, האָט זי זיך אָנגערופֿן:

— באמת, חבר באָריס, וואָס איז עס היינט מיט אייך? — איז דאָס דערפֿאַר, ווייל איר זענט אומרויק וועגן אונז?

— דאָס איז דערפֿאַר, ווייל איר פֿאָרט אַוועק און נישט איך. — האָט ער געענטפֿערט אונטער דער נאָז.

— איר ווייסט דאָך, ווי לאַנג איך האָב געוואַרט אויף דעם. און איר, חבר באָריס, האָט שוין גענוג געטון. איר האָט אונז געגעבן אַ בײַשפּיל!...

אין אָט דער צייט האָבן זיי דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און ווען באָריס האָט זי געעפֿנט, איז ליובאַ אַרײַנגעקומען.

זי האָט זיך צעקושט מיט בראָכקען, האָט זיך געזעצט לעבן איר און זי אַרומגענומען.

ליובאַ האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— מיר וואָלט אַ סך גרינגער געווען, ווען איך פֿאָר אויך מיט דיר...

— דו וועסט נאָך פֿאָרן, — האָט בראָכקע אַ שמייכל געטון, — ווען מען וועט דאַרפֿן...

— ווי אומרויק איך בין וועגן דיר, וועגן אייך, — האָט ליובאַ ווידער אַרויסגעמורמלט.

— דו דאַרפסט נישט זיין אַזוי סענטימענטאַל, ליובאַ. די פרוי, וואָס באָריס ליבט, דאַרף זיין שטאַרק, מוטיק און דרייסט, — האָט בראָכקע דערנאָך געזאָגט, און אַ קוק געטון אויף באָריסן און צוגעלייגט. — אמת, אפילו היינט איז באָריס אַליין אויך אַ ביסעלע סענטימענטאַל...

באָריס האָט סענטימענטאַל אַ קרים געטון מיט די ליפּן און מיט־אַמאָל האָט ער גענומען נערוועז רייבן.

ליובאַ האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בוזים אַ פּאַפּירל און עס דערלאַנגט בראָכקען.

— פּאַרזיכטיק, בראָכקע, דאָס זענען אַ פּאָר זייער וויכטיקע אַדרעסן. און דאָס איז, טאָמער וועט אויספעלן געלט, — אַ בראַסלעט. דאָס האָט מיר גרישאַ אייזענבערג אַ מתנה געגעבן. זאָל ער אויך ביישטייערן צו דער רעוואָלוציע !...

בראָכקע האָט באַהאַלטן די אַדרעסן און דעם בראַסלעט.

דערנאָך האָט זי זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן.

— נו, שוין צייט !...

האָט גענומען דעם הוט פונם טיש און אים אָנגעטון.

סיי באָריס און סיי ליובאַ האָבן זיך אויפגעהויבן, ליובאַ שטאַרק אויפגערעגט און באָריס מיט פעסט צונויפגעדריקטע ליפּן און קוקנדיק אויף זיין ברענענדיקן פּאַפּיראָס, וועלכן ער האָט געדרייט צווישן צוויי פינגער.

בראָכקע איז צו אים צוגעגאַנגען מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל און האָט אים אַרומגענומען.

און ער האָט זיך אַ צאַפּל געטון און אַרויסגעלאָזט דעם פּאַפּיראָס פון צווישן די פינגער און ווען בראָכקע האָט אים געקושט, האָט ער נאָר זי געגלעט איבערן קאָפּ, איז געשטאַנען מיט צונויפגעדריקטע ליפּן און האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט.

— אויב עס זאָל מיט מיר עפּעס פּאַסירן, וועט מיין לעצטער געדאַנק זיין וועגן אייך, — האָט זי שטיל אַרויסגעפּליסטערט צו אים.

ערשט איצט האָבן זיך זיינע ליפּן אַ ריר געטון, האָבן זיך נער־וועז פּאַרקרימט און באַלד זענען זיי ווידער צונויפגעדריקט געוואָרן פעסט, נאָר אונטער זיינע אויגן איז דורכגעלאָפן אַ נערוועזער ציטער.

בראָכקע איז דערנאָך צוגעפֿאַלן צו ליובאַן און זיי זענען געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

דאַן האָט בראָכקע זיך אַ ריס געטון.

— גריסט אַלע אונזערע! — האָט זי געזאָגט — און באַגלייט מיך נישט, ווייל אַ חבר מיט אַ פור וואַרט דאָרט אויף מיר.

און זי איז מיט האַסטיקע טריט אַרויסגעגאַנגען.

ליובאַ איז בלייך געוואָרן און האָט זיך געווישט די אויגן מיט אַ טיכל.

באַריס האָט געקוקט אויף דער טיר אַ היפּשע ווײַלע און נערוועז געפּייפט. אינדרויסן האָט נאָך געיאָמערט דער ווינט און אַרײַנגעוואָיעט אין דעם קוימען אויפן שטרויענעם דאַך פון שטיבל.

מיטאַמאָל האָט באַריס פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און זיך אָנגערופן צו ליובאַן:

— קום, ליובאַ, מיר וועלן זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן!

און זי איז אַוועק מיט אים.

דאָס איין און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

די מהומה אין שטאָט און יאָסל פּאָדוואָראָטניק

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די גאַנצע שטאָט אויפגערודערט געוואָרן פון אַ ידיעה, אַז אויפן וועג צו פּעטערבורג האָט מען אַרעסטירט בראָכקע דעם מתנגדישן רבס טאָכטער און ציילין דעם גבירס אַ זון, און אַז בײַ זיי בײדע האָט מען געפונען באָמבעס...

די מהומה צווישן די יידן אין אָט דער שטאָט איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען אין יענעם טאָג איז צום רבס הויז צוגעפאָרן סאַוויצקי, דער זשאַנדאַרמסקע פּולקאָווניק אַליין, באַגלייט מיט קאָזאַקן אויף פערד און פון פּאָליציי אויף דראָזשקעס, און האָט געמאַכט אַ הויז-זוכונג בײַם רב אין שטוב.

— זי אויך? דעם רבס טאָכטער אויך? — האָט מען שטיל גערעדט איינער צום אַנדערן, הויך האָט מען מורא געהאַט צו רעדן, אין די קראָמען, אין די הייזער און אין די בתי מדרשים.

בלייכע, ברעכנדיק די הענט, מיט ווייט-אויסגעגלאָצטע צעטומלטע אויגן, אין וועלכע אַ פּחד האָט זיך געצאַפּלט, זענען מיט שרעקנדיקע טריט צוגעגאַנגען איינער צום אַנדערן טאַטעס און מאַמעס פון דערוואַקסענע קינדער, קרעמער און קרעמערקעס, שכנים און שכנות, און מען האָט זיך געשושקעט:

— געהערט, האַ? נו?!

— אונז, יידן, וועט עס גלאַט נישט אַריבער!

— מיט באָמבעס זי אַרעסטירט!

— מען וועט אונז עוקר מן השורש זיין!

— דער זשאַנדאַרמסקער מיט קאָזאַקן זענען איצט בײַם רב, מאַכן בײַ אים אַן „אָביסקע“. גאָט ווייסט, וואָס דאָרט בײַ אים הערט זיך...

— חלילה וחס, ווען זיין טעכטערל האָט נאָך עפּעס פאַרשלעפּט צו אים פון יענע סחורה...

— די אייגענע קינדער היינטיקע צייטן זענען די גרעסטע שונאים!...

— אַ שרעק, אַ מורא, איין גאָט ווייסט, וואָס דערפון וועט נאָך ווערן!

— נו, אַ צייט! אַלע בונטעוען זיך. „סכאָדקע", „סטאַטשקעס", אפילו די פויערים אין די דערפער...

— און אויסלאָזן זיך וועט עס סוף-כל-סוף צו די יידנס קעפּ.

— אונזערע קינדער פאַרשטייען אונז נישט, ווי איז צו אונז!

גרופּנווייז איז מען אַזוי געשטאַנען, פאַרוויין, אויפן מאַרק, אַרום די קראָמען און בתי מדרשים, און מען האָט זיך געשושקעט.

דערנאָך איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען בעטראָגענע און מען איז זיך ווידער צונויפגעקומען.

די אומרו און דער פּחד האָבן געטריבן זיי איינער צום אַנדערן.

און מען האָט זיך ווייטער געשושקעט און ווייטער געפרעגט איינער באַם אַנדערן, אויסגעדריקט די אומרו און די שרעק וועגן די דערוואַקסענע קינדער און וועגן מאָרגן...

דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ מילדער און האָט געשיינט און געגלאַנצט, און די יידן האָבן געשפּירט איבער זייערע קעפּ אַ בייזע כמאַרע...

* *

*

אויפן מאַרק, קעגן די יאַטקעס און די טישלעך מיט געבעקס, זענען געשטאַנען יידן אין אַ גרעסער רעדל.

— וואָס וועט באַטשאַלסטוואָ מאַכן? היינט דעם רבס טאָכטער און פּאָר צוויי וואָכן אברהמל גינזבורגס טאָכטער, אַזאַ גביריש קינד, אַלץ פון אונזער שטאָט!

— מען וועט נאָך אַמאָל אַרעסטירן אַלע יידן באַ אונז אין שטאָט!

— יאָ, יאָ, איך האָב מורא, אַז סוף-כל-סוף וועט מען פון אונז אַלעמען אַ תל מאַכן! — האָט רחמנותדיק אַרויסגערעדט מאָניע דער מלמד, אַ בלייכער ייד, אַ חלוש, מיט אַ רויט בערדל און רויטע גרויסע

ברעמען איבער בלייכע, טויטע אויגן. וואָס האָט געהאַט אַ חשד, אַז זיין טאָכטער איטקע, די אייגענע, וואָס האָט געאַרבעט אַלס שפּוליאַרקע בײַ פּערעלשטיינען אין דער פאַבריק, דער „רויטער גוואַרדייעץ", געהערט אויך צו דער „חברה". — וואָס הייסט, סטייטש, רבונו דעלמא כולא, יידן זאָלן זיך גאָר מישן אין אַט די זאַכן! אַי-אַי, אונזערע קינדער, אונזערע קינדער, זיי וועלן אַרויספּברענגען אויפן פייער אי זיך, אי אונז אַלעמען...

האָט זיך אויסגעבויגן איבער זיין שטעקל מיט זיין מאַגערן, איינגעהויקערטן גוף און געשאָקלט זיין קאָפּ מיטן אַלטן, אָפּגעבליאַקירטן סאַמעטענעם היטל, פון אונטער וועלכן עס האָבן זיך געבאָמבלט פון ביידע זייטן די פאַרדריסענע עקן פון זיינע רויטע פאות.

— אוי, וויי איז מיר! — האָט זיך אָפּגעזיפצט די קרעמערקע חוה כאַשע, אַ קורצע, ברייטע יידענע מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ און מיט אַ פאַרוויינטער, שפּיציקער נאָז, וואָס זי האָט נאָכאַנאַנד געווישט דאָ מיט איין האַנט און דאָ מיט דער אַנדערער, און געקרימט דערביי די ליפּן.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר אַכצניעריקן בחור זאַמקען, אַ גימנאַזיסט, וועלכער האָט זיך עפּעס צופיל געחברט מיט בחורים און מיידלעך פון נישט זיין גלייכן, דאָס הייסט, מיט באַלמעלאָכעס און פּריקאַזשטשיקעס, און אַפילו מיט שפּוליאַרקעס, וואָס וועגן אים האָט יאָסל „פּאָדוואָראַטניק", אַ יידישער שפּיאָן, וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט פון דער פּאָליציי אויף צו „שמעקן" צווישן יידן, איר מתרה געווען, אַז זי זאָל גוט אַכטונג געבן אויף איר זאַמקען, ווייל בײַ אים איז עפּעס צופיל זיין „גימנאַזיסטיש היטל פאַרדרייט"...

און אַז יאָסל בילט, האָט ער מסתמא עפּעס דערשמעקט...

„גאָט", האָט זי איצט מיט שרעק געטראַכט, „די הייניקע קינדער, ווער קאָן וויסן... אפשר ער, זאַמקע, אויך"...

זי האָט גאָר מורא געהאַט ווייטער צו טראַכטן דערפון.

— פאַר אונזערע קינדער איז פאַראַן איין תרופה — אחת ואחת, אַזוי גוט אַריינגעפּיצקעט אין כשרן זאַדיק אַריין! — האָט אַרויסגעבורטשעט קערפּל דער קצב, אַ ייד אַ גיבור, וואָס מיט יעדן אַקסל זיינעם האָט מען געקאָנט אויסלייגן אַ קלאָפּטער, און מיט יעדער האַנט זיינער אומוואַרפן אַן אָקס אין שעכטהויז, — אַ פאַרשוין מיט אַ קורצן ברייטן קאַרק, וואָס האָט ממש מיט בלוט געפּאַרעט, און מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד און רונדע, אויסגעקאַטשעטע, קאַרע אויגן.

ער איז געשטאַנען ברייט צעשפּרייט זיינע דיקע, קורצע פיס, מיט איין פּאָלע פון זיין לאַנגן לייוונטענעם ראָק פּאַרקאַשערט און פּאַררוקט הינטער אַ רימענעם פּאַס, מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגעגאַרטלט, האָט געמאַכט מיט זיינע ביידע מעכטיקע הענט און גערעדט ווייטער צו די איבעריקע, בורטשענדיק:

— איר פרעגט נאָר בא מיין מלכּהלען, זי וועט אייך דערציילן, זי האָט זיך בא מיר אויך געוועזט סניוכעט מיט חברה. וואָס מיר איז נישט געפעלן געוואָרן. זאָג איך איר: פּע, איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיך אַרומשלייען מיט זיי. געזאָגט איר איינמאָל און נאָך אַמאָל, און אַז זי האָט מיך נישט געפאָלגט, האָב איך איר געוויזן, אַז אַ טאַטן פאָלגט מען. איין פּאַטש פון איר טאַטן, און זי האָט פאַרגעסן, אַז עס איז גאָר ווען עס איז געווען אַזאַ חברה אויף דער ווייסער וועלט!...

— אָבער ווי איז דער דין, רבי קערפּל, אַז דער טאַטע האָט נישט אַזוי פיל כּוח ווי איר, קיין עין הרע? — האָט זיך אָפּגערופן דער חלוש מאַניע. דער מלמד מיטן רויטן בערדל. — צי ווען די קינדער, חלילה, וועלן גאָר שלאָגן צוריק?

— ס'איז דאָ אַ שטעקן, אַ שטיק האָלץ, אַ האַמער און מען צעפּלעט דעם קאָפּ אַזוינע קינדער! — האָט קערפּל דער קצב געענטפערט און אָנגעשטעלט אויף מאַניען אַ פּאָר אויגן, ווי אַ רוצח. — וואָס הייסט שלאָגן אַן אייגענעם טאַטן, אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין, במזרים!

און מיטאַמאָל האָט ער זיך איבערגעשלאָגן:

— שאַ, יידן, נישט גערעדט, דער מסור גייט!

און אַריינגעבורטשעט אין דער שוואַרצער באָרד אַריין:

— אָט, ווען איך קאָן בא אים אַרויסרייסן די צונג!...

און דעמאָלט האָבן זיי אַלע זיך אָנגעהויבן אַוועקצורוקן איינער פון דעם אַנדערן מיט שטילע טריט און מיט אַזעלכע מינעס, אַזוי ווי יעדער פון זיי וואָלט זיך געפילט שולדיק אין כּרידה קעגן „גאַטשאַל־סטוואָ", אַוועקגערוקט זיך, ווער צו זיין טישל מיט געבעקס, ווער צו זיין קראָם און אַן אַנדערער האָט זיך גאָר האַסטיק אָפּגעטראָגן אין אַן אַנדערער גאַס.

מאַניע דער מלמד האָט ראַפּטום אַרויסגעכאַפּט זיין שטעקל פון דער לינקער האַנט מיט דער רעכטער און זיך געלאָזט לויפן מיט זיין איינגעבויגענעם מאָגערן גוף פונם מאַרק.

קיינער פון די יידן האָט זיך נישט געוואָלט טרעפן מיטן „מסור", מיט יאָסל פּאָדוואָראָטניק, וועמען זיי האָבן דערזעען אָנקומען פון דער ווייטנס; זיי אַלע האָבן אים פאַראַכט — יידן האָבן פון קדמונים אָן פאַראַכט מוסרים — האָבן אָבער מורא געהאַט אים דאָס אַרויסצוּווייזן, מחמת ער האָט דאָך באַלאַנגט צו נאַטשאַלסטוואָ און געקאָנט אַרעסטירן, און אפילו אָנפּאַטשן, אַז אים האָט זיך געגלוסט, און עס זאָל זיין פאַר־פאַלן, און בכלל, אָנטון צרות. דערפאַר האָבן יידן, ווען זיי האָבן אים נישט געקאָנט אויסמיידן, בעל־כּרחם געשמייכלט צו אים, און געחנפעט אים, און אַנדערע שטאָטישע יידישע גבירים האָבן אים אפילו מתּנות געגעבן. איבערהויפּט יענע פון די יידישע גבירים, וועלכע האָבן געהאַט פאַבריקן און וועלכע האָבן געהאַט צו טון מיט אַרבעטער.

זיי אַלע האָבן געקענט יאָסלען פון יענער צייט, ווען ער איז נאָך געווען יאָסל דער שוסטער און האָט געאַרבעט מיט זיין טאַטן, דעם אַלטן חיים לייב אינם חרובן שטיבל, אויף דער יאַטקע־גאַס, שטיוול און שטיוו־לעטן פאַר יידישע באַלעבאַטים און נאַטשאַלסטוואָ.

און אַנדערע האָבן אים נאָך געקענט פון קינדווייז אויף און האָבן נאָך גוט געדענקט, וואָס פאַר אַ פּרי דאָס איז געווען, וואָס פאַר אַ ווילדע בריאה אַ יינגל דאָס איז געווען. ווו אַ בוים, אַ פּאַרקן, דאָרט איז יאָסעלע געקראָכן אַ באָרוועסער, מיט ברודיקע פיס און מיט צעריסענע הויזן, פון וועלכע דאָס נאַקעטע לייב האָט זיך אַרויסגעזען, און האָט אַ שכנישע ציג אים דערזעען, האָט זי זיך גלייך געלאָזט לויפן, וואָרים אַז נישט האָט זיך יאָסעלע אַרויפגעכאַפּט אויף איר צו רייטן. אפילו די הינט פון זיין געגנט האָבן פאַר אים מורא געהאַט און ווי נאָר אַ הינט האָט אים דערזעען, אַזוי תּיכּף האָט ער אים אָנגעקוקט מיט אַ בייזן בורטשען, פאַרקוועטשט דעם עק צווישן די הינטערשטע פיס און וואָס גיכער זיך אָפּגעטראָגן, אַז נישט איז ער געווען אין אַ סכנה, אַז יאָסעלע זאָל מיט אַ שטיין אים אַ האַק טון איבער אַ פוס, מחמת ער, יאָסעלע, איז גע־ווען אַ גרויסער בריה אויף צו טרעפן אַ הונט מיט אַ שטיין אין אַ הינ־טערשט פיסל, און ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט, ווען דער הונט האָט פונם קלאַפּ אַ כאַפּ געטון דאָס צעקלאַפּטע פיסל אונטערן בויך און איז אַנטלאָפן הינקענדיק, מיט אַ סקאַווטשען.

און האָט מען אויף דער יאַטקע־גאַס אַמאָל געזען אַ צעווילדע־וועטע קאַץ, וועלכע איז מיט אַ מוראדיק מיאַוקען געשפרונגען פון פּאַרקאַן צו פּאַרקאַן מיט איר עק פאַרקוועטשט צווישן אַ שטיקל האָלץ, האָבן

שוין אַלע געוווּסט, אַז דאָס איז יאָסלס מלאכה. דאָס האָט ער די שיינע פרי אָנגעשפּאָלטן אַ שייטל האָלץ, אַריינגעטאָן אַהין דעם עק פון דער קאַץ און זי דערנאָך געלאָזט לויפן...

ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעריסענער צורהקע, מיט סימנים פון געשלעג אויפן פנים און אויף די הענט.

געשלאָגן זיך מיט ייִנגלעך פון זיין עלטער, און גרעסערע, וואָס זיי זענען עלטער און שטאַרקער געווען פון אים, האָט ער געביסן מיט די ציין, ווען ער האָט זיך נישט געקאָנט העלפן מיט זיינע הענט, צ ער האָט גאָר געכאַפּט אַ שטיין און געוואָרפן...

און ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך געשלאָגן אויף די „באַיען“ מיט די שטאָטישע שקצים. און אויף דידאָזיקע „באַיען“ האָט ער זיך אַזוי אויסגעצייכנט, אַז בא זיינע חברים איז ער געוואָרן אַ העלד.

זיין טאַטע, חיים לייב דער שוסטער, האָט געוואָלט מאַכן פון אים אַ „מענטש“, האָט ער אים געשיקט אין חדר צו די שטרענגסטע מלמדים פון שטאָט, אָבער יעדער פון אָט די מלמדים האָט נאָכן זמן געזאָגט „ברוך שפטרני“ און האָט זיך געפרייט, וואָס ער איז פטור געוואָרן פון אַזאַ „וואַריאַט“.

ווען יאָסעלע איז געוואָרן בר-מצווה, האָט ער קוים געקאָנט דאַווענען פונם סידור. דאַן האָט אים דער טאַטע אַוועקגעזעצט צו דער מלאכה.

ער איז אויסגעוואַקסן אַ גיבור, יעדער ביין זיינער אייזן, ממש, מיט אַן אומגעלומפּערטן גוף, אַזוי ווי בא אַ בער, און ער איז געוואָרן אַ גוטער באַלמעלאָכע.

צו אַכצען יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען מיט מיידלעך, ס'רוב שפּוליאַרקעס, חברטעס פון זיין שוועסטער מירל, וועלכע איז אויך געווען אַ שפּוליאַרקע און האָט געאַרבעט בא צייטלינען אין דער טוך-פאַבריק.

אָט אין דער צייט האָט ער זיך איינמאָל דערוווּסט, אַז זיין שוועסטער מירל איז טראָגעדיק פון דעם בחור וועלוועלע, אַ וועבער פון צייטלינס פאַבריק, האָט ער פריער גוט אויסגעפּאַטשט מירלען און דערנאָך איז ער אַוועקגעלאָפן צו וועלוועלען און אים געלאָזט וויסן: „אָדער חתונה געהאַט מיט איר כדת, מיטן ריכטיקן קנאַק, אַז נישט ביסטו אַ בר-מינן“...

און צום סוף האָט טאַקע וועלוועלע, קראַנקערהייט פון יאָסלס קלעפּ, געמוזט חתונה האָבן מיט מירלען...

אמת, מיט אַן אַנדערער פֿון אַט די שפּוליאַרקעס, מיט וועלכער ער אַליין איז אַרומגעגאַנגען, האָט אויך אַזאַ אומגליק געטראָפֿן, אַרום יענער צייט, אָבער יענע האָט נישט געהאַט אַזאַ ברודער ווי יאָסל, וועלכער זאָל קומען צו איר, צו יאָסלען, מיט אייזערנע פֿויסטן...

האָט זיך טאַקע יאָסל אויסגעלאַכט פֿון יענער, ווען יענע איז געקומען צו אים מיט געוויין און מיט טענות...

דאַן איז יאָסל אַוועק דינען דעם קיסר. און זייענדיק אַ סאָלדאַט, האָט ער אויך געאַרבעט דאָרט בײַ שוסטעריי, און אַז ער איז דערנאָך אַהיימגעקומען, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ ביסל געלט אויך.

נאָכדעם האָט ער חתונה געהאַט מיט פּעשקען, אַ וועבערין, אַ זייער געזונטע, הויך־בוזעמדיקע מויד, מיט שוואַרצע פֿייערדיקע אויגן, און האָט ווייטער געאַרבעט מיט זיין טאַטן די שיכוואַרג פֿאַר די יידישע באַלעבאַטים און שטאָטישער נאַטשאַלסטווע.

אַ געוועזענער סאָלדאַט, האָט ער איצט געוווּסט, ווי טיטולירן נאַטשאַלסטווע, בײַ וועלכער ער האָט געזוכט צו געפֿינען לייטזעליקייט אין די אויגן, האָט געוווּסט, וועמען צו זאָגן „וואַשע בלאַגאָראָדיע", און וועמען — „וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע". האָט זיך באַנוצט דער־מיט אויף אַ כיטרען אופֿן, ווייל ער איז געווען אויף זיין אופֿן זייער אַ כיטרער, און האָט צום סוף געפֿונען לייטזעליקייט בײַ „יעוואָ בלאַגאָ־ראָדיע", דעם פּריסטאַוו פֿון דעם באַצירק, ווו ער האָט געוווינט, און איז געוואָרן מיט אים קנעפּל שעביקנעפּל.

דער־דאָזיקער פּריסטאַוו, מיטן נאָמען סאָקאָלאָווסקי, אַ כאַבאַרניק און אַ שיכור, איז געווען איינער פֿון זיינע קונדן און האָט אָפֿט פֿאַרגעסן צו באַצאָלן אים פֿאַר די שטיוול, צי פֿאַר זיין ווייבס שיך, וואָס יאָסל האָט פֿאַר אים גענייט, און יאָסל אַליין האָט אויך פֿאַרגעסן צו מאָנען געלט בײַ אים פֿאַר זיין אַרבעט.

דערפֿאַר איז ער דעם פּריסטאַוו געפֿעלן געווען און דערפֿאַר האָט ער אים באַלוינט אויף אַנדערע אופֿנים: האָט אים גענומען אַמאָל מיט זיך אין אַן עפֿנטלעך הויז, ווו אין אַ באַזונדער חדר האָבן זיי געשיכורט און פֿאַרבראַכט מיט מיידלעך; געקריגן פֿאַר אים אַ פֿרייען איינטריט אין שטאָטישן טעאַטער און אָפֿט געוויזן זיך מיט אים אין גאַס, פֿון וואָס יאָסל האָט זיך אַליין גענומען פֿילן פֿאַר אַ שטיק נאַטשאַלסטוואָ...

צום סוף איז יאָסל גאָר געוואָרן דער פֿאַרמיטלער צווישן די יידן און זיין פּריסטאַוו, בשעת זיי האָבן גענדאַרפֿט „טובות", דאָס הייסט, ווען

זיי האָבן געדאַרפט געבן כאַבאַר דעם פּריסטאַוו און דעמאָלט, איז דאָך נישט שיין, האָט ער דאָך אוודאי געהאַט צו האַלטן זיך פאַר אַ שטיק „נאַטשאַלסטוואָ”, בפרט, אַז עפּעס פון אָט דעם כאַבאַר איז תמיד פאַרבליבן באַ אים אין דער האַנט אויך...

די נאַטשאַלסטוואָ־קרובהשאַפט איז אים צום סוף אַזוי אַריין אין די ביינער, אַז ווען ער האָט דערהערט דעם פייף פון אַ פּאָליציייאיש פייפל, האָט ער אויפגעצאַפּלט, אַזויווי אין דער קאַזאַרמע, בעת ער האָט דערהערט דעם סיגנאַל־רוף פון דער טרובע, און ער איז גרייט געווען צו לויפן צו הילף דער פּאָליציי.

און אַ פּאָר מאָל האָט ער טאַקע אויך אויסגעהאָלפן נאַטשאַלסטוואָ, ווען דער „גאָרדאָוואָי” האָט געדאַרפט אַרעסטירן עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען געווען שטאַרקער פון אים, און ווען אויף זיין פייפן איז קיין הילף נישט אָנגעקומען.

דאַן איז יאָסל אָנגעקומען, און געזוגט איז ער געווען ווי אַ בער, מיט הענט — אייזן, האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי די מענטשן, וואָס דער גאָרדאָוואָי האָט געוואָלט אַרעסטירן און אַליין דאָס נישט געקאָנט, זענען אַרעסטירט געוואָרן צעהרגעטע און צעבלוטיקטע, און יאָסל האָט דערפאַר באַקומען פונם פּריסטאַוו אין פּאָליציי־באַצירק אַ פּאַטש איבערן אַקסל און געהערט פון זיין מויל: „מאָלאָדיעץ, יאָשקאַ!...”

און אַזוי איז געווען יאָסל אַ מוסטער פון אַ לייטישן מענטש באַ דער שטאָטישער נאַטשאַלסטוואָ.

און מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען מען האָט צום ערשטן מאָל אויפגעדעקט אַ „סכאָדקע” אין וואַלד, הינטער דער שטאָט, וועלכע האָט ביז דעמאָלט דערפון קיינמאָל נישט געוווּסט, האָט דער פריערדיקער זשאַנדאַרמסקי פּולקאָווניק געלאָזט רופן צו זיך אין קאַנצעלאַריע אַריין יאָסלען און געהאַט מיט אים אַ לאַנגן שמועס, און פון אים, דעם זשאַנדאַרמסקען, האָט ער, יאָסל, געהערט, אַז אויף אים, ווי אויף אַ געוועזענעם סאָלדאַט, וואָס האָט געשווירן צו דינען טריי דעם צאַר און דעם פאָטערלאַנד, ליגט אַ הייליקער חוב, אויסצוגעפינען, ווער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז אַ בונדיסט, צי אַ סאָציאַליסט, ווייל זיי בונטעווען קעגן צאַר און אָרדנונג.

און אַ צי געטון האָט זיך יאָסל מעשה סאָלדאַט פאַר דעם זשאַנדאַרמסקע און געענטפערט אין דעם טאָן, ווי ער האָט אין קאַזאַרמע זיין

קאָמאַנדיר געענטפערט, דאָס הייסט, ווי יעדער וואָרט פונם מויל וואָלט ער מיט אַ האַמער אַרויסגעזעצט:

— טאַק טאַטשנאָ, ריאַד סטאַראַסטאַ, וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָ־ראָדיע! — אַזוי איז דאָס, — הייסט עס, — מיר וועלן זיך פּרייסן!...

און ער האָט דערנאָך פאַרלאָזט די קאַנצעלאַריע פון דעם זשאַנ־דאַרמסקע אַ „דערהויבענער“, דאָס הייסט, אַן אַנגעשטעלטער מיט אַ געהאַלט, ווי ריכטיקע באַטשאַלסטוואַ...

אַ טאַנצנדיקער איז ער אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע און האָט פריילעך געמורמלט:

— בונדיסטלעך, ציציליסטלעך, איך וועל אייך שניידן די קישקע־לעך, זאָל איך זיי נאָר פאַכאַפּן!... זיי וועלן שוין באַ מיר בונטעווען...

און ווער „זיי“ זענען געווען, האָט ער קלאָר נישט געוווּסט. אָבער דער זשאַנדאַרמסקע האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף זיי זוכן צווישן די יידישע גימנאַזיסטן און יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס.

האָט ער דאַן גענומען זיך צוקוקן צו יעדן יידישן גימנאַזיסט און יידישער גימנאַזיסטקע, און צו יעדן יידישן אַרבעטער און אַרבעטערין, צי פון אַ פאַבריק, צי פון אַ געשעפט, און איז אים נישט געפעלן געווען, ווי אַזוי באַ אַ גימנאַזיסט איז דאָס היטל געווען פאַרדרייט, צי ווי אַ גימנאַזיסטקע האָט געשפּאַצירט מיט אַ גימנאַזיסט, האָט ער זיך באַלד אַ צאַפּל געטון און אַנגעשטעלט זיינע פאַרזשמורעטע כיטרע קוקערס און געטראַכט: „אוי, אפשר אַ בונדיסט, אַ ציציליסט?“ און אַ צייט לאַנג דערנאָך זיי געהאַט אויף די אויגן...

און מיט די אַרבעטער און אַרבעטערינס האָט ער זיך אײַנגעאַנצן נישט צערעמאָניעט: געטראָפן עמעצן פון זיי שפּעט באַנאַכט אויף דער גאַס, גלייך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטון: פונוואַנען? ווו שלעפּט מען זיך אַרום אַזוי שפּעט אין דער נאַכט?

און ווען ער האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז עס איז נישט זיין עסק, האָט ער באַלד אַרויסגעשאָסן אין דער מאַמע אַריין און אויסגע־פּאַטשט אָפט אפילו אַ מיידל...

— דו ווייסט צו וועמען דו רעדסט? איך האַק דיך אַריין באַלד אין דער חד־גדיא און דו וועסט באַ מיר דאָרט צעפוילט ווערן! אַז דו רעדסט אַזוי צו מיר, ביסטו מסתמא אַ בונדיסט, אַ ציציליסט! — האָט יאָסל זיך געבייזערט און געסטראַשעט.

דאָס איז אָבער געווען אין דער ערשטער צייט, ווען ער איז נאָך

געווען גרין אין זיין „מלאכה". דערנאָך, אַז עס זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר און נישט ער און נישט די גאַנצע נאַטשאַלסטוואָ פֿון אַט דער שטאָט האָבן געקאָנט אַרעסטירן די „נייע ווינטן", וועלכע האָבן זיך געריסן פֿון אַלע עקן פֿון רוסלאַנד און האָבן זיך אַריינגעריסן אויך אין אַט דער שטאָט און אָנגעזאָגט וועגן דעם קומענדיקן „פֿרילינגס-שטורעם"; ווען בסדר האָבן זיך דאָרט געהערט וועגן נייע געהיימע „סכאָדקעס" פֿון בונ-דיסטן און סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און וועגן אָפענע „סטאַטשקעס" (שטרייקן) פֿון אַרבעטער אויף די פֿאַבריקן, — האָט ער, יאָסל, אָנגע-הויבן אָנצווענדן אַ נייע טאַקטיק מיט די אַרבעטער און אַרבעטערינס: געפּרוּווט ווערן גוט-ברודער מיט זיי און אויף אַ פֿריינטלעכן אופֿן באַ-זיי אַרויסציען, צי זיי ווייסן נישט, ווער פֿון זייערע באַקאַנטע איז אַ בונדיסט, צי אַ סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, צי אַן אַנדערער מין סאָ-ציאַליסט.

ער האָט שוין איצט געוווּסט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ חילוק צווישן דידאָזיקע פֿאַרשידענע „פֿאַרברעכער" — אין וואָס אַט דער חילוק איז באַשטאַנען האָט ער קלאָר נישט געוווּסט, — און אָנשטאָט „ציציליסט" האָט ער שוין אויך אַרויסגערעדט „סאָציאַליסט".

קורץ, יאָסל האָט איצט אָנגעהויבן אָנצווענדן אַ נייע, פֿריינטלעכע טאַקטיק מיט די אַרבעטער און אַרבעטערינס. גענומען אָנווענדן „פּאָליטיק", הייסט עס...

און נאָר זעלטן, סיידן ווען דער אַרבעטער אָדער די אַרבעטערין האָט שוין אינגאַנצן פֿאַר אים קיין דרך-ארץ נישט געהאַט, האָט ער, יאָסל, באַנוצט זיין שפּראַך און זיינע הענט.

— איך רעד מיט דיר אדרבה ואדרבה און דו, אַזאַ סמאַראַוואָז, אַזאַ סמאַראַוואָזקע — דרך-ארץ פֿאַר יאָסלען, אין דיין מאַמען אַריין! — האָט יאָסל דאַן געלערנט דרך-ארץ מיטן אַרבעטער אָדער אַרבעטערין.

און פֿאַר דער צייט האָט מען אַריינגעשיקט אין שטאָט קאָזאַקן און און דעם נייעם זשאַנדאַרמסקען פּאָלקאָווניק סאַוויצקי.

ווען סאַוויצקי איז אָנגעקומען אין שטאָט און האָט דערזעען פֿאַר זיך יאָסלען, איז ער אים תיכף געפֿעלן געוואָרן און ער האָט אים גלייך געהעכערט זיין געהאַלט. און דערביי אים געגעבן אַ לעקציע, וואָס ער זאָל טון און וויאַזוי ער זאָל זיך אויפֿפֿירן.

באַ די יידן איז יאָסל געוואָרן אַ טריפֿהנע בריאה און זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „פּאָדוואָראָטניק", ד. ה., אַ בריאה, וואָס גנבעט זיך

הינטערן טויער צו שמעקן, און אַנדערע האָבן אים פּשוט גערופן „מוסר".

מחמת כּל־זמן ער איז געווען נישט מער ווי אַ פּאַרמיטלער צווישן די יידן און נאַטשאַלסטווע, איז ער געווען געהויבן בּאַ די יידן אין די אויגן. אַ מין „כאַדאַטאַי" איז ער דעמאָלט בּאַ זיי אין די אויגן געווען, וועלכער האָט אַרומגעכאַדאַטאַיעוועט בּאַ נאַטשאַלסטווע „טובות" פאַר זיי.

אָבער זינט ער איז אַנגעשטעלט געוואָרן פונם זשאַנדאַרמסקען, צו שפּיאָנירן די יידישע בּאַפעלקערונג, האָבן זיי אַלע, אַ חוץ עטלעכע יידן, גבירים, וועלכע האָבן געהאַט פאַבּריקן, אויף אים נישט אַנדערש געקוקט ווי אויף אַ נידעריקער בּריאה...

אַט אַזאַ נפש איז דאָס געווען יאָסל פּאַדהאַראַטניק, וועמען די יידן האָבן איצט דערזעען אַנקומען און זיי האָבן זיך תּיכּף אָפּגעטראָגן, כּדי אים אויסצומיידן...

דאָס צװײ און צװאַנציקסטע קאַפּיטל

קערפּל דער קצב

בלויז דער קצב קערפּל אַליין איז געבליבן אויף זיין אָרט. אמת, ער האָט יאָסלען פיינט געהאַט, ווי יעדער אַנדערער ייד אין דער שטאָט, און נאָך מער ווי יעדער אַנדערער, מחמת אין הארץ האָט ער מיט איִם געהאַט גאָר אַ באַזונדערן חשבון, דינט יאָסל האָט איינמאָל אָנגעפּאַטשט קערפּלס פּלימעניצע, ראָשקען, בעת ער האָט זי געטראָפן שפּעט בײַנאַכט מיט אַ חברטע אין דוואָריאַנסקי סאָד און ווען זי האָט נישט געענטפערט, ווי עס באַדאַרף צו זיין אויף זיינע פראַגן; אָבער ער האָט איצט בײַ אים געוואָלט דערגיין, וואָס עס הערט זיך מיטן „אָביסק״ בײַם רב אין שטוב, — דער מוסר ווייסט אוודאי...

איז קערפּל געבליבן שטיין, האָט אַ צי געטון זיין שוואַרץ ליס־טרינען היטל איבערן שטערן, געקוקט מיט זיינע רונדע קאַרע אויגן, פון וועלכע אַ כעס האָט זיך געריסן, ווי אַ מרוקען פון אַ בייזער חיה, צו יאָסלען צו, און צום סוף האָט ער אַרויסגעמורמלט אין דער שוואַרצער באָרד אַריין:

„הלוואי קאָן איך אים אויסדרייען כאָטש איין פוס!״...

און יאָסל איז דאָרט געגאַנגען פון אַרויף־צו מיט שווערע טריט, אַז די פּרויק הינטער זיינע פיס האָט געפילדערט און אין גאַנג האָט ער געוואָרפן זיינע ביידע אָרעמס און מיט די פאַרזשמורעטע אייגעלעך „געשמעקט״ אויף אַלע זייטן, ווי דאָס איז זיין טבע געווען.

און באמת איז ער נישט געגאַנגען, נאָר האָט זיך געקאַטשעט, ווי אַ בער, מיט זיין שווערן אומגעלומפּערטן גוף. עפּעס פון אַ בער האָט ער אין זיך געהאַט, דעם בערישן כוח אוודאי...

ער איז געווען אַרום דרייסיק יאָר אַלט, פון מיטל־וווקס, און רונד, ווי אַ פעסל, און אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ טונקלס, כמעט אַ

שוואַרצס, און אַ נאָז אַ קורצע און אַ ברייטע און אַ פּאָררױסענע, װעלכע האָט אויסגעזעען, װי זי װאָלט זיך געזשמורעט און „געשמעקט" אַזױ װי זײַנע קלײנע אײגעלעך.

דער שטאַרקער נאַקן איז בײַ אים געװען הויך געגאָלט און האָט אויסגעזעען בלױז אונטער די שװאַרצע האָר פון הינטן און דאָס היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק האָט ער געטראָגן אויף אַ זײַט קאָפּ, און די מעכטיקע ברוסט האָט ער געהאַלטן הויך אויסגעשטעלט.

ער האָט געטראָגן אַ טונקל רעקל און אַזעלכע הויזן מיט די פּאַנטאַלאָנעס פאַררוקט אין גלאַנציקע און געפּאַלדעװעטע כאָליעװעס, װי בײַ „נאַטשאַלסטװאָ".

ער האָט געװאָלט פאַרבײַגײן דעם קצב, נאָר קערפּל האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ שמייכל, מעשה גוט-ברודער, באַהאַלטנדיק זײַן שנאה און זײַן כּעס.

— זדראַװיא זשעלאַיו, יאָסל ! — האָט קערפּל אַרויסגערעדט מיט אַ גוט-ברודערישער ברייטקייט.

האָט יאָסל צוגעלייגט אַ האַנט צום דאַשעק, מעשה נאַטשאַלסטװאָ, און איז שטײן געבליבן.

— זדראַװיא זשעלאַיו, רבי קערפּל, — האָט ער געענטפערט, און בשעת דעם געזשמורעט די אויגן אויף אַלע זײַטן.

— װאָס קוקסטו דאָרט, יאָסל ?

— איך קוק... װײַל דאָס איז מײַן זאַך...

— דו זוכסט עמעצן ?

יאָסל האָט זיך אַ כאַפּ געטון :

— איך האָב קיין צײַט נישט. זדראַװיא זשעלאַיו, רבי קערפּל.

— װאַרט איין מינוטקעלע, יאָסל, זאָג מיר נאָר : ס'געהערט, װאָס ס'טוט זיך דאָרט מיט דער „אָבּיסק" בײַ דעם מתנגדישן רב ?

— איך קום ערשט פון דאָרט. אַלצדינג איז דאָרט „בלאַגאָפּאָ-לוטשנאָ", מיר האָבן גאָרנישט געפונען. עך, דער רוח זאָל זי נעמען, דעם רבס טאָכטער. איך האָב זיך אָזש געשעמט פאַר דעם זשאַנדאַרמסקען. איך בין דאָך אַדיך אַ ייד, אין דער מאַמען אַרײַן, און דאַ דעם רבס טאָכטער מיט באָמבעס, אַ סאָציאַל-רעװאָלוציאָנערקע, איך האָב זיך גע-שעמט צו קוקן דעם זשאַנדאַרמסקען אין די אויגן, װי איך בין אַ ייד !

— דער רב האָט זיך מסתּמא שטאַרק איבערגעשראָקן, האַ ?

— אַ האַלבע שעה האָט ער נישט געקאָנט אַ וואָרט אויסרעדן און די רביצין האָט מען קוים אָפּגעמינטערט...

— אַזוי!

— און זי איז קאַפּוט, — האָט יאָסל גערעדט ווייטער. — איר ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט? מיט אייביקער קאַטאָרגע, אָבער ניכער וועט מען איר איינגאַנצן מאַכן כּבֿיק, אין דער ערד אַריין! דער זשאַנ־דאַרמסקער אַליין האָט עס דעם רבֿ געזאָגט...

קערפּל האָט אַ זיפֿץ געטון, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— געווען אַזאַ לייטיש קינד, די בראָכקע. ווען מען האָט גאָר גע־קאָנט איינפֿאַלן — דו קוקסט דאָך און דו זוכסט דאָך?...

— ווען זי וואָלט געוווינט דאָ אין שטאָט, אַוודאי! — האָט יאָסל געענטפֿערט מיט זיכערקייט אין קול. — זי האָט דאָך אָבער געוווינט אין אַן אַנדערער שטאָט, אַ ציין־דאָקטאָר געווען, און צו איר טאָטן פֿלעגט זי קומען נאָר אַמאָל צו גאַסט, היינט ווי אַזוי האָט מיר געקאָנט איינפֿאַלן, אַז איך דאַרף אַכטונג געבן אויף איר? דעם אמת געזאָגט, ביז איר בילד איז נישט געקומען אין קאַנצעלאַריע, האָב איך נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז זי.

ער האָט אַ פּאַטש געטון קערפּלען איבערן אַקסל און מיט שפּאָט גערעדט ווייטער:

— אָט איר, רבי קערפּל, און די אַנדערע, זענען בייז אויף מיר, פֿאַרוואָס איך פֿאַרנעם זיך דערמיט. יאָ, יאָ, לייקנט נישט, איך ווייס, אַז איר זענט אַלע בייז אויף מיר דערפֿאַר, אָבער איך זאָג אייך, אַז איך פֿאַרדין אַ גרויסע מצווה דערמיט, אפֿשר די גרעסטע מצווה, וואָרים אין זייער טאַטנס טאַטן, שעביטאַטן אַריין, אַז איר וואָלט געוווּסט, וואָס מ'רעדט דאָרט באַ נאַטשאַלסטוואָ! אַלע יידן זענען בונטאָווטשיקעס, רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן, און איר ווייסט, וואָס דאָס מיינט, האַ? איך זאָג אייך, און איך האָב געזאָגט דאָרטן אויך, אַז ערשט איצט וועל איך זיך ריכטיק אַ נעם טון זיין נישט קוקן ווער און וואָס, פֿון אונטער דר'ערד וועל איך זיי אויסגראָבן. זיי וועלן מיר דעם יידישן נאָמען נישט פֿאַרשוואַרצן!...

קערפּל האָט אים צוריק, פּאַטש געטון איבערן אַקסל און געזאָגט:

— יאָסל, באַ אונדז אין שטאָט איז אָן סכּנות, וועדליג ווי אין די אַנדערע שטעט. אַז דו זאָלסט אַזוי פֿיל נישט טומלען... כ'מיין, — האָט

זיך קערבל פאַרכאַפּט, — דו דאַרפסט אַכטונג געבן, אוודאי, אָבער דו מאַכסט צופיל טומל. איך זאָג עס דיר, ווייסט דאָך, איך בין דאָך אוודאי נישט אייבער פון יענע..

און דערביי האָט ער, קערבל, געטראַכט:

„אוי, אַ רוח אין דיין האַרץ!" — און געפילט, אַז ער וואָלט זיך פּשוט מחיה געווען, ווען ער קאָן אים אַזוי אַרויפלייגן די האַנט אויפן מויל, אויף די אויגן, אויפן גאָרגל...

— דערציילט מיר נישט קיין בייקעס, — האָט יאָסל זיך צעהיצט און אַ וואָרף געטון קעגן אים זיינע ביידע הענט. — איך ווייס בעסער, וואָס בײַ אונז אין שטאָט טוט זיך. אָט צייטלינס זון אפילו... אין יעדן יידישן הויז זענען זיי פֿאַראַנען. אפילו אויף די חדר-יינגלעך דאַרף מען אַכטונג געבן. אפילו אויף די ישיבה־בחורים אין די בתי מדרשים. יאָ, יאָ, דאָס וואָס איר הערט. אָט האָב איך זיך ערשט דערוווּסט, אַז אינם אַלטן בית המדרש האָבן צוויי ישיבה־בחורים דערקלערט אַ „סטאַטשקע" זייערע באַלעבאַטים, בײַ וועמען זיי עסן טעג: אַז אַנשטאָט עסן טעג, הייסט עס, ווילן זיי פינף קאָפּיקעס מזומן פאַר יעדן! נו? און דאָס טועף ישיבה־בחורים, האַ? דאָס גיי איך איצט צו זיי!...

דער קבּב האָט זיך צעלאַכט.

— אַ המצאה!...

און דערנאָך גערעדט ווייטער, שוין ערנסט:

— דו, יאָסל, לאָז צורו די ישיבה־בחורים. דו ביסט דאָך אַ ייד, זאָגסטו, און זיי לערנען דאָך תורה...

— וועל איך מיט זיי לערנען תורה, — האָט יאָסל געענטפערט. — תורה, אַז זיי ווילן זיך פאַרזאָגן אַ צעגמן צו דערקלערן „סטאַטשקעס" זייערע באַלעבאַטים. דאָס איז אַ סימן, אַז זיי זענען אויך אָנגעשמעקט...

— ווייס איך וואָס, אָנגעשמעקט. מסתמא קריגן זיי אַזאַ „כאַרטש" בײַ די באַלעבאַטים, אַז זיי ווילן בעסער פינף קאָפּיקעס מזומן. בײַ מיר עסט אויך אַ ישיבה־בחורל אַ טאָג, וועט ער קיין האַלב קערבל נישט געבן פאַר מיין „כאַרטש".

— איך וועל שוין זען. אין צל זיי אויספרעגן — האָט יאָסל אַ מורמל געטון אונטער זיין ברייט., פאַרריסענער נאָז און ווידער גענומען וואָרפן זיינע פאַרזשמורעטע אויגן אויף אַלע זייטן.

— דו זאָלסט זיי גאָר נישט שלאָגן, יאָסל, — האָט זיך אָנגערופן קערבל, און ער האָט זיך מיטאַמאָל ווידער דערמאָנט, אַז יאָסל האָט

געפּאַטשט זיין פּלימעניצעס ראַשקען, און אין זיינע רונדע אויגן האָט זיך אַ צינד געטון. — יאָסל, — האָט ער פלוצלינג געזאָגט, און אים געוויזן זיינע ווייסע ציין. — דו ביסט טאַקע אַזאַ גבר, ווי מען רעדט? איך וואָלט אַ בעלן געווען אַמאָל זיך אַ באָרע צו טון מיט דיר...

יאָסל האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, דערנאָך האָט ער זיך צעשמייכלט, אַזוי ווי אַ בער.

— גאָר אינמיטן דערינען? זענט איר משוגע געוואָרן? — האָט ער געזאָגט.

קערפּל האָט געענטפערט מיט לאַכעדיקע ציין און מיטן בייזן פּייערל אין די אויגן:

— אַזוי, אויף צו פּלייסן, איך וואָלט וועלן זען, ווי געזונט דו ביסט. אָבער איך זע, אַז דו האָסט מורא... זאָג דעם אמת: דו האָסט מורא?

יאָסל האָט אַ קוק געטון אויף אים אַ פאַרוווּנדערטער. דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט:

— מורא, איך? אין אייער מאַמען אַריין, איר מוזט זיין שיכור!

— ניין, יאָסל, נישט שיכור, אויף מיינע נאמנות נישט.

— זענט איר גלאַט משוגע געוואָרן. איר וואָלט דערנאָך חרטה געהאַט.

— פאַרוואָס, יאָסל? אויף צו פּלייסן דאָך?

— און אַז אויף צו פּלייסן קאָן איך אייך אפנים נישט אויסברעכן אַ ביין?

קערפּל האָט זיך אַ כאַפּ געטון.

— אַזוי, ווייז אַ קונץ, ברעך מיר אויס אַ ביין!

יאָסל האָט אים ווידער אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

— איר מיינט עס אויף אַן אמת?

— יאָ, יאָ, אויף אַן אמת. נאָר אָפּגעמאַכט: טאָמער ברעך איך דיר אויס אַ ביין, זאָלסטו נישט לויפן מיט קיין טענות צו נאַטשאַלסטווע, ווייל דאָס איז אויף צו פּלייסן.

יאָסל האָט פּלוצלינג אַ טרעט געטון צו אים מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל.

— הער נאָר, ווי ער רעדט עס אַ ביסל, אין זיין טאַטן אַריין! גיט אַהער אייער האַנט!

און קערפּל האָט אים געענטפערט אין טאָן:

— אין דיין טאַטן שעביטאַטן אַריין, אַט האָסטו מיין האַנט.

און יאָסלס רעכטע האַנט האָט אַ פּאַק געטון קערפּלס רעכטע און קערפּלס רעכטער פּוס האָט זיך אַ צי געטון צו יאָסלס און זיך אַזוי ווי איינגעגראָבן אין דעם ברוק אונטער זיין פוס, און מיט דער קני גע־דריקט אויף יאָסלס קני און אַזוי ווי אויף אייזן און דערביי האָט ער געלאַכט יאָסלען אין פּנים אַריין מיט די ווייסע ציין און שוואַר־צער באָרד און מיט ביין שפּאַס אין די רונדע קאַרע אויגן.

און יאָסל איז אַלץ מער און מער צערייצט געוואָרן, האָט גע־שטשעמעט די ציין, געקרימט די ליפּן און פּילנדיק, אַז זיין אייזערנע האַנט פאַרלירט אירע כּוחות אין קערפּלס, וואָס האָט פון איר ממש דאָס לעבן אַרויסגעשטיקט, האָט ער, יאָסל, מיט דער גאַנצער שהבּרקייט פון זיין אומגעלומפּערטן קערפּער אויף קערפּלען געשפּאַרט, און ער, קערפּל, צוריק מיט זיין גוף אויף יאָסלס. ווילדע כּוחות אויף ווילדע כּוחות האָבן זיך געשפּאַרט. איין שווערער באַרג האָט זיך אָנגעשטויסן אַרונטערצודריקן אַ צווייטן שווערן באַרג, ביז בּאַ יאָסלען האָבן זיך די קני גענומען בייגן, בייגן, און ער אינגאַנצן האָט זיך גענומען אַרונטער־זעצן מיט אַ צעקרימט פּנים און מיט כּעס אין די אויגן.

דערנאָך האָט קערפּל אים מיטאַמאָל אָפּגעלאָזט און אַרויסגערעדט פּאַרסאַפּעט:

— אפשר, גענוג, האַ?

און צעלייגט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל:

— באַ מיר, דאַכט זיך, זענען גאַנץ אַלע בייגער!...

יאָסל האָט געשאָקלט זיין רעכטע האַנט און געבלאָזן אויף די פינ־גער, וועלכע האָבן אים געברענט ווי פייער פון קערפּלס דרוק.

ער האָט אויסגעזעען צערייצט, אין כּעס און אַ ווילע האָט ער געשוויגן.

נאָך דעם האָט ער זיך אָנגערופן צערייצט:

— איך האָב פאַרקילט מיין האַנט, דערפאַר איז עס, אָבער מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל אַ בּאָרע טון!

— ביסטו דאָך אין כּעס? — האָט קערפּל בּעזאָגט, — דאָס איז דאָך נאָר געווען אויף צו פליסן!

— מיר וועלן זיך אַמאָל אויף אַן אמת אַ באָרע טון, רבי קערפּל. און דעמאָלט וועלן מיר זעען.

— נו, נו, וועלן מיר דעמאָלט דערפון רעדן. איצט, יאַשקע, קום,

מיר וועלן נעמען אַ ביסל בראָנפן; איך האָב אַ פיינע קאַפּיטשקע. און זיי נישט אין כעס.

און ער איז אַריין מיט יאָסלען צו זיך אין יאַטקע און דאָרט האָבן זיי ביידע אויסגעטרונקען.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען ביידע געשטאַנען פאַר דער יאַטקע־טיר און האָבן פריינטלעך געשמועסט. פּלוצלינג, אין מיטן שמועס, האָט יאָסל אָנגעשטעלט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן אויפן קצב, האָט זיך כיט־רע צעשמייכלט און אַזוי פּלוצלינג האָט ער אַ הייב געטון די רעכטע האַנט, זי אַ וויג געטון הין און צוריק און זי אַ לאָז געטון מיט אַזאַ אימפּעט דעם קצב אין ברוסט אַריין, אַז יענער האָט מיט אַ צעטומלטן קרעכץ און אַ צעעפנט מויל און אויסגעגלאָצטע אויגן זיך הינטערוויילעכץ אָנגעקלאַפּט מיטן רוקן אָן דער טיר פון זיין יאַטקע.

יאָסל האָט זיך צעלאַכט און אַרויסגערעדט:

— איך האָב נאָר געוואָלט זען, אויב מיין האַנט איז נאָך צו־געקילט!...

בײַ קערפּלען אין די רונדע אויגן האָט זיך אַ צינד געטון און די הענט זיינע האָבן זיך געריסן, ווי צוויי צעווילדעוועטע הינט פון זייערע קייטן. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן, ווייל ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז יאָסל האָט זיך איצט מיט אים אָפּגערעכנט פאַר זיין פריער־דיקער מפּלה און אפשר וויל ער זיך מיט אים נאָך מער אָפּרעכענען, וויל אים אפשר אַריינשלעפּן אין אַ צרה, דאָס הייסט, אַז ער זאָל זיך מיט אים צעשלאָגן, כדי ער זאָל אים, קערפּלען, קאָנען דערנאָך אַרעס־טירן און אויסטראַכטן אויף אים עפּעס אַ בלבול...

האָט ער זיך דערפאַר איינגעהאַלטן. ער האָט זיך אפילו צעשמייכלט מיט דער שוואַרצער באָרד, נאָר דאָס בייזע פייערל אין זיינע רונדע קאַרע אויגן האָט ער נישט געקאָנט אויסלעשן.

נאָך דעם האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— הע, יאָסל, ביסט דאָך פאָרט אין כעס? בײַ אונז איז דאָך פריער געווען אויך צו פלייסן...

— און בײַ מיר איז איצט אויך געווען אויך צו פלייסן, — האָט יאָסל כיטרע און מעשה בער אַ שמייכל געטון. — ווי אַזוי איך באַרע זיך אויף אַן אמת. וועל איך אייך נאָכאַמאָל ווייזן, רבי קערפּל! — האָט ער דעם קצב ווי געספּראַשעט און געשמייכלט.

נאָכדעם האָט ער ווידער גענומען קוקן אויף אַלע זייטן מיט די

פאַרזשמורעטע אויגן, אַ צי געטון די גלאַנציקע כאַליעווע אויף זײַן קני, אויף דער אַנדערער, פאַרריכט דאָס היטעלע מיטן גלאַנציקן דאַשעק אויף דער זייט קאָפּ, און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט זײַן אומגעלומפּערטן, שווערן גוף, מעשה בער, איבער דער גאַס, וואַרפנדיק מיט בײדע אָרעמס, און די שטיינער פון ברוק אונטער זײַנע שווערע טריט האָבן געפּילדערט.

קערפּל האָט אים נאָכגעקוקט און אין האַרץ בײַ אים האָט געקאָכט.

„סטראַשעט מיך: ער וועט זיך מיט מיר אַמאָל אַ באַרע טון אויף אַן אמת. הלוואי פאַלט ער מיר אַרײַן אין די הענט, איך זאָל נישט דאַרפן מורא האָבן. אַזאַ איז אַ מצווה צו מאַכן פאַר אַ קאַליקע!" — האָט ער געטראַכט.

און אין אַ ווײַלע אַרום, ווען יאָסלען האָט מען שוין מער נישט געזען, זענען אויפן מאַרק קעגן די קראָמען און קעגן די יאַטקעס און קעגן די טישלעך מיט געבעקס ווידער געשטאַנען יידן אין רעדלעך און מען האָט זיך געשושקעט וועגן דער הויז-ווכונג בײַם רב.

איצט האָבן אַלע געוווּסט. אַז בײַם רב האָט מען גאָרנישט נישט געפינען. מען האָט אויך דערציילט, אַז די רביצין איז פאַר שרעק און כּאַר צער אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז מען האָט שוין צוויי דאָקטוירים צו איר גערופן.

און [illegible] האָבן יידישע מאַמעס און טאַטעס פון דערוואַקסענע קינדער מיט ציטערדיקע הערצער זיך דערמאָנט אָן זייערע זין און טעכטער און מען האָט זיך געסודעט און געזיפצט.

— וואָס וועט דערפון ווערן!

— איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען!

— נו, אַ צייט!...

דאָס דריי און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

ליובאַ פאַרצווייפלט

ליובאַ איז געזעסן אויפן גאַניק און האָט געלייענט. זי האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז בראָכקען און צייטלינען האָט מען אַרעסטירט, האָט נישט געוווּסט, אַז אין שטאָט טומלט זיך שוין וועגן דעם.

פון הויף האָט זיך געטראָגן דאָס גערויש פון דער אַרבעט.

פּלוצלינג, ווען זי איז געווען פאַרטון אינם לייענען, האָט זי דערהערט, אַז עמעצער רופט איר נאָמען מיט אַ פליסטער.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בוך און דערזען בערציקן.

ער איז געשטאַנען לעבן גאַניק און האָט אויסגעזען דערשלאָגן.

— וואָס איז, בערציק? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון פון איר שטול, אַוועקגעלייגט דאָס בוך און איז צוגעלאָפן צום פאַרענטש פונם גאַניק, לעבן וועלכן בערציק איז געשטאַנען.

— איר ווייסט נאָך נישט, חברטע? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט פאַר אויפרעגונג און זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

— וואָס?

— קאַפּוט, חברטע, קאַפּוט!

זי איז אַרונטערגעלאָפן פונם גאַניק און האָט אָנגעכאַפּט בערציקן פאַר די הענט.

— וואָס איז געשען, בערציק?

— חברטע, מען האָט זיי אַרעסטירט...

ליובאַ האָט אַ ציטער געטון און אַ געשריי האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן:

— וועמען?

— בראָכקען און צייטלינען מיט די באַמבעס. דער זשאַנדאַרמסקער איז איצט בײַ בראָכקעס פאָטער, מאַכט בײַ אים אַ הויז-זוכונג...

ליובאַ האָט זיך אַ שאָקל געטון אויף די פיס, אָנגעכאַפּט פאַר דעם פאַרענטש פונם גאַניק מיט אַ האַנט און געקוקט אויף בערציקן מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט זיך פונם זינען געווירדט.

און מיטאַמאָל האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ היסטערישן געשריי. גלייך פאַרשטאָפּט מיט איר פויסט דאָס מויל, כדי צו פאַרשטיקן די געשרייען, וואָס האָבן זיך באַ איר געריסן, אַז די אַנדערע זאָלן זי נישט הערן, און זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד לעבן גאַניק.

בערציק האָט זי גענומען פאַר אַן אַקסל און אַרויסגעמורמלט און פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן:

— חברטע, נישט דאָ, נישט דאָ. פאַרגעסט נישט... קאָנספּיראַציע... קומט פון דאַנען, קומט, קומט!...

און זי האָט צונויפגענומען אירע אַלע כוחות און איז אַוועק מיט בערציקן צום וואַלד, וועלכער האָט זיך געצויגן אַרום שליאַך, און גייענדיק, האָט זי געהאַלטן אַ ברעג פון איר טיכל אין מויל און אים געביסן.

זיי זענען אַריין אין וואַלד. דאָרט האָט זיך ליובאַ אַרונטערגעלאָזט אויפן גראָז און איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרשטיינערטע.

זי האָט מער נישט געוויינט, זי האָט נאָר געקוקט פאַר זיך מיט אַ פאַרשטיינערטן אויסדרוק און געשוויגן.

— עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר — האָט בערציק דערנאָך אַרויסגעמורמלט. — אָבער יענער מיכאל איז דאָך געפּגרט, הייסט ווער איז דער אַנדערער?...

ליובאַ האָט נאָך אַלץ געשוויגן. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— קומט, מיר וועלן פאָרן צו באָריסן.

— חבר באָריס וועט דאָ באַלד זיין. איך קום דאָך ערשט פון אים. איך בין גלייך געלאָפן צו אים, ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן אונזער ניי אומגליק. ער האָט מיך דאָס בעשיקט צו אייך און געזאָגט, אַז ער אַליין וועט אויך באַלד דאָ זיין. ער איז אַזוי צעטומלט געווען, אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט גערעדט.

ליובאַ האָט אַרויסגעמורמלט:

— באָריס וועט נאָך אויך אומקומען. אונזערע בעסטע מענטשן... פּראָבקע, צייטלין, — האָט זי זיך אונטערגעבראָכן מיט אַ פאַרשטיקט נעזיין. — הייליקע נשמות!...

— נו, נו, באַרויקט זיך, חברטע, — האָט בערציק געמורמלט, און

געסאַפּעט מיט דער נאָז. — עך, געהרגעט זאָל דאָס ווערן! וואָלט ער כאָטש געגומען אַזאַ יאָט ווי איך. נעם און ווער דערוואָרגן! — נעמט ער דאָך דווקא די בעסטע אונזערע! אַי, אַי, וווּ איז ער? ווו זוכט מען אים?

— בערציק, — האָט אים דאָן ליובאַ איבערגעשלאָגן, — באָריס וועט דאָרט קומען און ער וועט נישט וויסן, וווּ איך בין. — איך וויל איצט נישט גיין אַהיים, איך קאָן נישט, איך בין נישט אימשטאַנד זיך צו באַהערשן איצט, האָב איך מורא. אַז מיינע וועלן דאָס באַמערקן. גייט, זעט, אויב ער איז שוין דאָרט. ברענגט אים אַהער...

בערציק איז אַוועק און גייענדיק האָט ער פאַרצווייפלט גע־מורמלט:

„ווו איז ער? ווער איז ער? און ווו זוכט מען אים?"...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך טאַקע צוריקגעקערט מיט באָריסן. באָריס האָט אויסגעזען בלייך און צעטראָגן.

ווען ליובאַ האָט אים דערזען, האָט זי זיך ליידנשאַפטלעך צעוויינט. באָריס האָט זיך אַ קער געטון צו בערציקן און אים שטיל געזאָגט:

— חבר בערציק, איר קאָנט איצט גיין. איך דאַרף עפּעס רעדן מיט איר קאָנספּיראַטיוו. אָבער איך רעכן, אַז מיר וועלן אייך דאַרפן. זייט באַ מיר אויף דער קוואַרטיר אין אַ פּאָר שעה אַרום.

בערציק איז אַוועקגעגאַנגען און באָריס איז צוגעגאַנגען צו ליובאַן.

— נו, וויין נישט, קינד, — האָט ער זיך אָפּגערופן, — מיט וויינען וועסטו זיי נישט העלפן.

— באָריס, אין אַזאַ צייט, ווען מען האָט זיי אַרעסטירט מיט באָמ־בעס, וועט מען זיי דאָך באַשטראָפן מיט דער העכסטער שטראָף! בראָכקע און צייטלין אויף דער תּליה! גאָט, איך וועל משוגע ווערן! — האָט זי פאַרדעקט איר פּנים מיט ביידע הענט.

באָריס האָט געשוויגן. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן גראָז און פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— הער אויס, ליובאַ, מיר אַליין איז אַזוי שווער ווי דיר. הגם איך האָב זיך געריכט אויף דעם. דו ווייסט דאָך, אַז אַ לאַנגע צייט בין איך געווען קעגן דעם, אַז מיר זאָלן איצט עפּעס אונטערנעמען; אַז אַ לאַנגע צייט טענה איך צו דיר, אַז מיר מוזן זיין פאָרזיכטיק מיט אונזער אַרבעט. אמת, יענער פּראָוואָקאַטאָר, קעגן וועלכן מ'האָט אונז געוואָרנט, מיכאל,

איז טויט, אָבער ווי אַזוי קאָנען מיר זיין זיכער, אַז צווישן אונז אַרבעט נישט אַן אַנדערער פּראָוואָקאַטאָר? איך בין חושד אייגעם און איך האָב באַשלאָסן צו האַלטן אַן אויג אויף אים... אָט פון דעם מוזן מיר איצט טראַכטן...

ליובאַ האָט אַ קוק געטון אויף אים.

— וועמען מיינסטו, באָריס?

— זיין נאָמען קאָן איך דיר נישט זאָגן, ביז איך וועל זיך נישט איבערציייגן אין דעם. פאַרשטייסט דאָך, אַז מען מוז זיין פאָרזיכטיק מיט אַזאַ באַשולדיקונג...

און באָריס האָט גראָד איצט גערעדט, וואָס ער האָט געמיינט, ווייל פאַרדעכטנדיק נאָך אַלץ, אַז אַ צווייטער פּראָוואָקאַטאָר אַרבעט צווישן זיי און האַלט אַן אויג אויף ליובאַן, האָט ער איבערקלייבן אין זיינע געדאַנקען יעדן פון די חברים, וועלכע ער האָט געקענט, און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפן לאַטיש יאַקאָוו און זיך געפרעגט: „צי דאָס איז נישט ער?"

עפּעס איז אָט דער יאַקאָוו צו גוטמוטיק געווען, צו רויק, האָט זיך צו זיכער געהאַלטן. ער, באָריס, האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז יענער זאָל זיך אויפרעגן. און ער, באָריס, האָט שוין געפּלאַנעוועט אַ פּלאַן: פאַרצולייגן יאַקאָוון, צו „באַפרייען" זיך פון סאַוויצקין, וועט ער דאַן קאָנען האָבן דעם בעסטן סימן...

ליובאַ האָט זיך דאַן אָנגערופן פאַרצווייפלט:

— נו, וואָס זאָלן מיר טון?

— דו דאַרפסט מיר איבערגעבן דיין אַרבעט. דאָס מוזסטו טון, ליובאַ. איך בין זיכער, אַז עמעצער לויערט אויף דיין אַרבעט. די גאַנצע צייט וואָרן איך דיך קעגן דעם.

— שוין ווידער? — האָט זי אַרויסגעמורמלט, — דאָס קאָן איך נישט טון אָן דעם צענטראַל-קאָמיטעט!

— מיר מעגסטו פאַרטרויען ווי זיך אַליין, מער ווי זיך אַליין! — איז ער פּלוצלינג געוואָרן אויפגערעגט.

— באָריס, זיך אַליין פאַרטרוי איך אויך נישט!

ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט אויפגערעגט אַ שמיץ געטון זיין פּאַפּיראָס.

— מען קאָן משוגע ווערן! — האָט ער אויסגעשריגן. — רעוואָ-לוציאָנערן, אייגענע חברים, און איינער דעם אַנדערן גלייבט נישט,

פּאַרטרויט נישט! ווי קענסטו מיך ליבן, ווען דו האָסט נישט צו מיר קיין פולן צוטרוי?

ליובאַ האָט געשוויגן, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— דו האָסט שוין אַליין געדאַרפט איינזעען, אַז די אַרבעט האָב איך געדאַרפט טון, אַנשטאָט דיר, איך אַליין, פאַרשטייסט? איך אַליין! וואָס איך אַליין האָב אונטערגענומען, האָט אַלע מאָל געהאַט דערפאָלג. די דערפער אויפגעבוגנטעוועט, איין אַקציע דורכגעפירט, אַ צווייטע, אַ דריטע, און קיינמאָל נישט דורכגעפאַלן! דאָס באַווייזט, אַז פירן דיין אַרבעט דאַרף איך, נישט דו און נישט קיינער פונם קאָמיטעט!

ליובאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— דאָס איז אמת. יאָ, באָריס, דידאַזיקע אַרבעט וועט מען זיכער דיר איבערגעבן. דער קאָמיטעט וועט עס געוויס באַשליסן.

— אויב מיין חשד איז אמת, אַז אַ פּראָוואָקאַטאָר אַרבעט צווישן אונז, וועט ער באַ מיר, דו קאָנסט זיין זיכער, קיין דערפאָלג נישט האָבן און דער עיקר, פון דיר אַליין וועל איך נישט דאַרפן טראַכטן...

— פון מיר, באָריס, דאַרפסטו נישט טראַכטן. בראַכקע און די אַנ־דערע זענען נישט ערגער פון מיר. זיי זענען אַ סך בעסער פון מיר!...

באָריס איז דאַן צוגעגאַנגען צו איר מיט אַ צעפלאַמט פּנים און אַרויסגערעדט פאַרשטיקט:

— איך מוז טראַכטן פון דיר, איך מוז! און נישט נאָר פון דיר, נאָר פון דיין גאַנצער אַרבעט. ליובאַ, איך זאָג דיר נאָכאמאָל: עמעצער ווייסט פון דיין אַרבעט. איך בין נישט זיכער, אַז אפשר נאָך היינט וועט דער זשאַנדאַרמסקער באַפאַלן דיין הויז, ווי ער איז נעכטן באַפאַלן דאָס הויז פון בראָכקעס פאָטער און אפשר צייטלינס הויז אויך. טו אַ טראַכט, ווען מען זאָל געפינען באַ דיר די אַדרעסן, וויפיל מענטשן, יונגע, טייערע לעבנס וועלן דאַן אומקומען. דערמאָן זיך נאָר, וויפיל לעבנס זענען שוין באַ אונז אומגעקו־מען! וויפיל אַרבעט איז דורכגעפאַלן, וואָס דו און אַנדערע האָבן געטון!...

ליובאַ האָט געקוקט אויף אים צעטומלט, מיט צעשראָקענע אויגן. זיין אויפרעגונג און זיינע ווערטער האָבן זי צעטומלט און אַ שרעק אויף איר אַרויפגעוואָרפן. וואָרים זי האָט געטראַכט איצט פון די אַלע וויכ־טיקע חברים און חברטעס, וועמעס אַדרעסן זי האָט געהאַט...

מיט שרעק האָט זי אַרויסגעמורמלט:

— אפשר ביסטו גערעכט... איך טאָר דאָס נישט טון אָן דעם קאָמי־טעט, אָבער... יאָ, יאָ, באָריס, דו ביסט גערעכט. די גאַנצע צייט ווייז

זיך מיר אויס. ווי דער שאָטן פון אַ פּראָזאָקאַטאָר וואָלט מיר נאָכגעגאַנגען. ריזיקירן טאָר איך מער נישט. ניין, נישט אין אַזאַ צייט. מיט צופּיל לעבנס ריזיקיר איך, מיט דער גאַנצער אַרבעט. איך וועל נישט וואַרטן אויף דעם באַשלוס פונם קאָמיטעט. איך וועל דערקלערן. דער קאָמיטעט וועט מיר געבן גערעכט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און גערעדט ווייטער:

— איך גיב דיר אַלצדינג, אַלצדינג, — די אַדרעסן, די דאָקומענטן. און טאַקע גלייך, נישט אָפּלייגן!...

באָריס איז געוואָרן אַזוי נערוועז, אַז ער האָט כמעט געציטערט.

— יאָ, יאָ, אַלצדינג, אַלצדינג, — האָט ער נערוועז גערעדט. — נאָך דער ליטעראַטור וועט בערציק קומען באַנאַכט... איך וועל אים שיקן... ער וועט שפּעטער זיין בײַ מיר...

און מיט אַ באַזונדערער האַסטיקייט זענען זיי אַוועק צום הויז.

שפּעטער איז באָריס געזעסן אויפן גאַניק און געוואַרט אויף ליובאַן.

זי איז אַרויסגעקומען פונם הויז מיט אַ צעפּלאָמט פּנים, האָט מיט ציטערנדיקע הענט אַרויסגעשלעפּט פון בוזים אַ גרויסן קאָנווערט און אים דערלאַנגט באָריסן.

— פּאָרזיכטיק, טייערינקער, — האָט זי געפּליסטערט אויפגערעגט, — די וויכטיקע אַדרעסן...

באָריס האָט האַסטיק באַהאַלטן דעם קאָנווערט אין אַ הינטערשטער קעשענע און מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל אַרויסגעמורמלט:

ענדלעך! איצט וועל איך קאָנען זיין רויקער וועגן דיר...

אין יענעם טאָג נאָך האַלבער נאַכט האָט בערציק אויף אַ פור איבערגעפירט די „ליטעראַטור" אויך פון ליובאַס הויז צו באָריסן אין שטיבל...

פּאָגראָמען־שרעק

איבער דער שטאָט האָט זיך געטראָגן אַ פּאָגראָמען־שרעק. נאָך דעם אַרעסט פונם רבס טאָכטער און צייטלינס זון, האָבן די שטאָטישע כוליגאַנעס אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף אַלע זייערע שוואַרצע כּלים, אַגיטירנדיק פאַר אַ פּאָגראָם.

זיי האָבן אויך אַריינגעשיקט בריוו צו די צוויי רבנים פון דער שטאָט און צו דאָקטאָר זעליגסאָן, דעם שוואָגער פון דעם אַרעסטירטן צייטלין, מיט אַ וואָרנונג, אַז מען וועט אין שטאָט אויפשפּילן אַ „ושי־דאָוווסקע חתונה", נאָך אַ פרייליכערע ווי אין קישענעוו...

און אַ פּחד איז באַפאַלן די יידן פון שטאָט. פאַר זייערע אויגן האָבן זיך נאָך געטראָגן די בלוטיקער בילדער פון קישענעוו — די אויפגעריסענע בייכער פון יידישע פרויען, מיט פעדערן אָנגעשטאָפּט, די צעשפּאָלטענע מוחות פון יידישע עופהלעך, וואָס די כוליגאַנעס קלאַפּן אָן די געמויערטע ווענט פון די הייזער, און זיי, די יידן, האָבן ני"ט געוווּסט, וווהין צו אַנטלויפן, ווו זיך צו באַהאַלטן פאַר אָט דעם פּחד...

ווי אַ ווילד געשפּענסט, מוראַדיקער פון מלאך המות אַליין, וואַלט זיך געטראָגן איבער די יידישע גאַסן, איבער די יידישע הייזער, איבער די יידישע בתי־מדרשים און קראָמען, גרייט צו שניידן לעבנס, אומצו־ברענגעי און חרוב צו מאַכן...

מען האָט זיך געשראָקן פאַר דעם אייגענעם שאָטן. פון דער מינדסטן שיכּורן געשריי האָט מען זיך אויפגעצאַפּלט, און האָט מען דער־זען אַ כאָפּטע שיכּורע גויים, וואָס האָבן זיך צעהוליעט אויפן מאַרק, האָט די הויט געציטערט, צי עס הייבט זיך שוין נישט אָן!...

נישט קיין מענטשן, נאָר די שרעק אַליין האָט זיך אומגעקוקט מיט

צעטומלטע אויגן, גייענדיק מיט ציטערנדיקע טריט איבער די יידישע גאסן, פלאטערנדיק אין די קראמען און בעטנדיק מיט בלייכע ליפן אין די בתי מדרשים...

מען האט זיך פארקליבן אין רעדלעך, געשטאנען באגאנד, באדריט, אנגעקוקט צעטומלט איינער דעם אנדערן, געלאזט פאלן א ווארט, א זיפץ, א קרעכץ, און מען איז זיך צעגאנגען, ווארפנדיק די צעטומלטע אויגן אין אלע זייטן, ווי זוכנדיק הילף פון ערגעץ.

שרעק מיט שרעק איז זיך צונויפגעקומען. שרעק האט שרעק אנגעקוקט, שרעק האט מיט ציטערנדיקע ליפן א ווארט ארויסגע־מורמלט, א קרעכץ ארויסגעלאזט, און שרעק האט דאס געזוכט הילף פון ערגעץ...

פון וועמען הילף, ווען גאט האט זיי פארלאזט, האט זיך זיי געדאכט, פאר די זינד פון זייערע קינדער!...

א לאנגן גלות פון יארהונדערטער האבן זיי אין אט דער שטאט געלעבט, זיי און זייערע עלטערן און אור־אור־עלטערן, ווער ווייסט זינט ווען... געלעבט אין ארימקייט און אין דחקות, געצויגן די חיונה פון דעם גראשענעם מסחר מיטן פויער און טייל — פון ארבעט אין די פאבריקן און פון היימישער מלאכה, אנגעליטן זיך גענוג פון דער פאליציי, וועלכע האט אי גענומען כאבאר, אי גערודפט, און פון יעדן איינעם געליטן, ווער עס האט נאר געהאלט זיך איזדעקעווען איבער א ייד; אבער מען האט געוווסט, אז מען איז א ייד אין גלות און מען האט געשלעפט דעם יאך מיט געדולד, און מען האט געלעבט, און מען האט געהאפט צו גאט. און גאט האט תמיד רחמנות געהאט: אויף שבת און יום־טוב האט ער צוגעשיקט און שמחות האט מען געפראוועט, און קינדער חתונה געמאכט, און נחת פון קינדער און אייניקלעך געהאט.

און אז מען האט איבערגעלעבט דאס ביסל יארן, האט מען אן אייביק ארט אויף דעם אלטן יידישן בית־עולם געקריגן לעבן טאטן און לעבן זיידן...

און יעדן תשעה־באב זענען די קינדער געקומען און האבן זיך אויסגעוויינט אויף די קברים פון זייער טאטן, פון זייער מאמען, בעטנ־דיק די טויטע, אז זיי זאלן זיך דארט משתדל זיין פאר גאט, אז ער זאל זיי צושיקן פרנסה און געזונט, זיי און זייערע קינדער...

אזוי פון קדמונים אן.

און מיטאמאל — קינדער, אז בעסער וואלטן זיי גארנישט געבוירן

געהערן! ווי און ווען האָט מען גאָר געזעען, אַז יידישע קינדער זאָלן זיין אַזעלכע ווילדע ברואים, אַזעלכע הפקר־יונגען און משוגעים ? ! די שלעכטער נישט בעסער פון די זין !...

פאַרלוירן די מורא פאַר גאָט, דעם דרך־ארץ פאַר טאַטע־מאַמע און פאַר לייטן! אויס ייד, אויס קינד. וואָס דען? אַ בונדיסט, אַ „צעציליסט", אַ וועלט־איבערמאַכער! אפילו פאַר די קאָזאַקן שרעקט מען זיך נישט אָפּ, און מען קריכט אין פייער און אַלע יידן וועלן זיי אויפן פייער אַרויפבריענגען!

ווילן מאַכן אַ סוף צום יידישן גלות. יידן זאָלן האָבן גלייכע רעכט ווי גויים, פויערים, ווי פריצים, און אויס גבירים, אויס קיסר, און אויס־געלאַכט זיך פון גאָט און פון זיינע געבאָטן.

משהיתים, משוגעים, הפקר־יונגען, מען ארעסטירט זיי און מען פאַר־שיקט זיי און גאָרנישט, עס העלפט נישט!...

און אַנדערע פון אָט די יידן דערמאָנען זיך נאָך, ווי אינם אַלטן בית־המדרש האָבן זיך איינמאָל אַ שבת אריינגעכאַפּט אַ פּאָר פון אָט די „הפקר־יונגען", פּשוטע אַרבעטער, בונדיסטן, און האָבן נישט געלאָזט מען זאָל זאָגן „הנותן תשועה" פאַר דעם קיסר, און ווי אַן אַנדערן שבת אין דעם זעלביקן אַלטן בית־המדרש האָבן יידישע אַרבעטער אויפגעהויבן אַ מהומה קעגן גאָט אַליין, שרייענדיק: „דאַלאָי גאָט!" — דאָס הייסט, אַרונטער מיט גאָט! (ווי אין יעדער רעוואָלוציאָנערער צייט האָט גאָט אויך דאַן געליטן, בפרט פון דער יידישער יוגנט, וועלכע שוין בײַ איר ערשטן שריט אויפן וועג פון באַפרייונג און פרייהייט, האָט געמוזט אָנרירן די אויטאָריטעט פון דער אַרומיקער פרומקייט און פון גאָט און זיינע געבאָטן)...

אָט אַזוי האָבן געקוקט די פרומע און דערשלאָגענע יידישע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין זייער לאַנגן גלות אין רעכטלאָזיקייט, אויף זייערע רעוואָלוציאָנערע קינדער, און אין הארץ האָבן זיי געריסן קריע איבער זיי. און אין די נייע צרות, און אין די גזירות, און אין די פּאָגראָמען, האָבן זיי איצט געזעען גאָטס צאָרן פאַר די זינד פון זייערע קינדער...

און דערפאַר איז זייער שרעק אַזוי גרויס געווען, ווען דאָס גע־שפּענסט פון די פּאָגראָמען האָט זיך איצט איבער זייערע קעפּ געטראָגן. גאָט וועט איבער זיי קיין רחמנות נישט האָבן! ...

אין שרעק האָט זיך געצויגן דער טאָג. אין פּחד האָט מען דורכ־

געציטערט די נאַכט, און מיטן באַגינען, ווען מען איז אַרויס פון די בעטן, האָט מען געטראַכט: „ווער מען מאָרגן אויך אויפשטיין?"...

יידישע באַלעבאָסטעס האָבן באַגראָבן זייערע חפצים אין דער ערד אויף די הויפן. יידישע מאַמעס האָבן מיט ציטערנדיקע הערצער געקוקט אויף זייערע דערוואַקסענע טעכטער און געטראַכט: „גאָט, ווען איך קאָן מיין טאָכטער אויך באַהאַלטן דאָרט, ווו איך האָב די חפצים באַהאַלטן!"

אַ יידישע דעלעגאַציע מיט דוד פערעלשטיין אין דער שפיץ איז אַוועק צום פּאָליצמייסטער און מען האָט אים איבערגעגעבן אַ היפּשע מטבע, און ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי נישט צו דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם.

און די רבנים פון שטאָט האָבן גוזר געווען אַ תענית מיט תהילים זאָגן אין די בתי מדרשים.

האָבן די יידן אָנגעפילט אַלע בתי מדרשים און מיט אַ יאָמער געזאָגט תהילים.

נאָר די יידישע קצבים איינעם מיט קערפלען האָבן די מעסערס געשאַרפט אין די יאַטקעס. קערפל האָט דערקלערט:

— וואָס מיר תהילים, ווער מיר תהילים, מיטן תהילים וועלן מיר נישט קאָנען האַקן די קעפּ פון די רוצחים, ווען זיי וועלן אונז באַפאַלן! מיר וועלן זיך נישט לאָזן אויסשעכטן ווי אין קישענעוו. תמות נפשי עם פלשתים, אין דר'ערד אַריין! מיר אַ טויט, דיר אַ טויט. אָט-אַזוי-אַ!...

און אַזוי ווי די קצבים האָבן זיך אויך געהאַלטן די יידישע פּור מאַנעס — יעדער פון זיי האָט מער געגלייבט, אַז מיט זיין געזונטער פויסט, צי מיט אַ האַלאַבליע איבערן קאָפּ, וועט ער מער אויפטון ווי מיטן תענית און מיט זאָגן תהילים...

די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער זענען געווען אויפגעבראַכט, פאַרוואָס די יידן האָבן געזוכט הילף קעגן די פּאָגראָמען אינם תענית און אין דעם תהילים זאָגן, האָבן געזען אין דעם די שליטה פון דער „פינצטערניש", און אַנדערע פון זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די בתי-מדרשים, גערופן, מען זאָל זיך באַוואָפענען און געשריגן: „דאַלאָי גאָט!"...

אויך בײַ דוד פּערעלשטיין אין דער קליינער שול, ווו ער און דער אַלטער אייזענבערג, וועלכע האָבן נישט געוואָלט זיך אָפּשיידן פון צבור און האָבן אויך געפאַסט און תהילים געזאָגט, ווי די אַנדערע יידן

אין די בתי-מדרשים, זענען אריינגעלאָפן עטלעכע יידישע חעברה, אַנגע פירט פון דעם לאַנגן איצען מיט דעם בלאָנדן בערדל, און איינער פון אָט די אַרבעטער האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע קעגן דער „פינאַנ-טערניש", גערופן, אַז מען זאָל זיך באַוואָפענען, אַרויסגעשלעפט אַ רעוואָלווער פון דיין קעשענע און געוויזן, אַז דאָס איז זיין תהילים, און אַז אויב ער דאַרף געהרגעט ווערן פון אַ פּאָגראָמשטשיק, זאָל ער פאַלן ווי אַ העלדישער ייד און נישט ווי אַ לעמעלע. און דערביי איז ער באַפאַלן די יידישע „בורזשוקעס" און דערקלערט, אַז גאָט איז דער גרעסטער „בורזשוק".

און אַז דער אַלטער חעבער חיים, מיט די קראַנקע אויגן, וועלכער האָט דאָרט אויך געזאָגט תהילים, האָט זיך גענומען בעטן באַ אים רחמים: „שטער אונז נישט, לאָז אונז בעטן צו גאָט, ער איז דאָך אַן אל רחום וחנון", האָט דער רעדנער מיט איצען און די אַנדערע חברים אויפגעהויבן אַ געוואַלט:

„דאַלאָי גאָט!"...

באַ דאָקטאָר זעליגסאָן אין הויז זענען זיך צונויפגעקומען פאָר-שטייער פון אַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „זעלבסטשוץ".

הגם צווישן דידאָזיקע פּאַרטייען איז געווען ווייניק פריינטשאַפט, מחמת פּראָגראַם-דיפערענצן, בפרט צווישן דעם „בונד" און די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, מחמת דעם נאַציאָנאַלן פּונקט באַם „בונד" אינם פּראָגראַם, וואָס די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן אים נישט געוואָלט אָנערקענען, — זענען זיי דאָך אַלע געווען פּאַרייניקט אין אָט דעם איינעם פּונקט: צו באַשיצן די יידן מיט געווער אין די הענט אין פאַל פון אַ פּאָגראָם.

די פאָרשטייער פון דידאָזיקע פּאַרטייען, וועלכע זענען געקומען צום דאָקטאָר זעליגסאָן אין הויז, זענען אַלע געווען יידן, אַ חוץ דעם לאַטיש יאַקאָוו.

דער לעצטער האָט פאַרטרעטן די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. און אַ חוץ אים, זענען געווען צו איין פאָרשטייער פונם „בונד", פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, פון פּועלי-ציון און פון די סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט זיי אַריינגעפירט אין זיין רייכן קאַבינעט. פאַרצויגן די פאָרהאַנגען אויף די פענצטער און צוגעשלאָסן די טיר.

— מיינע הערן, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך אָנגערופן, — איך דאַנק אייך פאַר דעם צוטרוי, וואָס איר שענקט מיר, און איך פאַרזיכער אייך, אַז איך בין שטאָלץ אויף דעם.

אויף דעם האָט אים געענטפערט מאַטוועי, דער פאָרשטייער פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, אַ ייד, מיט אַ שוואַרצער באָרד, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ יידישער סוחר, לויט זיין קליידונג און האַלטונג:

— מיר ווייסן, דאָקטאָר, אַז מיר דאַרפן נישט מורא האָבן, טאָמער וועט איר אונז אַרויסגעבן. איר דאַרפט אונז נישט דאַנקען.

און לובין, דער פאָרשטייער פון די בונדיסטן, — אַ בלאָנדער יונגערמאַן, אין ברילן און אין אַ בלוי׳ העמד, מיט די ברעגן איבער די הויזן, האָט אויך באַמערקט:

— איר זענט דאָך איצט אַ שטיקל מחותן מיט אונז, זינט מען האָט אַרעסטירט אייער שוואָגער, אַלנפאַלס אין די אויגן פון דער פּאָליציי, מיין איך...

— אפשר — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן אַ שמייכל געטון און זיך אַ גלעט געטון זיין שוואַרצע באָרד.

דער פאָרשטייער פון די פועלי-ציון, יואל, אַ טונקעלער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ-געקרויזטן קאָפּ, ווי בײַ אַ נעגער, האָט געשוויגן.

געשוויגן האָט אויך דער הויכער אַלעקסעי, דער פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן — אַ בלאָנדער מאַן, וועלכער האָט אויסגעזען, ווי אַ לאַטיש.

יאַקאָוו, דער ריז מיט דער לאַנגער בלאָנדער באָרד און מיטן גוטמוטיקן קינדערישן שמייכל, האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— דאָקטאָר, האָט איר געהערט עפּעס נייעס וועגן אייער שוואָגער?

— קיין פריילעכע נייעס נישט. מיין שוועסטער און מיין ווייב זענען איצט אין פעטערבורג. קיין האָפנונג איז נישטאָ. מיין שוואָגער מיטן רבס טאָכטער וועלן קריגן די העכסטע שטראָף.

דאָס פּנים בײַ יאַקאָוון האָט זיך פאַרוואָלקנט. ער האָט אַ מאַך געטון מיט זיין מעכטיקער האַנט און אַרויסגעברומט:

— עך, טייוול!...

דערנאָך האָבן זיי זיך אַלע צעזעצט אַרום טיש — דער בונדיסט

לעבן דעם סאָציאַל-דעמאָקראַט, דער פּועלי-ציוניסט לעבן סאָציאַליסט-טעריטאָריאַליסט און יאַקאָוו לעבן דאָקטאָר זעליגסאָן.

דאָקטאָר זעליגסאָן איז אויפגעפאָדערט געוואָרן פון די איבעריקע, אַז ער זאָל זיין פאָרזיצער פון דער קליינער פאַרזאַמלונג.

און שוין בא דער ערשטער באַמערקונג, וואָס ער האָט געמאַכט, עפּענענדיק די פאַרזאַמלונג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ צאַנקעריי צווישן דעם בונדיסט און דעם סאָציאַל-דעמאָקראַט און אַ וויכוח צווישן אים, דאָקטאָר זעליגסאָן, און זיי ביידע איבער פראַגן, וואָס האָבן קיין שייכות נישט געהאַט מיט דעם עצם ענין, צוליב וועלכן זיי אַלע זענען זיך צונויפגעקומען.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט געהאַט באַמערקט, עפּענענדיק די פאַר-זאַמלונג:

— מיינע הערן, ווען דאָס האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז מענטשן פון פאַרשידענע פּאַרטייען זאָלן זיך פאַראייניקן אַרום אַזאַ אָנגעלעגנהייט, וואָס רירט נאָר אָן יידישע לעבנס און יידיש האָב און גוטס, דאַן בין איך איבערצייגט, אַז מיין האָפנונג צו פאַראייניקן אַלע יידן פון די פאַרשידנסטע פּאַרטייען אין איין גרויסער פּאַרטיי, וואָס זאָל שטרייטן פאַר איר אייגענער גאולה, וועט זיכער מקוים ווערן.

האָט לוּנין, דער פאָרשטייער פון די בונדיסטן. דער בלאָנדער יונגערמאַן אין דעם בלויען העמד, זיך אָנגערופן:

— די יידישע גאולה, דאָקטאָר, איז אין רוסלאַנד. מיר, בונדיסטן, האָבן עס שוין לאַנג קלאָר באַוויזן!

האָט דאַן דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד, וועלכער האָט אויסגעזען, ווי אַ כוחר, דער פאָרשטייער פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, מאַטוועי, דאָס נישט געקאָנט פאַרשווייגן און ער האָט געזאָגט:

— די יידישע גאולה, דאָס הייסט, די גאולה פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, איז דאָרט, ווו די גאולה פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, ווו די גאולה פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט...

האָט דאָקטאָר זעליגסאָן שוין געמוזט דאַן זאָגן, וואָס ער האָט געדענקט וועגן דעם, און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל:

— פּראָלעטאַריאַט! איך האָב געקענט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אויך געוווּסט, ווי אייערע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, אַז דער מענטש האָט אַ מאָגן און האָט אויך געגלייבט, אַז אַלע קראַנקהייטן באַם מענטש שטאַ-

מען פונם מאָגן. דעריבער. איז וואָס פאַר אַ קראַנקער עס איז צו אים געקומען, האָט ער אים אָפּגעשיקט צום אַפּטייקער נאָך קאַסטאָר־אייל. אַזוי האָבן אייערע דאָקטוירים סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַר אַלע קראַנקע אויך איין רפואה: גייט צום פּראָלעטאַריאַט! אָבער דער פּראָלעטאַריאַט איז דאָך נישט איין מענטש, עס זענען דאָך פאַראַן פּראָלעטאַריער: אי דייטשן, אי פראַנצויזן, אי ענגלענדער, אי רוטענער, אי אונגאַרן, אי רוסן, אי יידן, אי פּאָליאַקן און אַזוי ווייטער. איר קאָנט דאָך נישט זאָגן, אַז זיי אַלע זענען פון איין טייג געקנעטן, האָבן איין קאָפּ, איין האַרץ, דעמזעלביקן טעמפּעראַמענט, דיזעלביקע געוווינהייטן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. עס מוזן דאָך זיין עפּעס אינדיווידואַליטעטן אָדער ראַסן־שטריכן, וואָס אונטערשיידן דעם פּראָלעטאַריאַט פון איין פאָלק און דעם אַנדערן, פון איין לאַנד און דעם אַנדערן?

האָט מאַטהעי דאָך געמוזט דאַן ענטפערן אויף דעם:

— דאָקטאָר, — האָט ער געזאָגט געלאַסן מיט אַ שמייכל, — אייער קאָלעגע איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אַלע קראַנקייטן באַטראַכט פון דעם מאָגן־שטאַנדפּונקט. ער האָט געמוזט זיין אַ בראַווער סאָציאַל־דעמאָקראַט. אייער קאָלעגע. די אַלע פּראָלעטאַריער פון אַלע ראַסן און פעלקער, ווי פאַרשידן זייערע טעמפּעראַמענטן און געוווינהייטן זאָלן נישט זיין, האָבן אָבער צו פירן איינעם און דעם זעלבן קאַמף — פאַר אַ געזונטן, זאַטן מאָגן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס פאַרשלינגט אַלצדינג מיט זיין היפּאָפּאָטאַמוס־מאָגן. דערזאָיקער קאַמף פאַר דעם מאָגן פאַרבינדעט אַלע פּראָלעטאַריער פון דער וועלט אין איין גרויסער מחנה קלאַסן־ברידער, וועלכע קעמפן פאַר איינע און די זעלבע אינטערעסן און שטרעבן צו איינעם און דעם זעלביקן פּונקט, — צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. דעריבער זאָגן מיר, רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַז די גאולה פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז...

— איז אין די בונדיסטישע רייען! — האָט אונטערגעכאַפּט לוגין.

מאַטוועי האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַן איראָנישן שמייכל.

— און פאַרוואָס עפּעס נישט אין די ציוניסטישע רייען, לוגין?

— אַ, חבר מאַטהעי, מאַכט זיך גאָר נישט אַזוי תמעוואַטע.

— איך זע נישט קיין גרויסן חילוק צווישן אייך, בונדיסטן, און די פאַרשידענע ציוניסטן. איר זענט אַלע גלייכע שאָוויניסטן פונם פאָלק

ישראל, אלע אן אונטערשיד! — האט מאטוועי געזאגט מיט שפאס אינם קול.

— סאמער וואלט איר אנגעטון ברילן אויף אייערע רוסיש־סאציאל־דעמאקראטישע אויגן, חבר מאטוועי? דאן וואלט איר אפשר דערזען דעם חילוק צווישן אונז, בונדיסטן, און די ציוניסטן.

מאטוועי האט אים פלוצלינג אונטערבראכן:

— איר ווייסט, וואס איך וועל אייך זאגן: רופט מיך נישט חבר. וואס פאר א חבר בין איך אייך?

יואל, דער פארשטייער פון פועלי־ציון, און אלעקסעי — פון די סאציאליסטן־טעריטאריאליסטן — האבן זיך צעלאכט אויפן קול, און דער לאטיש יאקאוו האט אויך גוטמוטיק א שמייכל געטון און זיך א פיר געטון מיט זיין מעכטיקער לאפע איבער דער לאנגער בלאנדער באָרד.

דאקטאר זעליגסאן האט זיך דאן אנגערופן צו מאטוועיען און לוניגען:

— איר זענט דאך ביידע אינטעליגענטע מענטשן, הא?

— נו? — האט מאטוועי א קוק געטון אויף אים, — איז דערפאר וואס?

— ביידע קלאסן־באוווסטזיניקע, כשרע סאציאל־דעמאקראטן, ניין?

— איך מיין, דאקטאר, אז איך בין א באוווסטזיניקער סאציאל־דעמאקראט, אבער וואס איז שייך אים... פאר א בונדיסט קאן איך נישט גאראנטירן, אויב ער איז אויך א באוווסטזיניקער סאציאל־דעמאקראט — האט מאטוועי מיט איראניע געענטפערט.

לונין האט אויפגערעגט זיך א כאפ געטון:

— א בונדיסט קאן פאר זיך אליין גאראנטירן, הער מאטוועי! דער סאציאליזם פון די בונדיסטן בייטיקט זיך נישט אין אייער הסכמה!

דאקטאר זעליגסאן האט זיך צעלאכט.

— איר זעט, הא? און איר חלומט, אז מענטשן פון פארשידענע ראסן און פעלקער, מיט פארשידענע טעמפעראמענטן און געוווינהייטן, שפראכן און גלויבן, זאלן לעבן ווי ברידער, ווען איר, קינדער פון איין ראסע, פון איין לאנד, מיט דעם זעלביקן גלויבן, צי אומגלויבן, ביידע סאציאל־דעמאקראטן, קאנט זיך נישט פארטראגן אפילו ווי שטיף־ברידער; און פארוואס? ווייל אין געוויסע פונקטן אונטערשיידן זיך די פראגרא־

מען פון אייערע ביידנס פּאַרטייען, פרעג איך אייך, איר זענט דאָך אינ־טעליגענטע מענטשן, דענקט איר נישט, אַז געוויינהייטן, ראַסן־אונטער־שיידונגען, שפּראַכן און גלויבן, זענען אַזוי וויכטיק, ווי די פּונקטן־אונ־טערשיידונגען אין די פּראָגראַמען פון אייערע פּאַרטייען?

— אויף דעם, דאָקטאָר, ענטפערט דאָך דער „בונד" מיט זיין עקזיסטירן. די יידן מוזן האָבן זייער אייגענע אַרבעטער־פּאַרטיי.

— זייער אייגענע סאָציאַליסטישע היים אין ציון, — האָט יואל דער פּועל־ציוניסט מיטאַמאָל אונטערגעכאַפּט.

— אַן אייגענע טעריטאָריע אויף סאָציאַליסטישע יסודות, עס מאַכט נישט אין וועלכן לאַנד! — האָט אַלעקסעי דער סאָציאַליסט־טערי־טאָריאַליסט אויך זיך אַריינגעמישט.

מאָטוועי האָט אַ שמייכל געטון:

— מיט איין וואָרט, דריי מאָל הורא פאַר דעם אתה בחרתנויום! — האָט ער זיך אָנגערופן.

אויף דעם האָט דאָקטאָר זעליגסאָן באַמערקט:

— יעדעס פאָלק האַלט פון דעם אתה בחרתנו. און נישט נאָר יעדעס פאָלק, נאָר יעדע פּאַרטיי אויך. האַלט זיך נישט אייער פּאַרטיי פאַר דער איינציקער אויסגעהאַלטענער? און וועגן דעם רעד איך, הער מאָטוועי. ווייל עס זענען פאַראַן אַזוי פיל פאַרשידענע אתה בחרתנוקעס אויף דער וועלט, וועלן נאָך לאַנג, זייער לאַנג די שטאַרקערע אתה בחרתנוקעס דריקן די שוואַכערע...

— האָט נאָר קיין מורא נישט, דאָקטאָר. די מענטשהייט גייט פאָר־ווערטס און נישט צוריקוועגס, — האָט מאָטוועי זיך אָנגערופן.

— אוודאי גייט די מענטשהייט פאָרווערטס. — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך ווידער צעלאַכט מיט שפּאָט, — דער בעסטער באַווייז זענען די פּאָגראָמען. מיט 25 יאָר צוריק, ווען די מענטשהייט איז נישט געווען אַזוי פאָרגעשריטן, האָט זי נאָר בערויבט יידיש האָב און גוטס, יידיש בעטגעוואַנט נאָר געריסן, און היינט רייסט זי אויף בייכער באַ יידישע פרויען. איז דאָס נישט אַ באַווייז, אַז די מענטשהייט גייט פאָרווערטס?!

מאָטוועי האָט זיך אָנגעצונדן און אויסגעשריגן:

— נישט די מענטשהייט איז אין דעם שולדיק און נישט דאָס רוסישע פאָלק בכלל. דער אָפּשוים פון דער מענטשהייט האָט עס געטון אין קישענעוו, דער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, אויפגעהעצט פון דער רעגירונג!

דאָקטאָר, רעדס נישט אַזוי. פון אייך האָט מען געמעגט דערוואַרטן אַ מער ערנסטן בליק אויף די פּאָגראָמען!

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט זיך אויך צעהיצט.

— מיין בליק איז נישט ווייניקער ערנסט איידער אייערער, הער מאַטוועי. דער לומפּן-פּראָלעטאַריאַט האָט עס געטון און נישט די אויפגעקלערטע מענטשהייט. ווו איז אָבער געווען אייער „אויפגעקלערטע מענטשהייט”, ווען יענע ווילדע חיות האָבן געקלאַפּט אָן די געמויערטע ווענט קעפּעלעך פון אומשולדיקע יידישע עופהלעך, יידישע קעפּ געשניטן, הענט און פיס פון יידישע קערפּערס געריסן, בייכער בײַ יידישע פרויען אויפגעריסן און מיט פעדערן אָנגעשטאָפּט! אָך, לאָזט מיך, לאָזט מיך מיט אייער „אויפגעקלערטער מענטשהייט!”

— אונזער היינטיק זיין בײַ אייך דאָ איז אָן ענטפער אויף דעם, דאָקטאָר, — האָט מאַטוועי געענטפערט מיט היץ. — און דאָס, וואָס מיר זענען גרייט צו טון דאָ, זענען אונזערע חברים גרייט צו טון אין יעדער שטאָט, ווו מען ריכט זיך אויף פּאָגראָמען, — דאָס הייסט, שטאַרבן אין קאַמף קעגן די פּאָגראָמען. חלומט שוין בעסער פון אַ יידישער מלוכה און לאָזט צורו די „באַוווסטזיניקע מענטשהייט!”

— מיין חלום פון אַ יידישער מלוכה איז נישט מער חלום ווי אַ סאָציאַליסטישע וועלט-מלוכה, מיין הער!

— די פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליזם איז אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אומגלייכקייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

— און די פאַרווירקלעכונג פון אַן אייגן לאַנד פאַר דעם יידישן פאָלק איז נישט ווייניקער אַ היסטאָרישער רעזולטאַט נישט נאָר פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אומגלייכקייט, נאָר פון ראַסן און נאַציאָנאַלער אומגלייכקייט אויך, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך צעהיצט.

דאַן האָט לובין דער בונדיסט זיך ווידער אַריינגעמישט:

— עך, דאָקטאָר, ווי קאָן אַזאַ קלוגער מאַן, ווי איר, חלומען פון אַ טעריטאָריע? ווייסט איר דען נישט, אַז אויף אַריינצוקריגן טערי-טאָריעס קוקן אויס אַנדערע פעלקער אויך? איז ערגעץ דאָ צו קריגן אַ גוטע טעריטאָריע, וועלן מסתמא נישט יידן זי קריגן. און וועלן יידן דורך אַ נס זי יאָ קריגן, וווינט דאָך מסתמא שוין אויף יענער טערי-טאָריע אַ באַפעלקערונג. ווער וועט וועמען דאַן פאַרפאָלגן, צי די יידן יענע, צי די באַפעלקערונג — די פרעמדע יידן?... ניין, דאָקטאָר, איך

מיין, אַז מיר, רוסישע יידן, האָבן שוין אַ טעריטאָריע, די אויף וועלכער עס האָבן נאָך געוווינט אונזערע עלטער-עלטער זיידעס. אין רוסלאַנד איז אונזער טעריטאָריע, אין אַ פרייען רוסלאַנד...

און דידאַזיקע דעבאַטע וואָלט זיך פאַרצויגן אפשר נאָך שעהן לאַנג, ווייל סיי יואל דער פועלי-ציוניסט, און סיי אַלעקסעי דער סאָציאַליסט-טעריטאָריאַליסט, האָבן זיך געגרייט ערשט צו רעדן, ווען יאַקאָוו וואָלט מיטאַמאָל נישט אַ קלאַפּ געטון איבערן טיש מיט זיין מעבטיקער פויסט און וואָלט נישט אַרויסגעברומט:

— מיינע הערן, גענוג זיך געאַמפּערט! זאָל מען רעדן וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן מיר זענען געקומען!

און דעמאָלט איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, און מען איז אַריבער צום פּאָגראָם-ענין.

יאַקאָוו האָט דערנאָך גערעדט:

פון די פויערים אין זיין קרעטשמע, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מען האָט זיי געהייסן קומען אין שטאָט אַריין מיט העק און וועגעגער אין אַ באַשטימטן טאָג, דאָס הייסט, אין דריי אַרום. דערפאַר מוז מען שוין אָנהייבן צוגרייטן. אין דעם באַשטימטן טאָג מוזן אַלע חברים פון דער זעלבסט-שוץ זיין אויף דער גאַס. באַנוצן געווער נאָר דעמאָלט, ווען מען וועט זיך אַנדערש נישט קאָנען העלפן. ער אַליין האָפט, אַז ווי באַלד דער פּאָליצמייסטער איז אַזוי גוטהערציק געווען און האָט גענומען כאַבאַר און צוגעזאָגט, אַז ער וועט צו קיין פּאָגראָם נישט צולאָזן, וועט די פּאָליציי אַליין זיך האַלטן פּאַסיוו, לכל הפחות בשעת אָנהייב פון פּאָגראָם. און אויב קאָזאַקן וועלן זיך נישט אַריינמישן, וועט מען מיט די פויערים און מיט די אַנדערע פונם המון גלייך פאַרטיק ווערן. מען דאַרף נאָר לכתחילה ענערגיש אויפטרעטן קעגן זיי...

די איבעריקע האָבן מסכּים געווען מיט אים. און אויפן פאַל, טאָמער וועלן זיין פאַרוווּנדעטע, האָבן זיי באַשטימט, אַז מען זאָל זיי ברענגען צום דאָקטאָר זעליגסאָן אין קאַבינעט, ווו נאָך אַנדערע דאָקטוירים וועלן זיין אָנגעגרייט צו געבן הילף די פאַרוווּנדעטע.

פּלוצלינג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער צוגעשלאָסענער טיר פונם קאַבינעט.

דאָקטאָר זעליגסאָן איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַ פרעג געטון:

— ווער איז דאָרט?

און זיין דינסט האָט זיך אָנגערופן פון דער אַנדערער זייט:

— עפּעס אַ ייִנגעלע האָט זיך צוגעטשעפּעט, אַז ער מוז אייך תּיכּף זען, דאָקטאָר.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט געעפנט די טיר און אַ בלייך ייִנגעלע איז אַרייַנגעקומען. ער האָט אויסגעזען פון אַ יאָר צוועלף-דרייַצן, אין אַ צעריסן רעקל, מיט צעקרימטע שיך אויף זיינע לאַנגע, מאָגערע פיס, ווי בייַ אַ ציג.

ער האָט געקוקט אַ ביסעלע פאַרשעמט אויף דאָקטאָר זעליגסאָן מיט זיינע גרויסע בלויע אויגן און גערוקט זיך צו אים נישט דרייסט — אַ טריט געטון און זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַ טריט געטון.

— וואָס דאַרפסטו, ייִנגעלע? — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך צוגע-בויגן צו אים.

— דעם דאָקטאָר, — האָט דאָס ייִנגעלע שטיל געענטפערט.

— איך בין דער דאָקטאָר. וואָס ווילסטו?

— סך! סך! — האָט דאָס ייִנגעלע אַ ווונק געטון צו אים מיט די אויגן און גערופן אים אָן אַ זייט.

— סוד?

— יאָ, דאָקטאָר. סך! סך! — האָט ער צו אים ווייטער געוווּנקען.

דאָקטאָר זעליגסאָן איז אָפּגעטרעטן מיט אים אָן אַ זייט.

— נו, דערציייל דיין סוד.

— איך בין פון „קליינעם בונד", — האָט דאָס ייִנגעלע אַרויסגע-פּליסטערט.

— זייער אָנגענעם די באַקאַנטשאַפט.

— איך בין אַ קאָמיטעט צו אייך, — איז דאָס ייִנגעלע מיטאַמאָל געוואָרן דרייסטער.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט אַ שמייכל געטון.

— וואָס פאַרלאַנגט דער חשובער קאָמיטעט?

— דער קליינער בונד האָט זיך דערוווּסט, אַז היינט דאַרף זיין בייַ אייך אַ פאַרזאַמלונג פונם זעלבסטשוץ און אַז דער גרויסער בונד שיקט זיין קאָמיטעט אויף דער פאַרזאַמלונג, וויל דער קליינער בונד שיקן אויך זיין קאָמיטעט.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— איר הערט, ווער דאָס ייִנגל איז און וואָס ער פאַרלאַנגט? — האָט ער זיך אַ קער געטון צו די איבעריקע.

דאָס ייִנגל האָט אים אונטערגעבראָכן מיט כּעס:

— דאָקטאָר, איר האָט קיין רעכט נישט צו זאָגן זיי, ווער איך בין און וואָס איך פאַרלאַנג. איך האָב מיט אייך גערעדט קאָנספּיראַטיוו. דאָס איז אַ פּראָוואָקאַטסטווע!

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט זיך גוטמוטיק אָנגערופן:

— חשובער קאָמיטעטשיק פון דעם קליינעם בונד, אַט די אַלע זענען אויך קאָמיטעטשיקעס פונם גרויסן בונד...

דאָס ייִנגל האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— אויב אַזוי, מעגט איר זאָגן!

— דערדאָזיקער קאָמיטעטשיק פון דעם קליינעם בונד פאַרלאַנגט אין נאָמען פון זיין פּאַרטיי, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן זיך דערנאָך אַ קער געטון צו די איבעריקע, רעדנדיק אין אַ גוטמוטיקן טאָן, — אַז זייער קאָמיטעט זאָל אויך אַדמיטירט ווערן צו אונזער פאַרזאַמלונג.

דאָס ייִנגל האָט זיך אַרויסגערעדט מיט פייער:

— מיר ווילן אויך שטרייטן פאַר אונזער לעבן קעגן די כוליגאַנעס גלייך מיט אייך גרויסע! אָ, איר וועט זען ווי אונזער קליינער בונד וועט שטרייטן, איר וועט זען! מיר וועלן זיי ווייזן, די שוואַרצע כוליגאַנעס, מיר וועלן זיי ווייזן!

און זיינע גרויסע בלויע אויגן האָבן געפינקלט און זיינע בלייכע מאָגערע באַקן האָבן זיך צעפלאַמט.

מאָטעלע האָט זיך אָנגערופן:

— קענסטו שיסן, ייִנגעלע?

— נישט נאָר איך. נאָר אַלע פון אונזער קליינעם בונד האָבן זיך אויסגעלערנט צו שיסן. די צרה איז אָבער, וואָס מיר האָבן נאָר צוויי אַלטע רעוואָלווערן, און מיר ווילן, אַז איר זאָלט אונדז געבן נייע, איר הערט? גיט אונדז אַלעמען נייע רעוואָלווערן!...

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט זיך מיטאַמאָל צוגעבויגן צו אים און אים אַ קוש געטון.

— ווי אַלט ביסטו?

— געוואָרן בר־מצווה.

— ווי איז דיין נאָמען?

— אַרטשיקל.

— װי הייסט דײַן טאַטע ?

— מײַן טאַטע איז איצט דער בלעכער.

— דו גייסט אין חדר ?

— ניין, איך לערן זיך די מלאכה בײַ מײַן טאַטן.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט אַרױסגענומען אַ מטבע פֿון אַ קעשענע און אים דערלאַנגט.

— נאַ, אַרטשיקל, קויף זיך עפּעס.

— איך דאַרף נישט אײַער געלט, גיט מיר בעסער אַ נײַעם פּיסטאָלעט.

די איבעריקע האָבן זיך צעלאַכט. אַרטשיקל האָט זיך אַ כאַפּ געטון :

— לאַכט נישט, איך האָב איצט געהערט, װי כוליגאַנעס רעדן, אַז עס װעט זײַן אַ פּאָגראָם.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט זיך אָנגערופֿן :

— נו, דײַן פֿאַרלאַנג װעלן מיר באַטראַכטן.

לוּנין האָט געזאָגט :

— דער בונד װעט אײַך לאָזן װיסן.

— געדענקט-זשע ! אַ גוטן ! — האָט דעמאָלט אַרטשיקל אויסגעשריגן און איז אַרויסגעלאָפֿן.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט װידער פֿאַרשלאָסן די טיר פֿון זײַן קאַבינעט און מיט התפּעלות באַמערקט :

— װאָס פֿאַר אַ װוּנדער דער נײַער ייִד איז !

און מיטאַמאָל האָט ער זיך איבערגעשלאָגן מיט אַ טיפֿן זיפֿץ :

— און דאָך... װוּ איז די זאָרגלאָזיקײט און די זון-שײַן פֿון אונדזערע קינדער ? און דאַרפֿן קינדער טראַכטן פֿון ?... עך !...

שפּעטער זענען זײ זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אײנציקװײַז, יעדער מיטן פֿעסטן באַשלוס, צו זײַן אויפֿן פּלאַץ אין דעם באַשטימטן טאָג, יעדער פֿון זײ גרייט צו שטאַרבן אין קאַמף קעגן די כוליגאַנעס. הײַנט זײ װעלן באַפֿאַלן די ייִדישע הײַזער...

*　　*
*

יענער טאָג איז געווען אַ מאַרק-טאָג. פון גאַנץ פרי אָן האָבן זיך באַוויזן פויערים מיט זייערע וועגעלעך האַלץ, היי, מיט זייער זעקל קאָרן, צי האָבער, אויף זייערע וועגעלעך.

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אויפן מאַרק און געוואַרט אויף זייערע באַקאַנטע יידישע קונים...

נאָר יענעם אינדערפרי האָבן זיך די יידישע קונים נישט באַוויזן אויף דעם מאַרק. און געוווּנדערט האָבן זיך די פויערים: וווּ זענען די יידן? דאַכט זיך, נישט שבת און נישט קיין יידישער יום-טוב, הערים די קראָמען זענען דאָך אָפן, — היינט וווּ זענען זיי?

זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז די יידן האָבן זיך געריכט דעם טאָג אויפן פּאָגראָם און פון דער זעלבסט-שוץ-אָרגאַניזאַציע האָט מען זיי אָנגעזאָגט, די יידן הייסט עס, אַז זיי זאָלן היינט נישט אַרויסגיין האַנדלען אויפן מאַרק.

דאָרט, אויפן מאַרק, זענען געשטאַנען די יידישע פורמאַנעס לעבן זייערע לאַנגע וועגענער, אַלע פאַרוואַלקנטע, און האָבן פון דער זייט געוואָרפן פינצטערע בליקן אויף די פויערים אַרום זיי, וועלכע זיי האָבן איצט פאַרדעכטיקט...

אין יעדער יידישער קראָם האָט זיך געצאַפּלט די שרעק, אין יעדן יידישן הויז.

יידישע מאַמעס האָבן אַרום זיך געהאַלטן זייערע דערוואַקסענע טעכטער און זייערע עופהלעך, ווי הינער זייערע ציפּליאַטעס פאַר אַ שטורעם...

קערפּל דער קצב, אַז ער האָט דערזעען זיין טאָכטער מלכהן אַריינקומען צו אים אין יאַטקע, האָט ער זיך צעשריגן אויף איר:

— איך האָב דיר אָנגעזאָגט. אַז דו מיט די איבעריקע קינדער און מיט דער מאַמען זאָלט זיך היינט באַהאַלטן בא איוואַנען!...

איוואַן איז געווען זייער שכן, אַ שמיד, אַ נישט באַווייבטער שגץ, וועלכער איז געווען פריינטלעך צו זיי, ווייל ער איז געווען פאַרליבט אין מלכהן.

קערפּל האָט דערפון נישט געוווּסט, אָבער זי, מלכה — אַ מיידל

א מענטש נישט קיין איפגערעגטער, נאָר אַט דאָס פארברעכן קעגן קאַזימיר אדאַוואָוויטשן האָט מיך א ביסל פון מיין גלייכגעוויכט ארויס־געשלאָגן. אָבער רעכט, וואָס פאר א פלענער האָט איר ?

— אויסצוגעפינען, ווער עס האָט דורכגעפירט דעם אַטענטאַט — האָט באָריס געענטפערט.

— דאָס איז, וואָס איך פארלאַנג פון אייך — האָט באַמערקט דובראָווסקי.

און ער האָט צוגעלייגט :

— מיין פריינט, איר האָט איצט א געלעגנהייט צו געווינען אגוזער אלעמענס צוטרוי. איך מוז אייך זאָגן, אַז אין דער לעצטער צייט האָט קאַזימיר אדאַמאָוויטש אָנגעהויבן צו פארלירן דעם צוטרוי צו אייך.

— דאָס איז פאר מיר א נייעס, — האָט באָריס געזאָגט, — מיר אליין, פארקערט, האָט דער פארשטאָרבענער שטענדיק ארויסגעוויזן דעם פולסטן צוטרוי, ווייניקסטנס אין זיינע שמועסן צו מיר...

— דאָס קאָן זיין, — האָט דובראָווסקי א שמייכל געטון, — אָבער מיר וועלן דערפון מער נישט רעדן. איך, מיין פריינט, האָב צו אייך דעם פולסטן צוטרוי. ארבעט, און זאָל דערדאָזיקער צוטרוי מיינער נאָך פארשטאַרקט ווערן.

און אין א ווײַלע ארום, איז באָריס געפאָרן צוריק אויף דער דראָזשקע אהיים און ער האָט געטראַכט :

„אנטלויפן, אנטלויפן קיין אויסלאַנד און מעג דערגאָך זיין וואָס עס וויל"...

— האָב חתונה מיט מיר, טייוול, אַז נישט וועל איך אַקאַלייען!..

און פון יענער צייט אָן האָט זי זיך געהיט פאַר אים. און איצט האָט איר טאַטע פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך אָט ביי דעם איוואַן באַהאַלטן.

און בכלל האָט דער געדאַנק אַליין וועגן באַהאַלטן זיך זי באַליידיקט און געפּייניקט. זי איז געווען אַן איבערגעגעבענע בונדיסטקע. איר טאַטע האָט געהאַט אַ טעות, ווען ער האָט געמיינט, אַז זינט ער האָט זי אָנגעפּאַטשט, האָט זי זיך שוין נישט געטראָפן מער מיט „חברה"..

מלכה האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר, טאַטע, איז איגנאַנצן די שרעק אַן אומזיסטע?..,

— הלוואי, אָבער מ'רעדט, אז היינט דאַרף מען זיך ריכטן, — האָט קערפּל געענטפערט און געקוקט פאַרזאָרגט מיט זיינע רונדע, אויסגעקאַטשעטע, קאַרע אויגן אויף זיין טאָכטער. — גיי, קינד, — האָט ער אַ גלעט געטאָן מלכהן מיט זיין גרויסער, רויטער האַנט איבערן קאָפּ. לאָם איך וויסן, אַז דו מיט דיין מאַמע, מיט די קינדער זענען אין אַ זיכערן פּלאַץ...

— און דו, טאַטע? — האָט מלכה שטיל אַ פרעג געטאָן.

— איך? — האָט ער איבערגעפרעגט צוטראָגן און פאַרוקט איין פּאָלע פון זיין לייוונטענעם ראָק הינטער דעם רימענעם פּאַס,מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגעגאַרטלט. — איך, מיין טאָכטער, וועל זיך איבערגעבן אין גאָטס הענט...

ביי מלכהן זענען די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס איר טאַטע האָט געמיינט.

— נו, גיי, מיין טאָכטער, — האָט קערפּל זיך ווידער אָנגערופן, — און זאָג דער מאַמען, — האָט ער זיך מיטאַמאָל פּאָדנע צעשמייכלט אין זיין ברייטער שוואַרצער באָרד אַריין, — אַז דאָס געלט פאַר דיין נדן ליגט ביי צייטליבען און אַז דאָס צעטל און דאָס געלט ליגט אין קאָמאָד אין דעם אונטערשטן שופלאָד... זאָל זי דאָס צעטעלע מיטנעמען צו איוואַנען...

מלכה האָט אים איבערגעשלאָגן שיער מיט געוויין:

— וואָס רעדסטו, טאַטע? הער אויף, רעד נישט אַזוי!

זיין קורצער ברייטער קאַרק האָט זיך אַ קאָרטשע געטאָן, און מיט אַמאָל האָט קערפּל אַ כאַפּ געטאָן זיין טאָכטער, צוגעצויגן זי צו זיין מעכטיקער ברוסט און זי אַ קוש געטאָן. דערנאָך זי אַרויסגעשטופּט פון זיין יאַטקע, שמייכלענדיק מאָדנע מיט זיין שוואַרצער באָרד.

— גיי, גיי, גיי, אין הויף, צו איוואַנען!...

מלכה איז אַוועק. קערפּל האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר פון זיין יאַטקע און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס, צום מאַרק-צו.

און אַזוי ווי ער, זענען די שכנים זיינע, די אַנדערע קצבים, אַלץ

יידן מיט בערד, מיט געזונטע קאַרקן און כּלייצעס, גּעשטאַנען פֿאַר די טירן פֿון זייערע יאַטקעס און האָבן געקוקט אויף דער גאַס, ווי בייזע וואָלקנס...

און איבער דער גאַס האָבן זיך נאָך אַלץ געצויגן פֿויערשע וועגעלעך. פֿויערים און פּויערטעס זענען געפֿאָרן אויף די וועגעלעך אָדער האָבן זיך געשלעפּט צו-פֿוס אויפֿן מאַרק.

דערווייל איז אָבער געווען שטיל. אַ גאָראָדאָוואָי איז געשטאַנען אויפֿן מאַרק, אַזוי ווי יעדן טאָג. מען האָט אָבער נישט געוואוסט, אויב עס איז שטיל געווען אויך אין די אַנדערע טיילן פֿון שטאָט.

אָט איז דער ריז יאַקאָוו דורכגעגאַנגען פֿאַרביי די יאַטקעס. ער איז געגאַנגען מיט האַסטיקע טריט צום מאַרק. קערפּל האָט אים געקענט. יאַקאָוו האָט ביי אים אָפֿט געקויפֿט פֿלייש. קערפּל האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ „גוטן גוי". און אַ חוץ דעם האָט מען אים אָנגעזאָגט פֿון דער „זעלבסטשוץ", אַז ער זאָל וויסן, טאָמער מאַכט זיך עפּעס, אַז דער „קרעטשמער" יאַקאָוו איז אַן אייגענער גוי...

די מיטגלידער פֿון „זעלבסטשוץ" האָבן זיך פֿאַרשפּרייט איבער אַלע טיילן פֿון שטאָט, ס׳רוב אָבער פֿון זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער גאַס, וווּ עס איז געשטאַנען צייטלינס ווייסער מויער, נישט ווייט פֿונם מאַרק און וווּ עס האָט זיך אויך געפֿונען דעם רבס הויז, דאָס הייסט, דאָס הויז פֿון ברכהקעס טאַטן. וואָרום עס האָט זיך געטראָגן אַ קלאַנג, אַז אָט די צוויי הייזער וועלן די כּוליגאַנעס באַפֿאַלן די ערשטע...

צווישן די אַנדערע האָט מען אויך געזען בערטשיקן און דעם פּועל-ציוניסט יואל און דעם סאָציאַליסט-טעריטאָריאַליסט אַלעקסן. זיי אַלע האָבן געהאַט גומענע שטעקלעך מיט בלייענע קעפּ און אויך רעוואָלווערן.

אַלע האָבן זיי זיך געהאַלטן פֿון ווייטנס איינער פֿון אַנדערן, אַזוי ווי מ׳וואָלט זיך גאָרנישט געקענט.

פֿאַרביי די יאַטקעס איז דורכגעגאַנגען יאָשקע פּאָדוואָראָטניק, אָט אַזוי ווי אַ בער. קערפּל איז אַרויסגעלאָפֿן נאָך אים.

— זדראָוויע זשעלאַיו, יאָסל!

— זדראָוויע זשעלאַיו, ר׳ קערפּל! — האָט זיך יאָסל אָפּגעשטעלט און צוגעלייגט אַ האַנט צום דאַשעק פֿון זיין היטל, מעשה נאַטשאַלסטוואָ.

— וואָס הערט זיך, יאָסל, איז שטיל אין שטאָט?

— איר זעט דאָך, אַז עס איז שטיל.

— ווי מיינסטו, דאַרף מען טאַקע מורא האָבן, יאָסל, האַ?

— איך האָב קיין מורא נישט, רב קערפּל.

— אָבער די יידן, יאָסל, די יידן, דו ביסט דאָך אויך אַ ייד?

יאָסל האָט אַזוי ווי אויסגעקוואָקעט:

— אודאי בין איך אַ ייד, און די יידן פאַרשוואַרצן מיר געגוג דאָס פּנים ביי נאטשאלסטווע, ווייל זיי זענען רעוואָלוציאָנערן, אַ קרענק אויף זיי! הדראָוויע זשעלאַיו, איך האָב קיין צייט נישט! האָט יאָטל מיט אַמאָל זיך איבערגעשלאָגן, און איז אַוועק.

קערפל האָט אים נאָכגעקוקט מיט אָנגעצונדענע אויגן און אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ. דערנאָך איז ער צוריק אַוועק צו זיין יאַטקע.

אַזוי האָט זיך געצויגן איין שעה נאָך דער אַנדערער.

מיט אַמאָל, אַרום האַלבן טאָג — מען קלאַפּט מיט די טירן פון די קראָמען, מען פאַרשליסט זיי. און יידן און יידישע ווייבער לויפן מיט די שליסלען אין די הענט אין שטומען שרעק. לויפן צו זייערע הייזער, צו זייערע קינדער...

די לופט איז אָנגעפילט מיט שטומען פּחד, ממש מיט משוגעת...

עס פאַרשליסן די קצבים זייערע יאַטקעס און טוען זיך אַ לאָז מיט קערפלען איבער דער גאַס צום מאַרק צו. זיי לויפן מיט אַ בייזן אימפּעט, די דאָזיקע יידן, און פון זייערע שוואַרצע בערד טראָגט זיך אַ צאָרנדיקע כמאַרע און פון זייערע צעברענטע אויגן,דאַכט זיך, אַ שטומער געשריי: „תמות נפשי עם פלשתים!"... און קעגן זיי אַ געפילדער, אַ רעוועוען און אַ קוויטשן ווי פון צעווילדעוועטע משחיתים, און פייפן פון פּאָליציייִשע פייפלעך... די קצבים זעען, ווי פונם מאַרק טראָגן זיך די יידישע פור־מאַנעס, אַלע מיט צעווילדעוועטע בערד און פנימער און אַלע מיט אַ צעווילדעוועטן געשריי, אין יענער זייט, וואו עס געפינט זיך צייטלינס ווייסער מויער און פון וואַנען דער משחיתים־געפילדער טראָגט זיך, און זיי, די קצבים, כאַפּן אונטער אָט דעם ווילדן געשריי פון די פורמאַנעס, גייען אַריין זייער צאָרן־געשריי אין יענעם, און לויפן ווו די פורמאַנעס לויפן...

אָט איז די גאַס. צייטלינס ווייסער מויער. אַ המון פון אַ פּאָר הונדערט כוליגאַנעס אינאיינעם מיט צעווילדעוועטע פרויען, און אויך פויערים צווישן זיי, רעוועוען און קוויטשען, ברעכן מיט לאָמען די טויערן פונם מויער, און עס בריאַזגען שויבן. און עס פליען דורך די פענסטער שטיקער מעבל און פוך, פון קישנס, ווי געדיכטער שניי...

און דאָרט טראָגט זיך יאַקאָוו אין אַ היטל, מיט אַ צעבלוטיקטן פּנים און אַרום אים און איבער אים הויבן זיך הענט פון צענדליקער כוליגאַנעס מיט אייזנס און שטעקנס, און זיין האַנט מיט אַ גומענעם שטעקעלע פאָכעט צווישן זיי...

און אין אַן אַנדער פּלאַץ שלאָגן זיך בערטשיק און די אַנדערע חברים פונם זעלבסטשוץ... און די עטלעכע פּאָליציי־לייט לויפן אַרום אומפּייִק...

קערפל צוזאַמען מיט די אַנדערע קצבים און די פורמאַנעס מיט די

אייזנס און האָלאָביעס, שניידן זיך אַריין צווישן דעם צעווילדעוועטן המון. . דער המון, וועלכער איז בטבע אַ פּחדן, טוט זיך אַ ציִ צוריק, ווען עטלעכע פון זייערע פאַלן אונטער די הענט פון די קצבים און די פורמאַנעס און באַלד נעמען זיי לויפן און די פורמאַנעס און די קצבים נאָך זיי...

די פאַרווונדעטע כוליגאַנעס, וועלכע זענען געפאַלן, קריכן אַוועק אויף אַלע פיר און באַהאַלטן זיך ערגעץ... אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין נאָכן פּאָגראָם.

דער ווייסער פוך, וואָס ליגט ווי אַ געדיכטער שניי פאַר צייט-לינס מויער, איז מיט בלוט באַנעצט. יאַקאָוו ליגט דאָרט און יואל דער פּועל-ציוניסט, ביידע מיט צעבלוטיקטע פּנימער אַרויף און מיט האַלב-געעפנטע, פאַרגלעזערטע אויגן, און ביידע אָטעמען נאָך...

און אַז מען האָט אין אַ ווײַלע אַרום געבראַכט דאָקטאָר זע-ליקסאָן, האָט שוין דער ריז יאַקאָוו געהאַט אויסגעהויכט זיין נשמה און יואלן האָט מען צוגענומען אין שפּיטאָל.

אַ שטאַרקער ווינט האָט גענומען בלאָזן. אַרום דעם געפאַלענעם ריז מיט דער שיינער בלאָנדער באָרד, וועלכע האָט געפלאַטערט אויפן ווינט, ווי אַ גאָלדענע פאָן, זענען געשטאַנען יידן מיט בערד און האָבן געוויינט. צווישן זיי איז אויך געשטאַנען בערטשיק מיט אַ צעריסענעם רעקל און העמד און אָן אַ היטל און האָט געקוקט און געקוקט אויף יאַקאָוון און געקרימט דעם נאַקעטן אַקסל, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען דורך דעם צעריסענעם רעקל.

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני און אַ פאַל געטאָן צו אים מיט אַ פאַרשטיקטן יאָמער:

— חבר יאַקאָוו!...

דאָקטאָר זעליקסאָן האָט זיך אויך אַרונטערגעלאָזט פאַר אים אויף די קני און אַרויסגעמורמלט:

— קדיש!...

פּלוצים האָט קערפּל דער קצב אַרויסגעברומט:

— יידן, איך ווייס נישט, ווי דער דין איז: צי מען מעג, צי מען טאָר נישט, איך ווייס נישט. אָבער, יידן, ער איז געשטאָרבן, פאַר אונז, ווי אַ צדיק, איך רייס קריעה. צי מען מעג, צי מען טאָר נישט!...

און ער האָט מיטן לאַנגן מעסער, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, אַ שניט געטאָן אַ לאַץ פון זיין ראָק.

עטלעכע טעג שפּעטער איז געווען יאַקאָווס לויה. און די גאַנצע שטאָט יידן זענען נאָכגעגאַנגען זיין לויה, און אין אַלע בתי-מדרשים האָט מען געמאַכט אל מלא רחמים נאָך דעם „קדיש יאַקאָוו"...

דאָס פינף און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

יאָסל פּאָדוואָראַטניקס סוף

די פּאָגראָמען־שרעק איז פאַריבער. די יידן האָבן אָפּגעצויגן דעם אָטעם. די שטאָטישע כוליגאַנעס האָבן זיך נישט דערוועגט ווידער אַרויסצוטרעטן נאָך דעם אָפּשניט, וואָס זיי האָבן געכאַפּט פון דער זעלבסטשוץ, און, איבערהויפּט, פון די יידישע קצבים און פורמאַנעס.

די יידן האָבן ווידער געשיקט אַ דעלעגאַציע מיט דוד פּערלשטיין אָן דער שפּיץ צום פּאָליצמייסטער, וועלכער האָט אים באַדאַנקט און אים ווידער איבערגעגעבן אַ „מתנה" פאַר „באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט!"...

און סך הכל האָט דאָס געמיינט, פאַר שיקן נישט מער די עטלעכע גאָרדאָוויע צום פּלאַץ, וועלכן די כוליגאַנעס זענען באַפאַלן. וואָרים, וואָלט ער אַרויסגעשיקט מער פון אָט די „באַשיצער", ווער שמועסט נאָך ווען ער שיקט נאָך קאָזאַקן, וואָלט דער פּאָגראָם דעמאָלט זיכער פּ רגעקומען.

די יידן האָבן דאָס גאַנץ גוט געוווּסט, און דערפאַר האָבן זיי באַדאַנקט איצט דעם פּאָליצמייסטער, און דער פּאָליצמייסטער האָט אויך גוט געוווּסט, וואָס די יידן האָבן געוווּסט, און דערפאַר האָט ער צוגענומען די נייע „מתנה" און פאַרזיכערט ווידער דער דעלעגאַציע, אַז ער וועט נישט דערלאָזן בײַ אים אין שטאָט צו אַזעלכע פּאָגראָמען, ווי אין קישענעוו...

* *

*

די שטאָט האָט געקאָכט, און דאָס מאָל דווקא פון אַ פריילעכער בשורה: מען האָט דערהרגעט דעם צורר־היהודים פּלעווען אין פּעטער־

בארג, דעם מאַן, וועמען מען האָט באַשולדיקט אין דעם קישענעווער פּאָגראָם אויך.

און שטילערהייט האָט מען גערעדט פון דעם אין די יידישע קרעמען, אין די יידישע הייזער און אין די בתי־מדרשים. מען האָט איצט געהאָפט אויף ישועות פאַר גאַנץ רוסלאַנד און בפרט פאַר יידן...

דאָס מאָל האָט „חברה" דווקא אַ גוטע זאַך אויפגעטון, — האָט מען גערעדט.

אפילו דער געלאַסענער אברהם אייזענבערג, האָט זיך אויך אויס־געדריקט פאַר דוד פּערעלשטיינען, זיצנדיק מיט אים אין קאַנטאָר:

— דעם 28-סטן יולי, 1904, — מיינענדיק דעם טאָג, ווען פּלעווע איז דערהרגעט געוואָרן, — האָט מען דערהרגעט המנען מיט אַ באָמבע אַנשטאָט מען זאָל אים אויפהענגען אויף אַ בוים...

אויפן גאַניק בײַ פּערעלשטיינען זענען געזעסן ליובאַ און באָריס. און ביידע זענען געווען גלייך גליקלעך אויפגערעגט פון אָט דער בשורה...

און אָט אין דעם מאָמענט האָט באָריס פאַרגעסן, ווער ער איז געווען, און האָט זיך אימהדיק געפרייט מיט פּלעווס טויט. דער רעוואָ־לוציאָנער האָט איצט גערעדט אין אים, דער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געזעסן אין פּלעווען די שטאַרקסטע זייל פון דעם רוסישן אַבסאָלו־טיזם, זיין אייזערנע האַנט און זיין פעיקסטן קאָפּ.

און מיט אויפריכטיקער באַגייסטערונג האָט ער, באָריס, איצט גערעדט וועגן דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע, און ליובאַ, הערנדיק אים, איז נישט געווען ווייניקער באַגייסטערט פון אים און אויך מיט פייער אויסגעדריקט איר גלויבן אין דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע.

און זי האָט גערעדט:

— אונזערע קרבנות זענען נישט געווען אומזיסט, באָריס, נישט אומזיסט!...

דערנאָך האָט זי מיטאמאָל פאַרגעלייגט באָריסן, אַז זיי זאָלן צו־פאָרן צו קאָליגינען, כדי צו פייערן מיט אים אָט די שמחה...

ערשט דעמאָלט האָט באָריס זיך דערמאַנט, ווער ער איז געווען. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז פאַרנאַכט דאַרף ער זיך טרעפן מיט סאַוויצ־קין. און, אַ חוץ דעם, האָט ער געוווסט, אַז היינט, אַ דאַנק דעם אַטענ־טאַט אויף פּלעווען, איז די גאַנצע זשאַנדאַמעריע אויף די פיס, און ער האָט זיך דערפאַר געהיטן צוזאַמענפאָרן מיט ליובאַן, ווייל, הגם ער האָט

קאָנספּיראַטיווע אַרבעט בײַ איר אָוועקגענומען, האָט ער אָבער געוווּסט, אַז זי איז בײַ סאָוויצקין נאָך אַלץ אויפֿן צעטל, און ער האָט נאָך אַלץ פֿאַרדעכטיקט, אַז אַ פּראָוואָקאַטאָר האַלט זי אויפֿן אויג. כאָטש יאַקאָוו מיט זײַן טויט האָט אים איבערצײַגט, אַז אים, יאַקאָוון, האָט ער אומזיסט חושד געווען.

האָט אָבער געקאָנט זײַן אַן אַנדערער...

ער האָט געזאָגט ליובאַן, אַז ער קאָן נישט פֿאָרן הײַנט, ווײַל ער איז פֿאַרנומען מיט אַ וויכטיקער אַרבעט, און דערבײַ איז געבליבן: זיי זענען צו קאַליגינען נישט געפֿאָרן...

* *

*

דעם זעלביקן אויפֿדערנאַכט האָט דער „בונד" צונויפֿגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד, צו פֿײַערן פּלעוועס טויט.

אַ ווונדערלעכע נאַכט געווען. ווי מיט זילבער-שטויב איז געווען באַשאָטן דער וואַלד אונטער דער לבֿנה-שײַן.

די מענטשן האָבן געזעסן אײַנע די אַנדערע ווי בײַ טאָג. איבער אַ הונדערט נפֿשות זענען דאָ געווען פֿאַרזאַמלט, אַלץ יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס.

דאָ איז געווען דער לאַנגער איצע מיטן בלאָנדן בערדל, וועלכער איז געזעסן אויף אַ צווײַג פֿון אַ בוים מיט אַ באַגײַסטערטן שמייכל און האָט זיך צוגעהערט צום רעדנער, וועלכער איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי לונין און וועלכער האָט איצט אויך געטראָגן אַ בלוי העמד מיט די ברעגעס אַריבער די הויזן; די דיקע האָדל איז דאָ געווען, דאָס מיידל מיט דעם הויכן בוזים און מיט די שוואַרצע פֿײַערדיקע אויגן, איצע-מאיר דעם באַלעגאָלעס טאָכטער. זי האָט זיך צוגעהערט צום רעדנער מיט צעפֿלאַמטע באַקן און אויך מיט אַ באַגײַסטערטן שמייכל. און לעבן איר איז געשטאַנען די מאָגערע בלייכע באַשקע, דעם אַלטן וועבער ר' חיימס יינגסטע טאָכטער. און אויפֿן גראָז צווישן די אַנדערע איז געזעסן די הויכע, מגושמדיקע איטקע, מיט די רויטע האָר און מיט די זומער-שפּרינקלעך אויפֿן פּנים — איטקע „דער רויטער גוואַרדייעץ", מאָניע דעם מלמדס טאָכטער. און לעבן איר — די פּאַרשוין מלכּה, קערפּל דעם קצבֿס טאָכטער.

אויך קינדער פון דעם „קליינעם בונד״ זענען דאָ געווען.

לונין האָט גערעדט:

— הגם דער „בונד״ איז שטענדיק געווען קעגן טעראָר, דאָך אין דעם פאַל פונם אָטענטאַט אויף פלעווען, מוז מען בענטשן די האַנט, וועלכע האָט דורכגעפירט דעמדאָזיקן אַטענטאַט...

און ער האָט געשילדערט, ווער און וואָס פלעווע איז געווען, האָט געשילדערט, וואָס פאַר אַ יידן-פרעסער ער איז געווען און וואָס פאַר אַ רעאַקציאָנער...

ער האָט גערעדט לאַנג און מיט פייער, און דער באַגייסטערטער עולם אַרום אים האָט געשלונגען זיין יעדעס וואָרט און זיך אַלץ מער צעוואַרעמט. און ווען ער האָט געענדיקט, האָט דער גאַנצער עולם גע-נומען זינגען די „שבועה״, און איבערן זילבער-באַשטויבטן וואַלד האָט געכוואַליעט אַ באַגייסטערט געזאַנג...

פלוצלינג אַ געשריי:

„פּאָליצײ״...

מען הייבט אָן צו לויפן אין אַלע זייטן, און וווּהין מען לויפט, לויפן אקעגן גאָראָדאָוואָיעס און קאָזאַקן מיט נאַהאַיקעס... מען כאַפּט און מען שלעפּט, און מען שלאָגט...

אַ געשריי און אַ יאָמער...

די הויכע, געזונטע איטקע האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ גאָראָדאָוואָי, און זיך געלאָזט לויפן, האָט זי אַ קאָזאַק אָנגעכאַפּט און פון הינטן זי גענומען שלאָגן מיט זיין נאַהאַיקע, ביז זי איז אַנידערגעפאַלן.

און פון הינטער אַ בוים האָט יאָסל פאָדוואָראַטניק אַרויסגעשלעפּט מלכהן, קערפּל דעם קצבס טאָכטער, און די שוואַכע באַשקע, דעם אַלטן היימס מיידל, שרייענדיק:

— איר וועט זיך שוין בײַ מיר באַהאַלטן, איך וועל אייך שוין ווייזן, סמאַראַוואָזיקעס!

און פאַר שרעק האָבן די ביידע מיידלעך אפילו נישט געקאָנט שרייען און האָבן זיך געלאָזט שלעפּן, ווי צעטומלטע לעמעלעך אין שלאַכט-הויז...

ערשט ווען יאָסל האָט זיי פאַרביי געפירט האָדלען, וועלכע האָט זיך געשלאָגן מיט צוויי קאָזאַקן און געשריגן מיט אימהדיקע קולות, האָבן זיך אָט די צוויי מיידלעך אויך היסטעריש צעיאָמערט.

דעם רעדנער, לעבנעק אַליין, איז געלונגען צו אַנטלויפן און אויך איצען...

איבער צוואַנציק יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס האָט מען אַרעסטירט און מען האָט זיי געבראַכט אין פּאָליציי-צירקל. וווהין סאַוויצקי אַליין איז דערנאָך אונטערגעקומען.

אַרום צען אַ זייגער באַנאַכט האָט דאָס פּאַסירט, פונדעסטוועגן האָט די גאַנצע שטאָט באַלד געוווסט דערפון. און די טאַטעס און מאַמעס, וועמענס קינדער מ'האָט אַרעסטירט, האָבן דערפון אויך באַלד געוווסט און אַנדערע פון זיי זענען מיט שרעק געלאָפן צום פּאָליציי-צירקל.

אויך קערפּלען דעם קצב האָט מען אָנגעזאָגט, אַז זיין מלכהן האָט מען אַרעסטירט. האָט ער פריער דאָס נישט געוואָלט גלייבן: סטייטש, ווי קומט זי צו אַ „חברה"? זי האָט דאָך מיט דער „חברה" מער נישט געהאַט צו טון? אָבער אַז ער האָט זי אָנגעהויבן זוכן און זי נישט געפונען, איז ער דעמאָלט אויך אַוועקגעלאָפן צום פּאָליציי-צירקל...

און דאָרט, איבדרויסן פאַר דער טיר, האָט ער שוין געטראָפן אַנדערע יידישע טאַטעס און מאַמעס, צעשראָקענע און צעטומלטע, וועלכע האָבן געבראָכן די הענט, געזיפצט און געטענהט צו זיך.

ער האָט דערזען מאָניע דעם מלמד, מיטן רויטן, שווינדזיכטיקן בערדל און מיטן שטעקל אין דער האַנט.

מאָניע איז געשטאַנען אַ צונויפגעהויקערטער און האָט געשוויגן און פון זיינע חייסע אויגן האָט אָן אַ שיעור צער ארויסגעקוקט.

צו קערפּלען איז צוגעלאָפן דער אַלטער וועבער חיים מיט זיין שוואַרצער באָרד פאַר שרעק צעפּאַטלט און מיט זיינע קראַנקע אויגן פאַרטרערט און ער האָט צעטומלט אַרויסגעמורמלט:

— רבי קערפּל, מיינע זשאַוועט דאָך קוים. זי וועט דאָך, חלילה, שטאַרבן אין אַסטראָג!

אָבער קערפּל האָט נישט געהערט, וואָס יענער האָט גערעדט צו אים. ער האָט אים אַ פרעג געטון:

— רב חיים, האָט איר געהערט עפּעס וועגן מיין מלכהן?

— מען האָט זי דאָך געבראַכט מיט מיינער. יאָסל פּאַדוואַראַטניק האָט זיי דאָרט ביידע אַרעסטירט — האָט דער אַלטער חיים געענטפערט. — איינער, וואָס איז דאָרט געווען, איז געקומען צו לויפן צו מיר און האָט מיר דערציילט.

קערפל האָט זיך אַ צאַפּל געטון.

— טאַקע, אמת. הא? — האָט ער אַרויסגעמורמלט, — זי איז דאָ, הא? און יאָסל פּאָדוואָראָטניק, הא? איך וועל זי אין דער ערד אַריינשלאָגן! אַ מצווה אויף איר! אָט האָסטו דיר, געמיינט אַז... גענאַרט מיך, הא? גענאַרט! זאָל זי דאָ פּאַרפּוילט ווערן! איך גיי אַהיים!...

אין דער מינוט האָט זיך פון אינעווייניק דערהערט אַ טוראַדיק פרויען-געשריי. קערפל האָט אַ ציטער געטון.

— מ'שלאָגט דאָרט! — האָט ער צעטומלט אַרויסגעמורמלט, און זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר פון פּאָליציי-צירקל.

פאַר דער טיר זענען געשטאַנען אַ פּאָר גאָרדאָוואָיעס. זיי ביידע האָבן געקאָנט קערפלען, און איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

— דו בעסער גריך נישט, קערפל, אַז נישט וועסטו נאָך אויך אַריינכאַפּן שמיץ! דו הערסט, דו הערסט אַ געשריי? דאָס שמייסט מען. דער זשאַנדאַרמסקע האָט באַפוילן צו שמייסן!

און דאָס געשריי פון אינעווייניק, אַ לאַנגס און שניידנדיקס, פול מיט ווייטיק, האָט זיך געריסן דורך דער אָפענער טיר איבער די קעפּ פון די פּאָליציי-לייט, וועלכע האָבן פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג, אין דרויסן אַרויס, אַזויווי מען וואָלט דאָרט פון אַ פרוי אברים געריסן...

מיטאַמאָל האָט קערפל דערפילט, אַז עמעצער צופּט אים פאַרן אַרבל, און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון, — ערשט מאָניע דער מלמד, בלייך ממש אַ מת, טרייסלט זיך ווי אַ בלאַט, צופּט אים און באַוועגט מיט די ווייסע ליפּן און שווינדזיכטיקן רויטן בערדל, און קערפל דערהערט קוים:

— מיין איטקע!... מישט זיך אַריין... אירע קולות... מען דערהרגעט זי...

און פּלוצלינג האָט ער גענומען שרייען

— געוואַ-אַל-לט, רבונו של עולם!...

און נאָך אים — די ווייבער. די לופט איז פאַרהילכט געוואָרן פון אַ יאָמער, פון אַ היסטעריש געשריי.

עטלעכע פּאָליציי-לייט זענען אַרויסגעלאָפן און האָבן גענומען טרייבן די יידישע טאַטעס און מאַמעס. דער אַלטער חיים האָט געשריגן צום גאָראָדאָוואָי, וואָס האָט אים געטריבן:

— קוים וואָס זי זשאַוועט, האָט רחמנות!...

מען האָט אים אָבער פאַרטריבן אַזוי ווי די אַנדערע טאַטעס און

מאמעס, נאָר קערפּלען האָט מען נישט געקאָנט פאַרטרייבן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט די גאַרדאַוואָיעס און געריסן זיך צו דער טיר און געשריגן:

— איך וועל מײַן טאַטעס שמײַסן, איך בין איר טאַטע! איר האָט קיין רעכט נישט! זי פאַרדינט שמיץ, אָבער איך... איך אַליין וועל שמײַסן, דער טאַטע!...

האָבן די גאַרדאַוואָיעס אים געגומען שלאָגן, האָט ער נישט געשלאָגן צוריק, האָט זיך נאָר געטרייסלט אונטער די קלעפּ, ווי אַ מעכטיקער דעמב אונטער די קלעפּ פון האַמערס, און אַלץ ווילדער געשריגן:

— אָט מיך, מיך, אויף טויט דערהרגעט, אויף טויט פאַרשמײַסט, אָבער נישט זי, נישט מײַן מלכהן!...

צום סוף, די גאַרדאַוואָיעס זענען אַפּנים מיד געוואָרן פון שלאָגן אים, האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געטון אַרום אים און אים גענומען שלעפּן איבער דער גאַס און אים אַוועקגעשלעפּט ווייט פון פּאָליציי־צירקל, און ער האָט דעם גאַנצן וועג זיך געריסן פון זיי מיט זײַן גאַנצער גבורה און געשריגן נישט מיט זײַן קול:

— מיך, מיך, אָבער נישט מײַן מלכהן!

ערשט אַ דריי־פיר גאַסן ווייטער, האָבן די גאַרדאַוואָיעס אים אָפּגעלאָזט און זענען אַוועק צוריק.

איז קערפּל געבליבן שטיין מיט אַ נאַקעטן קאָפּ, ווייל זײַן היטל האָט ער ערגעץ דאָרט, אַרום דעם פּאָליציי־צירקל, פאַרלוירן, האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז זײַנע וואָנסעס זענען נאַס, האָט ער זיי אָנגעטאַפּט מיט אַ פינגער און אויף אים אָנגענומען בלוט... ער האָט אָבער תיכף אָן דעם פאַרגעסן, ווייל אים האָט זיך אין דער רגע אויסגעוויזן, אַז ער האָט געהערט די געשרייען פון זײַן מלכהן, וועלכע מען האָט דאָרט געשמיסן, און ער האָט זיך אַ ריס געטון פון זײַן אָרט מיט אַ ווילדן אימפּעט און געלאָזט זיך לויפן צוריק צום פּאָליציי־צירקל.

און דאַן האָט ער דאָרט פּלוצלינג דערזעען קאָזאַקן. זיי האָבן אַרומגעטאַנצט אויף זייערע פערדלעך פאַרביי דעם פּאָליציי־צירקל הין און צוריק...

קערפּל האָט זיך דאַן ראַפּטום אָפּגעשטעלט. און מיטאַמאָל האָט ער אַ פּאַטש געטון אין די הענט, און קערפּל דער גיבור האָט זיך הילפלאָז צעוויינט...

ער האָט זיך אומגעקערט און איז אַוועק מיט וואַקלדיקע טריט אַהיים, און אין גאַנג האָט ער געוויינט, ווי אַ קינד...

אַ טייל פון די געשמיסענע אַרבעטער און אַרבעטערינס האָט מען אויף מאָרגן באַפרייט און די איבעריקע האָט מען פאַרשפּאַרט אין דער טורמע.

צווישן די באַפרייטע איז אויך געווען מלכה.

און מלכה, ווען זי איז געקומען אַהיים, האָט נישט געקאָנט נישט זיצן און נישט ליגן, אַזוי צעפּאַסעוועט איז איר לייב געווען. און זי האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט, ווייל מער ווי די פיזישע יסורים, האָט זי געליטן פון דער חרפּה, פון דער דערנידערונג...

זי איז געלעגן אויפן בעט מיטן פּנים איינגעגראָבן אין קישן און האָט פאַרשטשעמעט צווישן די ציין די געשרייען, וואָס האָבן זיך געריסן בײַ איר.

איר מאַמע איז געשטאַנען לעבן איר און האָט געוויינט. געוויינט האָבן אויך אירע קלענערע ברידער און שוועסטער. אָבער קערפּל אַליין איז אפילו נישט צוגעגאַנגען צו איר בעט. ער האָט געשפּאַנט איבער דער שטוב ווי אַ פינצטערער וואָלקן, געוואָרפן פון צייט-צו-צייט אַן אויפגערעגטן בליק צו איר און אַרויסגעמורמלט אין דער באָרד אַריין:

— אַ מצווה אויף דער מויד, אַ מצווה! וואַרט, זי וועט נאָך פון מיר אויך קריגן!

דערנאָך איז אַרײַנגעקומען דער שכן איוואַן, דער יונגער שמיד, מיטן פאַרסאַזשעטן פּנים און הענט, און ער האָט אַ קוק געטון פאַרבעגקט אין קאַמער, וווּ מלכה איז געלעגן, און ער האָט זיך געווענדט צו קערפּלען:

— וואָס מאַכט מאַלקאַטשקאַ?

— דער רוח וועט זי נישט נעמען! — האָט קערפּל אַ ברום געטון אין באָרד אַריין.

— טאַקע געשמיסן זי? — האָט איוואַן דערנאָך אַרויסגערעדט אַי מיט צער, אַי פאַרוווּנדערט, — טאַקע אויף אַן אמת זי געשמיסן, אויפן נאַקעטן לייב? עך, רוצחים. ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט שמייסן מאַל-קאַטשקאַן, און נאָך אויפן נאַקעטן לייב, רוחות וואָס זיי זענען! מענטשן האָבן נישט קיין רחמנות, קיין יושר, קיין חרפּה!...

און אַזוי ווי קערפּל האָט געשוויגן, איז איוואַן נאָך אַ ווײַלע גע-

שניאַגען. האָט פאַרשאַרט די טשופּרינגע אַרויף דעם שטערן, ווידער אַ קוק געטון פאַרבענקט און מיט צער צו מלכהן אין קאַמער, אַרויסגעמורמלט:

„עך, גאָט מײַנער, וואָס פאַר רוצחים!” און איז אַוועק.

קערפּל האָט דאַן אַרויסגעמורמלט:

— די גאַנצע וועלט ווייסט דערפון, אפילו איוואַן. כאָטש באַגראָב זיך פאַר חרפה!...

און מיטאַמאָל האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן:

— פאָד-וואָ-ראָט-ניק!...

און בײַ אים אין די אויגן האָט זיך אַ צינד געטון.

* *

*

אַ מוראדיקן אײַנדרוק האָט דאָס שמייסן אין פּאָליציי-צירקל געמאַכט אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. הגם עס זענען אויך געווען אַזעלכע יידן, וועלכע האָבן גערעדט: „רעכט אויף זיי, אַ מצווה אויף די הפקר-יונגען און אויף די צעלאָזטע מיידן, דאָס וועט זיי זיין אַ גוטע לערע!”...

אָבער אַזעלכע זענען געווען ווייניק. ס'רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אויפגעבראַכט: „טטייטש, שמייסן, און מיידלשך באַך!”...

זיי האָבן אָבער מורא געהאַט הויך צו רעדן דערפון.

די מער ליבעראַלע קריסטלעכע שכנים זענען אויך געווען אויפגעבראַכט וועגן דעם און אַז זיי האָבן זיך געטראָפן מיט זייערע יידישע שכנים, האָבן זיי מיט אויפרעגונג גערעדט וועגן אָט דעם „סקאַנדאַל”, וועגן אָט דעם פאַרברעכן!...

און צווישן די שטאָטישע רעוואָלוציאָנערן פון אַלע פּאַרטייען און צווישן דער אַרבעטערשאַפט האָט זיך גערודערט: „מען טאָר דאָס נישט פאַרשווייגן! די לומפּן מוזן באַצאָלן דערפאַר!”...

מען האָט דערמאַנט יאָסל פּאַדוואָראָטניק, אַז ער איז דאָס געווען דער גאַנצער אויפטוער פון דעם איבערפאַל אויף יענער פאַרזאַמלונג. מען האָט דערמאַנט דעם זשאַנדאַרמסקע פּולקאָווניק סאַוויצקין, וועלכער האָט באַפוילן צו שמייסן.

און אין די פאַבריקן, און אין די טראַקטירן און קאַוויאַרניעס, ווו

די אַרבעטער זענען זיך צונויפגעקומען, האָבן זיך געוויזן רויטע פּראָק־לאַמאַציעס, וועלכע האָבן גערופן די אַרבעטער צו נעמען נקמה.

עטלעכע „בונדיסטן", הגם דער בונד, ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, איז געווען קעגן טעראָריסטישע אַקטן, האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו דערהרגענען יאָסל פּאַדוואָראַטניק און זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו זוכן.

יאָסל האָט דערשמעקט וועגן דעם, און ער האָט זיך גענומען היטן. ער האָט זיך נישט געוויזן אַליין אויף די הויפּט־גאַסן, נאָר שטענדיק מיט צוויי־דריי באַגלייטער.

בכלל האָט די פּאָליציי געאַרבעט איצט אויף אַלע כּלים. אויף די גאַסן האָבן זיך אַרומגעדרייט גאָראָדאָוואָיס און זשאַנדאַרן, און אויף דער גאַס, ווו עס איז געווען די בירזשע פון די אַרבעטער, זענען אַרומ־געריטן קאָזאַקן...

קערפּל, אַז ער האָט איצט דערזען יאָסלען, האָט ער זיך תּיכּף באַהאַלטן אין זיין יאַטקע, כּדי יענער זאָל נישט זיין בא אים אויף די אויגן.

ווייל בא אים האָט דאַן אויפגעקאָכט דער כּעס און דער האַס אין זיין האַרץ און יעדער פינגער פון זיינע אייזערנע הענט האָט זיך מיט צאָרן צעבו'ענט און זיך געריסן צום מוסר, צו יאָסלען...

און איינמאָל נאָך האַלבער נאַכט, — אַ וואָך נאָך דעם שמייסן, — איז קערפּל געגאַנגען פונם שלאַכט־הויז מיט אַ לאַמטער.

דאָס שלאַכט־הויז איז געשטאַנען הינטער דער שטאָט לעבן אַ טייך, הינטער אַ באַרג.

איז קערפּל געגאַנגען מיט דער לאַמטער אַליין ארויף־באַרג.

אַ פינצטערע פאַרוואָלקנטע נאַכט געווען, דער הימל איין שטיק שוואַרצע כמאַרע און שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם.

קערפּל האָט נאָר געהערט ווי דער זאַמדיקער וועג סקריפּעט אונ־טער זיינע טריט.

ער איז דעם וועג ארויף. דאָרט האָבן זיך געצויגן פעלדער פון ביידע זייטן וועג.

קערפּל איז פאַרביי־געגאַנגען אַ הויך שטיק כמאַרע, וועלכעס האָט זיך געהויבן פון דער ערד און געלאָזט פון זיך אַ שאַרפן געדויך. און ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ הויכע קופּע מיסט, אויף צו באַמיס־

סיקן דאָס פעלד, האָט אפילו געקענט דעם פויער, צו וועמען דאָס האָט באַלאַנגט.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ באַקאַנט קול, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער פינצטערניש:

— קטאָ אידיאָט? (ווער גייט?)

קערפל האָט זיך אַ צאַפּל געטון, און פאַר אויפרעגונג האָט ער נישט געקאָנט ענטפערן.

דעם מוסרס קול איז דאָס געווען, יאָסלס...

די לאַמטער איז בײַ אים שיער נישט אַרויסגעפאַלן פון האַנט.

און באַלד — אַ לאַמטער האָט זיך אַ וויג געטון פאַר זיין פּנים און יאָסלס קול ווידער:

— זדראַוויאַ זשעלאַיו, ר׳ קערפל. פונם שלאַכט-הויז?

און מיטאַמאָל האָט קערפל זיך אָנגערופן רויק, יאָ, כמעט פריינדלעך:

— זדראַוויאַ זשעלאַיו. פונם שלאַכט-הויז. און ווהין גייסטו, יאָסעלע? (ער האָט אים דאָס ערשטע מאָל איצט גערופן „יאָסעלע").

— איך זוך אַ פייגעלע. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַהער אַנטלאָפן. האָב איך אים געזוכט צווישן דעם קאָרן. וואָס מאַכט אייער טאָכטער, ר׳ קערפל?

און אַ היך האָט דאַן אַ פאַרע געטון פאַר קערפלס פּנים און אויגן און אַ ברום האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן מיט אַ הייסן אָטעם, ווי בײַ אַ צעווילדעטן אָקס. ער האָט אַ שמיץ געטון די ברענענדע לאַמטער יאָסלען איך פּנים אַריין, און זיך אַליין אַ טראָג געטון אויף אים, ווי אַ שטורעם, און אים אַ פּאַק געטון מיט ביידע הענט פאַרן גאָרגל.

יאָסל האָט אַרויסגעלאָזט זיין לאַמטער פון דער האַנט און כדי־פּענדיק האָט ער זיך איינגעשטשעמעט אין קערפלס אָרעמס און זיי געריסן פון זיך און געדריקט מיט זיינע אייזערנע קני אויף קערפלס; אָבער קערפל, אַזוי ווי דער ווילדער צאָרן וואָלט פאַרהאַרטעוועט יעדן ביין בײַ אים, האָט זיך געשפּאַרט מיט זיינע קני אויף יאָסלען צוריק און מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין קערפּער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים און געדריקט אים דעם האַלז, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען.

דורך דער פינצטערניש האָט זיך געהערט דאָס שווערע סאָפּען פון קערפלען און דאָס דערוואָרגענע קרעכצן פון יאָסלען. און מיטאַמאָל

האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקט אויסגעשריי פון יאָסלען, וועלכעס איז גלייך פאַרדישעט געוואָרן.

יאָסל איז געפאַלן צו דער ערד אויפן רוקן און קערפל אויף אים און מיט זיינע פינגער, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, זיך געגראָבן אַלץ טיפער אין יאָסלס האַלז.

און יאָסל האָט זיך געוואָרפן אונטער אים און זיך געראַנגלט אין געכריפּעט. ביז ער האָט זיך אַ צאַפּל געטון צום לעצטן מאָל און איז דערנאָך געבליבן ליגן ווי אַ קלאָץ.

אָבער איצט האָט קערפל נאָך אויך נישט אַרויסגעלאָזט יאָסלס האַלז פון אונטער זיינע הענט. ערשט, ווען ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט בײַ אים אַרויסגעקוועטשט דעם לעצטן פונק לעבן, האָט ער זיין האַלז אַרויסגעלאָזט און זיך אויפגעהויבן פון דער ערד.

— אָט איצט גיי בּסר יידן און יידישע טעכטער, אַז מען זאָל זיי פאַרשמייסן! — האָט קערפל הייזעריק אַרויסגעכריפּעט.

ער האָט אויפגעזוכט זיין לאַמטער, האָט אָבער מורא געהאַט זי אָנצוצינדן.

איז ער אַ ווײַלע דערנאָך געשטאַנען און געסאַפּעט און זיך געווישט דעם שווייס מיטן אַרבל.

דאַן האָט ער זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, לעבן דעם דערשטיקטן, צוגעלייגט דאָס אויער צו יאָסלס האַרץ און אַרויסגעמורמלט:

„ער וועט שוין נישט מסרן מער".

האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַ פּאַק געטון דעם דערשטיקטן, ווי שווער יענער איז נישט געווען, צוגעטראָגן אים צו דער קופּע מיסט און אים אַ שליידער געטון אַהין...

„אָט איז דיר אַ זדראַוויאַ זשעלאַיו!" — האָט ער געמורמלט אין דער פינצטערניש אַריין...

דערנאָך האָט ער אַ כאַפּ געטון זיין לאַמטער פון דר׳ערד און איז אוועק.

ערשט אויפן וועג האָבן אים גענומען וואַרפן הענט און פיס. וואָס האָט ער געטון? אַ מענטש דערהרגעט... ווי אַזוי? סיידן ער איז משוגע געוואָרן!

און קומענדיק אהיים, איז ער נישט אוועק שלאָפן. נאָר האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקעלע פון דער קיך, וווּ אַ קליין לעמפל האָט גע-

ברענט, און געזאָגט תהילים און געוויינט און מיטן הארץ געבעטן בא גאָט, אַז ער זאָל אים מוחל זיין פאַר דער רציחה...

און באַלד אינדערפרי איז ער געלאָפן צו איינעם פון די רבנים און האָט זיך מודה געווען פאַר אים; דער רב איז לכתחילה פאַרציטערט געוואָרן, ווען ער האָט עס דערהערט: סטייטש, דערהרגענען אַ מענטש! דערנאָך אָבער האָט ער קערפּלען באַרויקט.

ער האָט אים געזאָגט:

— אוודאי, הרגענען איז אַ רציחה, אַ מוראדיק פאַרברעכן. אָבער יאָסל פּאָדוואָראָטניק איז געווען ערגער פון צען פּאָגראָמטשיקעס און היינטיקע צייטן, ווען דו הרגעסט בישט אַ פּאָגראָמטשיק, וועט ער דיך הרגענען. דערפאַר פאַרגעס. קויף דאָס אויס מיט מעשים טובים און גאָט אין זיין גרויסן רחמנות וועט דיר מוחל זיין...

דעם זעלבן טאָג האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט, אַז מען האָט יאָסל פּאָדוואָראָטניק געפונען אַ דערהרגעטן אויף אַ קופּע מיסט, און אַלע זענען געווען זיכער, אַז דערהרגעט האָבן אים די אַרבעטער...

דאָס זעקסאון צװאַנציקסטע קאַפּיטל

סאַוויצקיס סוף

באַ מאַריאַ װאַסיליעװנאַ גאַלובאָװאַ, אין דעם הינטערשטן חדר פון דער ביבליאָטעק, איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון סאָציאַליסטן־רעװאָלוציאָנערן.

באָריס איז געװען דער פאָרזיצער און גערעדט האָט קאַליגין.

ליובאַ איז דאָ אויך געװען און קאַליאַ און זיין שװעסטער העלענאַ.

אפילו מאַריאַ װאַסיליעװנאַ אַליין, די זקנה מיט די װייסע האָר און מיטן קליינטשיקן, איינגעטרוקנטן פנימל פון פאַרמעט־קאָליר און מיט די ברילן אויף די קורצזיכטיקע אויגן, איז דאָ אויך געװען, װייל אויף אָט דער פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט געמשפּט װערן סאַוויצקי...

איידער די פאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט, האָט די זקנה דערקלערט:

— טייערינקע חברים, היינט, צי איר װילט, צי איר װילט נישט, װעל איך פאַרבלייבן אויף אייער פאַרזאַמלונג. זי אינטערעסירט מיך בלוטיק. װייל, װען איך װאָלט געװען יינגער, מיינע טייערינקע, װאָלט איך אַליין געװוסט, װאָס צו טון. פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס װי שמייסן איז באַ די רעװאָלוציאָנערן אַלע מאָל געװען איין שטראָף...

דערנאָך האָט זיך אױפגעשטעלט קאַליגין און גערעדט אינם זעלביקן זין װי מאַריאַ װאַסיליעװנאַ און האָט געענדיקט מיט די װערטער:

— דער אכזר סאַוויצקי מוז באַצאָלן פאַר אָט דעם פאַרברעכן. איך נעם דאָס אויף זיך. װער נאָך פון די חברים?

— איך! — האָט זיך אָנגערופן קאַליאַ.

דערנאָך איז שטיל געװאָרן אויף אַ רגע. אַ נערװעזער ציטער האָט

זיך ווי דורכגעטראָגן איבערן צימער. ליובאַ און וועלענאַ האָבן אויסגעזעען אויפגערעגט, בײַ דער זקנה האָט זיך דאָס קליינטשיקע פּנימל צערויטלט.

דער פּאַרזיצער אַליין, באָריס, האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און אָן זײַן פּנים האָט מען געקאָנט מערקן, ווי ער קעמפּט מיט זיך.

און נישט אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער מיטאַמאָל אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרשטיקט קול, וועלכעס האָט געקלונגען ווי גאַרנישט זײַנס:

— איך וויל דאָס טון, איך !...

ליובאַ איז בלייך געוואָרן, האָט פאַרביסן די ליפּן און תּיכּף אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אַז די אַנדערע זאָלן נישט באַמערקן איר אויפרעגונג, כמעט שרעק.

— באָריס דאַווידאָוויטש — האָט זיך קאַליגין אָנגערופן. — דענקט איר נישט...

אָבער באָריס האָט אים ווייטער נישט געלאָזט רעדן, האָט אַ קלאַפּ געטון מיט זײַן פויסט אין טיש און אַרויסגערעדט שטאַרקער און מיט אַן אַ שיעור האַס:

— איך וועל דאָס טון, איך ! ער מוז באַצאָלן, דער טייוול, פאַר אַלע זײַנע מעשׂים !

און איצט האָט ער אויפגעהויבן זײַנע אויגן, און זיי האָבן געפלאַקערט דורך די פענסנע און דאָס גאַנצע פּנים זײַנט האָט געפלאַמט.

אַ ווײַבער דריי נאָך האַלבער נאַכט זענען זיי זיך צעגאַנגען מיטן באַשלוס, אַז באָריס מיט קאַליגינען זאָלן דורכפירן דעם אַטענטאַט איבער סאַוויצקין...

עטלעכע טעג האָבן זיי זיך געגרייט צו דעם און געאַרבעט איבער פּלענער, ווי אַזוי און וווּ אים צו באַפאַלן. געוויס האָט באָריס אַמבעסטן געוווּסט ווי אַזוי און וווּ צו באַפאַלן סאַוויצקין, ער האָט בלויז זיך געדאַרפט טרעפן מיט סאַוויצקין אויף איינעם פון די פּלעצער, וווּ ער האָט זיך מיט אים ביז אַהער געטראָפן אויג אויף אויג. אָבער ערשט איצט האָט ער געמוזט האַנדלען פאַרזיכטיק, ווען קאַליגין איז געווען מיט אים...

באַם איבערפאַל האָט סאַוויצקי נישט געטאָרט האָבן די געלעגנהייט אים צו באַמערקן און באַם נאָמען אים אָנרופן...

דערפון האָט ער זיך געמוזט היטן.

און אין אָט די עטלעכע טעג האָט ליובאַ נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג און זי איז אַזוי נערוועז געווען, אַז פון דעם קלענסטן שאָרך האָט זי אויפגעציטערט.

אָבער זי האָט זיך נישט דערוועגט אפילו מיט קיין איין וואָרט צו לאָזן וויסן באָריסן, אַז זי איז אומרויק וועגן אים. פאַרקערט, ווען זי איז געווען מיט אים, האָט זי געשמייכלט און געלאַכט.

נאָר אין אירע קושן און אין אירע אומאַרמונגען, האָט באָריס איר אומרויקייט געפילט, אַזוי ווי יעדער קוש אירער וואָלט געקרעכצט:

„היינט אפשר צום לעצטן מאָל!"

און באָריס אַליין איז אויך פאַר די לעצטע עטלעכע טעג אַ סך בלייכער געוואָרן.

זיי האָבן גענומען היטן סאַוויצקין, בשעת ער איז געפאָרן פון שטאָט, צו זיין זומער-ווינונג.

זיי זענען געשטאַנען אין וואַלד, וועלכער האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן וועג. באָריס אויף איין זייט הינטער אַ בוים און קאַליגין אויף דער אַנדערער זייט, אויך הינטער אַ בוים, און זיי האָבן אַרויסגע-קוקט אויפן וועג. אַמאָל איז אַ פויער אויף אַ וועגעלע דורכגעפאָרן, און אַמאָל — אַ גוטבאַזיצער אויף זיין דראָזשקע.

און אָט האָבן זיך באַוויזן די פאַר ווייסע פערד מיט סאַוויצקיס עקיפּאַזש. ער פאָרט אָבער נישט אַליין: זיין ווייב און זיינע צוויי בלאָנדע קינדער זענען מיט אים.

זיין ווייב און קינדער ראַטעווען אים. זיי פאַרהיטן אים פון באָ-ריסעס און קאַליגינס באַמבעס...

אַזוי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד — יעדעס מאָל איז ער געפאָרן מיט עמעצן פון זיין פאַמיליע, וועלכער האָט נישט געטאָרט באַשטראָפט ווערן פאַר זיינע מעשים...

און פאַר אָט דער צייט האָט באָריס אַ פּאָר מאָל זיך געמוזט זען מיט סאַוויצקין אויך, וועלכער האָט ווידער גענומען פאָדערן בא אים נייע „ארבעט", און באָריס האָט אים איצט צוגעזאָגט גאָר וויכטיקע „ארבעט"...

ביז איינמאָל האָט באָריס דערקלערט קאַליגינען:

— איך האָב אויסגעפונען, אַז דער בעסטער פּלאַץ איז אין וואַלד אַרום זיין הויז. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז יעדן אינדערפרי, איידער

ער פאָרט אין שטאָט אריין, שפּאַצירט ער דאָרט מיט זיין הונט אַליין. אָבער גאַנץ פרי.

. . . .

. . . .

זיי האָבן שוין לאַנג געוואַרט אין אָט דעם וואַלד, זייט באַגינען אָן. אין וואַלד איז נאָך געווען פייכט פון דער באַנאַכטיקער טוי. די זון אָבער האָט שוין געלויכטן און געוואַרעמט און דער גאַנצער וואַלד האָט געהילכט מיט אַ מונטערן פויגל-געזאַנג.

זיי ביידע האָבן זיך נישט גערירט פונם אָרט, זענען געשטאַנען מיט די פנימער צו דער זייט, ווו סאַוויצקיס הויז האָט זיך געפונען, און האָבן זיך איינגעהערט — באָריס הינטער איין גרופּע ביימער אויף איין זייט און קאַליגין — הינטער אַן אַנדערע גרופּע ביימער, אויף דער צווייטער זייט פון דעם שמאָלן שטעגל, וואָס האָט געפירט פונם וואַלד צו סאַוויצקיס הויז.

ביידע זענען זיי געווען איבערגערעגט. באָריס איז געווען בלייך און האָט זיך געטרייסלט און קאַליגין האָט געהאַלטן אַ שפּיץ פון זיין וואָנסע צווישן די ליפּן-ווינקלען און נערוועז געביסן.

איינער אין דעם אַנדערנס זייט האָט נישט אַ קוק געטון און ביידע האָבן געשוויגן.

באָריסן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער פרירט. די הויט האָט אויף אים ממש געציטערט פאַר איבערעגונג.

וואַרטנדיק דאָ שוין איבער אַ פּאָר שעה, איז אים ווידער און ווידער איינגעפאַלן: „וואָס וועט זיין, ווען די באָמבעס וועלן נישט עקספּלאָדירן?” דאָס ערשטע מאָל האָט ער איצט גענוצט אַ באָמבע. בײַ די פריערדיקע אַטענטאַטן האָט ער שטענדיק גענוצט אַ רעוואָלווער.

מיטן רעוואָלווער האָט ער געקאָנט זיין זיכערער. און קאַליגין האָט אויך פאָרגעלייגט, מען זאָל באַנוצן רעוואָלווערן; אָבער דאַן וואָלט עס געמיינט, אַז מען וואָלט געדאַרפט צוגיין נאָענט צו סאַוויצקין און יענער וואָלט אים געקאָנט דערקענען.

אמת, זיי האָבן געקאָנט אָנטון מאַסקעס; אָבער סאַוויצקי וואָלט אים אפשר אין דער מאַסקע אויך דערקענט און וואָלט זיין באָמען אָנגערופן...

דערפאַר איז ער באַשטאַנען אויף דעם, אַז מען זאָל באַנוצן באָמבעס.

און איצט האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, וואָס וועט זיין, ווען די באָמבעס וועלן נישט עקספּלאָדירן. אמת, ער האָט געהאַט אין קעשענע אויך אַ רעוואָלווער, אָבער סאַוויצקי האָט אויך אַ רעוואָלווער געהאַט און דער הונט וועט זיך אַ וואָרף טון אויף אים און מיט די ציין אַ פּאַק טון באַם גאָרגל (סאַוויצקי האָט אים דאָס לעצטע מאָל דערציילט, אַז זיין הונט איז פון יענע, וואָס בייסן איבער דעם גאָרגל) און נישט וויניקער האָט אים געשראָקן דאָס, וואָס קאַליגין וועט דעמאָלט זיך דערוויסן ווער ער איז.

אין דעמדאָזיקן מאָמענט, ווען ער וואָלט געקאָנט בעטן צו גאָט, וואָלט ער געבעטן:

„אויב שטאַרבן, זאָל קאַליגין שטאַרבן איניינעם מיט אים, כדי דער סוד, ווער ער איז, זאָל בלייבן אַ סוד".

אמת. נאָך זיין טויט וואָלט די זשאַנדאַרמעריע אפשר אויפגעדעקט אָט דעם סוד און אפשר וואָלט זיך איר דאָס נישט געלונגען; אַלנפאַלס דעם טויט זיינעם דורך אַ רעוואָלוציאָנערן אַקט וואָלטן די חברים, איבערהויפּט ליובאַ, מער געגלייבט איידער דער זשאַנדאַרמעריע...

צום סוף איז באַ אים געבליבן, וואָס עס זאָל נישט טרעפן, אַ לע־בעדיקער, אויב די באָמבעס זאָלן נישט עקספּלאָדירן, וועט ער נישט אַריינפאַלן אין סאַוויצקיס הענט.

און דאַן האָט ער זיך אַ ביסל באַרויקט.

דערווייל האָט זיך די זון אַלץ מער צעוואַרעמט. און פּלוצלינג האָט באַריס דערפילט, אַז עס איז אים הייס געוואָרן, און אַז הינטערן הויכן קאָלנער איז אים נאַס געוואָרן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל פון קעשענע און אָפּגעווישט דעם נאַקן.

און דאָ — אַ בילן פון אַ הונט האָט זיך דערהערט און תיכף דאָס פאַרשלאָפענע קול פון סאַוויצקין:

— טיכאָ, צעזאַר! (שטיל, צעזאַר).

באַריס האָט זיך אַ טרייסל געטון, פאַררוקט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט דאָס טיכל אין קעשענע. געטון זיך אַ צי אויף די שפּיץ פינגער און מיט צעטומלטע אויגן אַרויסגעקוקט, פונוואַנען דאָס בילן און סאַוויצ־קיס קול האָבן זיך געהערט.

סאַוויצקי איז דאָרט געגאַנגען מיט אַ ציגאַר אין מויל, אין אַ שלאָפראָק און אין טופֿליס, איבערן שמאָלן שטעג צום וואַלד צו און האָט געגלעט דעם הונט איבערן קאָפּ.

באַריסן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט סאַוויצקי אים באַ־מערקן, כאָטש ער איז געווען גאַנץ ווייט פֿון אים, און וועט אויסרופֿן אין דעם טאָן, וואָס האָט אים שטענדיק באַליידיקט: — „אַדי חבר! עפּעס בייעס? !“

און באָריס האָט זיך צונויפֿגעקאָרטשעט און הינטערווײַלעכץ זיך אַ רוק געטון מער הינטער אַ בוים, זיך אײַנגעבויגן און אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד אַ קײַלעכדיקע זאַך, וועלכע איז דאָרט געלעגן אין אַ שמאַטע...

„עס זאָל נאָר טרעפֿן, עס זאָל נאָר נישט אויפֿרייסן פֿריִער“, האָט ער שנעל אַ טראַכט געטון און אַ נעפּל האָט זיך אַרום אים גענומען שפּרייטן, אַ געדיכטער נעפּל, דורך וועלכן עס האָבן זיך דורכגעשניטן נאָר איין מענטש און אַ הונט אַלץ קלאָרער, רעליעפֿער און אַלץ שרעק־לעכער...

בײַ באַריסן איז דאָס פּנים מיטאַמאָל ווײַס געוואָרן און די גוי־טערשטע ליפּ האָט בײַ אים אַ ציטער געטון.

און מיטאַמאָל — אַזוי ווי נישט ער, נאָר אַן אַנדערער, מיט אַ ווילדן אימפּעט און כּוח, וואָלט אַ שלײַדער געטון די רונדע זאַך, און טראַ־אַך! — צוויי עקספּלאָזיעס, איינע גלײַך נאָך דער אַנדערער, האָבן זיך דערהערט מיט אַזאַ קראַך, אַז מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער גאַנצער וואַלד איז אויפֿגעריסן געוואָרן; באָריס האָט נאָר געזען אין דער לופֿטן ערד און האָלץ אויסגעמישט און רויך מיט גלידער פֿון אַ מענטש און פֿון אַ הונט און מיט שטיקער בגדים־שטאָף..

אין אָט דער אייגענער רגע האָט אים עמעצער אַ פּאַק געטון און אים אַ צי געטון נאָך זיך.

דאָס איז געווען קאַליגין.

און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון דורכן וואַלד צום פּלאַץ, וווּ קאַ־ליגינס פֿערד און וואָגן איז געשטאַנען.

זיי האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן וואָגן, און דאָס פֿערד, אַזוי ווי עס וואָלט דערפֿילט אין וואָס פֿאַר אַ סכּנה זיין בעלי־בתּים איז געווען, האָט זיך ווי אַ ווינט אַוועקגעטראָגן איבערן שליאַך...

* *

*

די גאַנצע פּאָליציי איז אויף די פיס געווען. צלע זשאַנדאַרן און אפילו פון די אַנדערע שטעט זענען דעמזעלביקן טאָג אַרונטערגעקומען שפּיאָנען און מען האָט געזוכט און מען האָט גענישטערט איבער דער שטאָט.

אָבער די אָרטיקע פּאָליציי האָט איצט געזוכט אָן חשק, וואָרים זי האָט זיך גענומען שרעקן. נאָך דער געשיכטע מיט יאָסל פּאָדוואָראַטניק און איבערהויפּט נאָך דער דערמאָרדונג פון סאַוויצקין, האָט בײַ אַ סך פון זיי די הויט גענומען ציטערן פאַר דער אייגענער פעל...

די יידישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט, איבערהויפּט די טאַטעס און די מאַמעס פון די קינדער, וואָס סאַוויצקי האָט אויף אַזאַ ברוטאַלן אופן באַהאַנדלט, האָבן זיך שטילערהייט געפרייט מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ סוף. צופרידן איז אויך דערפון געווען די מער ליבעראַלע קריסטלעכע באַפעלקערונג פון דער שטאָט.

נישט ווייט פון קאַליגינס הויף איז געשטאַנען אַן אַלטע, פאַרלאָזטע מיל לעבן אַן אָזערע. דידאָזיקע מיל מיט דער אָזערע האָבן באַלאַנגט צו קאַליגינען.

דאָרט, הינטער אַ שוואַרצער דעמבאָווער טיר מיט אַ גרויסן, פאַרזשאַווערטן שלאָס, איז געווען אַ צימער, ווי אַ לאַנגע, שמאָלע, שוואַרצע הייל, ווו קאַליגין האָט אַמאָל נאָך האַלבער נאַכט געזעצט און געדרוקט רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס פאַר דער שיין פון אַ לאַמטער...

אין דעמזעלביקן טאָג, ווען דער אַטענטאַט איבער סאַוויצקין איז דורכגעפירט געוואָרן, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען די מיל איז געווען פאַרשלונגען פונם חושך — אַזוי פינצטער איז די נאַכט געווען, — האָבן זיך דאָרט באַוועגט מענטשן, ווי שוואַרצע שאָטנס, מיט טריט אָן גערויש און האָבן געפליסטערט איינער צום אַנדערן.

אַזוי ווי גייסטער פון דעם חושך אַרויסגעריסן זיך, האָלטן זיך פאַרקליבן אין אָט דער אַלטער פאַרלאָזטער מיל, צו פאַרברענגען דאָ די נאַכט אויף אַ זייער סודותפולן אופן...

אַן איין-איינציקע לאַמטער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ פעסל,

האָט געברענט און באַלויכטן נישט ווייטער ווי עטלעכע טריט פונעם פּאָסל.

דאָ זענען געווען, אַ חוץ דעם באַלעבאָס, באָריס און ליובאַ, און קאָליאַ און העלענאַ און בערציק.

זיי אַלע האָט קאַליגין אַהער איינגעלאַדן, כּדי צו באַשליסן, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער זאָל האָבן די פּראָקלאַמאַציע, וועלכע האָט געמוזט שוין אויף מאָרגן פאַרשפּרייט ווערן אין דער שטאָט וועגן דעם אַטענטאַט איבער סאַוויצקין, און קיין פּלאַץ אין דער שטאָט איז היינט נישט געווען אַזוי זיכער, ווי בײַ אים אין מיל...

און זיי אַלע זענען נאָך געווען פאַרשיכּורט סיי פון דער שמחה, וואָס דער אַטענטאַט האָט זיך איינגעגעבן און סיי פון דער פרייד, וואָס קאַליגין און באָריס זענען איצט געווען צווישן זיי.

און אַזוי ווי קאַליגין האָט דערקלערט אויף זיין פּשוטן, באַשיידענעם אופן, אַז פאַר דעם דערפאָלג איז מער שולדיק באָריס דאַווידאָוויטש איידער ער, ווייל דער פּלאַן, ווען און ווו און ווי אַזוי אים דורכצופירן, איז אינגאַנצן געווען אויסגעאַרבעט פון באָריס דאַווידאָוויטש, האָבן אַלע אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג פאַר באָריסן און אַלע האָבן זיי זיך געקושט מיט אים און העלענאַ, שטורמיש און פליסטערנדיק: ליבער, ליבער! און ליובאַ אַליין האָט פאַר גליק נישט געוווסט וואָס צו טון, זי האָט נאָכאַנאַנד אָנגעטאַפּט זיין האַנט אין דער פינצטער און זי געגלעט און געגלעט, צי זי האָט גאָר צוגעטראָגן זיין האַנט צו אירע ליפּן, צערייַנגעכאַפּט איינעם פון זיינע פינגער אין איר מויל און אים געביסן...

ווי זי האָט אים איצט געליבט, ווי שטאָלץ זי איז געווען אויף אים און ווי זי האָט אים פאַרגעטערט. ממש איר גאָט איז ער איצט געווען!

און בערציק האָט פאַר באַגייסטערונג און גליק קיין ווערטער נישט געפונען. ער האָט נאָר געמורמלט:

— אָך, חבר באָריס! אָך, חבר קאַליגין!...

באָריס האָט אויף דעם אַלעם געענטפערט:

— איך האָב נאָר געטון מיין רעוואָלוציאָנערע פליכט, נישט מער פון חבר קאַליגין. ער האָט געטון נאָך מער.

דערווייל האָט קאַליגין שוין געהאַט דאָרט פאַרטיק די פּראָקלאַ-

מאציע. ער האָט זי גאַנץ שטיל, כמעט פליסטערנדיק, איבערגעלייענט פאַר די איבעריקע.

דערנאָך האָט ער דערלאַנגט אַ פּעקל מיט פּראָקלאַמאַציעס בשר־ציקן און געזאָגט:

— מאָרגן מוז עס פאַרשפּרייט ווערן.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי אַלע געזעסן אויף שיפלען, האָבן זיך אַריבערגעשיפט אויף דער אַנדערער זייט אָזערע, ווו אַ חבר מיט אַ פערד און וואָגן האָט געוואַרט אויף זיי.

און שוין גאַנץ פרי אויף מאָרגן האָט די פּאָליציי געלייענט אַ פּראָקלאַמאַציע פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אַז זיי האָבן דער־הרגעט סאַוויצקין און פּאַרוואָס...

*　　　*

*

באָריס איז אַרויס פון זיין שטיבל מיט ליובאָן. זי האָט אים גענו־מען אונטערן אָרעם און זיך צוגעדריקט צו אים.

דאָס איז געווען אַ זייגער דריי נאָכמיטאָג, אין דעם אייגענעם טאָג, ווען די פּראָקלאַמאַציע איז דערשינען.

די זון האָט שטאַרק געבאַקן.

פּלוצלינג איז זיי אַנגעקומען אַנטקעגן אַ הויכער, ברייטער מאַן אין ציוויל־קליידער, מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד און ביסטרע אויגן, האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום דאַשעק פון זיין ברייט היטל, שטום דער־לאַנגט באָריסן אַ צעטעלע און האָט ווידער צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק און איז אַוועק.

באָריס האָט באַפרייט זיין אָרעם פון ליובאַס האַנט און אַריינגע־דרוקט דאָס צעטעלע אין קעשענע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ צעטעלע און ווער איז דער מאַן? — האָט ליובאַ אַ פרעג געטון פאַרוואונדערט.

באָריס האָט געענטפערט אַ ביסעלע נערוועז:

— מיר געפעלט עס נישט.

— וואָס?

באָריס האָט אַ טראַכט געטון און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— אַ חבר פון כאַסקעווע, געבראַכט אַ בריוו צו מיר פון אַן אַלטן

חבר, חיל טון ארבעט, מיר געפעלט אָבער נישט, וואָס ער דערלאַנגט מיר אָט די צעטעלעך. שוין דאָס צווייטע מאָל. וויל זיך מטמא מיט מיר טרעפן ערגעץ...

— ווייז, זעען דאָס צעטעלע. פאַרוואָס האָסטו עס באַהאַלטן?

— חייל מיט אַזעלכע צעטעלעך מוז מען זיין פאָרזיכטיק. אַנט־שולדיק, — האָט ער מיטאַמאָל זיך איבערגעשלאָגן, — דו גיי, איך וועל נאָר אַ קוק טון, וואָס ער שרייבט, און וועל עס צערייסן.

זי האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— טאָר איך נאָך אַלץ נישט וויסן פון אַלצדינג? אפשר איז דאָס גאָר פון אַ דאַמע?

און ער האָט געענטפערט אויך מיט אַ שמייכל און אין אַ שפּאַ־טעוודיקן טאָן:

— פון אַ דאַמע? גלייב מיר, אַז ווען עס וואָלט געווען פון אַ דאַמע, וואָלט איך דיר עס תיכף געגעבן צו לייענען, ווייל איך וואָלט דיך געוואָלט מאַכן אַ ביסל אייפערזיכטיק. אַזוי־ווי אָבער דאָס איז פון אַ חבר, וועלכער וויל דורכויס זיך דערוויייל האַלטן קאָנספּיראַטיוו אפילו פון זיינע אייגענע חברים, האָב איך נישט קיין רעכט אפילו דיר עס צו געבן לייענען, און דערפאַר...

— און דערפאַר מוז איך זיך אָפּטראָגן, — האָט זי אונטערגעכאַפּט אין אַ שפּילעוודיקן טאָן, — וויפיל טריט?...

— צייל: איינס, צוויי, דריי, און נאָך אַמאָל דריי!...

האָט זי געציילט און געמאָלט די טריט:

— איינס, צוויי, דריי, און נאָך אַמאָל דריי!

און זי האָט זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט מיט אַ לאַכעדיק פּנים.

באָריס האָט אַרויסגענומען דאָס צעטעלע פון דער קעשענע און איבערגעלייענט.

עס איז געווען פון דער זשאַנדאַרם־קאַנצעלאַריע. איינער פון די אָפיצירן, מיט וועלכן ער האָט זיך נאָך ביז צהער קיינמאָל נישט גע־טראָפן, האָט אים אויפגעפאָדערט, אַז פּונקט פיר אַ זייגער היינט נאָכ־מיטאָג, זאָל ער זיין אויף אַ געוויסן פּלאַץ, וו ער האָט זיך פריער אַמאָל אויך מיט סאָוויצקין געטראָפן.

„בא אַן אַנדערן טייוול אין די נעגל, און אפשר נאָך אַן ערגערן!" — האָט ער אַ טראַכט געטון. — „שלעכט, איך וועל אַפנים מוזן גיין פון טייוול צום טייוול!"

ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און פאַרברענט דאָס צעטעלע אויף אַש.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו ליובאַן און זיך באַמיט צו שמייכלען.

— וואָס דען? איך האָב געוווּסט, אַז ער וויל זיך טרעפן מיט מיר. און, ווי עס ווייזט אויס, וועגן אַ וויכטיקן ענין. דו וועסט מיר מוזן אַנטשולדיקן, ליובאַ, איך וועל דיך באַגלייטן ביז דער שטאָט, באַלדעם וועל איך מוזן נעמען אַ דראָזשקע און פאָרן ערגעץ.

און זיי זענען אַוועק צו דער שטאָט צו...

שפּעטער איז באָריס געזעסן אויף אַ דראָזשקע און איז געפאָרן אויפן אַנדערן עק שטאָט און פאַר זיינע אויגן האָט זיך געטראָגן דער טונקעלער טראַקטיר אויף איינעם פון די הינטער-געסלעך, ווו ער האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט סאַוויצקין.

אַהין איז ער איצט געפאָרן.

אויפן האַרץ איז אים געווען שווער איצט. ער האָט געטראַכט:

„איין קאָפּ אָפּגעהאַקט, איז גלייך נאָך אַ געפערלעכער, — נישט אַרויסצורייסן זיך! וואָס טוט מען?!... אַך, ווען די באָמבע וואָלט נעכטן אים אויפגעריסן! סיי-ווי-סיי, קיין אַנדערן אויסוועג, ווי צו מאַכן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו זיין מיזעראַבעלן לעבן, זעט ער נישט פאַר זיך!"...

יאָ, יאָ, ער איז אַ פליג אינם שפּינוועבס, וואָס ער אַליין האָט אויסגעוועבט פאַר זיך! נו, זאָל זיין אַז נישט מיט זיין אייגענעם ווילן. נו, זאָל זיין, אַז ער איז געטריבן געווען דערצו פון אַ פרעמדן, פון אַן אכזריותדיקן ווילן, פון אומגעראָמאַלע אומשטענדן, ניין, ניין, זיין אייגענער ווילן האָט אים געטריבן דערצו, דער ווילן צו לעבן אונטער אַלע אומשטענדן, די מורא צו פאַרלירן דאָס לעבן, די טויט-שרעק... קאָליגין אויף זיין פּלאַץ וואָלט אַנדערש געהאַנדלט, ער וואָלט זיך געלאָזט צען מאָל אומברענגען איידער צו פאַרראַטן אַ חבר. אַזוי קאָליאַ, אַזוי אַלע, אַלע חברים, אפילו דעם נערוועזער צייטלין. און אַזוי די פרויען, אַלע, אַלע... וואָלט ליובאַ, ווי שוואַך און צאַרט זי איז נישט, פעיק געווען אַרויסצוגעבן חברים? אָ, ניין, נישט אפילו ווען זי וואָלט הונדערט מאָל געזען דעם טויט פאַר אירע אויגן! פאַרקערט, זי וואָלט ערשט געפילט די העכסטע רעוואָלוציאָנערע באַפרידיקונג אין אַזאַ טויט...

ליובאַ, ווען זי וועט אַמאָל זיך דערוויסן... ווען ער וואָלט געקאָנט שטאַרבן מיט איר אײַנעם, אַז שטאַרבנדיק זאָל זי נאָך מיינען, אַז ער איז ער... נאָך דעם מעגן אפילו די אַנדערע זיך דערוויסן!

באָריס האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק, וואָס ליובאַ וועט זיך אַמאָל דערוויסן, ווער ער איז געווען אפילו נאָך זיין טויט...

נאָכדעם האָט ער געטראַכט:

„ווען ער וואָלט זיך געקאָנט אַרויסרייסן פון דער זשאַנדאַרמעריע, — יעדע מינוט פון זיין לעבן וואָלט ער אַוועקגעגעבן דער רעוואָלוציע, ביז זיין לעצטן אָטעם. די רעוואָלוציע מוז זיגן. איצט, נאָך דעם טויט פון פּלעווען, איז ער זיכער אין איר זיג...

„אפשר איז איצט, ווען סאַוויצקי איז שוין מער נישטאָ, דער ריכטיקער מאָמענט פאַר אים צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, און דערנאָך... וואָס דערנאָך? די זשאַנדאַרמעריע וועט דאַן גלייך אָפּדרוקן ווער ער איז געווען און ער וועט מוזן דערנאָך אַנטלויפן פון די חברים!...

„ניין, קיין אויסוועג איז פאַר אים נישטאָ, נישטאָ!“...

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ טונקל, אַלט הויז, וועלכעס איז עס געווען דער טראַקטיר, וווּ באָריס האָט זיך געזאָלט טרעפן מיט דעם זשאַנדאַרם-אָפיציר.

ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר פונם טראַקטיר, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ מיטלוויקסיקער מאַן אין ציוויל-קליידער, מיט אַ שיין, שוואַרץ, פראַנצויזיש בערדל — אַ מאַן דורכויס העפלעכקייט און שמייכל, האָט מען געקאָנט מיינען — און ער האָט העפלעך אַ ווונק געטון צו באָריסן, אַז ער זאָל אים נאָכגיין.

באָריס איז אַריין מיט אים אין אַ הינטערשט צימער.

דער מאַן האָט צוגעמאַכט די טיר און דערנאָך זיך אַ קער געטון צו באָריסן מיט זייער אַ העפלעכער פאַרנייגונג.

— אַלעקסעי אַלעקסעיעוויטש דובראָווסקי, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פריילעכן שמייכל, כמעט פריינדלעך, — פאַרנעם דערווייל דעם פּלאַץ פון אונזער פריינט דעם מאַרטירער קאַזימיר אַדאַמאָוויטש, איך האָב אייך איינגעלאַדן, כדי... אָבער לאָזט מיך פריער דריקן אייער האַנט, — ער האָט באָריסן געדריקט די האַנט — איך האָף, אַז מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען ווייטער אין דעם זעלביקן גייסט און אַזוי טריי,

ווי מיר האָבן געאַרבעט פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם. זעצט זיך, זייט אַזוי גוט.

באָריס האָט זיך געזעצט. דובראָווסקי קעגן אים.

דער זשאַנדאַר האָט פאַררייכערט אַ ציגאַר און דערלאַנגט איינעם אויך באָריסן. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן. נאָך אַלץ העפלעך און מיט אַ שמייכל:

— אַזאַ געשיכטע, מיין פריינט. ווען מיר האָבן איבערגעלייענט היינט די פּראָקלאַמאַציע פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, איז אונז די געשיכטע געוואָרן אַ ביסל קשהדיק: ווו זענט איר געווען? מ'האָט געפּלאַנט אַזאַ פאַרברעכן קעגן קאַזימיר אַדאַמאָוויטשן און איר האָט נישט געוווסט! ווו זענט איר געווען? און ווי אַזוי האָט איר נישט געוווסט, אַז די חברים פּלאַנעווען אַזאַ פאַרברעכן? פאַרשטייט זיך, מיין פריינט. דאָס איז נישט קיין באַשולדיקונג, אָבער קשהדיק איז עס, דאָס מוזט איר אַליין צוגעבן!...

אויף דעם האָט באָריס געענטפערט רויק:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַלעקסעי אַלעקסעיעוויטש. ערשט אינדערפרי איז מיר אַריינגעפאַלן אָט די פּראָקלאַמאַציע פון וועלכער איר רעדט. און איך בין אַליין אַזוי איבערראַשט געוואָרן, אַז מיר האָט זיך פּשוט דאָס נישט געגלייבט. איך האָב זיך אַליין געפרעגט, און איך מוז אייך זאָגן, אַז געפרעגט האָב איך זיך דאָס מיט אַן אומרויק הארץ: וויאַזוי האָב איך דערפון נישט געוווסט? און איין ענטפער איז פאַראַן אויף דעם: געטון האָבן דאָס די צוויי חברים, וועלכע זענען געקומען אַהער מיט צוויי טעג צוריק פון מאָסקווע...

— פון מאָסקווע? — האָט זיך אַ כאַפּ געטון דער זשאַנדאַר דובראָווסקי.

— יאָ, דער פאַרשטאָרבענער קאַזימיר אַדאַמאָוויטש האָט דערפון געוווסט. דעמזעלביקן טאָג, ווען איך האָב געהערט, אַז זיי זענען געקומען, האָב איך אים געלאָזט וויסן...

— נו?

— איך האָב געוואַרט, אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט זיי און אויסגעפינען זייערע פּלענער, אָבער, ווי עס שיינט, האָבן זיי מיך אויסגעמיטן, ווי זיי האָבן אויסגעמיטן די מערסטע פון די חברים...

— היינט פון וועמען האָט איר געהערט, אַז זיי זענען דאָ? — האָט דובראָווסקי שנעל אַ פרעג געטון.

— פון אייגעם אַ חבר. אַ כשרן אַרבעטער, וועלכער איז מיר זייער בעטריי און וועלכן איך נוץ שטענדיק אויס פאַר אונזער צוועק.

— און דער חבר האָט געוווּסט, און איר נישט ?

— דער חבר האָט געמוזט וויסן, ווייל זיין איינציקע אַרבעט צווישן די חברים איז, צו פאַרזאָרגן מיט אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר חברים, וועלכע קומען אַהער פון אַן אַנדערער שטאָט.

דובראָווסקי האָט דאַן אַ ווײַלע געשוויגן און געקוקט באַריסן גלייך אין פּנים אַריין נאָך אַלץ מיט אַ פריינטלעכן שמייכל.

— און די צוויי חברים פון מאָסקווע, מיינט איר ?... און ווו זענען זיי איצט ?

— נעכטן אַוועקגעפאָרן פון דער שטאָט. איך האָב ערשט פריער זיך דערוווּסט וועגן דעם פון אָט דעם אייגענעם חבר.

דער העפלעכער דובראָווסקי איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן פאַר ויפּ· רעגונג און זיינע ערשט-פריינטלעכע אויגן האָבן געקוקט אויף באַריסן שאַרף און שפּיציק.

— וואָס הייסט עס ? — האָט ער זיך צעשריגן, — ווי אַ קאָמעדיע קלינגט עס ! וואָס הייסט, זיי זענען נעכטן אַוועקגעפאָרן ! דערהרגעט קאַזימיר אַדאַמאָוויטשן און אַוועקגעפאָרן. ווי הייסט אָט דער אַרבעטער ? איך וויל זיין נאָמען און ווו מען געפינט אים !

באַריס האָט זיך אָבער איצט אויך נישט פאַרלוירן. ער האָט זיך רויק אָנגערופן :

— אַלעקסעי אַלעקסעיעוויטש, דאָס קאָנט איר נישט פאַרלאַנגען פון מיר, סיידן איר ווילט מיך אַרויסגעבן צו די חברים. און אייער זאַך וועט דערפון נאָר פאַרלירן, ווייל בײַ אָט דעם אַרבעטער, וועט איר קיין זאַך זיך נישט דערוויסן, ווען איר זאָלט אים אפילו צעשניידן אויף שטיקער. איך פאַרזיכער אייך, קאַזימיר אַדאַמאָוויטש וואָלט עס פאַר· שטאַנען, אַלעקסעי אַלעקסעיעוויטש...

דובראָווסקי איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און אַ ווײַלע גע· שפּאַנט איבערן צימער הין און צוריק און געשוויגן.

דאַן האָט ער אַ צי געטון די אַקסלען און אַרויסגעמורמלט :

— דער טייוול אַליין וועט דאָ נישט דערגיין קיין טאָלק !...

ער האָט זיך פלוצלינג אויסגעדרייט צו באַריסן און זיך אָנגערופן שוין ווידער העפלעך און מיט אַ שמייכל :

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיין פריינט, געוויינלעך בין איך

א מענטש נישט קיין אויפגערעגטער, נאָר אַט דאָס פאַרברעכן קעגן קאַזימיר אַדאַמאָוויטשן האָט מיך א ביסל פון מיין גלייכגעוויכט אַרויס-געשלאָגן. אָבער רעכט, וואָס פאַר א פלענער האָט איר?

— אויסצוגעפינען, ווער עס האָט דורכגעפירט דעם אַטענטאַט — האָט באָריס געענטפערט.

— דאָס איז, וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך — האָט באַמערקט דובראָווסקי.

און ער האָט צוגעלייגט:

— מיין פריינט, איר האָט איצט א געלעגנהייט צו געווינען אונזער אַלעמענס צוטרוי. איך מוז אייך זאָגן, אז אין דער לעצטער צייט האָט קאַזימיר אַדאַמאָוויטש אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם צוטרוי צו אייך.

— דאָס איז פאַר מיר א נייעס, — האָט באָריס געזאָגט, — מיר אַליין, פאַרקערט, האָט דער פאַרשטאָרבענער שטענדיק אַרויסגעוויזן דעם פולסטן צוטרוי, וויניקסטנס אין זיינע שמועסן צו מיר...

— דאָס קאָן זיין, — האָט דובראָווסקי א שמייכל געטון, — אָבער מיר וועלן דערפון מער נישט רעדן. איך, מיין פריינט, האָב צו אייך דעם פולסטן צוטרוי. אַרבעט, און זאָל דער דאָזיקער צוטרוי מיינער נאָך פאַרשטאַרקט ווערן.

און אין א ווילע אַרום, איז באָריס געפאָרן צוריק אויף דער דראָזשקע אַהיים און ער האָט געטראַכט:

„אַנטלויפן, אַנטלויפן קיין אויסלאַנד און מעג דערנאָך זיין וואָס עס וויל !.

בײַ קאַליגינען אין הויף

ארום פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג איז דאָס געווען, אין אַ וואָך אַרום.

קאַליגין איז געזעסן אויף אַ שיפל און מיט אַ ווענטקע געזוכט אין זיין אָזערע.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט, אַז עמעצער רופט אים פונם ברעג. קאַליגין האָט זיך אויסגעדרייט און דערזעען בערציקן.

ער האָט זיך פאַרוואונדערט: געוויינלעך זענען די חברים נישט געקומען צו אים אָן זיין וויסן, בפרט ער, בערציק.

ער האָט אַרויסגעצויגן די ווענטקע פונם וואַסער און דערנאָך זיך צוגעשיפט צום ברעג. נאָך אַלץ מיט אַ פאַרוואונדערט פנים.

— וואָס איז, חבר בערציק, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט ער שנעל אַרויסגערעדט, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפן ברעג.

— איך בין געקומען אַהער מיטן חבר פונם אויסלענדישן קאָמי־טעט — האָט בערציק געענטפערט אין זיין שלעכטן רוסיש. — ער מוז אייך גלייך זען.

— דער חבר פונם אויסלענדישן קאָמיטעט? ווען איז ער געקו־מען? — האָט קאַליגין זיך אָנגערופן.

— ער איז שוין דאָ עטלעכע טעג. און ערשט היינט האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם. ווען ער איז געקומען צו מיר און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אים ברענגען צו אייך, ווייל ער מוז אייך זען...

— וועגן וואָס ווייסט איר נישט?

— ער האָט מיר נישט געזאָגט און איך האָב בײַ אים נישט גע־פרעגט, חבר קאַליגין. אָבער ווי איך פאַרשטיי, מוז עס זיין וועגן עפּעס זייער אַ וויכטיקער זאַך.

— ווו איז ער ?

— ער װאַרט דאָרט אויף אייך אין װאַלד באַם װעג.

קאַליגין איז אַװעק נאָך בערציקן.

און באַלד זענען זיי אַריין אין אַ טונקעלן װאַלד, און קאַליגין האָט דערזעען זיין גוט-באַקאַנטן חבר, אַ מיטגליד פונם אויסלענדישן קאָמיטעט.

יענער איז געזעסן אויף אַן איינגעפאַלענעם בוים, װעלכער איז דאָרט געלעגן מיט זיינע גרויסע נאַקעטע צווייגן צעשפּרייט, אַ טויטער, שטומער בוים צווישן אַ װאַלד מיט לעבעדיקע און רעדנדיקע ביימער.

װען יענער האָט דערזעען קאַליגינען און בערציקן, האָט ער זיך אויפגעהויבן.

אַ מאָגערער, שמאָל-אַקסלדיקער ייד איז דאָס געװען, מיט אַ שװאַרצער באָרד און אין ברילן, האָט אויסגעזעען ווי אַ קליינשטעטלדיקער יידישער לערער. מיד און אָפּגעלאָזט.

קאַליגין האָט זיך צעקושט מיט אים.

— װען ביסטו געקומען, מאַטװעי ? — האָט ער געפרעגט, קוקנדיק אויף דעם ייד מיט װאַרעמע האַרציקע אויגן.

— אָ, שוין עטלעכע טעג, — האָט מאַטװעי געענטפערט מיט אַ הייזעריקלעך קול, — איך מוז מיט דיר רעדן.

— מיט מיר אַליין ?

— ניין, חבר בערציק מעג אויך זיין דערביי, — האָט מאַטװעי געזאָגט.

— קומט ! — האָט קאַליגין זיך אָנגערופן, — איך האָב דאָרט אַ ליידיק שטיבל...

און ער האָט זיי געבראַכט צו אַ שטיבל, װאָס איז געשטאַנען טיפער אינעם װאַלד.

קאַליגין האָט געעפנט די טיר און איז מיט זיי אַריין אינעם שטיבל.

דאָרט זענען געשטאַנען אַ פּאָר הילצערנע בענקלעך, האָט קאַליגין מיט זיינע צוויי חברים זיך אויף זיי געזעצט און דערנאָך האָט מאַטװעי מיט אויפרעגונג אינעם קול זיי פלוצלינג דערקלערט :

— חברים, איר זאָלט װיסן, אַז מיכאַיל איז באַ אייך אין שטאָט !

— וואָס הייסט? — האָט קאַליגין זיך אָנגערופן פאַרוווּנדערט, — ער איז דען אויפגעשטאַנען תחית-המתים? עס איז דאָך געווען געמאָלדן, אַז מען האָט אים דערהרגעט?

— דאָס האָט ער אַליין וועגן דעם געמאָלדן אין יענער צייטונג. דאָס איז קלאָר. כדי צו פאַרווישן זיינע שפורן און כדי מען זאָל אים דאָ נישט זוכן.

בערציק איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און האָט זיך איינגעגעסן מיט אויפגערעגטע אויגן אין מאַטהעיס געזיכט.

— ווו איז ער? — האָט ער אַרויסגערעדט פאַרשטיקט.

מאַטוועי האָט טרויעריק אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

— איר קענט אים אַלע, איר אַלע גלייבט אין אים.

— מיר קענען אים? — האָט קאַליגין אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן.

— יאָ, אונטערן נאָמען באַריס...

קאַליגין איז אויפגעשפרונגען, און אַן אויסדרוק האַלב פון אַ שפּאָטישן שמייכל און האַלב פון אַ צעטומלטקייט איז אויף אַ רגע פאַרגליווערט געוואָרן אויף זיין פנים און אין זיינע אויגן. דערנאָך האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן:

— דו ווייסט וואָס דו רעדסט, מאַטוועי?!

— איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן וואָרט, וואָס איך זאָג, — האָט מאַטוועי געענטפערט.

און בערציק האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס לשון און איז געשטאַנען מיט ווייט-אויפגעריסענע אויגן און אַן אָפן מויל און האָט געקוקט אויף מאַטוועיען און אויף קאַליגינען.

קאַליגין האָט געמורמלט:

— עפּעס אַ טעות, אַ פאַרברעכערישער טעות. דאָס קאָן נישט זיין!

— קיין טעות — האָט געערדט מאַטוועי, — איך קען אים גוט. וואָרים אַמאָל איז ער געווען מיין בעסטער פריינט. צוזאַמען מיט אים האָב איך געאַרבעט אין דער פועלי-ציוניסטישער פּאַרטיי, ביז וואַנען מ'האָט אים אַרעסטירט און ער איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז היינט...

— אפשר איז דאָס נישט ער? — האָט קאַליגין אים איבערגעשלאָגן אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך געבעטן בײַ אים. — דו האָסט אים דען געטראָפן, גערעדט מיט אים?

מאַטוועי האָט ביטער אַ שמייכל געטון.

— צי איך האָב גערעדט מיט אים, וואָס פאַר אַ נאַיווע פראַגע! ווען איך וואָלט מיט אים נעכטן גערעדט, בעת איך האָב אים געטראָפן, צי ווען ער באַמערקט מיך אפילו דאַן, וואָלט איך איצט דאָ נישט געווען, איך בין זיכער אין דעם.

קאַליגין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק און געמורמלט:

באָריס דאַווידאָוויטש... וואָס איז דאָס?...

און בערציק איז איצט געשטאַנען און האָט זיך געווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פון זיין צעטומלט און צעפלאַמט פנים און געסאַפּעט.

מאַטוועי האָט גערעדט ווייטער:

— איר ווייסט דאָך, חברים, אַז די גאַנצע צייט האָבן מיר פאַרדעכטיקט, אַז ער אַרבעט בּאַ אייך אין ראַיאָן. מיר האָבן אָפּגעדרוקט זיינס אַ בילד, איז עס אָבער אַ בילד פון אַמאָל, מיטן בערדל און אָן פענסנע און נישט אַזאַ פּראַנט...

— יאָ, יאָ, — האָט קאַליגין געמורמלט ווי געקרעכצט, — ווייטער, ווייטער...

— איך וואָלט אים אָבער דערקענט, ווי זיין אויסזעען זאָל נישט געענדערט ווערן, וויל, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, ער איז געווען מיינס אַ נאָענטער פריינט. און דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין געווען באַ אייך אין שטאָט, איז מיין הויפּט-כּוונה געווען, אויסצוגעפינען אָט דעם פּראָוואָקאַטאָר. דערמאָן איך זיך, אַז אייער באָריס איז מיר שוין דעמאָלט געוואָרן אויפגעפאַלנד. אַ וויכטיקער חבר באַ אייך, געוואָלט זיך זעען מיט אים, און ער — עפּעס ווי ער וואָלט מיך אויסגעמיטן. איך בין פאַרבליבן דעמאָלט אַ פּאָר טעג מער באַ אייך אין דער שטאָט, כּדי צו זעען זיך מיט אים און דאָך זיך נישט געזעען. חבר בערציק האָט מיך שוין געפירט צו אים אהיים צוויי מאָל און ביידע מאָל איז זיין שטיבל געווען פאַרשלאָסן. נאָר איך האָב אַזוי פיל גוטס געהערט וועגן אים פון די חברים באַ אייך אין שטאָט, אַז סוף-כּל-סוף האָב איך שטאַרק זיך נישט פאַרטראַכט וועגן אים. דערווייל זענען באַ אייך ווידער צוויי חברים דורכגעפאַלן, שוואַרץ און אַנדרושאַ; אָבער באַלד קומט אָן די מעלדונג אין דער צייטונג, אַז מען האָט מיכאַילן דערהרגעט. לאָזט זיך דאָס גלייבן. דערהרגעט, הייסט עס, אַז מען דאַרף אים שוין מער נישט זוכן. דערהאַלטן מיר אָבער דערנאָך באַריכטן פון חברים פון יענעם ראַיאָן, ווו מיכאַיל איז כּלומרשט דערהרגעט געוואָרן, אַז די גאַנצע מעשה

איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, און אַז זיין דער צייטונג, אין וועלכער עס איז געווען געדרוקט דידאַזיקע ידיעה וועגן דעם, אַז מען האָט אים דערהרגעט. איז מען אויך נישט זיכער, אויב דידאָזיקע ידיעה איז אַן אמתע. איז דאָס אונז שוין געוואָרן שטאַרק פאַרדעכטיק, און דאַן האָב איך זיך ווידער דערמאַנט אָן אייער באַריכט. איך מוז אומבאַדינגט אים זען, טרעפן זיך מיט אים. שוין דערפאַר אַליין, כדי צו באַפרייען זיך פון אָט דעם פאַרדאַכט, וואָס האָט מיך אָנגעהויבן מוטשען. און מיטאַמאָל דער לעצטער דורכפאַל פון חבר ציטלין און חברטע בראָכקע. דאַן האָב איך באַשלאָסן צו האַנדלען. פריער אָוועקגעפאָרן אין דער שטאָט, וווּ ער האָט פריער געאַרבעט, נאָכגעפרעגט זיך בײַ חברים וועגן זיין אויסזען און כאַראַקטער און דערנאָך בין איך ערשט אַהערגעקומען. איך מוז אייך זאָגן, אַז זען איך בין געקומען פון יענער שטאָט אַהער, האָב איך שוין געוווּסט, אַז באָריס איז מיכאַיל, ווייל בײַ איינעם פון די דאָרטיקע חברים האָב איך געפונען אַ צעטעלע מיט זיין האַנטשריפט, וועלכע איך קען זייער גוט. און חוץ דעם האָב איך נאָך אַנדערע דאָקומענטאַלע באַווייזן געבראַכט מיט זיך... קומענדיק אַהער, האָב איך אויסגעמיטן אַלע חברים און אין געהיים גענומען נאָכשפּיאָנירן יענעם שטיבעלע, גאַטירלעך, באַנאַכט און אַזוי פאָרזיכטיק, ווי איך האָב געקאָנט. און מיטאַמאָל נעכטן — איך דערקען אים פונדערווייטנס. ער שפּאַצירט מיט חברטע ליובאַ...

קאַליגין איז אויפגעשפּרונגען פונם אָרט און האָט גענומען לויפן איבער דער שטוב, האָט געפּאַטשט מיט די הענט, זיך געריבן דעם שטערן און געמורמלט: „מ׳קאָן משוגע ווערן... באָריס דאַווידאָוויטש!... אָבער, מאַטוועי״, — האָט ער פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט, — ער האָט דאָך די גאַנצע צייט... מיט מיר, איך אַליין... מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך דאָך דאָס געזען! צוזאַמען מיט מיר זיין לעבן איינגעשטעלט... ערשט דאָ נישט לאַנג סאַוויצקין... ווי קאָן דאָס זיין?

פאַר אויפרעגונג האָט ער געפּלאָנטערט די ווערטער און געאָטעמט שווער מיט זיין גאַנצן קערפּער.

מאַטוועי האָט געענטפערט:

— אָט דאָס איז ער, און דאָס איז פאַר אונז גענוג! און וועגן זיינע טעראָריסטישע אַקטן — וועגן דעם זאָלן טראַכטן יענע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּאַטאָלאָגיע. מיר פאַרנעמען זיך נישט דערמיט!...

בערציק איז איצט געזעסן אַן איינגעקאָרטשעטער אויף אַ באַנק

מיטן רוקן צו קאַליגינען און מאַטוועיען, האָט געבראָכן די הענט, גע־שאָקלט זיך מיטן גאַנצן איינגעהויקערטן קערפּער און פאַרצווייפלט גע־טענהט צו זיך אַליין:

„היינט וועמען זאָל מען איצט גלייבן, וועמען, וועמען?“

און מיטאַמאָל איז קאַליגין צוגעלאָפן צו מאַטוועיען און אים אַ פּאַק געטון באַם אַקסל און דורך פאַרשטשעמעטע ציין אַרויסגעברומט אים אין פּנים אַריין:

— מאַטוועי, אפשר ביסטו אויך אַ פּראָוואָקאַטאָר? אפשר איך אויך, ווי קאָן מען וויסן, האַ? ! אַך, טייוול, טייוול!...

און דער שטאַרקער, שטענדיק רויקער קאַליגין האָט גענומען ציען מיט דער נאָז, האָט אַפּגעלאָזט מאַטוועיס אַקסל, און צוגעגאַנגען צו אַ באַנק, האָט זיך ווידער אַרונטערגעלאָזט אויף איר און צוגעדריקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך אַ קער געטון צו מאַטוועיען מיט אַ פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אָן אַ שיעור ליידן.

— ווען דו זאָלסט וויסן, מאַטוועי, ווי מיר אַלע האָבן אין אים געגלייבט, יעדעס וואָרט זיינס איז געווען הייליק פאַר אונז אַלעמען...

— דאָס ווייס איך און דערפאַר...

מאַטוועי האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בוזים אַ צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר און גערעדט ווייטער:

— מיר איז געלונגען אַרויסצובאַקומען אָט דעם דאָקומענט פון דער דאָרטיקער זשאַנדאַרם-קאַנצעלאַריע, וווּ ער האָט פריער געאַרבעט באַ סאַוויצקין, לייען!...

קאַליגין האָט גענומען לייענען. דער דערשלאָגענער בערציק איז אויך צוגעלאָפן און האָט אויך אַריינגעקוקט אין דעם דאָקומענט.

קאַליגין האָט איבערגעלייענט דעם דאָקומענט און פאַרשטעלט די אויגן מיט אַ האַנט.

ער האָט אַ שוידער געטון, אַוועקגענומען די האַנט פון די אויגן, אָפּגעגעבן דעם דאָקומענט צוריק מאַטוועיען און האָט גענומען לויפן איבער דער שטוב הין און צוריק און שווער געאָטעמט.

בערציק האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און אַרויסגעמורמלט:

„הייסט עס, טאַקע ער! אוי-אוי-אוי!“...

מיטאַמאָל האָט זיך קאַליגין צעשריגן אויף אַ קוויטש:

— איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס ער האָט אַזוי געוואָרנט, אַז

טע זאָל זיך היטן צו פאַרדעכטיקן די אייגענע חברים! ער גלייבט אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען... אָך, דו אויסוווּרף, פאַרוואָס האָסטו נישט קיין געגנדליך לעבנס, פאַר יעדן לעבן, וואָס דו האָסט אומגעבראַכט, אַ לעבן, — דו אויסוווּרף!...

פלוצלינג האָט בערציק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— די גאַנצע ליטעראַטור, וואָס איז געווען בײַ חברטע ליובאַ, איז איצט בײַ א. ב. — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— וואָס הייסט? — האָט מאַטווײ געפרעגט.

— מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, האָב איך אַליין די ליטעראַטור איבערגעפירט צו אים אויף דער קוואַרטיר. ער האָט געזאָגט, אַז בײַ אים איז אַ מער זיכערער פּלאַץ ווי בײַ חברטע ליובאַ.

— האָט דער צע־קאַ דערפון געוווּסט?

— דאָס ווייס איך נישט, — האָט בערציק געענטפערט.

— האָסטו דערפון געוווּסט? — האָט מאַטווײ זיך אַ קער געטון צו קאַליגינען.

— ניין! — האָט קאַליגין געענטפערט.

מאַטווײ האָט אַ טראַכט געטון, און דערנאָך געזאָגט:

— מיר מוזן זי גלייך זען. זי טאָר אָבער דערווייל פון קיין זאַך נישט וויסן. ווי איך פאַרשטיי זענען זיי אינטימע פריינט.

קאַליגין האָט זיך אָנגערופן פאַרביטערט:

— אפשר איז זי אויך. איך גלייב איצט אויף אַלעמען!...

— אויף איר גלייב איך נישט, — האָט מאַטווײ באַשטעטיקט. — ניין, אַ פרוי איז נישט פעיק אויף דעם. אָבער פאָרזיכטיק מוז מען זיין מיט איר, ווען זי ליבט אים.

— דו וועסט דאָ וואַרטן? — האָט קאַליגין זיך ניטאָמאָל אַ כאַפּ געטון, — איך שפּאַן איין אַ פּאָר פערד און פאָר צו צו איר מיט בערציקן. אין אַ שעה אַרום זענען מיר דאָ צוריק.

— און אַז איר וועט זי נישט טרעפן?

בערציק האָט זיך אָנגערופן:

— אַרום אָט דער צייט איז זי שטענדיק אינדערהיים, אין טעטשערע.

— און אויב יענער איז מיט איר? — האָט מאַטווײ געזאָגט.

בײַ קאַליגינען האָבן זיך די אויגן אַ צינד געטון און ער האָט געענטפערט:

— וועלן מיר אים אויך ברענגען אהער. די אַנדערע איז דערבײַ ...

— פּאַרזיכטיק און רויק. מיר מוזן זײַן זייער פּאַרזיכטיק. — האָט מאַטוועי באַמערקט און צוגעלייגט, — ניין, אויב ער וועט אויך זײַן מיט איר, זאָלסט איר דערווײַל זי לאָזן צורו. אַפּילו קיין איין וואָרט נישט, איר הערט ?...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געטראָגן איבערן שליאַך אַ ברישטשקע מיט קאַליגינען און בערציקן. די צוויי ברוינע פערד, וואָס זענען געווען אײַנגעשפּאַנט אין דער ברישטשקע, האָבן זיך ווי מיט אַ כּעס געיאָגט, אַזוי ווי קאַליגין וואָלט זיי איבערגעגעבן זײַן אייגענעם צאָרן...

* *

*

אין ווייניקער פון אַ שעה צײַט זענען זיי געקומען צוריק מיט ליובאַן.

בערציק איז דער ערשטער אַרײַנגעלאָפן אין שטיבל, וווּ מאַטוועי האָט געוואַרט, און האָט אים שטיל אָנגעזאָגט :

— זי ווייסט נאָר, אַז איר זענט דאָ, און מער גאָרנישט !

דערנאָך איז ליובאַ אַרײַנגעקומען מיט קאַליגינען. ער האָט איצט אויסגעזען אַזוי רויק ווי שטענדיק, און זי האָט געשמייכלט.

— אָ, חבר מאַטוועי ! — האָט זי פריילעך אויסגעשריגן, איז צוגעלאָפן צו אים און האָט אים געדריקט די האַנט.

— וואָס מאַכט עפּעס חברטע ליובאַ ? — האָט מאַטוועי זיך אָנגערופן רויק און מיט אַ פרײַנטלעכן שמייכל. — בײַ אײַך איז פריילעך אין שטאָט. איר טוט דאָ אויף גוטע אַרבעט.

— חבר קאַליגין און חבר באָריס ! — האָט זי געזאָגט און האָט זיך אינגאַנצן צעשטראַלט.

בערציק האָט זיך צונויפגעהויקערט אין אַ ווינקעלע און איז געשטאַנען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ.

און קאַליגין האָט זיך געשטעלט לעבן מאַטוועיען און נישט אַרונטערגענומען זײַנע אויגן פון ליובאַן.

מאַטוועי האָט דאַן געזאָגט :

— יאָ, חבר קאַליגין און חבר... (ער האָט איצט נישט אַרויסגע־בראַכט דאָס וואָרט באָריס), זיי האָבן געטון גוטע אַרבעט.

ער איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן און איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל די שטוב הין און צוריק. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ווידער פאַר ליובאַן און זי מיטאַמאָל אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, חברטע ליובאַ, וואָס זענען אײַערע באַציִונגען מיט... חבר באָריס?

ליובאַ האָט אַ קוק געטון אויף אים פאַרוווּנדערט מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, טוגדעסטוועגן האָט זי אים געענטפערט:

— מיר זענען מאַן און ווײַב, פאַר מײַנע עלטערן חתן־כּלה דער־ווײַל.

— הייסט עס, אַז איר קענט אים גוט, אײַער מאַן?

— איך גלייב אַזוי, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

מאַטוועי האָט אַ ווײַלע ווידער געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— אויב ער איז אײַער מאַן, קענט איר מיר נישט זאָגן, צי האָט איר נישט באַמערקט אַ שניט בײַ אים אויפן האַלז?

און גלײַך איז ליובאַ צעמישט געוואָרן. ווײַל אין דער אייגענער רגע האָט איר אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ די וואָרנונג אין דער צײַטונג, אַז באַם פּראָוואָקאַטאָר מיכאַיל איז דאָ אַ שניט אויפן האַלז...

זי האָט אַ טראַכט געטון:

„פאַרוואָס פרעגט ער דאָס?"

און זי האָט געענטפערט אַ ביסל צעטומלט:

— איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס איר פרעגט דאָס, חבר מאַטוועי.

— ענטפערט מיר, חברטע, אויף אָט דער פראַגע: האָט איר באַ־מערקט בײַ אײַער מאַן אַ שניט אויפן האַלז?

— איך געדענק נישט. איך גלייב, אַז נישט.

— ווי אַזוי קאָן דאָס זײַן, אַז איר זאָלט עס נישט האָבן באַ־מערקט — האָט זיך אַרײַנגעמישט קאַליגין, און געקוקט שוין אויף איר מיט פינצטערע אויגן.

— מסתּמא איז נישט געווען, וואָס צו באַמערקן. און איבערהויפּט, חברים, וואָלט איך וועלן וויסן, פאַרוואָס איר פרעגט דאָס מיך? — איז ליובאַ געוואָרן נאָך מער צעמישט.

מאַטוועי האָט ביטער אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— הייסט עס, איר געדענקט נישט, גלייבן מיר אײַך. איצט,

חברטע, נאָך אַ פראַגע: איר האָט אים איבערגעגעבן די ליטעראַטור. וואָס נאָך?...

האָט ליובאַ אַ טראַכט געטון:

„אהאַ, אָן אויסרייד, פאַרוואָס איך האָב אים איבערגעגעבן די אַרבעט!“

— אים גלייב איך מער ווי זיך, — האָט זי געענטפערט, — און נאָכן דורכפאַל פון חבר צייטלין און חברטע בראָכקע, האָב איך גערעכנט, אַז בײַ אים אין די הענט וועט עס זיין זיכערער, ווייל ער איז קיינמאָל נישט דורכגעפאַלן אין אַלץ וואָס ער האָט זיך נישט אונטערגענומען...

— ווייסט דערפון דער צע-קאַ?

— איך קלויב זיך צו מעלדן אים וועגן דעם.

— האָט איר דאָס געטון נישט אָנפרעגנדיק זיך אפילו בײַ אים?

— די אַרבעט פון באַריסן דאַרף זיין אַ גאַראַנטיע, אַז איך האָב עס געמעגט טון, — האָט ליובאַ געענטפערט.

— ווייל ער אַליין איז קיינמאָל נישט דורכגעפאַלן? — האָט מאַטוועי זיך אָנגערופן מיט שפּאָט אין זיין קול. — איר ווייסט פאַרוואָס ער איז נישט דורכגעפאַלן? — האָט מאַטוועי פּלוצלינג מיט האַס אויסגעשריגן, — ווייל עס איז נישט געווען קיין מיכאַיל, וועלכער זאָל אַרויסגעבן אייער מיכאַילן!...

ליובאַ האָט לכתחילה נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט. זי איז אָבער נאָך מער צעטומלט געוואָרן פון זיין געשריי און רויט געוואָרן.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס מיינט איר? — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

קאַליגין איז צו איר צוגעלאָפן און האָט איר אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין:

— איר פאַרשטייט נישט? מען רעדט דאָך צו אייך קלאָרע ווערטער. אייער באָריס איז דאָס ער אַליין, דער אויסוואורף מיכאַיל...

ליובאַ האָט זיך אַ זעץ געטון אויף אַ באַנק און איז געבליבן זיצן אָן לשון. זי איז אַ ווײַלע געזעסן און האָט געקוקט דאַ אויף קאַליגינען און דאַ אויף מאַטוועיען ווי אַ משוגענע. דערנאָך האָט זי זיך שטיל צעלאַכט.

— וואָס איז דאָס, אַזאַ וויץ? — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט מיט ציטערנדיקע ליפּן.

מאַטוועי איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט געזאָגט:

— לײַדער, חברטע ליובאַ, איז דאָס אַ טרויעריקער אמת!

— וואָס? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿון איר אָרט און איז געוואָרן בלייך. — וואָס איז אַן אמת?

— אַז אײַער מאַן, אָט דער באָריס, איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער פּראָוואָקאַטאָר מיכאַיל! — האָט געענטפֿערט מאַטוועי.

— מײַן... — האָט זי נאָר געקאָנט אַרויסרעדן און אירע אויגן, ווי בײַ אַ משוגענער, האָבן זיך אײַנגעגעסן אין זײַן פּנים און האָבן געקוקט און געקוקט.

און מיטאַמאָל האָט זי אַרויסגעמורמלט.

— איר זענט אַ ליגנער!

און זי האָט זיך ווידער שטיל צעלאַכט מיט היסטערישע טענער.

— באַרויקט זיך, חברטע, — האָט מאַטוועי זיך אָנגערופֿן זייער ווייך. — איר פֿאַרשטייט דאָך, אַז קיין בלבול וועלן מיר אויף אים נישט מאַכן, ווען מיר וואָלטן נישט געווען אַזוי זיכער...

— וואָס זיכער? אין וואָס זיכער? — האָט זי געמורמלט, און נאָך אַלץ געקוקט אויף אים מיט אויגן, ווי זי וואָלט זיך פֿונעם זינען געריִרט. — איר זענט געקומען מײַך משוגע מאַכן?

— איך בין געקומען ראַטעווען אונזער זאַך, די אַרבעט און די לעבנס פֿון אונזערע חברים און חברטעס. דערמאַנט זיך נאָר וויפֿיל לעבנס אײַער באָריס-מיכאַיל האָט שוין אַ מגעבראַכט!...

אַזוי ווי מ׳וואָלט איר געטאָן אַ פֿײַערדיקן שניט איבערן האַרץ, איז זי אויפֿגעשפּרונגען און אים באַפֿאַלן מיט אַ היסטערישן געשריי:

— איך גלייב אײַך נישט. איך קען אײַך נישט. לאָזט מיך צורו. רעדט נישט, רעדט נישט... אים קען איך. אים גלייב איך.

מאַטוועי האָט ווייטער גערעדט צו איר מיט רחמנות:

— און דערפֿאַר איז ער אַזוי געפֿערלעך, חברטע. ווײַל ער קען אַזוי אײַן זיך מאַכן גלויבן. חברטע, איך קען אים. ער איז אַמאָל געווען מײַן בעסטער פֿרײַנט, האָט געאַרבעט מיט מיר אין דער פּועלי-ציוניסטישער פּאַרטיי, ביז מען האָט אים אַרעסטירט און ער איז געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר. נעכטן האָב איך אים דערקענט, ווען ער האָט געשפּאַצירט מיט אײַך אַרום זײַן קוואַרטיר.

ליובאַ האָט לענגער נישט געקאָנט שטיין אויף אירע פֿיס, און

ווידער האָט זי זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער באַנק און געקוקט אויף מאַטוועיען און איר פּנים איז געווען איין שטיק פייער און זי האָט שווער געאָטעמט.

— איר האָט געאַרבעט מיט אים אין דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי? — האָט זי אַרויסגעמורמלט. און פּלוצלינג האָט זי אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ: זיינע ווערטער, אַז ער האָט געאַרבעט אין דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי, האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאַנט. אָן וואָס? אין דעם ווירבל פון אירע צעטומלטע געדאַנקען, האָט זי זיך לכתחילה קלאָר נישט געקאָנט דערמאַנען אָן וואָס. אָבער מיטאַמאָל האָט זי זיך אָן דעם דערמאַנט... באָריס האָט איר אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט געאַרבעט פריער אין דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי און מיכאַיל אויך... און ווי אין אַ קאָשמאַר האָט זי זיך איצט דערמאַנט אָן יענער סצענע בײַ איר אין שטיבל, ווען באָריס האָט שיכּורערהייט גערעדט וועגן מיכאַילן און ווי דעמאָלט איז איר דאָס אויפּפאַלנד געוואָרן... זאָל דאָס הייסן, אַז ער האָט עס דאַן גערעדט וועגן זיך אַליין? ניין, ניין, זי קאָן עס נישט גלייבן. זי טאָר דאָס נישט גלייבן. אפשר איז דאָ אַ מוראדיקער טעות?... ווי אַזוי זאָל זי גלייבן? ווי אַזוי קאָן זי?

בײַ זיך אין האַרץ האָט זי זיך היסטעריש צעשריגן אַזוי ווי עמעצער וואָלט דאָרט די האָר אויף זיך געריסן און וואָלט זיך געקלאַפּט דעם קאָפּ אין דער וואַנט מיט אַ געשריי: „אַ בלבול! אַ בלבול!...“

זי האָט זיך ווידער אַ ריס געטון פון איר אָרט און זי האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט.

— איך קאָן נישט גלייבן. דאָס איז עפּעס אַ טעות. איך קען באָריסן. איך בעט אייך, — האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו מאַטוועיען — האָט רחמנות, טוט אַ טראַכט, אפשר האָט איר עפּעס צונויפגעמישט. מאַכט מיך נישט משוגע!

— באַרויקט זיך, חברטע ליובאַ! — האָט זי מאַטוועי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.

— איר האָט אים נישט ליב, — האָט זי היסטעריש זיך געריסן פון זיינע הענט. — אייער גאָט איז ער קיינמאָל נישט געווען!...

— חברטע ליובאַ, די פליכט צו דער רעוואָלוציע און צו אייערע חברים פאַרלאַנגט פון אייך, אַז איר זאָלט איצט פאַרגעסן, אַז איר ליבט אים — האָט מאַטוועי געזאָגט, באַטאָנענדיק שטאַרק זיין יעדעס וואָרט. און מיכאַילן קאָנט איר דאָך נישט ליבן, חברטע...

— באָריסן ליב איך און נישט מיכאַילן. באָריס איז נישט מיכאַיל!

מאַטוועי האָט זי אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט און אַרויסגעשלעפּט אַ בריוו פון אונטערן בוזים און זיך אָנגערופן:

— ווען ער איז אייער מאַן, קענט איר מסתמא זיין האַנטשריפט, חברטע, ליובאַ...

— יאָ, איך קען.

— איז דאָס זיין האַנטשריפט? — האָט ער איר דערלאַנגט דעם בריוו, — איר זעט. אונטער אָט דעם בריוו צו מיר איז אונטערגעשריבן זיין אמתער נאָמען מיכאַיל. און דאָס איז אַ צעטעלע פון באָריסן שוין, געשריבן צו אונזערס אַ חבר — האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בוזים אַ קאָנווערט און אַרויסגענומען אַ צעטעלע פון אים, — פאַרגלייכט ביידע האַנטשריפטן מיט דעם, וואָס איר קענט. און אויב דאָס וועט אייך נישט איבערצייגן, האָב איך נאָך עפּעס פון דער זשאַנדאַרם-קאַנצעלאַריע...

ליובאַ האָט איצט געשוויגן. זי האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און דאָס צעטעלע, האָט דערקענט ביידע האַנטשריפטן, און מיט-אַמאָל האָט זי זיך משונהדיק צעשמייכלט, צוריקגעגעבן דעם בריוו און דאָס צעטעלע מאַטוועיען און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

זי האָט נישט געהערט הינטער זיך די טריט פון אירע חברים, וועלכע זענען געגאַנגען הינטער איר; זי האָט נישט געזען דעם וועג פאַר זיך; זי איז געגאַנגען ווי פון אַ שטיקנדיקן הויז אַרומגענומען דורכן וואַלד אַלץ ווייטער און ווייטער. און אין איר און אַרום איר האָט געשריגן:

„ער איז מיכאַיל! ער איז מיכאַיל!"

זי האָט מער נישט געוויינט, אַלצדינג אין איר און אַרום איר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָט דעם איינעם געשריי.

זי האָט זיך ערשט אָפּגעשטעלט, ווען זי איז מיט אירע ביידע פיס אַריינגעקראָכן אין אַ טיפן זומפּ. דאַן האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון צוריק, באַמערקט אַ ביסל ווייטער אַ לאָנקע, איז זי אַוועק אַהין און האָט זיך דאָרט אַרונטערגעלאָזט אויפן גראָז.

ערשט איצט האָט זי געפּרוווט צונויפנעמען אירע געדאַנקען און זי האָט זיך גענומען דערמאָנען אָן פאַרשידענע פּרטים, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות מיט באָריסן און מיט איר אַליין.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, ווי שטענדיק האָט זי געפילט דעם

טאָטן פון מיכאַילן אַרום זיך, ווי באָריס האָט נאָכאַנאַנד געראָדט, אַז ער איז נישט זיכער מיט זיין מאָרגן; ווי ער האָט דערפון גענומען רעדן גלייך ווי צר האָט זיך דערוווּסט, אַז מען זוכט מיכאַילן; ווי ער האָט שטענדיק געהאַט סודות פון איר, און זי האָט זיך אויך דערמאָנט אָן דעם צעטעלע, וואָס ערשט די לעצטע וואָך האָט אים אַן אומבאַקאַנטער מאַן דערלאַנגט, און וועלכעס ער האָט אויף אַזאַ פאָרזיכטיקן אופן באַהאַלטן אין זיין קעשענע און עס נישט געוואָלט לייענען, ביז זי איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן...

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון:

אָבער זיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט?... ער האָט דאָך אַזוי פיל אויפגעטון, אַזוי פיל מאָל מיט זיין לעבן ריזיקירט. קאַליגין ווייסט דאָך דאָס? פאַרוואָס שווייגט ער? פאַרוואָס באַשולדיקט ער אים אויך?...

ווו איז ער, קאַליגין?

און מיט אַן אימפּעט איז זי אויפגעשפּרונגען פונם גראָז און געוואָלט זיך לאָזן לויפן צוריק צום שטיבל.

ערשט זי האָט דערזען קאַליגינען און מאַטוועיען. זיי זענען געזעסן אויפן גראָז נישט ווייט פונם פּלאַץ, ווו זי איז פריער געזעסן, און האָבן זי געהיטן.

— חבר קאַליגין, — איז זי צוגעלאָפן צו אים. — פאַרוואָס שווייגט איר? איר ווייסט דאָך, וויפיל ער האָט אויפגעטון!...

קאַליגין האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געמיינט און וואָס זי האָט דורכגעלעבט. און ער האָט געענטפערט:

— איך האָב נישט געשוויגן. ביז איך בין נישט איבערצייגט געוואָרן. חברטע ליובאַ, דאָס איז ער, און וועגן זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט?... דערפאַר איז ער דאָך אַזוי געפערלעך!...

דאַן האָט זיך בא איר אַרויסגעריסן אַ ביטער געשריי:

— גאָט מיינער, די אַדרעסן?...

מאַטוועי איז אויפגעשפּרונגען און איז צוגעלאָפן צו איר.

— וואָס פאַר אַדרעסן?...

— איך האָב אים נישט לאַנג צוריק איבערגעגעבן די קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן, — האָט ליובאַ געמורמלט און געקוקט אַרום זיך מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט ערשט איצט קלאָר דערזען עפּעס, וואָס זי האָט עס פריער נישט געזען. — ער האָט זיי אויסגענאַרט בא מיר, די גאַנצע צייט געזוכט בא מיר זיי אויסצונאַרן!...

סיי מאַטוועי און סיי קאַליגין זענען איצט אויפגערעגט געוואָרן.

— וואָ-אַס ?... איר האָט ? — האָט מאַטוועי אַ טרעט געטון צו איר מיט אַן אַנגעצונדן פּנים.

זי האָט געענטפערט ווי אין פיבער:

— איר וועט מיך דערגאַך משפטן. דערווייל זאָלן מיר ראַטעווען די אַדרעסן. אפשר האָט ער זיך נאָך נישט באַנוצט מיט זיי. ראַטעוועט! ראַטעוועט זיי!...

און זי האָט זיך אַ לאָז געטון לויפן.

קאַליגין האָט זי אָנגעיאָגט און זי אָפּגעשטעלט.

— וווהין לויפט איר?

— קומט, ער איז דאָרט בײַ זיך אין שטיבל. מיר קאָנען נאָך אפשר ראַטעווען די אַדרעסן, — האָט זי גערעדט צעטומלט.

— מיר וועלן שפּעטער פאָרן. וועט ער זיין אויף דער קוואַרטיר?

— ער וועט זיין. ער וועט וואַרטן אויף מיר. אוי, גאָט, גאָט, איצט ווערן מיר קלאָר אַזוי פיל זאַכן!... יאָ, יאָ, דאַכט זיך... איך דער-מאָן זיך ערשט — אויפן האַלז איז בײַ אים אַ שניט אויך! ווי בלינד און פאַרבלענדט איך בין געווען!...

און זי האָט זיך צעווייגט ווי אַ הילפלאָז, פאַרצווייפלט קינד.

— איך האָב אים געהאָלפן אומברענגען מאַטלען און אַלעמען, אַזוי פיל מענטשן, אַזוי פיל טייערע חברים!...

מאַטוועי איז אויך צוגעגאַנגען צו איר און ער מיט קאַליגינען האָבן זי געפּרוּווט טרייסטן, באַרויקן און קוים איר איינגערעדט, אַז זי זאָל מיט זיי צוריק אַריינגיין אין שטיבל.

דאָרט האָט זי זיך געווענדט צו מאַטוועיען:

— האָט איר נישט אַ רעוואָלווער? — האָט זי זיך פּלוצלינג אָנגע-רופן צו אים אין אַ פעסטן, ענערגישן טאָן.

מאַטוועי האָט אַרויסגענומען אַ קליינעם פּיסטאָלעט פון זיין קע-שענע און איר דערלאַנגט.

— וועט איר האָבן גענוג מוט, חברטע? איר ליבט אים דאָך?

ליובאַ האָט נאָר אַ לאַך געטון און באַהאַלטן דעם רעוואָלווער אונ-טערן בוזים.

שפּעטער האָט קאַליגין געבראַכט עסן, אָבער קיינער האָט זיך צום עסן נישט צוגערירט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, אַ העלע נאַכט. די לבנה-שיין איז געפאַלן

אויף די פענצטער פונם שטיבל. קיין לאָמפּ האָט מען נישט אָנגעצונדן.

זיי זענען געזעסן מיט צערונטערגעלאָזטע קעפּ און האָבן געשוויגן. נאָר איין ליובאַ האָט געשפּאַנט איבערן צימער הין און צוריק, הין און צוריק און זי האָט געטראַכט און געטראַכט.

דאַן האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן:

— ווען איך וואָלט געקאָנט אַראָפּשקראַבען פון מײַן נשמה און פון מײַן האַרץ און פון מײַן מוח אַלצדינג, וואָס איך האָב געפילט און געטראַכט צו אים און וועגן אים! אָבער איך וועל עס נישט קאָנען! — האָט זי אַ לאַך געטון מיט גאַל.

קאַליגין האָט אַ זיפץ געטון:

— עך, טײַערל, וואָס פאַר אַ ווייטיק!...

מאַטוועי און בערציק האָבן ביידע געשוויגן.

אַרום צען אַ זייגער בײַנאַכט זענען זיי אַלע אַוועקגעפאָרן צו באָריס.

דאָס אכט און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

זייער לעצטע באַגעגעניש

זיי זענען געפאָרן נישט שנעל. די לבנה אויפן אויסגעשטערנטן הימל האָט אַזוי ווי דעם וועג זיי באַלויכטן. דער שליאַך האָט געבליאַסקעט מיט ווייסקייט. אויף די רוקנס פוןביידע ברוינע פערד האָבן זיך באַוועגט זילבער-שאָטנס אונטער דער לבנה-שיין. דער וואַלד פון ביידע זייטן וועג איז געווען באַשאָטן מיט זילבער-שטויב.

אַ שטילע נאַכט געווען. דאָס גערויש און דאָס קלאַפּן פון די קאָפּיטעס פון קאַליגינס פערד האָבן געוועקט דידאַזיקע שטילקייט.

מאַטוועי איז געזעסן לעבן קאַליגינען, וועלכער האָט געהאַלטן די לייצעס אין די הענט, און הינטער זיי זענען געזעסן ליובאַ און בערציק.

קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

בײַ ליובאַן זענען די אויגן געווען צוגעמאַכט. מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז זי דרימלט.

— פּלוצלינג האָט זי זיך אָנגערופן:

— חברים, און וואָס האָט איר געהערט פון זיי?

— פון וועמען? — האָט מאַטוועי זיך אַ קער געטון צו איר.

— פון צייטלינען און בראָכקען, — האָט זי שטיל געענטפערט.

— דערווייל זענען זיי אין דער פעסטונג, — האָט מאַטוועי געזאָגט, — אָבער מען קאָן וויסן, וואָס זיי דערוואַרט. איצט, נאָכן אַטענטאַט איבער פּלעווען, וועט מען זיי זיכער פאַרמשפּטן...

— צום טויט? — האָט ליובאַ אַרויסגעפּליסטערט, און צוגעלייגט, — ווי איך בין זיי מקנא!...

דאַן האָט מאַטוועי זיך גענומען סודען מיט קאַליגינען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט קאַליגין זיך אַ קער געטון צו ליובאַן:

— חברטע ליובאַ, לאָזט זען אײַער פּיסטאָלעט.

— וואָס דאַרפט איר אים זעען?

— חבר מאַטוועי זאָגט מיר, אַז ער איז נישט זיכער, אויב דער פּיסטאָלעט איז אָנגעלאָדן. ווייזט מיר, איך וויל אַ קוק טון.

זי האָט אָפּגעשפּילעט דאָס מאַנטל, וואָס זי האָט געטראָגן, און זי האָט אַרויסגעשלעפּט דעם רעוואָלווער פון אונטערן בוזים און אים דערלאַנגט קאַליגינען.

ער האָט גענומען דעם רעוואָלווער און אים פאַררוקט אין דער הינטערשטער קעשענע.

— פאַרוואָס האָט איר אים צוגענומען? — האָט ליובאַ זיך אַ כאַפּ געטון.

— מיר שיסן זיכערער, — האָט ער געענטפערט.

זי האָט זיך האַלב אויפגעהויבן פון איר זיץ און אויסגעשטרעקט צו קאַליגינען די האַנט.

— חבר קאַליגין, גיט מיר צוריק דעם רעוואָלווער, — האָט זי זיך אָנגערופן נערוועז, — איך בעט אייך. איך וויל אַליין, איך, איך, איך מוז!...

קאַליגין האָט אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ.

— איבערהויפּט, — האָט ער דאַן געזאָגט, — האָבן מיר באַשלאָסן נישט צו באַנוצן קיין רעוואָלווער. מיר מוזן אויסמיידן דעם מינדסטן טומל, כדי נישט אויפצוּוועקן די שכנים, ווייל מיר וועלן דערנאָך דאַרפן מאַכן באַ אים אַ הויז-זוכונג.

ליובאַ האָט אַ שוידער געטון און זיך איינגעדריקט אין איר מאַנטל. זי האָט מער נישט גערעדט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי דערזעען דאָס שטיבל, וווּ באָריס האָט געוווינט.

אַ פענצטער איז דאָרט געווען באַלויכטן און דער שטרויענער דאַך פונם שטיבל האָט זיך געטונקט אין דער לבנה-שיין.

ליובאַ האָט דערפילט ווי זי ווערט היסטעריש, זי האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט, האָט אפילו אַ קוק געטון אויף בערציקן, וועלכער האָט נאָך אַלץ אויסגעזען דערשלאָגן, און צו אים זיך אָנגערופן מיט אַ רויקן שמייכל:

— חבר בערציק, נו, זייט נישט אַזוי פאַרצווייפלט. ער איז דאָך דער פאַרברעכער און נישט מיר! נו, מונטערער, מונטערער, חבר בערציק!...

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַנדערער זייט פון באָריסעס שטיבל. זיי אַלע זענען אַראָפּגעקראָכן. מאַטוועי האָט זיך שטיל אָנגערופן צו ליובאַן:

— חברטע, עס הענגט אינגאַנצן אָפּ פון אייך. זענט איר גענוג רויק?

— יאָ! — האָט זי געענטפערט מיט אַ פעסטן טאָן.

— זענט איר זיכער?

— יאָ! יאָ!

— גייט איר אַריין פריער, און ציט אים אַריין אין אַ שמועס און זעט, אַז די פענצטער זאָלן זיין אָפן, — האָט מאַטוועי געפליסטערט.

— יאָ, — האָט ליובאַ אויך געפליסטערט, — אָבער לאָזט מיך אַ ווײַלע מיט אים, ווייל איך וויל עפּעס אויסגעפינען בײַ אים, ווו ער האַלט די אַדרעסן און נאָך עפּעס...

און זי איז אַוועק צום שטיבל, און מיט יעדן טריט איז זי געוואָרן אַלץ רויקער און רויקער, אומגעווײנלעך רויק, און זי האָט געפילט, ווי אויף איר פּנים הייבט אָן צו שפּילן אַ שמייכל און אין איר האַרץ — ווי עס וועקט זיך אַ בייזער קאַצן-שפּיל...

פון די דערבײַיקע פעלדער האָט זיך געצויגן דער מעטאַלענער קלאַנג פון גרילן.

ליובאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. באָריס האָט איר גע- עפנט.

ער האָט געטראָגן אַ שלאָפראָק און דעם הויכן קאָלנער אויפן האַלז.

— איך האָב שוין מורא געהאַט, אַז דו וועסט נישט קומען הײַנט. — פאַרוואָס אַזוי שפּעט, ליובאַ? — האָט ער געפרעגט מיט הערציקייט אין קול.

זי האָט געקוקט אים אין פּנים אַריין און געשמייכלט:

— דו ווייסט, — האָט זי זיך אָנגערופן, — איך בין פריער גע- גאַנגען צו דיר און פון מיטן וועג זיך אומגעקערט.

— פאַרוואָס?

— עמעצער איז מיר נאָכגעגאַנגען, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז...

— ווער?

— אָט דער, וועלכן מ'רופט מיכאַיל...

באָריס איז געוואָרן אומרויק. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ליובאַ איז געווען בײַ דער זשאַנדאַרמעריע אויפֿן צעטל און אים איז איינגע־פֿאַלן, אַז עמעצער פֿון דער זשאַנדאַרמעריע איז איר נאָכגעגאַנגען. אָבער ער האָט זיך גלייך באַהערשט.

— דאָס האָט זיך דיר אויסגעוויזן, — האָט ער געזאָגט, און איר אַ גלעט געטון איבער די באַקן, — דו ווייסט דאָך, אַז מיכאַיל האָט דיר נישט געקאָנט נאָכגיין. טויטע גייען נישט נאָך, — האָט ער צוגעלייגט מיט אַ שמייכל.

— יאָ, יאָ, — האָט זי געזאָגט, געקוקט אויף אים און אויך געשמייכלט.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט ער מיטאַמאָל געפֿרעגט.

— ווי קוק איך?

— עפּעס מאָדנע. אַזויווי דו וואָלסט געווען אויפֿגערעגט...

— דיר ווייזט זיך עס אויס, — האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פֿון אים און צוגעלייגט. — מיין גאָט, ווי די גרילן מאַכן מיך נערוועז!

— עס גרילט אין פֿעלד. צומאַכן די פֿענצטער?

— ניין, ניין! — האָט זי זיך אָנגערופֿן, — מאַך נישט צו די פֿענצטער. זאָל עס גרילן. דו הערסט?

— וואָס?

— דאָס גרילן קלינגט אַזוי, ווי עמעצער וואָלט אַ הלך געשלייפֿט — האָט זי זיך צעלאַכט נערוועז. — הער! הער!...

— וואָס דיר פֿאַלט איין! פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי נערוועז, ליובאַ?

זי האָט שבעל אַ טראַכט געטון:

„ווי רעד איך. גאָט, ער קאָן נאָך באַמערקן!“

און זי האָט זיך אַ שטעל געטון פֿאַר אים מיט צעשפּרייטע אָרעמס, און געזוכט צו זיין שטיפֿעריש ווי אין אירע גליקלעכע מינוטן.

— באָריס, העלף מיר אויסטון דאָס מאַנטל, — האָט זי זיך אָנגע־רופֿן אין אַ שטיפֿערישן טאָן.

ער האָט אַרונטערגעשלעפּט פֿון איר דאָס מאַנטל.

— וועסטו טרינקען טיי, ליובאַ?

— ניין. באָריס, האָלסטו כאָטש די אַדרעסן אין אַ זיכערן פּלאַץ? — האָט זי געפֿרעגט באַלד אין אַן אַנדערן טאָן. עס איז איר שווער געווען אויסצוהאַלטן איר שטיפֿערישע ראָל.

— געווים.

— ווו האָלטסטו זיי?

ער האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— ווי עס ווייזט אויס, ביסטו נאָך נישט געקומען צו זיך פון דער שרעק פאַר יענעם, וועלכער איז דיר נאָכגעגאַנגען?

— אמת, איך בין נאָך נישט געקומען צו זיך פון דער שרעק און אַזעלכע געדאַנקען קריכן מיר אין קאָפּ... ווו האָלטסטו די אַדרעסן, באָריס?

— אינעם קישן אייפן בעט.

— איז דאָרט זיכער?

— זיכער, ווייל איך אַליין צי איבער דאָס ציכל.

— מעג איך אַ קוק טון?

— טו אַ קוק, אויב דאָס וועט דיך באַרויקן.

ליובאַ איז אַרויס אין דעם הינטערשטן חדר און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — אָבער דער פּלאַץ, מיין איך, איז נישט קיין זיכערער. מען וועט זיי מוזן צונעמען פון דאָרט אין אַ מער זיכערן פּלאַץ... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט זי זיך איבערגעשלאָגן.

— דו זעסט אויס עפּעס מאָדנע, גאָר נישט ליובאַ! — האָט ער געענטפערט.

— פון מיין זינען גייט נישט אַרויס, אַז ציטלין און בראַכקע... איך האָב געהערט, אַז פאַר זיי איז קיין האָפנונג נישטאָ.

— וואָס קאָן מען העלפן, די רעוואָלוציע פאָדערט קרבנות! — האָט ער אַרויסגערעדט שטיל.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים און אומעקגעשפּאַנט איבערן צימער הין און צוריק און געקוקט אַרום זיך אויף די ווענט.

— וואָס קוקסטו דאָרט, ליובאַ? וואָס זוכסטו דאָרט?

— די שפּין. דו געדענקסט, דו האָסט מיר דערציילט, אַז בא דיר אויף אַ וואַנט שפּאַצירט אַרום אַ גרויסע, שוואַרצע שפּין, וועלכע וועבט איר שפּינוועבס אַרום אומשולדיקע פליגן. איך האָב אַזוי מורא פאַר אַ שפּין!

האָט ער זי נאָך מער פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— וואָס איז מיט דיר היינט, ליובאַ? פאַרוואָס האָסטו זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן דער שפּין?

— איך ווייס נישט, באָריס, מסתמא, ווייל איך האָב געטראַכט פון יענעם, וועלכער איז מיר נאָכגעגאַנגען...

— די שפּין איז שוין לאַנג נישטאָ. איך האָב זי דערהרגעט!

— דו האָסט זי דערהרגעט? יאָ, אפילו קליינע קינדער ווייסן, אַז אַ שפּין איז אַ מצווה צו דערהרגענען!

באָריס האָט זיך פּלוצלינג צעלאַכט און איז צוגעגאַנגען צו איר.

— נו, זיי דאָך נישט אַזוי נערוועז. ווי יענע האָט זיך איבערגעשראָקן! קום זעץ זיך לעבן מיר און טראַכט בעסער פון אונזער גליק פון אונזער ליבע!

ער האָט זי אַוועקגעזעצט צו זיך אויף די קני און זי צוגעצויגן.

— נו, קוש מיך, ליובאַ!

— איך קאָן נישט, נישט איצט. אפשר שפּעטער...

— נו, וועל איך דיך קושן!

פּלוצלינג האָט זי זיך צוגעדריקט צו אים און ארויסגעפּליסטערט:

— ווי איך האָב דיך ליב! ווי איך האָב מיין גאָט ליב געהאַט, מיין גאָ-אָט! מיט יעדן פּיבער פון מיין נשמה, מיט יעדן געדאַנק פון מיין מוח! ווארט, ווארט, נו, קוש מיך, אפשר מאָרגן וועסטו נישט קאָנען!

ער האָט זי גענומען קושן. זי האָט זיך אַ ריס געטון פון אים.

— אוי, דיין קאָלנער שטערט מיר! ווארט, איך וועל דיר אויסטון דעם קאָלנער!

און זי האָט פיבעריש ארונטערגעלאָזט דעם קאָלנער פון זיין האַלדז און גלייך דערזעען דאָרט אַ טיפן שראַם און זי איז געבליבן זיצן ווי בעליימט מיט די אויגן אויסגעגלאָצט אויף זיין האַלז.

איצט איז באָריס געוואָרן אומרויק.

— וואָס איז, ליובאַ? — האָט ער צעטומלט ארויסגעמורמלט.

— פאַרוואָס האָב איך פריער נישט באַמערקט אָט דעם שניט? — האָט זי ארויסגעפּליסטערט און האָט זיך אויפגעהויבן פון זיינע קני.

און אין אָט דער רגע איז בערציק אריינגעשפּרונגען דורכן אָפענעם פענצטער און דורך דער טיר — מאַטוועי און קאַליגין.

באָריס איז אויפגעשפּרונגען, איז בלייך געוואָרן און אַ רגע

האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— מאַ-אַט-ווע! ...

ליובאַ האָט היסטעריש אַ לאַך געטון.

— דערקענט! דערקענט! ...

און מיטאַמאָל האָט באָריס זיך באַהערשט, אויסגעצויגן זיך אין זיין גאַנצן וווקס און אַרויסגערעדט אין אַ פעסטן טאָן:

— איך פאַרלאַנג אַ רעוואָלוציאָנער געריכט!

מאַטוועי האָט געענטפערט:

— דאָס רעוואָלוציאָנערע געריכט האָט שוין זיין אורטייל אַרויסגעגעבן...

ליובאַ האָט זיך שוין לענגער נישט געקאָנט מער באַהערשן און זי האָט גענומען פּליסטערן, ווי זי וואָלט זיך פּונקט זיבעטן געווירט, שנעל, שנעל, און איר פּנים און אירע אויגן האָבן געפלאַמט.

— איך, לאָזט מיך אויספירן! פאַר מיין גאַט, וואָס ער האָט דערמאָרדעט און פאַר די אַלע הייליקע לעבנס...

פון אַלע זייטן האָבן זיך גערוקט צו באָריסן זיינע פריערדיקע חברים און יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אַ רעוואָלווער אין דער האַנט.

באָריס האָט אַ טרעט געטון צוריק און געשמייכלט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— איין מינוט! ווען איר שיסט, די פענצטער זענען אָפן און די פויערים וועלן דערהערן און וועלן זיך צונויפלויפן. פאַר אייך אפשר אַרט מיך נישט, אָבער פאַר איר יאָ. מיט איר האָב איך זיך נישט געשפּילט, ניין, ניין!

און מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער פון זיין הינטערשטער קעשענע און אים אויסגעשטעלט קעגן זיי.

— אָבער שרעקט זיך נישט, — האָט ער גערעדט ווייטער, — איך וועל זיך נישט פאַרטיידיקן, איך האָב די גאַנצע צייט געוווסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט עס מוזן קומען, אויב נישט פון אייער זייט, איז פון יענער...

קאַליגין האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַ לאָז געטון צו אים און אים אַ פּאַק געטון באַם אָרעם, אין וועלכן ער האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער.

— גענוג געהערט פון דיר שיינע רעדעס, דו אויסוואורף! — האָט ער אַרויסגערעדט פאַרשטיקט.

באַריס האָט זיך גענומען וואַקלען אויף די פיס אונטער קאַליגינס אייזערנעם דרוק, ער האָט אָבער גערעדט ווייטער:

— לאָזט מיך ענדיקן. איך פאַרשטיי, וואָס עס דערוואַרט מיך. איך בין גרייט, איך וויל זיך נישט פאַרטיידיקן. איך אַליין האָב אַ סך מאָל געוואָלט מאַכן אַ סוף, קיין מוט אָבער נישט געהאַט. דורך אייך קומט מיין דערלייזונג. איר זעט, איך קאָן נאָך אַ דריק טון דעם רעוואָלווער, אויפהייבן אַ געשריי, איך טו עס אָבער נישט. איך בין אַ רעוואָלוציאָנער. ווען איך האָב באַ אייך אויסגעהאַקט אַ ביימעלע, האָב איך באַ זיי תמיד אויסגעהאַקט אַ דעמב. זיי האָב איך געהאַסט, און פאַר אייך האָב איך תמיד געליטן...

איצט האָט שוין בערציק געהאַלטן זיין האַנט באַ באַריסן אויפן מויל, און באַריס האָט גערעדט ווייטער פון אונטער בערציקס מעכטיקער האַנט פאַרשטיקט:

— און פון ליובאַן נעמט אוועק אָט די אַרבעט, זי איז צו צאַרט פאַר דעם!...

און בעת ער האָט גערעדט אַזוי, האָבן אַלע דריי חברים אים געשלעפט אין דעם פינצטערן חדר אַריין, און בערציק האָט אַלץ מער און מער אים געדריקט די האַנט אויפן מויל.

ליובאַ איז אויך אַריינגעלאָפן אַהין.

אויף דעם אייגענעם בעט, וווּ זי האָט אַזוי פיל גליקלעכע און פאַרשיכורנדיקע שעהן דורכגעלעבט מיט באַריסן, איז ער איצט געלעגן און מאַטוועט מיט זיין קני איז געשטאַנען אויף זיין ברוסט און בערציקס האַנט האָט געדריקט זיין מויל און קאַליגין האָט געהאַלטן באַריסעס האַלז...

אַ שווער סאָפּען האָט זיך געהערט פון דאָרט און אַ כריפּען און אַ כאָרכלען מיטן האַלז...

ליובאַ האָט זיך געשאָקלט אויף די פיס און אַרום איר האָט זיך געוויקלט אַ חושך, אַ שטיקנדיקער חושך, און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי זינקט אין אים אַלץ טיפער און טיפער, און אַז אָט-אָט וועט זי איינגאַנצן פאַרזינקען ווערן אין אים. מיט די לעצטע כוחות האָט זי פאַרשטיקט אין זיך דאָס געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פון איר.

ווי לאַנג האָט דאָס געדויערט?

גאַנצע אייביקייט האָט זיך איר אויסגעדאַכט.

און צום סוף זענען זיי אַלע אָפּגעטרעטן פון אים.

דורך דעם שטיקנדיקן חושך האָט ליובאַ דערזעען אַ מענטש, וועלכן זי האָט נישט דערקענט. מיט די לאַנגע פיס אַראָפּגעהאָנגען פונם בעט, אַזויווי צוויי הילצערנע שטאַנגען, איז ער געלעגן מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט אין דער ברייט פונם בעט. מיט ווייט אויסגעגלאָצטע פאַרגלעזערטע אויגן און מיט אַ ווייט אַרויסגעשטעקטער צונג...

ליובאַ האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און זיך אײַנגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט.

זי האָט נישט געפילט, ווי מאַטוועי האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און זי אַרויסגעפירט פונם צימער.

— חברטע, באַרויקט זיך, באַרויקט זיך, — האָט ער גערעדט, סאַפּענדיק. — און איר האָט נאָך אַליין געוואָלט דורכפירן דעם משפט איבער אים. שעמט זיך!...

דאַן האָט זי זיך מיטאַמאָל צעוויינט.

— שרעקלעך, צו שרעקלעך! — האָט זי געוויינט. — איך טויג נישט פאַר דעם. צו שוואַך בין איך. שליסט מיך אויס פון דער פּאַרטיי. איך טויג נישט, איך טויג נישט...

— איר וועט זיך באַרויקן, חברטע, — האָט מאַטוועי ווייך געזאָגט, — האָט איר עפּעס אויסגעפונען בײַ אים וועגן די אַדרעסן?

— אין דעם קישן אונטערן ציכל, אויפן בעט, — האָט זי געענטפערט.

ער איז אַוועק צוריק אין דעם פינצטערן חדר. און ליובאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, אַרײַנגענומען איר קאָפּ צווישן אירע ביידע הענט און איז געבליבן אַזוי זיצן מיטן בליק אַזוי ווי פאַרגליווערט אויף איין פּונקט.

אַ היפּשע צייט האָבן זיי דערנאָך געזוכט אינם שטיבל, אויפגעריסן אַלע שופלאַדן פון אַ קאָמאָדע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, און וועלכע פּאַפּירן זיי האָבן דאָרט געפונען, האָבן זיי אַרויסגענומען. אַזוי אויך פון זײַנע בגדים. זיי האָבן אויך געפונען די ליטעראַטור און האָבן עס פאַרנומען, און אַ זייגער צוויי נאָך האַלבער נאַכט, זענען זיי געפאָרן צוריק.

איבער אירע כוחות

פאַרנדיק צוריק, האָט מאַטוועי אַלץ געטרייסט ליובאַן. זי דאַרף איצט נאָר האָבן אין זינען, אַז מען האָט זיך באַפרייט פון אַ געפערלעכן פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט אומגעבראַכט אַזוי פיל מענטשן, וואָס זיי זענען איר אַזוי נאָענט און טייער געווען, און אַז די אַרבעט פאַר דער רעוואָלוציע לעבט, — נאָר דאָס מוז זי האָבן אין זינען און זי וועט זיך דאַן באַרויקן.

און ליובאַ האָט אים געענטפערט מיט אַ קול, וואָס מ'האָט קוים געהערט:

— פון אים טראַכט איך נישט. איך טראַכט פון יענעם, וועמען איך האָב געהאָלפן אומברענגען אָט די מענטשן, וועלכע זענען מיר אַזוי נאָענט געווען. און דאָס וועל איך קיינמאָל נישט קאָנען פאַרגעסן ביז מיין טויט.

— אָבער איר זענט דאָך נישט געווען שולדיק אין דעם.

— איך בין שולדיק, שולדיק, — האָט זי געפליסטערט צעמישט. — ווען איך וואָלט געווען אַן אַנדערע, נישט אַזאַ נאַרישע, וואָלט איך זיך געקאָנט אָנשטויסן, ווער ער איז געווען. אָ, יאָ, אָ, יאָ, אַזוי פיל מאָל האָט ער דאָך גערעדט און געהאַנדלט אַזוי, אַז מען האָט נאָר געדאַרפט זיין אַן אינדיאָטקע, נישט צו זעען, אַז דאָס איז ער געווען, ער!...

— דאָס הייזט זיך אייך איצט אויס. באַרויקט זיך, חברטע, באַהערשט זיך! — האָט מאַטוועי ווי געבעטן זיך בא איר.

און מיטאַמאָל האָט בערציק, וועלכער איז איצט געזעסן לעבן קאַליגינען, זיך צעיאָמערט.

— וואָס איז דאָס, בערציק? — האָט זיך קאַליגין אַ כאַפּ געטון,

— אוי, חבר קאַליגין, — האָט בערציק געיאָמערט, — עס איז אַזוי פּאַסקודנע, כאָטש נעם און הענג זיך!

מאַטוועי האָט אַ זיפץ געטון.

ליובאַ האָט דאַן אַ טראַכט געטון:

„יאָ, יאָ, ווי קאָן מען איצט לעבן, ווי קאָן מען!“...

דער וואָגן האָט זיך איצט אָפּגעשטעלט פאַר איר הויז.

— אַ גוטע נאַכט, חברים! — האָט זי געזאָגט הייזעריקלעך, ווען זי איז אַרונטער פונם וואָגן.

אַרייַנגעקומען צו זיך אין צימער, האָט זי נישט אָנגעצונדן קיין לאָמפּ. און אַזוי ווי זי איז געווען אָנגעטון, אין דעם מאַנטל און אין די שיך, — נאָר דעם הוט האָט זי אַראָפּגענומען פון איר קאָפּ — האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף איר בעלעגער און איז געבליבן ליגן אָן כוחות מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— אַ סוף, אַ סוף! — האָט זי געטראַכט און געפילט, ווי אַלצדינג אין איר איז אויסגעלאָשן און פוסט געוואָרן.

קיין זאַך איז זי איצט נישט אָנגעגאַנגען. קיין זאַך האָט זי איצט נישט אינטערעסירט. גאָר אַן אַנדערע ליובאַ. בּאַ אָט דער ליובאַן האָט מען די צאַפּלדיקע נשמה אַרויסגעריסן און דאָס, וואָס עס האָט דאָרט אַזוי ליכטיק און אַזוי הייליק געברענט, איז אויף אייביק פאַרלאָשן געוואָרן.

אויף אַ רגע האָט אַ שוועב געטון פאַר איר בּאָריס מיט די אַרויסגעקראָכענע פאַרגלעזערטע אויגן און מיט דער אַרויסגעשטעלטער צונג, און זי האָט זיך אַ טרייסל געטון, מער פאַר עקל און האַס, איידער פאַר שרעק.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום, ווען דאָסדאָזיקע שרעקלעכע בילד האָט ווידער אַ שוועב געטון פאַר איר, האָט עס שוין קיין עקל און קיין האַס אפילו נישט אַרויסגערופן בּאַ איר. זי האָט נאָר אַוועקגעדרייט אירע געדאַנקען פון אים און נישט געטראַכט מער פון אים, ווייניקסטנס נישט בּאַוווּסטזיניק.

פונם הויף האָט זיך געטראָגן דאָס קלאַפּן פונם וועכטערס קאַלאַקאָטקע, האָט ליובאַ אַי געהערט אַי נישט געהערט דאָסדאָזיקע קלאַפּן, ווי עס טרעפט אין אַ האַלב בּאַוווּסטזיניקן צושטאַנד.

מיטאַמאָל האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז עמעצער פליסטערט איר אין אויער. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון און געעפנט די אויגן.

אין דעם אָפענעם פענצטער פון איר צימער האָט זיך צוגעכאַפּט אַ קיל ווינטעלע און געהויכט ליובאַן אויפן אויער מיט די מחיהדיקע ריחות פון וואַלד און פעלד און פון אַ לופטיקער נאַכט, הײַ עס וואָלט איר דערציילט פון דעם בליענדיקן לעבן אויסער איר צימער.

אָבער ליובאַ האָט דידאָזיקע ריחות נישט פאַרנומען, און די בישופדיקע לבנה־שײַן, וועלכע האָט זיך געגאָסן אין דעם אָפענעם פענצטער אַרײַן, איז געווען אַזוי קרענקלעך ווײַס, אַזוי ווי תכריכים־ווײַסקײַט וואָלט זיך פאַר אירע אויגן געמינעט...

זי האָט צוגעמאַכט דאָס פענצטער מיטן לאָדן, האָט זיך איבערגעדרייט מיטן רוקן צוריק, אײַנגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן און געטראַכט, ווען זי וואָלט אַזוי געשטאָרבן, ווען ס'האַרץ בײַ איר וואָלט אַזוי געפלאַצט, אַז זי זאָל מאָרגן נישט דאַרפן זען די זון, די מענטשן, דאָס גאַנצע פאַרשאָלטענע לעבן!...

וואָרים זי האָט קיין כּוח נישט געהאַט פאַר דעם לעבן. ווי אַזוי וועט זי איצט קאָנען לעבן, ווי אַזוי?!

מיטאַמאָל, אַזוי ווי פאַרשלאָסענע טירן וואָלטן זיך אָן עפן גענומען אין איר זכּרון און בילדער פון איר פריסטער קינדהייט, לאַנג־פאַרגעסענע, האָבן אַ שטראָם געטון פון דאָרט און האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט בילדער פון אירע שפּעטערע יאָרן.

אָט שטייט זי בײַם טאַטן אויפן אַקסל און ציט זיך מיט אירע קינדערישע הענטלעך צו אַ בוים און וויל אַרונטעררײַסן פון אים אַ רויטן עפּל, און איר מאַמע שטייט דערבײַ און שרײַט צו איר טאַטן: „דוד, דוד, זע, דאָס קינד וועט נאָך בײַ דיר אַראָפּפאַלן!" און די אַלטע ניאַניאַ מאַטרענאַ שטייט אויך דערבײַ לעבן איר טאַטן און האַלט אַזוי די אָרעמס, אַז טאָמער וועט זי, ליובאַ, אַרונטערפאַלן פון איר טאַטנס אַקסל, זאָל זי פאַלן אויף אירע אויסגעשטעלטע הענט. און דאָס קינד, ליובאַ, זעט ווי זיי שרעקן זיך און זי לאַכט אַזוי פריילעך און הילכיק און ציט זיך אַלץ מער צום עפּל.

און אָט לאַכנדיק באָדט זי זיך מיט איר מאַמען אין דעם טײַך און פּאַטשט זיך מיט די הענטלעך איבערן נאַקעטן בײַכל.

און אָט פרייט זי זיך מיטן נײַעם קלייד, מיטן שײַנעם היטעלע און מיט די שײַנע מוסטערפאַרבנע קנעפּלעך אויף די נײַע שיך.

און אָט איז סאָסנאָוויטש, דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע, מיט די רויטע באַקנבאָרד, פאַר וועלכע זי האָט אַזוי מורא, און דער לערער

סוויעטלאַוו, מיט די ליכטיקע, פריינטלעכע אויגן, וועלכן זי האָט אַזוי ליב — דער דירעקטאָר סטראַשעט זי און סוויעטלאַוו גלעט זי איבערן קאָפּ.

און מיטאַמאָל איז זי אין שווייצאַריע. דער אוניווערזיטעט, די פּראָפעסאָרן, די חברים און חברטעס — העלענע, קאַליאַ און אַנדרעע...

באָריס איז דאַן פאַר איר אַרויסגעשווומען און אַלע און אַלצדינג האָט זיך גענומען מישן פאַר איר, — איר טאַטע, איר מאַמע, דער טייך, דער עפּלבוים, איר ניאַניע, סאָסנאָוויטש און סוויעטלאַוו און צווישן זיי בערציק, קאַליגין, מאַטל, שוואַרץ, אַנדרושאַ, צייטלין און בראָכקע, און יאַקאָוו און גרישאַ, און מאַטוועי, און זיי אַלע האָבן געשריגן מיט אימהדיקע קולות.

— מיכאַיל !...

און באָריס האָט געשריגן נאָך אימהדיקער איידער די אַנדערע:

— מיכאַיל !

און דאָ — קיינער איז שוין מער נישט געווען אַ חוץ אים. אים אַליין נאָר האָט זי געזעען, פאַרלוירן אין אים, גוף אין גוף און נשמה אין נשמה.

און אין אָט דעם דעליריום-צושטאַנד האָט זי זיך געריסן פון באָריסן און אויף אַ רגע האָט זי זיך אַרויסגעריסן און איז אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס צו דעם לערער סוויעטלאַוו, אין וועלכן זי איז אַמאָל געווען פאַרליבט, בעת זי איז געגאַנגען אין די ערשטע קלאַסן פון גימנאַזיע, אָבער נאָר אויף אַ רגע, ווייל באַלד האָט זי ווידער זיך געצאַפּלט אין געברענט בא באָריסן אין די אָרעמס...

און פלוצלינג, — הענט האָבן זיך גענומען ציען, לאַנגע, מוראדיקע הענט, צו באָריסעס האַלז און האָבן אים אַ פּאַק געטון און געשטיקט, געשטיקט... און דאַן — דאָס איז גאָרנישט געווען באָריס, נאָר זי אַליין. צו איר האָבן זיך די הענט געצויגן, צו איר, צו איר האַלז... זי האָט געפילט דאָס שטיקן. ווי מיט אייזערנע צוואַנגען האָט מען זי געשטיקט. זי האָט נישט געקאָנט אָטעמען, האָט געדרייט מיט די אויגן, געכאָרכלט מיטן פאַרשטיקטן האַלז און געפילט, ווי די צונג ציט זיך, ציט זיך פון איר מויל...

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי ווי פאַרזונקען געוואָרן אין אַ פינצטערן תהום...

* *
*

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען רבקה איז אַריינגעגאַנגען צו ליובאַן ין צימער, האָט זי פאַרבראַכן די הענט.

זי האָט דערזעען, ווי ליובאַ איז געלעגן אויפן בעט אין איר מאַנטל און אין אירע שיך.

„געוואַלט, זי איז גאָר משוגע!" — האָט זי אַ טראַכט געטון.

זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און גלייך האָט ליובאַ מיט אַ צאַפּל און אַ געשריי זיך אויפגעכאַפּט און געעפנט אירע צעשראָקענע אויגן.

רבקה האָט זיך אויך אַ צאַפּל געטון און געקוקט אויף איר טאָכטער און זי קוים דערקענט.

— ליובאַ, ווי דו זעסט אויס! — האָט זיך באַ איר אַרויסגעריסן.

ליובאַ האָט נישט געענטפערט און צוגעמאַכט די אויגן.

און דאַן איז רבקהן קלאָר געוואָרן, אַז ליובאַ איז קראַנק און אַז זי איז געקומען באַנאַכט און האָט קיין כּוח נישט געהאַט זיך אויסצוטון און דערפאַר איז זי איצט געלעגן אינעם מאַנטל און שיך.

די מאַמע איז נאָך מער אומרויִק געוואָרן.

— וואָס איז דיר, טאָכטער? — האָט זי געפרעגט צעשראָקן, — לאָז, איך וועל דיר אויסטון די שיך.

און ליובאַ האָט געלאָזט רבקהן אַרונטערשלעפּן די שיך און דאָס מאַנטל, נאָר ווען די מאַמע האָט אויך געוואָלט, אַז זי זאָל אויסטון דאָס קלייד, האָט ליובאַ אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ.

— לאָז מיך, מאַמע, אַזוי ליגן, — האָט די קוים אַרויסגערעדט.

— וואָס פעלט דיר, קינד?

— גאָרנישט, מאַמע, — האָט ליובאַ גערעדט מיט אַ שוואַך קול און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

— וואָס הייסט, גאָרנישט? איך זע דאָך, אַז דו ביסט קראַנק. דו האָסט דאָך אפילו קיין כּוח נישט געהאַט זיך אויסצוטון. וואָס טוט דיר וויי? ווו איז באָריס? זאָל ער זעען, וואָס דיר איז! איך וועל גיין רופן דעם פּאַפּאַ!

און רבקה איז אַרויסגעלאָפן.

ליובאַ האָט אַ טראַכט געטון:

„ווי זיי ווען איצט אָנהייבן אויסצופרעגן. נאָך דאָס אויפן קאָפּ!
אַך, וואָס מאַכט עס אויס!" — האָט זי דערנאָך גלייכגילטיק זיך געזאָגט.

רבקה איז דערנאָך געקומען מיט איר מאַן, ער מיט אַ געשריי:

— וואָס דען, אַז מ׳לויפט אַרום גאַנצע נעכט. וואַרט, וואַרט, דער דאָקטאָר וועט שוין באַ מיר כאַפּן אַ גאַב! זע נאָר, רבקה — האָט פּערלשטיין זיך אַ כאַפּ געטון — ווי זי זעט אויס! געוואָלט, איך וועל משוגע ווערן פון איר! רבקה, טו אַ קוק, קוים וואָס זי זשאַוועט!...

— מען דאַרף שיקן נאָך אַ דאָקטאָר, — האָט רבקה געזאָגט, קוקנדיק אומרויק אויף איר טאָכטער און זי איז צוגעגאַנגען צו ליובאַן און האָט אַ טאַפּ געטון איר שטערן.

— ווײ איז מיר, זי ברענט! — האָט זי אַרויסגעמורמלט.

פּערעלשטיין איז אַרויסגעלאָפן און אין אַ ווײלע אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט.

— איך האָב אָוועקגעשיקט דעם קוטשער נאָך באַריסן. וואָס פעלט דיר, מיין קינד? — איז ער ווידער צוגעגאַנגען צו ליובאַן.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי זי וואָלט אים נישט געהערט.

— זי רעדט נישט, איר איז שווער צו רעדן, — האָט רבקה באַמערקט און געקוקט צעטומלט.

— האַ? — האָט דוד פּערעלשטיין זיך אָנגערופן, — אפשר זאָל איך שיקן נאָך דאָקטאָר זעליגסאָנען; איך ווייס נישט, אויב מען קאָן זיך אויף באָריסן פאַרלאָזן. וואָס זאָגסטו, רבקה?

— מיר וועלן אָפּוואַרטן ביז ער וועט קומען; זאָל באָריס פריער אַ קוק טון.

און זי איז ווידער צוגעגאַנגען צו ליובאַן און האָט אַ טאַפּ געטון איר שטערן.

— וואָס איז דיר, טעכטערל?

— איך וויל שלאָפן, לאָזט מיך! — האָט ליובאַ קוים־קוים אַרויסגערעדט און נישט געעפנט די אויגן.

— קום, דוד, מיר וועלן וואַרטן אויף באָריסן. אפשר וועט זי זיך אויסשלאָפן...

און ביידע זענען אַרויס אויף די שפּיץ פינגער פון ליובאַס צימער און זיי זענען אַריין אין עסצימער, און דאָרט האָט דוד פּערעלשטיין

אויסגעלאָזט זיין הארץ אויף פּאריסן, הלמאי ער האָט זיך צוגעשלעפּט מיט אזא שוואַך קינד גאַנצע נעכט, ביז זי איז קראַנק געוואָרן.

— ער וועט שוין כאַפּן באַ מיר אַ גאָב, דער דאָקטאָר, וואַרט, זאָל ער נאָר קומען! — האָט דוד פּערעלשטיין זיך געקאָכט.

צום סוף האָבן זיי דערהערט אַ קלאַפּן פון דער אריינגאַנגס־טיר, און דער קוטשער מיקיטאַ איז אריינגעלאָפן אַ פּאַרסאָפּעטער.

— כאַזיאַאין! — האָט ער ארויסגעסאָפּעט.

— וואָס איז, מיקיטאַ, ווו איז דער דאָקטאָר?

— כאַזיאַאין, — האָט מיקיטאַ דערציילט סאָפּענדיק, — אַן אומגליק דעם דאָקטאָר האָט מען געפונען אַ דערשטיקטן. פּאָליציי און זשאַנדאַרן זענען באַ אים אין שטוב.

— וואַ־אָס? — האָט פּערעלשטיין ארויסגעמורמלט און איז געבליבן שטיין אַ צעדולטער.

רבקה איז בלייך געוואָרן און האָט פאַרבראָכן די הענט.

— מיקיטאַ, — האָט זי ארויסגעשטאַמלט, ביסטו נישט שיכור?

— וואָס שיכור, באַלעבאָסטע. מיט די אייגענע אויגן געזעען. ליגט דער דאָקטאָר אַ דערשטיקטער, מיט אַ צונג ארויסגעשטעלט, אַזש איך האָב זיך איבערגעצלמט פאַר שרעק. דערשטיקט אים, רויבער מסתמא!...

— אוי, ווי איז מיר. וואָס איז דאָס? — האָט רבקה געקרעכצט, — דוד, איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס זי איז קראַנק. מסתמא ווייסט זי שוין דערפון. גאָט מייגער, וואָס איז דאָס?

פּערעלשטיין האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— מיקיטאַ, האָסט געהערט, ווען דאָס האָט געטראָפן?

— געהערט, געהערט, כאַזיאַאין. די באַלעבאָסטע זיינע, די פּויערטע, האָט אים אינדערפרי געבראַכט מילך, האָט זי אים געפונען, הייסט עס, שוין אַ דערשטיקטן, אויפן בעט — זאָגט זי.

פּערעלשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— קום, מיקיטאַ, מיר וועלן צופאָרן אַהין.

און ער איז ארויסגעלאָפן מיטן קוטשער.

רבקה האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און געבראָכן די הענט.

— אוי, ווי איז מיר, וואָס פאַר אַ בראָך, וואָס פאַר אַן אומגליק! — האָט זי זיך צעוויינט.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי ווידער אַרײַן צו ליובאַן אין צימער.

ליובאַ איז נאָך געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט, אָבער מיט אָפענע אויגן.

— ווען האָסטו זיך דערוווּסט פון דעם אומגליק, מײַן קינד? — האָט די מאַמע געפרעגט מיט געוויין אין קול.

ליובאַ האָט אַלץ געשוויגן.

— ענטפער מיר, מײַן קינד, איך בין דאָך דײַן מאַמע, ליובאַ!

ליובאַ האָט דאַן אַרויסגעפּליסטערט:

— לאָז מיך. איך קאָן נישט רעדן, מיר איז שווער...

איז רבקה דעמאָלט אָפּגעטרעטן פון איר, זיך געזעצט אויף אַ שטול מיט פאַרבראָכענע הענט, געקוקט אויף ליובאַן און נישט גערעדט מער.

זי איז געזעסן אַזוי העכער אַ שעה און האָט געשוויגן. ערשט, ווען איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ליובאַ איז אַנטשלאָפן געוואָרן, איז זי שטילערהייט אויף די שפּיץ-פינגער אַרויסגעגאַנגען פונעם צימער, אַרײַן אין עסצימער און דאָרט האָט זי ווידער געוויינט.

דערנאָך איז איר מאַן געקומען מיטן דאָקטאָר זעליגסאָן. און דוד פּערעלשטיין האָט אויסגעזען בלייך און צעטראָגן.

— אַ מורא געווען אַ קוק צו טון אויף אים. איך האָב דאָרט גע־טראָפן דעם פּאָליצמייסטער אויך. ער זאָגט, אַז חברה רעוואָלוציאָנערן האָבן אים דערהרגעט.

— חברה?... פאַרוואָס? — האָט רבקה אַ פרעג געטון.

— מען האָט אים חושד געווען. פאַרוואָס? פרעג קשיות בײַ חברה. אוי, וויי, וויי!...

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט פּערעלשטײַנען איבערגעשלאָגן:

— וווּ איז איר צימער? און איר גייט נישט אַרײַן. לאָזט מיך אַליין.

מ'האָט אים אָנגעוויזן איר צימער און ער איז אַרײַן צו ליובאַן.

דוד פּערעלשטיין און רבקה זענען פאַרבליבן אינעם עסצימער.

— זי איז קראַנק דערפון, — האָט פּערעלשטיין אַרויסגעמורמלט, — און אפילו אַ פרעמדער מענטש קאָן אויך קראַנק ווערן, הײַנט פּשיטא די אייגענע כלה. עס פרעגט זיך נאָר. ווען האָט זי אים געזען? סײַדן מען האָט אים דערהרגעט פאַרנאַכט און זי איז געקומען צו אים... פרעגט

ויך ווידער: פארוואָס האָט זי באַלד נישט אויפגעהויבן א געוואַלט? פארוואָס האָט מען זיך דערוווּסט ערשט היינט פרי, ווען די פּויערטע איז געקומען צו אים מיט דער מילך...

— מסתמא האָט ליובאַ זיך אַזוי דערשראָקן, עפּעס אַ קלייניקייט — האָט רבקה געכליפּעט.

— איך רעכן, אַז מסתמא דערפאַר. קיין אַנדערן תירוץ זע איך נישט, — האָט פּערעלשטיין מסכּים געווען מיט איר, און אַ פּאַטש געטון מיט די הענט. — ווײַ, ווײַ, וואָסערע יסורים זי טראָגט נעבעך איבער!...

דאָקטאָר זעליגסאָן איז אַרויסגעקומען פון ליובאַס צימער.

— אַ שטאַרקע נערוון-דערשיטערונג, — האָט ער געזאָגט. — מען דאַרף זי אײַנגאַנצן לאָזן צורו. איך וועל עפּעס פאַרשרײַבן. דער עיקר איז רו.

— האָט זי עפּעס געזאָגט, דאָקטאָר? — האָט רבקה זיך אָנגערופן.

— זי האָט גאָרנישט נישט געזאָגט. די דערשיטערונג איז אָבער פון דעם אומגליק מיט איר חתן. דאָס איז זיכער. זי ווייסט דערפון.

— האָט זי גערעדט דערפון? — האָט פּערעלשטיין געפרעגט.

— ניין, נישט זי, נאָר איך. איך האָב אָבער געזען, אַז זי ווייסט דערפון. עך, גאָט, גאָט, יעדעס הויז האָט זיך זײַן פּעקל, — האָט דאָקטאָר זעליגסאָן מיטאַמאָל אַ זיפץ געטון, — בײַ מיר אין הויז איז אויך אַ חורבן.

— וואָס איז? — האָט פּערעלשטיין אַ קוק געטון.

— אָט איז היינט אָנגעקומען אַ ידיעה פון פּעטערבורג, אַז מאָרגן פירט מען צו דער תּליה מײַן שוואָגער און דעם רבס טאָכטער...

— גאָט מײַנער! — האָט רבקה אַ קרעכץ געטון.

— נו, אַ צײַט! — האָט פּערעלשטיין אַרויסגעמורמלט און צעטראָגן אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויפן בערדל אונטער דער ליפּ.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט אָנגעשריבן אַ רעצעפּט און זיך דאַן אָנגערופן:

— איך מוז זיך אײַלן אַהיים. מײַן ווײַב איז דאָך נישט אין אַ בעסערער לאַגע ווי אייער טאָכטער צוליב איר ברודער, שיקט נאָך דער רעצעפּט, און דער עיקר, לאָזט זי צורו. און עס מאַכט נישט, אַז זי וועט

היינט נישט עסן אויך. אַ גלאָז מילך אפשר, און אויך נישט מיט גוואַלט. מאָרגן וועל איך ווידער זיין אינדערפרי. אַדיע.

און ער איז אַוועק.

שפּעטער האָט מען געבראַכט די רעצעפּט; אָבער ליובאַ האָט זי נישט געוואָלט נעמען, ווי איר טאַטע־מאַמע האָבן זיך בײַ איר נישט געבעטן, און קיין מילך האָט זי אויך נישט געוואָלט טרינקען.

זיי האָבן פון איר נאָר געהערט:

— לאָזט מיך, איך קאָן נישט, איך וויל נישט.

האָבן טאַטע־מאַמע זי שוין צורו געלאָזט, האָבן זיך געהיטן זי אויפצורעגן.

דורך דער נאַכט איז סיי דוד פּערעלשטיין און סיי רבקה עטלעכע מאָל אַריינגעקומען צו ליובאַן אין צימער און יעדעס מאָל האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זי שלאָפט.

אַ זייגער אַכט אינדערפרי זענען זיי אויפגעשטאַנען. אויפן הויף האָט שוין געפּילדערט און געליאַרעמט פון די פאַבריקן און פון די פורן, וואָס זענען אַרונטערגעפאָרן פונם הויף און אַרויסגעפאָרן און פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן דאָרט געקלאַפּט אויפן הויף אונטערן דאַך איבער קאַסטנס.

רבקה איז דאַן אַריינגעגאַנגען צו איר טאָכטער אין צימער, ערשט ליובאַ איז דאָרט נישט געווען.

דאָס פענצטער איז געווען אָפן און אויף זיין געזימס איז געלעגן ליובאַס גרויסע טוך.

„וווּ איז זי?" האָט רבקה זיך פאַרוווּנדערט געפרעגט, און אַ רוף געטון:

— ליובאַ!

איר מאַן איז אַריינגעקומען.

— וווּ איז ליובאַ?

— אפשר איז זי אין דרויסן? — האָט רבקה זיך אָנגערופן, — וווּהין איז זי געגאַנגען קראַנקערהייט?

דוד פּערעלשטיין איז אַרויסגעלאָפן אויפן הויף.

— ליובאַ־אַ! — האָט ער גערופן, ליובאַ!

זי האָט זיך נישט אָפּגערופן.

רבקה איז אַרויסגעקומען.

— אפשר איז זי בײַ דער אַזערע, דוד?

און זי מיט איר מאַן זענען אַוועקגעלאָפן צו דער אָזערע־צו.

אויפן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפן גרישאַן, וועלכער איז שוין געווען געזונט און האָט שוין אויך געהערט, אַז ליובאַס חתן האָט מען דערהרגעט.

— האָסטו נישט געזען דאָ ערגעץ ליובאַן? — האָט פּערעלשטיין בײַ אים אַ פרעג געטון.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — וואָס מאַכט זי?

— זי איז נישט געזונט און אַ קראַנקע איז זי אַרויס. גרישאַ, טו מיר אַ טובה, זע, אויב זי איז נישט דאָרט ערגעץ אַרום הויז. מיר וועלן זי אַ זוך טון דאָ.

— גוט, — האָט גרישאַ געזאָגט.

איצט, ווען איר חתן האָט שוין מער נישט געלעבט, האָט זיך אַ האָפנונג ווידער בײַ אים געגומען וועקן. ער האָט זי נאָך אַלץ ליב געהאַט, אפשר נאָך מער ווי פריער.

טאַטע־מאַמע זענען אַוועקגעלאָפן ווייטער, זענען פאַרבײַגעלאָפן די אַלטע שטאַל, וועלכע האָט אויסגעקוקט ווי אַ חורבה, און וועלכע איז איצט געווען אַ פּלאַץ פאַר דעם אָפּפאַל פון דער פאַבריק. און זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער אָזערע.

ליובאַ איז דאָרט אויך נישט געווען.

זענען זיי דערנאָך אַוועק זי זוכן אינעם וואַלד, הינטער דער אַלטער שטאַל. דאָרט זענען זיי געגאַנגען צווישן די ביימער און בושעס און האָבן זי געזוכט און גערופן: „ליובאַ! ליובאַ!" און אויסער זייערע אייגענע שטימען האָבן זיי געהערט אַ פייגל־סוויסטשערײַ.

אַזוי האָבן זיי זי דאָרט געזוכט העכער אַ האַלבע שעה.

פון דאָרט זענען זיי ווידער אַוועק צו דער אָזערע — ליובאַ איז נישט געווען.

און מיטאַמאָל, ווען זיי זענען געשטאַנען לעבן דער אָזערע, האָבן זיי דערהערט אַ צעטומלט געשריי:

— ראַטוויטע! (ראַטעוועט).

זיי האָבן זיך אומגעקוקט: דאָס געשריי האָט זיך געטראָגן פון דער זייט, וווּ די אַלטע שטאַל איז געשטאַנען.

דוד פּערעלשטיין האָט דערקענט, אַז דאָס האָט געשריגן דער פאַבריק־וועכטער.

— וואָס איז דאָרט? — האָט ער זיך נערווועז אַ כאַפּ געטון.

און גלייך האָבן זיך דערהערט אַנדערע געשרייען און אַ געלויף פון מענטשן.

דוד פּערעלשטיין און רבקה האָבן זיך געלאָזט לויפן אהין, פונוואַנען די געשרייען האָבן זיך געטראָגן. און באַלד האָבן זיי דערזעען, ווי מענטשן, אַרבעטער און אַרבעטערינס, כמעט אַלע פון זיין פאַבריק און פון זיין קאַנטאָר, און אויך דער אַלטער אברהם אייזענבערג צווישן זיי, לויפן אין דער אַלטער שטאַל אַריין.

און ווען פּערעלשטיין און רבקה זענען צוגעלאָפן נענטער, האָבן זיי דערהערט אַ היסטערישן יאָמער פון די אַרבעטערינס, וועלכער האָט זיך געטראָגן פון דעם שטאַל. און פּלוצלינג איז פון דאָרט אַרויסגעלאָפן אַנדרעי, דער פאַבריק־וועכטער, אַ גוי מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד און מיט ווילדע אויגן, און האָט געמאַכט צו פּערעלשטיינען מיט ביידע הענט און געשריגן:

— איך בין אַריינגעגאַנגען אין שטאַל אַריין, ערשט זע איך די פּאַניע!...

באַ רבקהן אונטער די פיס האָט זיך די ערד גענומען וויגן. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַר איר מאַנס אָרעם און באַ פּערעלשטיינען אַליין האָט זיך אַלץ גענומען דרייען פאַר די אויגן.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דעם שטאַל, זענען אַלע מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, נאָר די דיקע האָדל האָט נאָר היסטעריש געכליפּעט. מ'האָט פאַר זיי אָפּגעטרעטן אַ וועג...

זיי האָבן דערזעען אויף דער ערד ליובאַן. זי איז געלעגן מיט ווייט־אויסגעגלאָצטע, פאַרגלאָזערטע אויגן און מיט דער צונג צווישן אירע ליפּן. און לעבן איר איז געשטאַנען גרישאַ אויף די קני און אין זיינע הענט האָט ער געהאַלטן דעם שטריק, וועלכן ער האָט אַראָפּגענומען פון איר האַלז. און ער האָט געקוקט אויף איר, און יעדע ווילע האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן אַן אָפּגעהאַקט פאַרשטיקט געוויין.

סיי פּערעלשטיין און סיי זיין ווייב זענען לכתחילה געבליבן שטיין ווי צוגעוואַקסענע צו דער ערד און אַזוי אויך זענען זייערע בליקן ווי צוגעוואַקסן צום פּנים פון ליובאַן. זיי האָבן זיך נישט אַ ריר געטון, קיין קלאַנג נישט אַרויסגעבראַכט.

און פּלוצלינג האָט רבקה זיך אַ ריס געטון פון איר אָרט מיט אויגן, ווי באַ אַ משוגענער, און זיך אַ וואַרף געטון אויף איר טאָכטער און זי גענומען טרייסלען, שרייענדיק היסטעריש:

— ליובאַ! ליובאַ! ראַטעוועט זי! מינטערט זי!...

און דוד פּערעלשטיין האָט זיך דאַן אויך אַ כאַפּ געטון און גע־קוקט אויף אַלע זייטן, ווי אַ צעדולטער, און געמורמלט:

— יידן, ראַטעוועט, האָט רחמנות... ווו איז אַ דאָקטאָר?...

און האָדל, וועלכע איז געשטאַנען לעבן אים, האָט זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקט געוויין:

— מען האָט שוין אַלצדינג געטון. פאַרפאַלן. אַזאַ יונגינק ביימע־לע, כאָטש אַ גבירס אַ טאָכטער, אָבער אַזאַ ווייטיק! — האָט זי גע־טענהט צו די אַנדערע אַרום איר.

און דערווייל האָט רבקה דאָרט געחלשט, און דער אַלטער אייזענ־בערג מיט גרישאַן האָבן זי געמינטערט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען ליובאַן אַרויסגעטראָגן פון דאָרט. געטראָגן האָבן זי גרישאַ און דער לאַנגער איצע. גרישאַ האָט אונטער־געהאַלטן איר קאָפּ, צונויפגענומען אירע שיינע פעך־שוואַרצע האָר, וואָס זיי זענען צעשאָטן געווען. רבקהן האָבן געפירט אונטער די הענט דוד פּערעלשטיין און דער אַלטער אייזענבערג.

סיי רבקה און סיי איר מאַן האָבן געשוויגן. דוד פּערעלשטיין האָט איצט אויך געהאַלטן זיין האַנט אויפן בערדל, און זי, אין זיין האַנט, האָט איצט אויסגעזען ווי אַ געחלשטע.

די פּאָר הונדערט אַרבעטער און אַרבעטערינס זענען נאָכגעגאַנגען, אַ שטיל געוויין האָט זיך געהערט. דער פרומער אַלטער חיים מיט די קראַנקע אויגן האָט גייענדיק שטילערהייט מיט די ליפּן געמורמלט תהילים...

מען האָט זי אַרונטערגעטראָגן אין שטוב און אַוועקגעלייגט אויפן בעט.

דער גאַנצער עולם איז געבליבן אינדרויסן. אויך דער לאַנגער איצע איז גלייך אַרויס פונם הויז, ווי נאָר ער מיט גרישאַן האָבן ליובאַן אַוועק־געלייגט אויפן בעט.

אין דער שטוב האָט רבקה ווידער אָנגעהויבן צו חלשן און גרישאַ מיט זיין טאַטן האָבן זי געמינטערט.

און דוד פּערעלשטיין איז אין יענער צייט געשטאַנען גאַנץ אַליין בײַ ליובאַן אינעם צימער און ווידער און ווידער האָט ער זי אַ טרייסל געטון פאַר אַן אַקסל און זי שטיל גערופן:

— ליובאַ... ליובאַ...

איר צונג איז אָבער געבליבן פאַרגליווערט צווישן אירע ליפּן און

אירע אויגן פאַרגלעזערט... האָט ער דאַן אַ קוק געטון אויף איר און זיך אויפגעצאַפּלט מיט אַ משוגהדיק געשריי: אוי!...

ער האָט דערפילט, אַז עמעצער האָט אים אַנגענומען פאַר אַן אַקסל און ער האָט דערזעען דאָקטאָר זעליגסאָנען.

— ראַטעוועט! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט זיך צוגעבויגן צו דער טויטער, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ.

— האַ? — האָט אַרויסגעמורמלט דוד פערעלשטיין, וועלכער האָט נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון אים, — הייסט עס, האַ?...

האָט אַ פּאַטש געטון אין די הענט און איז מיט וואַקלעדיקע טריט אַרויסגעגאַנגען פונם צימער.

גרישאַ און זיין טאַטע זענען דערנאָך אַהין אַרייַנגעקומען.

— וואָס זאָגט איר צו אַזאַ אומגליק, דאָקטאָר? — האָט דער אַלטער אייזענבערג זיך אָנגערופן.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט אַ צי געטון די אַקסלען.

— מען האָט געפונען אירס אַ בריוו אויף דר׳ערד, ווו זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן, — האָט דער אַלטער אייזענבערג ווידער זיך אָנגערופן און אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר פון דער קעשענע, — איר זעט? מיט אַ בלייפעדער געשריבן.

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט איבערגעלייענט:

„ליבע מאַמע און ליבער פּאַפּאַשאַ — איר זאָלט מיר מוחל זיין. מיר איז שווער צו לעבן. איך קאָן נישט.

אייער ,טאָכטער — ליובאַ".

דאָקטאָר זעליגסאָן האָט אָפּגעגעבן דעם בריוו צוריק אייזענבערגן און אַ זיפץ געטון.

אַ קיל ווינטעלע האָט זיך אַרייַנגעריסן אין דעם אָפענעם פענצטער און זיך געשפּילט מיט ליובאַס האָר. פונם זוניקן דרויסן האָט זיך געטראָגן דאָס זילבערנע געזאַנג פון פייגל, וועלכעס איז איצט נישט געשטערט געווען פון דעם פאַבריק-טומל.

דער אַלטער אייזענבערג האָט איבערגעדעקט די טויטע מיטן גרויסן טוך, וואָס איז געלעגן אויפן פענצטער.

גרישאַ האָט זיך אינגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט, ווייל אָט דאָס טוך האָט ער פאַראַיאָרן געבראַכט פון אויסלאַנד פאַר ליובאַן...

*

אויף מאָרגן איז געווען ליובאַס לויה. די אַרבעטער און די אַרבעטערינס פון דער פאַבריק האָבן אַלע זי באַגלייט צום בית־עולם. אויך בערציק און קאַליגין און קאַטיאַ און העלענאַ זענען דאָרט צווישן עולם געווען.

און שפּעטער, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען און ווען פּערעלשטיינס קאַרעטע מיט דעם געחלשטער רבקהן און מיטן צעדולטן פּערעלשטיינען איז פון בית־עולם אַוועקגעפאָרן, האָבן ליובאַס הברים זיך צוריקגעקערט און זיי אַלע זאַלבעפערט האָבן זיך געשטעלט אַרום איר פרישן קבר — און העלענאַ האָט זיך צערונטערגעלאָזט פאַר איר מיט אַ פאַרשטיקטן יאָמער — און קאַליגין האָט דערנאָך מיט אַ געבראָכן קול געמאַכט אַ הספּד איבער דער אַזוי טראַגיש־אומגעקומענער חברטע. און זיי אַלע האָבן געשוווירן צו קעמפן ווייטער איר קאַמף, וועלכער איז איר געווען אַזוי הייליק און וועלכער איז אויף אַזאַ מראַדיקן אופן פאַראומרייניקט און איבערגעהאַקט געוואָרן...

ס ו ף

1928 — ברוק לין, ניו־יאָרק.

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON